STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00928

IN GEROYSH FUN MASHINEN

Sz. Horonczyk

Permanent preservation of this book was made possible by
Ruth & Bennett Nathanson
in memory of
Louis Stein

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמעון האָראָנטשיק

אין גערויש פון מאַשינען

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

93

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

די רשימה פון די דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

שמעון האָראָנטשיק

אין געדויש פון מאַשינען

(ראָמאַן)

מיט אַ הקדמה:
יוסף אָקרוטני

*

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס־איירעס, 1953 — תשי״ד

שמעון האראנטשיק

דער מענטש און דער שרייבער

שמעון האָראַנטשיק געהערט צו די פּאָפּולערע נעמען אין דער ייִדי־שער ליטעראַטור. אים איז באַשערט געווען אַריינצושרייבן אַ וויכטיק בלעטל אין דער דאָזיקער ליטעראַטור. אין דער ביאָגראַפיע פון אַ פּשוטן פאָלקסמענטש, ווי ער איז עס געווען וועדליק זיין גאַנצן מהות, איז האָראַנטשיקן אויך באַשערט געווען צו אַקומולירן די קולות וברקים, מיט וועלכע ער האָט זיך באַוויזן אויפן ייִדישן ליטעראַרישן האָריזאָנט און עס איז אים אָנגעחתמעט געוואָרן צו פאַרענדיקן זיין וועג מיטן גרויזאַם־הייליקן טויט פון אַ קדוש, וואָס איז געפאַלן אונטערן פלאַקער־שיין פונעם שייטער וואָס איז אויפגעטראָגן געוואָרן פאַר אונדזער פאָלק באַלד אין באַגין פון ממשלת היטלער אויף פּוילנס ערד.

1.

שמעון האָראַנטשיקס וועג אין לעבן ווי אין דער ליטעראַטור איז געווען אַ נסיונותפולער.

געקומען אין דער ליטעראַטור אויף דער שוועל פון צוויי תקופות — אָנהייב צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט — האָט ער געטראָגן אין זיך דעם אומרו, וואָס איז געווען דער סימן מובהק פון אָט דער צייט: הינטער זיך די צעטרייסלטע יסודות פון דורותדיקן ייִדישן שטייגער אין פּוילישע שטעט און שטעטלעך, פאַר זיך — אַ באַרג פון אומגליק און דער אויפקום פון ווילדגעוויקסן אין ייִדישן לעבן. עס איז געווען האַרט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין ווידעראויפגעשטאַנענעם

פּוילן, וואָס אונטערן סצעפּטער פֿון מאַרשאַל פּילסודסקי, איז די לופֿט געווען דורכגעזאַפּט מיטן געיאָמער פֿון יידן־פּאָגראָם, דורכגעפּירט מיט די פּלייסיקע הענט פֿון יוזעף האַלערס לעגיאָנערן און פֿון די פּוילישע און אוקראַינישע מיליטערישע באַנדעס פֿון טאַראַשעוויטש־טאָקאַזשעווסקי און דער „צענטראַלער ראַדע" א״אַ. איבער די טייכן יידיש בלוט האָבן אין יענעם ערב־טאָג גענומען זיך באַווייזן די ערשטע אויפשפּראָצן פֿון אַן אָרגאַניזירטער נייער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט. אין יידיש־פּוילן זענען אויפגעקומען מוטיקע וואָרטזאָגערס: יצחק גרינבוים דער מאָנער, ביינוש ביכאַלעוויטש דער וואָרענער, נח פּרילוצקי דער באַשאַפֿער פֿון אַ נייער באַוועגונג פֿון יידישע פֿאָלקסמענטשן. אין אָנבליק פֿון די נאָך טריפֿנדיקע ווונדן האָט די יידישע פּובליציסטיק אין וואַרשע, ווילנע, לאָדזש, לעמבערג און ביאַליסטאָק באַקומען וואָג און שווונג. עס איז געווען די צייט ווען אין דער ליטעראַטור און אין דער קונסט האָבן זיך מיט אימפּעט אַריינגעריסן כלערליי שטרעמונגען ווי פֿוטוריזם, קוביזם און אַ היפּער־רעאַליזם. אויך דאָס יידישע ליטעראַרישע וועלטל האָט רעוואָלטירט קעגן די קאַנאָניזירטע פֿאָרמען. די גרופּעס „אַלבאַטראָס", „כאַליאַסטרע" און „רינגען" אין וואַרשע, „יונג־יידיש" אין לאָדזש האָבן זיך מתקנה געווען אין וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקיס אורבאַניזם. אויף די הויכע כוואַליעס פֿון דעם דאָזיקן שטורעם און דראַנג־פּעריאָד האָבן אין דער יידישער ליטעראַטור פֿון פּוילן זיך געטראָגן ווי נאָוואַטאָרן אורי צבי גרינבערג, פּרץ מאַרקיש, משה בראָדערזאָן, אַלטער קאַציזנע, מלך ראַוויטש א״אַ. ווי אַ געזונטע קינסטלערישע פּרוכט פֿון יענעם פּעריאָד איז געווען עוזר וואַרשאַווסקיס „שמוגלאַרס", אַ ווערק וואָס האָט עושה־רושם געווען. מיטן כוח פֿון אַריינדרינגענדיקער קינסטלערישער כירורגיע האָט דער שרייבער מיט זיין ערשטלינג־בוך אַראָפּגעריסן די פּלאַסטערס וואָס האָבן אויבנאויפיק פֿאַרדעקט די אייטערנדיקע מכה, וועלכע האָט, אין פּועל יוצא פֿון די מלחמה־נאָכווייענישן, געדראָעט צו גאַנגרעניזירן דעם גוף פֿון דער פֿאָלקסמאַסע. דאָס געיעג נאָך פֿאַרמעגנס און די צעוואַקלטקייט פֿון איינגעפּונדעוועטן לעבנס־סטיל האָבן אָנגענומען קאַטאַסטראָפֿאַלע פֿאָרמען. עוזר וואַרשאַווסקיס שאַרף־רעאַליסטישע בילדער האָבן געווירקט אויפשוידערנדיק; זיי האָבן איינצייטיק מתרה געווען אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פֿון דער כללישער מאָראַל. כמעט אין דער זעלביקער צייט האָט זיך באַוויזן שמעון האָראָנטשיק. זיין ראָמאַן „פֿאַרפּלאָנטערטע וועגן

אָדער אויף די חורבות פון ייִדישן לעבן״ האָט ווי אַ נאָכקלאַנג פון די „שמוגלאַרס״ שטאַרק געווירקט ווי אַ ליטעראַרישע אָפּשפּיגלונג פון סאָציאַלן בין־השמשות אין דער ייִדישער געמיינשאַפטלעכקייט. עס איז געווען די שילדערונג פון דער צייט, ווען לייטישע ייִדן האָבן געשיקט „אַ בתו״ (אַ טאָכטער) צום דייטשישן לייטענאַנט אַז זי זאָל אויספּועלן ביי אים זכיות פאַרן אייגענעם פאָטער. זי איז געגאַנגען און געפּועלט — מיט איר שיינקייט, מיט איר יוגנט, און דער טאַטע — צי גאָר דער מאַן — האָט עס נישט געהאַלטן פאַר אוממענטשלעך אָדער אומייִדיש. אומרחמנותדיק, שניידיק איז די פּען אין האַראָנטשיקס האַנט. ער דעמאַסקירט, ער קוקט אַריין אין די באַהעלטענישן פון געדאַנק, ווייזט דעם מענטשנס שוואַכקייט און זיין דרך צו הזירייען וואָס ער טוט אָפּ כלומרשט שעמעוודיקערהייט. די דאָזיקע שריפטשטעלערישע דרייסטקייט שטעלט אויס האַראָנטשיקן אויף גרויסע געפאַרן, באַזונדערס אין סאָמע אָנהייב. דערפאַר האָט זיין שרייבעריש מזל געפירט מיט אים אַז פאַר אַ שטיקל צייט זאָל ער ווערן באַוווסט דעם ברייטן לייענער־עולם פון ייִדישן בוך, און דאָס בעיקר אין פוילן ווו ער איז אויפגעגאַנגען מיט זיין אייגענעם כאַראַקטעריסטישן פּרצוף. און זיין נוסח איז געווען דער אויסדרוק פון פאַרביטערטן. אין תוך איז האַראָנטשיקס ווערק אַן אַרונטערדייסנדיקס, כאָטש עס איז נישט אויסגעהוילט פון עכט־ליטעראַרישע עלעמענטן ווי נאַטור־שילדערונג, סוביעקטיוו־לירישע געמעלן און אַפילו אַ דינע עלעגיק. דער קענצייכן פון האַראָנטשיקס שאַפן בלייבט אָבער דאָס דעמאַסקירנדיקע, די שנאה צום ווערעמדיקן און דעם צוויי־פּנימדיקן, וואָס צעפרעסט דאָס געזונטע אין מענטשלעכן זיין. פון דעם קוקווינקל איז האַראָנטשיק אַ שרייבער מיט אַ קעמפערישער מיסיע; ער איז אין דער ליטעראַטור דער עומד פון די באַעוולהטע, נעמט זיך אָן פאַר די געדערכטע, די גענאַרטע. פון אָט־דער פּאָזיציע קען האַראָנטשיק אָפּט מאָל זיך נישט אָפּהאַלטן פון רעזאָנירן, פון אויסטייטשן די שטימונגען און האַנדלונגען פון זיינע פּערסאָנאַזשן. ער שפּרייזט אַריבער די בעלעטריסטישע גבולן און פאַלט אַריין אין הוילער פּובליציסטיק. אָנשטאָט בילד אָדער שילדערונג פון דעם קינסטלער קומט די אויפקלערונג פון מחבר, וועלכער קוקט כסדר אַרויס פון צווישן די בלעטער פון זיין בוך.

„...אַזוי אויך ישראל־נחס אָנגעהעריקייט צום ציוניזם. דאָס איז געווען מער געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו די בעלי־טובה„ די ציוניסטן איידער

דאָס באַנעמען דעם ציוניזם" („אין גערויש פון מאַשינען", ערשטער טייל, קאַפּיטל כ"ד).

די זוימען פון דער דאָזיקער אייגנשאַפט דאַרף מען, נאַטירלעך, זוכן אין ש. האָראָנטשיקס אָפּשטאַם, אין זיין אייגענער ביאָגראַפיע. ער האָט געהאַט אַ שווער לעבן, פול נויט און אינערלעכן געראַנגל מיט זיך און מיט זיין סביבה. געבוירן אין 1889 אין שטעטל וולוין (וויעלון) ביי אָרעמע טאַטע־מאַמע, איז האָראָנטשיקס גורל פון פאָרויס שוין געווען באַשטימט: צו קעמפן פאַרן נעבעכדיקן קיום און צו ראַנגלען זיך פאַר די רעכט אויף לעבן מענטשלעך אין דער אַטמאָספערע פון אָפּגעשטאַנעקייט. יונגערהייט איז האָראָנטשיק אַרויסגעריסן געוואָרן פון זיין היימאָרט, ער איז אָנגעקומען אין דער בייגרענעצדיקער מיטעלער שטאָט קאַליש וווּ ער איז געווען אויסגעשטעלט אויף אייגענעם באַראָט. געלערנט זיך די מלאכה פון שטיקעריי אין דער קאַלישער שפּיצן־אינדוסטריע איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון די סאָציאַליסטישע שטימונגען, וואָס האָבן זיך גענומען שפּרייטן צווישן די אַרבעטער. דעמאָלט האָט האָראָנטשיק צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט מיטן יידישן בוך, מיט דער יונגער אידייע פון עמאַנציפּאַציע צווישן יידן און אין האָראָנטשיקן האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט דער קומענדיקער שרייבער, און געוואָרן איז ער דאָס אין רעזולטאַט פון זיין איינגעבוירענעם „ווידערווילן צו די איבערגעפּרעסענע" ,ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין מאָמענטן פון חשבון־הנפש.

2.

אין דער ליטעראַטור איז האָראָנטשיק אַריין מיט אַ באַגלייט־וואָרט פון דעם גרויסן יידישן נאָוועליסט איטשע־מאיר ווייסנבערג. ווייסנבערג איז דעמאָלט אַרויסגעקומען אויף דער ליטעראַרישער בימה ווי אַ קעמפער פאַרן חותם פון פּוילישן ייִד אין דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס ייִדישע פּוילן האָט גאָר אַ גרויסן חלק אינעם פאַרמעגן פון דער ייִדישער ליטעראַטור — דאַרף דערפאַר, וועדליק ווייסנבערגן, אויך די ספּעציפיק פון ייִדישן לשון, דער קאָלאָריט פון דער אויסשפּראַך בלייבן אַן עכט פּוילישער. און ווייסנבערג האָט דעם דאָזיקן קאָלאָריט גענומען פאַרפּיסקירן אין זיינער אַ ווייסנבערגישער אָרטאָגראַפיע מיט אַ סך „יודן" אָנשטאָט „מלופּנס". אין דער דאָזיקער אָרטאָגראַפיע האָט ער אַרויסגעגעבן זיינע אייגענע ווערק, זיינע זשורנאַלן אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן.

ער האָט צו דעם צוועק געשאַפן אַ ווייסנבערג־פּאַרלאַג און גרופּירט אַרום זיך אַ קרייז אומבאַקאַנטע יונגע שרייבערס. נאָך עוזר וואַרשאַווסקין איז האַראָנטשיק געווען איינער פון די גראָטנסטע צווישן זיי, און זיין ערשט גרויס ווערק, אַרויסגעגעבן פונעם ווייסנבערג־פּאַרלאַג, איז געווען דאָס געשריי מיט וועלכן עס איז געפאַלן אויף דער וועלט די ווייסנבערגישע באַוועגונג אין דער ליטעראַטור. עס איז געווען שמעון האָראָנטשיקס ראָמאַן „פאַרפלאָנטערטע וועגן”. דאָס איז אַ רעאַליסטישע שטעטלשע שילדערונג נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַ סך שאָטן־זייטן זענען אַרויסגעבראַכט אין דעם שוין גאָרנישט אידילישן פּוילישן שטעטל. חורבן מאַטעריעלער און חורבן מאָראַלישער, אָבער האָראָנטשיק אַקצענטירט שטאַרקער דעם מאָראַלישן אָפּגרונט, וואָס האָט זיך געעפנט פאַרן טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן. ווי אַ קינסטלעריש ווערק האָט „פאַרפלאָנטערטע וועגן” געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויף דעם דעמאָלט אומבאַקאַנטן שרייבער: אַ שאַרף באַאָבאַכטנדיק אויג, רעליעף־געצייכנטע געשטאַלטן, חוש פאַר לעבעדיקער שילדערונג און פרישקייט פון קינסטלערישע מיטלען. אַ נייער כוח גייט אויף אין דער יידישער ליטעראַטור! באַנאַנד מיט דער קרעפטיקייט פון עוזר וואַרשאַווסקיס טאַלאַנט האָט מען — און מיט רעכט — געזען אין שמעון האָראָנטשיקן דעם עכטן שילדערער פון דעם נ י י ע ם ש ט ע ט ל. דאָס ערשטע בוך האָט אים געעפנט דעם נייטיקן קרעדיט. אָבער די שרייבערישע משפחה אין וואַרשע, טלאָמאַצקע 13, האָט באַלד געלייגט אַ וועטאָ אויף דעם דאָזיקן קרעדיט. „פאַרפלאָנטערטע וועגן” האָט ביי אַלע ליטעראַרישע מעלות געהאַט אַ חסרון, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם גרימצאָרן פון די ליטעראַטן. עס איז די געשיכטע מיט דעם „באַרימטן” דרייצנטן קאַפּיטל פון האָראָנטשיקס ווערק. דאָס קאַפּיטל איז נעמלעך אַן אומצווייַדייטיקער פּאַשקוויל קעגן אַ ריי שרייבערס. אַ סך וואַרשעווער פּען־מענטשן האָבן זיך דערקענט אין דעם קאַפּיטל, זייערע פאַמיליע־נעמען זענען לייכט דעשיפרירט געוואָרן און זייערע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן זענען געווען אויסגעשפּעט. דער פּאַשקוויל האָט אַרויסגערופן אַ מהומה אין שרייבערישן וועלטל און ער האָט געצויגן אויף האָראָנטשיקן אַ פּערזענלעכע שנאה. האָראָנטשיק האָט דעמאָלט נאָך געוווינט אין סאָמפּאָלנע, ווו ער האָט חתונה געהאַט מיטן דאָרטיקן שוחטס טאָכטער, נחמהלע. די ענינים, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט זיין בוך האָט געפירט ווייסנבערג, אָבער די צרות האָט געהאַט

האַראָנטשיק. דער יונגער שרייבער האָט שטאַרק געליטן פון דער וואַק־כאַנאַליע וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אַרום זיין בוך. ער האָט געשריבן צו זיין אַרויסגעבער, און וויסנבערג האָט אים געטרייסט און ער האָט ביטער געשאָלטן די פירערס פון ליטעראַרישן גזינדל אין וואַרשע. האַראָנטשיקס ווערק איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַ שטילן, פאַרביסענעם חרם פון אַלע שרייבנדיקע. מיט קיין איין וואָרט איז דאָס טאַלאַנטפול אָנגעשריבענע בוך נישט דערמאָנט גע־וואָרן אין משך פון לאַנגע חדשים. אַ באַיקאָט אויף אַלע פראָנטן. האַראָנ־טשיק האָט דעמאָלט נאָך געהאַלטן אין סאַמפּאַלנע אַ בשמים־קראָם, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן אין נדן. אַ באַאומרויקטער פלעגט ער אַרויס־פאָרן קיין וואַרשע צו זיין ליטעראַרישן פּאַטראָן, פלעגט קרעכצן אויף דעם דורכפאַל, אָבער קיין עצה האָט ער נישט געפונען. די נקמה קעגן דעם מחבר פון „פאַרפלאָנטערטע וועגן" האָט געברענט. אין די הינטער־קוליסן האָט מען גערעדט אַז האַראָנטשיק איז אומשולדיק, וואָס שייך דעם פּאַשקוויל אינעם ראָמאַן; אויב האַראָנטשיק וועט עפנטלעך זיך אָפּגרענעצן פון דעם קאַפּיטל, וועט די מערכה פון זיין בוך אָננעמען אַן אַנדערע ווענדונג. פאַרשטענדלעך, אַז האַראָנטשיק האָט נישט געקענט אַרויסקומען מיט קיין שום עפנטלעכע דערקלערונגען אָדער מיט אַן אל־חטא. און זיין איבערלעבונג איז געווען אַ שווערע. זי איז אָפּט געקומען צום אויסדרוק אין אינטימע שמועסן מיטן שרייבער פון די שורות, וועלכער האָט פאַר־בראַכט מיט האַראָנטשיקן אַ געוויסע צייט און צוזאַמען מיט אים איבער־לעבן אַ פערזענלעך אומגליק. דעם זאַג, וואָס מ'האָט אָנצייליקע מאָל אי־בערגעחזרט, באשר דאָס דריצנטע קאַפּיטל איז געווען וויסנבערגס, האָט שמעון האַראָנטשיק קיין מאָל נישט געוואָלט באַ־שטעטיקן, אַפילו אין פנים אל פנימדיקע געשפּרעכן. דער ענין איז גע־בליבן האַראָנטשיקס און וויסנבערגס סוד, הגם ליטעראַרישע ספּעצן האָבן על פּי דעם סטיל דווקא אויסגעפונען אַז דאָס קאַפּיטל איז וויסנבערגס. און עס איז פאַרשטענדלעך, מחמת האַראָנטשיק האָט ביז יענער צייט נאָך נישט געהאַט קיין מגע־ומשא מיט די וואַרשעווער שרייבערס און עס איז נישט געווען קיין סיבה פאַר פיינטשאַפט צו וועמען־עס־איז. אָבער דער פאַקט בלייבט: די קאָנסעקווענצן פון אָט־דעם פּאַשקוויל האָט געמוזט אויסטראָגן נאָר האַראָנטשיק און זיין ערשט פּראָזע־ווערק.

עס האָט געדויערט אַ לפי ערך לאַנגע צייט ביז עס איז צעשטערט

געוואָרן דער באַיקאָט אויף שמעון האָראָנטשיקן. איך שטרייך אונטער: צ ע ש ט ע ר ט, מחמת עס האָט לאַנג גענומען ביז דער חרם איז פון אים אַראָפּגענומען געוואָרן און די ליטעראַטור האָט אים אַריינגענומען ווי אַ בן־בית. אָבער עס זאָגט זיך נאָר אַזוי. עס איז אָנגעגאַנגען אַ פּאַר־ביסענער קאַמף ביז דער באַיקאָט איז צונישט געוואָרן. אַן איינציקער אַר־טיקל וועגן האָראָנטשיקן: „דער גורל פון אַ יידיש בוך״, פּאַרעפנטלעכט אין אַ וואַרשעווער וואָכנבלאַט אונטער דער רעדאַקציע פון דוב־בער מאַלקין, איז געווען אַ דורכברוך אין דעם ליטעראַרישן סקאַנדאַל. מיט דער צייט איז די פאַרשווערונג קעגן האָראָנטשיקן מערער אָפּגעשוואַכט געוואָרן און דער שרייבער האָט געקראָגן די פאַרדינטע אָנערקענונג. אָנגעזעענע וואַרשע־ווער יידישע טאָגצייטונגען האָבן געעפנט די שפּאַלטן פאַר האָראָנטשיקס קרעפטיקע דערציילונגען. „דער מאָמענט״ האָט געדרוקט אין טעגלעכע המשכים ש. האָראָנטשיקס אַ ראָמאַן, די „פאָלקסצייטונג״ האָט במשך פון יאָרן פאַרעפנטלעכט די מערסטע פון האָראָנטשיקס גערעסטע נאָוועלן. דער גרויסער וואַרשעווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע״ האָט איינס נאָך דעם אַנדערן אַרויסגעלאָזן האָראָנטשיקס ראָמאַנען און נאָוועלן־זאַמלונגען, און זיי האָבן באַקומען אַ הויכע אָפּשאַצונג מצד דער ליטעראַרישער קריטיק.

אָבער גאָרנישט אַזוי גלאַט איז עס אָוועק ביז האָראָנטשיק האָט דערגרייכט אָט־די פּאָזיציע. דער ווידערווילן צום „מחבר״ פון דעם פּאַש־קוויל האָט נאָך אַלץ געטליעט צווישן די ליטעראַרישע וואָרטפירערס אין וואַרשע. מ׳האָט נישט אויפגעהערט צו זוכן פּאָרטלען זיך נוקם צו זיין אין אים. און אַזאַ געלעגנהייט איז געקומען. דערשינען אַ ניי בוך האָראָנטשיקס, האָט מען געזוכט בכיוון עס אַרונטערצורייסן. די בייזוויליקייט האָט האָ־ראָנטשיקן געקאָסט אַ סך געזונט. געווען איז עס אַ פּניותדיקע רעצענזיע אין די „ליטעראַרישע בלעטער״. האָראָנטשיק האָט דעם נייעם אָנגריף שוין נישט אויסגעהאַלטן. ער איז אַוועק אין רעדאַקציע „ליטעראַרישע בלע־טער״, אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ און אויפן אָרט אויסגעטרונקען סם. מ׳האָט אים צום גליק אָפּגעראַטעוועט, דער רושם אין דער יידישער וועלט איז אָבער געבליבן גאָר אַ שטאַרקער.

משמעות אין רעאַקציע קעגן דער באַציונג פון די וואַרשעווער שריי־בערס צו האָראָנטשיקן איז שלום אַש דעמאָלט אַרויסגעטרעטן מיט אַן עפנטלעכן לויב־בריוו צום שריפטשטעלער שמעון האָראָנטשיק. אפּנים — דאָס האָט געהאַט אַ פּעולה. די ליטעראַרישע דעה־זאָגערס האָבן איינ־

געזעען אַז זייער קאַמף איז אַ פאַרשפּילטער און האָראָנטשיקן איז אַוועק אַזוי צו זאָגן גאַנץ נישקשה. זיין נאָמען האָט זיך אַנגעהויבן באַווייזן אין די וויכטיקסטע צייטונגען און זיינע נייע ביכער זענען אויפגענומען געוואָרן ווי ערנסטע דערגרייכונגען. נאָך דער ריי זענען דערשינען זיינע ראָמאַנען „זומפּ", „דאָס הויז אויפן באַרג", „אין געדויש פון מאַשינען", „1905", די נאָוועלן־זאַמלונג „שטאַרקע מענטשן", „דאָרט ווי זשיראַנד פאַלט אַריין אין ים אַריין", „דאָס מיידל פון מיינע חלומות" א"אַ. שמעון האָראָנטשיק דער שריפטשטעלער האָט געהאַט דערפאָלג, אָבער זיין פּערזענלעכער גורל און זיין מאַטעריעלער מעמד האָבן אומפּריילעך אים צוגעשפּילט. אים איז באַשערט געווען די מאַטערנישן פונעם רוב שאַפערישע מענטשן.

3.

אויפגעגעבן דאָס לעבן פון אַ קרעמער איז האָראָנטשיק אַריבערגעפאָרן אין דער ווייסל־שטאָט וולאָצלאַוועק. עס איז געווען דער פּלאַן פון נחמהלע האָראָנטשיק, זיין פרוי. אין וולאָצלאַוועק האָט זי אַ פאַרמעגלעכן ברודער, וועט זי ווי־עס־איז זוכן ביי אים אַן אָנשפּאַר פאַר דער באַשיידענער פּרנסה, וואָס זיי איז נייטיק. דער רייכער שוואָגער האָט אָבער גערעכנט אין האָראָנטשיקן צו האָבן אַ געטרייען היטער פון זיינע געשעפטן. עס איז געווען אַ גרויסער לאַגער פון שפּייז־אַרטיקלען, וועלכע זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבער אַ סך שטעט פון קויאַוו. דאָ איז געקומען די ערשטע אַנטוישונג מצד האָראָנטשיקן וואָס שייך זיין רצון אין גאַנצן זיך אָפּצוגעבן דער ליטעראַטור און עס איז געקומען די אַנטוישונג פון דעם גרויסן סוחר בנוגע דעם שוואָגער „וועלכער וויל נישט ווערן קיין לייט".

אַ קרענקלעך סענסיטיווער האָט האָראָנטשיק שטאַרק איבערגעלעבט דעם ברוגז וואָס דעם ווייבס קרובים האָבן אַרויסגעוויזן צו אים. אין סאַמפּאָלנע איז אים געווען דערווידער דאָס מסחרן, דאָס בלאָזן די עופות אין הינטן אַריין, ווי ער פלעגט זאָגן און דאָ וויל מען אים בגוואַלד אַריינציִען אין זומפּ, פון וועלכן ער איז נאָר וואָס אַנטלאָפן. זומפּ — אַזוי האָט האָראָנטשיק באַנומען די ראַלע פון הענדלער; מ'דאַרף מאַכן פּרנסה פון נאַרן יענעמען, האָט ער געטייטשט. אַרבעט איז זיין ליבע. פון די יונגסטע יאָרן איז ער געווינט צו פאַרדינען זיין ברויט פון ערלעכער פּראַצע. צו קרעמעריי האָט אים געשטויסן זיין ביטערער מצב און גענומען האָט ער

זיך פֿאַר קרעמערייִ אין אויסזיכט צו קענען עס פּטור ווערן. אָט אַן אומגליק, — געוואָרפֿן עס און ערשט קומט מען אים אויף דאָס נײַ אַרײַנשלעפּן אין דעם! אַ היפּשע צײַט איז אָנגעגאַנגען אַ מחלוקת אין דער משפּחה ביז וואַנען זיי האָבן אויף אַן אמת זיך צעקריגט. נחמהלע, דאָס ווײַב, איז האָראָנטשיקן געווען אַן אומגעווײנטלעך טרײַע לעבנס־חברטע. זי האָט אַלץ געטון כדי האָראָנטשיקן צו פֿאַרגרינגערן; אויף זיך האָט זי גענומען דעם עול פֿאַר דער פּרנסה און דעם מאַן נישט געלאָזן זיך מישן אין עניני־חול.

אין דער הינטערשטאָטישער געגנט „ש פּ ע ט אַ ל", וואָס איז כולו באַרג און וואַלד, האָבן זיי אין אַ רויטציגלדיקער אײנשטאָקיקער הײזקע פֿאַרנומען אַ צווײ־צימערדיק דירהלע מיט אַן אַרויסבליק צום וואַלד, בעת אין רוקן האָט זיך געשפּרייט די ווונדערלעכע ווייסל. אין דעם גאָרנדיקן דירהלע האָט האָראָנטשיק זיך צוגעפּעסטיקט צו דער שטול און אָנגעשריבן ס׳רוב פֿון זײַנע ביכער, וועלכע האָבן אים געגעבן פּרסום אין דער ליטעראַרישער וועלט. ז י ך צ ו ג ע פּ ע ס ט י ק ט, זאָג איך, ווײַל פֿון האָראָנטשיקן האָט געפּראַלט מיט לעבן. ער האָט זיך געמוזט צווינגען צו זיצן בײַם שרײַבטיש, אַנישט האָבן אים געצויגן אין שטאָט אַרײַן טויזנטער זאַכן. ער האָט ליב געהאַט דיסקוטירן, ליב געהאַט גוזעלשאַפֿט און בכלל האָט אַ טיפֿער אומרו אים שטענדיק געפּייניקט. אויפֿגעשטאַנען אַכט אַ זייגער אינדערפֿרי און נײַן אָוונט שוין געלעגן אין בעט. פֿון דעם פֿולן אַרבעט־טאָג האָט ער אויסגעטײלט נאָר צײַט אויף אָפּעסן. צווײ מאָל אין דער וואָך באַשטימט זיך אַ פּאָר שעה אויף שפּאַצירן, גײן זען זיך מיט מענטשן. אָפּגעריסן זיך פֿון דער שטאָט, צו וועלכער מ׳האָט באַדאַרפֿט דורכגיין אַ משופּעדיקן, הויכן שטח וואַלד און אַ קילאָמעטער לאַנגע בריק איבער דער ווייסל, האָט ש. האָראָנטשיק זיך אַרײַנגעלעבט אין דער וועלט פֿון די פּערסאָנאַזשן, צווישן וועלכע ער האָט געלעבט פֿרײַער און אויך די מיט וועלכע ער פֿאַרקערט היינט. אַלײן איפּעריק צום לעבן, האָט ער מיטן גאַנצן כּוח פֿון זײַן זכרון און פֿאַנטאַזיע זיך באַהאָפֿטן מיט די מענטשן פֿון זײַן נעכטן ווי פֿון זײַן הײַנט און זיי האָט ער איבערגעענטפֿערט די זאַפֿטן פֿון זײַן פֿילעוודיק האַרץ. און צוגעבן דאַרף מען אַז האָראָנטשיק איז געווען שטאַרק פֿילעוודיק, פּשוט אין זײַן לעבנס־חכמה און דורכגעדרונגען מיט אַן אײַנגעבוירענעם חוש פֿאַר יושר. פֿון אים האָט גערעדט און געווירקט די אָרנטלעכקייט פֿון אַ פֿאָלקסמענטש וואָס איז געבענטשט מיט דער קללה פֿון אַ טאַלאַנטפֿולן זעער און הערער. און האָראָנטשיק האָט

אַזוי פּיל געזעען און געהערט, אַזש ער האָט געמוזט ווייטיקן איבער דעם. דערפאַר האָט ער דעם רייכן שוואָגער מיט זיין סביבה פיינט געהאַט פאַר זייער ערמה. אין גאָלדפעלדן, דעם פּראָטאָטיפּ פון שוואָגער („זומפּ") האָט ער געזעען דעם אויפגעקומענעם גביר, וועמען עס גייט נישט אָן ס׳געוועזענע און דאָס וואָס דאַרף קומען. אַבי חיי־שעה. עס איז די נייע ראַסע, וועדליק דוד איינהאָרנס באַצייכענונג פאַר די נבזהדיקע, וואָס זענען אויפגעקומען אין יידישן לעבן נאָכן מלחמה־שטורעם. אין די פּערזענלעכע שטריכן פון די דאָזיקע, אין זייער הנהגה האָט האָראָנטשיק געפונען דאָס מיאוסע און זיין ווידערווילן פאַר דעם אַלעם אויסגעדריקט מיט די קינסטלערישע מיטלען פון זיין ווערק. „זומפּ" איז דער כאַראַקטעריסטישער טיטל פון שמעון האָראָנטשיקס גרויסן ראָמאַן, וואָס פאַרפיקסירט זיין האַס־געפיל צום שיכט פון די איבערגעפרעסענע און טעמפּע. די פּראָטאָטיפּן האָט האָראָנטשיק גענומען פון זיין נאָענטן אַרום. זיין שוואָגער, דער רייכער קאָלאָניאַל־סוחר מיטן ווייב, די הויפּט־מאָדעלן פאַר די געשטאַלטן פון „זומפּ" האָבן געברענט פון שנאה צום מחבר. ער האָט אויפגעדעקט זייערע עסקימלעך, זייער קליינלעכע אַמביציעס און גלוסטן. אַזוי־אָ האָט ער זיי אַרויסגעפירט בפני כל עם ועדה. עס האָט געקאָכט אַרום האָראָנטשיקן. די העלדן האָבן זיך דערקענט אינעם זומפּ. נחמהלע האָראָנטשיק האָט געמוזט נעמען אויף זיך אַלע קלעפּ פאַר האָראָנטשיקס שרייבערישער ליידנשאַפט. עס איז אויסגעגאַנגען צו זייער טעגלעך ברויט. דער ברודער האָט פון זיין הויז דערווייטערט די לייבלעכע שוועסטער, וועלכע האָט ביי זיין געשעפט געהאַט אַ שטיקל אחיזה. אין האָראָנשיקס היים אויפן באַרג האָט אַריינגעקוקט די נויט, ער האָט זיך אָבער נישט איינגעבראָכן. ער איז אָנגעגאַנגען מיט זיין שאַפערישער אַרבעט, פאַרפאַסט זיינע ווייטערדיקע ביכער. פאַרקוקט אויף די לעבעדיקע מענטשן פון זיין שכנישאַפט האָט ער אָנגעשריבן דעם ראָמאַן „דאָס הויז אויפן באַרג". די געשטאַלטן פון דעם בוך האָבן זיך דערקענט ווי אין אַ טרייען שפּיגל, דערזען ערשט די לעכערלעכקייט פון זייערע האַנדלונגען. די איינציקע מערכה האָראָנטשיקס איז געווען וואָס די נעמען פון די געשילדערטע מענטשן זענען נישט געווען אויטענטיש.

אַזוי אויך אין אַלע אַנדערע ווערק האָראָנטשיקס. מענטשן פון זיין נעכטן, געשטאַלטן פון זיין היינט זענען איבערגעפלאַנצט געוואָרן אויף די בלעטער פון זיין בוך. אַלע זיינע ווערק דאַרפן מיר באַטראַכטן פאַר דעם

בוך פון זיין לעבן, פראַגמענטן, עטאַפּן. דאָס שווערע לעבן האָראָנטשיקס האָט אין אים אויפגעוועקט דעם שרייבער און ער האָט דאָס לעבן אַ צאַפּלדיקס אַריינגעבראַכט צווישן די טאָוולען פון זיינע ביכער. בלי גוזמא: פון זיין קורצער לעבנס־צייט איז האָראָנטשיק געווען דער כראָניקער און פון דער פריזמע דאַרף מען באַטראַכטן זיין שאַפן, וואָס איז אָנגע־קליידט אין אַ בעלעטריסטישן לבוש.

4.

קיין פולע ביאָגראַפיע פון שמעון האָראָנטשיקן איז נישט געבליבן. די וואָס האָבן אים געקענט פּערזענלעך געדענקען אים אַ פּשוטן, אַן אָר־בעטפעיִקן, אַ מענטש וואָס אָן האָרעוואַניע קען ער נישט לעבן. און קומט די צייט ווען ער גיט זיך אָפּ אין גאַנצן דער ליטעראַטור, בלייבט ער דער זעלביקער האָרעפּאַשניק. יאָ, אַ האָרעפּאַשניק אין דער ליטעראַטור איז געווען האָראָנטשיק. אַרבעט ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון זיין פיזישן קיום, פון זיין גייסטיקן פילן — אַזוי אויך אַרבעט ביי זיין שרייבטיש. אַ פולער טאָג פול מיט אַרבעט. נישט ער קען שלייפן זיין ווערק, נישט אים ציט צו אויסגעזוכטע פאָרמען; גענוג אים די אַרבעט און די טרייקייט צו דער אידייע פון דער פאַרטראַכטער זאַך.

דערציילן די אמתן וועלכע ער האָט דערקענט, שילדערן די שטרויכלונ־גען וואָס באַגלייטן דעם מענטש און זיינע טאוונגען — אָט וואָס עס זענען די עיקרים פון שמעון האָראָנטשיקן דעם שרייבער־רעאַליסט. דעם דאָ־זיקן דרך בלייבט ער טריי אין אַלע זיינע ביכער. האָראָנטשיק איז נישט קיין שיינגייסט, ער איז נישט קיין מפונק אויפן זאַצבוי, ער טוט זיך נישט אָן קיין כוח צו ווייזן מייסטערשאַפט אין זיין דערציילן; ער איז ערלעך דער פאַבולע און ער איז נישט אויסן צו לייזן קיין פילאָסאָפישע פּראָב־לעמען. עס איז ביי אים אַפילו נישטאָ קיין פּרעטענזיע אויף פּסיכאָלאָגי־שער פאַרטיפונג; ער נעמט זיך נישט צו קאָמפּליצירטע כאַראַקטערן. פּשטותדיק, אַן פליטערלעך, אָפּט מאָל ראָמאַנטיש באַהויכט איז זיין דער־ציילונג, ווי ראָמאַנטיש עס ווערט דער מענטש ווען ער דערזעט אין דער פּערספּעקטיוו די שיינקייט פון געוועזענעם, דערשאַצט אַן אומגעוויינטלעכע נאַטור־דערשיינונג אָדער ער דערפילט די ווירקונג פון אַן אויסטערליש רירנדיקער מעלאָדיע וואָס האָט זיך אַריינגעגנבעט אין זיין האַרץ. צומאָל איז ער סענטימענטאַל. שמעון האָראָנטשיק דער שרייבער פאַרקערפּערט

איינעם פונעם פאָלק, וואָס דערפילט דאָס פיינסטע און ער דערזעט אַ מאָל דאָס שיינע, און ער קען זיך באַגייסטערן מיט דעם. אַגב: אויף האָראָנ־טשיקס גורל איז אויסגעפאַלן אַז ער גופא זאָל אַ סך זען, אַ סך איבער־לעבן און אים איז געגעבן געוואָרן דאָס אונדז איבערצוענטפערן אין פּשוט מענטשלעכע דערציילונגען. די וועגן פון מענטשנס גורל איז די הויפּט־טרייבקראַפט פון האָראָנטשיקס שילדערונגען, אויך דער סאַרקאַזם וואָס דרינגט אַרויס פון זיין באַלייכטונג. דער תוך, די קינסטלערישע טענדענץ מאַניפעסטירט זיך שטענדיק אין האָראָנטשיקס אייגענעם נוסח.

בכלל הייבט זיך האָראָנטשיק אַרויס פון זיינע ביכער. אין זיין אייגנ־אַרטיקייט, אין זיין סטיל און אין דער טיילווייזער אינטימקייט פון דער צייכענונג פון געוויסע געשטאַלטן געפינט איר שטריכן פון האָראָנטשיקס פּערזענלעכן כאַראַקטער. אַ שטריך דאָ, אַ שטריך דאָרט און איר האָט האָראָנטשיקס פּאָרטרעט. און ווילט איר קענען די געשיכטע פון ש. האָ־ראָנטשיקס יונגע יאָרן, פון זיין היים, געפינט איר עס אין זיין ווערק „אין געריוש פון מאַשינען״. בנימין איז דאָס כמו־אויטאָפּאָרטרעט פון שמעון האָראָנטשיקן פון דער צייט, ווען ער איז אַרויס פון זיין געבוירן־שטעטל וולוין און איז אָנגעקומען אין דער קאַלישער שפּיצן־אינדוסטריע ווי אַ לערן־ייִנגל. דעם יונגענקן בנימינס אומבאַהאָלפענע גייסטיקע בלאָנ־דזשעניש, זיין אָנשליסן זיך אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז דער וועג פון דעם יונגן שמעון האָראָנטשיק איידער ער איז אָנגעקומען קיין סאָמ־פּאָלנע, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן אויסגעשטאַלטיקן זיין פּסיכישער ווי־דערווילן צום איבערגעזעטיקטן באַלעבעסלדיקן שטייגער. דעם ווייטער־דיקן עטאַפּ פון האָראָנטשיקן, דעם אייגנטלעכן הויפּט־העלד פונעם רוב פון זיינע ווערק, געפינט איר אין „זומפּ״, הגם „זומפּ״ איז אָנגעשריבן געוואָרן פריִער פון זיין דירעקט אויטאָביאָגראַפיש בוך „אין געריוש פון מאַשינען״.

5.

מער ווי ביי אַנדערע יידישע שרייבערס איז ביי שמעון האָראָנטשיקן צו געפינען שטיקער פון זיין ביאָגראַפיע טאַקע אויף די בלעטער פון זיינע אייגענע שריפטן. צום אומגליק איז זיין ווערק נישט דערשריבן געוואָרן, ממילא איז געבליבן פאַרהוילן אַ סך פון האָראָנטשיקס ביאָ־גראַפיע.

פאַרשטענדלעך: קיינער איז נישט ביכולת צו דערגאַנצן האָראָנטשיקס לעבנסגעשיכטע, וועלכע איז אַפילו לעקסיקאָנאָגראַפיש קאַרגלעך אָנגעוואָרפן. שוין אין דעם איז פאַראַן אַ סך טראַגיש: אַזוי פּריצייטיק איבערגעריסן געוואָרן אַ לעבן וואָס איז געווען אין פולן אימפּעט פון שאַפערישן גאַנג באַרג־אַרויף. מיר וועלן נאָר פּרווון צוזוואַרפן איינצלנע שטריכן צו האָראָנטשיקס פּאָרטרעט, האָראָנטשיק דער מענטש און דער שרייבער.

פריהאַרבסט 1925. די נאַטור־לאַנדשאַפט אַרום דער ווייסל לעשט זיך אין וועלקנדיקע פאַרבן. אין די נעכט רוישט דער וואַלד אַרום דעם ציגלמויערל אויפן העכסטן שפּיץ פון באַרג, די באַגינענס ברענגען די ערשטע טוי־פרעסטלעך, אָבער די טעג שטייען נאָך אין ברייטער זון, זיי וועבן זיך איין אין דער אַרומיקער נאָגנדיקער פאַרטראַכטקייט. אין ביי־שטוביקן קעמערל ביי האָראָנטשיקן טונקלען אין שטרוי קוישן״מיט קליינע פעלדבאַרעלעך לעזשלקעס און אין זיין קאַסטן אונטערן בעט ווערן אַריינגעלייגט די לעצטע קאַפּיטלען פון זיין ראָמאַן „זומפּ״. ווי שטענדיק אַרבעט האָראָנטשיק מיט התמדה און ער עסט מיט אַפּעטיט. געענדיקט איינעם פון די קאַפּיטלען, אין דיקן העפט פונעם מאַנוסקריפּט אַריינגעקלעפּט אַ פּאָר געענדערטע שורות, גיט ער אַ זאָג:

— איר וועט הערן אַ שטיקל פון מיין כתב־יד?

— אדרבה, מיטן שענסטן פאַרגעניגן.

— גיט! — האָט ער אַ צענעם געטון די ליפּן אין זיין וואַרעמען פּויליש יידיש.

נעמט האָראָנטשיק לייענען, איז אַ סימן ער איז באַזונדערס צופרידן פון דעם אָנגעשריבענעם פראַגמענט. און הערן דאַרפט איר מיטן גאַנצן אויפמערק, אלא נישט ווערט ער ברוגז, רייסט באַלד איבער. תיכּף דערפילט ער אַז איר פאַרלירט דעם אינטערעס. און לייענען לייענט ער נישט כדי צו הערן אַ מיינונג, זעען דעם רושם ביי אייך; דאָס וויל ער הערן זיך אַליין, מיט אַלע זיינע אויסגעשאַרפטע חושים נאָכשפּירן צי עס קלינגט אמתדיק דאָס וואָס ער האָט געמיינט ביים שרייבן.

האָראָנטשיק איז געווען שטאַרק אייפעריק אויף יעדן וואָרט וואָס איז אַרויס פון זיין פּען. דער תוך, דער מיין און דאָס געפיל איז ביי אים געווען דער עיקר און נישט די פאָרעם און דער אופן פון אויפשרייבן דאָס געמיינטע. דערפאַר אַ נאַכלעסיקייט אין זיינע דערציילונגען, כ׳וואָלט זאָגן איבעריקע שפּראַכלעכע אָנוווקסן אין זיין סטיל. דאָס דערקלערט זיך אַגב

מיט זיין אימפּעטיקן געפיל וואָס גיסט אָן זיינע שורות. אַ האַנט פון אַ געניטן רעדאַקטאָר וואָלט געבראַכט מער וואָג און לויטערקייט פאַר זיינע ווערק, אַ זאַך וואָס איז נישט געווען שכיח ביי האָראָנטשיקס אימפּולסיוון כאַראַקטער און ביי די באַדינגונגען וואָס האָבן באַגלייט דאָס דערשיינען פון זיינע ביכער. און האָראָנטשיק איז געווען שטאַרק פּראָדוקטיוו. פול איז געווען דער שווערער הילצערנער קאַסטן מיט שטויסן מאַנוסקריפּטן; אַלע אין דיקע העפטן מיט גרויסער, נערוועזער שריפט. יאָרן פאַרהוילענע שריפטשטעלערישע מי זענען געלעגן אין דעם קאַסטן וואָס האָט געהאַט זיין אָרט אונטערן בעט ווו האָראָנטשיק איז געשלאָפן. לידער, דערציילונגען, ראָמאַנען און דראַמעס האָט ער אָנגעשריבן. אין קלאַמערן באַמערקט, איז זיין סאַמע ערשטע ביכעלע געווען אַ זאַמלונג לידער „פעלדבלימלעך“ (ווייסנבערג־פאַרלאַג, 1921). זעלטן ער האָט גערעדט וועגן די אַלע כתבים. אפנים, ער האָט געפילט אַז זיי זענען נישט קיין רייפע שאַפונגען. מער האָט ער געגלייבט אין די זאַכן וועלכע זענען אָקערשט אויפגעקומען ביי אים. „ס'זיסע האָב איך פיינט“, איז זיינער אַ זאָג. מיט דעם האָט ער געמיינט דאָס סענטימענטאַלע, אויף וועלכן עס איז געלעגן דעם חותם פון ליטעראַרישער אומדערפאַרנקייט. אַ מאָל פלעגט ער זיך אַרויסכאַפן:

— איר זעט, פון דעם (און אָנגעוויזן אויפן קאַסטן וואָס ער האָט גראָד אָפּערגערוקט) וועט נאָך עפּעס אַרויסקומען.

שטילערהייט האָט ער געאַרבעט איבער געוויסע כתבים, געטראַכט אַרויסצוקומען מיט זיי. לירישע לידער וואָס שטאַמען פון זיינע ערשטע שרייבערישע פּרוּוון האָט ער — באַאַרבעטע — פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט (אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן) אין „לאָדזשער טאַגעבלאַט“.

און האָט האָראָנטשיק איבערגעלייענט פאַר עמעצן זיינע אַ זאַך, האָט ער זיך דערשפּירט אויסגעשעפּט. ער האָט נישט געקענט בלייבן מער אויג אויף אויג מיט די מענטשן וועלכע ער האָט נאָר וואָס אַרויסגעפירט; דעמאָלט האָט עס אים אַרויסגעצויגן אויף שפּאַציר. אים האָט געלאָקט דער וואַלד, הגם ער האָט אים אייַנצייטיק געשראָקן. דער שפּאַציר איז אָבער געווען האָראָנטשיקס איינציקער אָפּרו. דאָס העמד צעקנעפּלט ביים האַלדז, די געקרייזלטע שוואַרצע טשופּרינע האָט זיך געשפּילט אויפן שטערן און די אויגן האָבן געבלאָנדזשעט אינעם אַרום. אַרויס אויף שפּאַציר אין באַגלייטונג פון עמעצן, האָט האָראָנטשיק געשפּרייזט זיכערער,

מיט אַן אימפּעט, כאָטש ער האָט אין ערגעץ נישט געצילט. פּאַרטראַכטערהייט געשפּאַנט און דיך מיטגעצויגן. און אַ טבע האָט ער געהאַט מיט דער רעכטער האַנט צו פירן אַ שטעקן, אָנצושפּאַרן זיך אויף אים. קענטיק, דער שטעקן האָט אים פאַרגרינגערט צו טראָגן זיין שווערלעכן גוף און ער האָט אים אַרויסגעהאָלפן אין טראַכטן. דער שטעקן איז געווען זיינע אַ ליידנשאַפט ווי אַ שטייגער דאָס פאַרציִען דעם רויך ביי אַ רייכערער. אין די הייסע טעג פון זומער איז האָראָנטשיק אַרומגעגאַנגען אויפן באַרג אַ באָרוועסער, אין ווייסע לייוונטענע הויזן און מיט דער אַנטבלויזטער האָריקער ברוסט. פלעגן צו אים קומען געסט, איז ער שטענדיק זיי אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַן אָפענעם שמייכל און מיט ייִנגלשן בייגיר: וואָס הערט מען? וואָס ׳עט עץ דערציילן? זיינע פליישיקע ליפּן האָבן זיך געסליִניעט און די פולע באַקן פון קיילעכיקן פּנים האָבן געגלאַנצט.

באַגעגנט אים דאָס ערשטע מאָל האָט מען געקענט מיינען, ער איז אַ קצבישער ייִד, דער האָראָנטשיק, אַ פּראָסטער חי־וקיים. זיין פיינפילעוודיקייט האָט זיך אָבער אַנטפּלעקט באַלד ביים אויסטוישן מיט אים די ערשטע פּאָר ווערטער. ער איז געווען אַן אײדעלער, ממש אַ גרויס קינד, אָן דער איבערגעשפּיצטקייט פון די אינטעליגענטן פון אַ געוויסן שניט. תמיד פאַרטראַכט, אַריינגעטון אין דער וועלט פון זיינע געשטאַלטן וואָס זענען אויך אָן פּרעטענזיע אויף כ׳וויס־נישט־וואָס. פּשוט, קרעפּטיק, מענטשלעך מיט אַלע זייערע ליכטיקע און שאָטנדיקע באַגערן; אַלץ מענטשן וואָס ווערן געפירט פון ליידנשאַפטן און שוואַכקייטן.

איצט, אין פריהאַרבסטיקן שפּעטן נאָכמיטיק, איז האָראָנטשיק געווען איינגעהילט אין זיין ברייטן מאַנטל. אים האָט געצויגן דער וואַלד מיט זיין סודותפולקייט, אָבער פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. די וואַלד־טונקלקייט האָט אים אָפּגעשראָקן. אומבאַגרייפלעכע פּחדים האָבן אים שטענדיק פאַרפאָלגט. דערשפּירט אַן אומגעריכטן צופּ פון דער שרעק האָט ער אַ זאָג געטון: ס׳איז צו שפּעט צו גיין ווייט אין וואַלד אַריין. מירן אַ קוק געבן אין שטאָט אַריין, הע? קעגנצושטעלן זיך זיין מורא איז דאָך נישט שייך און אָן לאַנגע שהיות קערן מיר זיך אום אין דער ריכטונג פון דער בריק. מיר גייען שווייגנדיק און נאָר דער שטעקן אין האָראָנטשיקס האַנט לאָזט זיך הערן. דערנענטערט זיך צו דער ווייסל האָבן נעפּלען אונדז פאַרוויקלט, זיי האָבן די אויגן פאַרקלעפּט. האָראָנטשיק האָט געשפּירט די ריכטונג און פירנדיק מיך געאָרעמט, האָט ער מיט

דער רעכטער האַנט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן. אָנגעשפּאַרט זיך און מיט אַ מאָל פאַרלוירן דעם אָנלען אָן דער פעסטקייט פון דער ערד. גענוג געווען אָן אָפּשפּריץ פון אַן אויגנבליק און מיר זענען ערגעץ אַ פלוצלינגדיקן פאַל געטון, אַריין מיטן פּנים אין נעפּל און נישט געוווּסט וואָס עס געשעט, ווהין מיר נידערן. אַ קנויל פון אומבאַוווּסטקייט האָט אונדז פאַרשלונגען און מסתמא פאַרשלונגען אויך דעם געשריי פון דער אומגעריכט אויפגעפלאַקערטער שרעק. עס איז געווען אַ טיפע פאַרלוירנ־קייט, אָבער אַפילו שפּעטער איז געווען אוממעגלעך צו באַזינען וואָס עס איז געשען אין יענער רגע. מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט אין אַן אָפּגרונט ביי אַ זאַמדיקן אָפּריס פון באַרג צופוסנס דער ווייסל. דער אָרום איז גע־ווען פאַרטרונקען אין נאַכט, אַ תהום פון ברומענדיקן וואַסער און איבער דער פינצטערניש האָט זיך געקייקלט אַ פאַרשייט געלעכטער. די דאָזיקע שפּירונגען האָבן מיר אגב דערווישט נאָך לאַנגע שעהען ליגן אין אָנמאַכט; ערשט דערנאָך האָבן מיר דערפילט גרויסע יסורים און נישט געקענט זיך אָפּגעבן קיין חשבון ווו מיר געפינען זיך. שפּעטער, קוים זיך דערדראַ־פּעט צוריק אויפן באַרג אַרויף, האָט דער וואָלאָצלאַוועקער דאָקטער פוקס גאַנץ ערנסט פעסטגעשטעלט: „חברה האָט וואָזשנע שפּאַצירט. געפאַלן און צעבראָכן האַנט און האַלדז. מאָרגן באַלד אינדערפרי אין שפּיטאָל אַריין!״

האָראָנטשיקן האָט מען געמוזט איינגיפּסן די צעבראָכענע רעכטע האַנט און מיר האָט מען מיט מאַסאַזשן און זאַלבן רעקאָנסטרויִרט דעם צעשפּאָל־טענעם האַלדזביין.

פון דעם־אַ פאַל איז האָראָנטשיק געבליבן אַ בעל־מום: שלעכט אַריינ־געגיפּסט געוואָרן די האַנט אין עלנבויגן אַזוי אַז ער האָט דערנאָך מיט איר געמאַלעוועט שווערע, אויסטערלישע אותיות, און נישט געשריבן ווי מיר זענען געוווינט צו זען דעם גאַנג פון אַ פּען אין אַ מענטשנס האַנט. פון אונטער דער דאָזיקער האַנט זענען פון דעסטוועגן אַרויס האָראָנ־טשיקס בעסטע זאַכן.

נאָך יענעם פאַלן פון באַרג איז האָראָנטשיק געוואָרן מער פאַרטיפט אין זיך, מער אומעטיק און קאַפּריז און צוגעבונדן צום שרייבטיש. איינ־צייטיק האָט זיך אין אים פאַרשטאַרקט דער דראַנג צום לעבן. „אַפילו כ׳זאָל בלייבן אַ קאַליקע, וועל איך אויך נישט אַריינפאַלן אין יאוש. אַבי כ׳זאָל קענען אַרבעטן״. עס איז געווען דער ענטפער אויף מיין פאַרצווייפ־

לונג, ווען איך בין חדשים נאָך דעם אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַרונטערגעהאָנגענער האַנט אויף אַ באַנדאַזש. אַן אַנדערן האָט ער געטרייסט און טיף אין אים האָט געטאָטשעט אַן אומרו. די שרעק ווי אַ פּסיכישער קאָמפּלעקס האָט אין אים באַשיימפּערלעך זיך איינגעוואָרצלט. אָבער דאָס איז געווען ביי אים שוין אַן אַלטע מחלה: נאָך פון דער צייט פון ערשטן וועלטקריג, ווען די דייטשן זענען אַריין קיין קאַליש און אויף אָפּצושרעקן די איינוווינערס פון דער ערשטער אָקופּירטער אונטערגעצונדענער שטאָט, האָבן זיי געהרגעט יעדן *פופצנטן* ייִד. שמעון האָראָנטשיק איז דעמאָלט געווען אין דער ריי. על־פּי־נס איז ער אַרויס אַ לעבעדיקער; ער איז געווען דער *פערצנטער*... איצט, איז נאָר צוגעפאַלן דער וואַלדיקער פּאַרנאַכט, האָט האָראָנטשיק זיך אַנידערגעוואָרפן אויפן בעט, מורא געהאַט אַרומצוקוקן זיך איבער דער פינצטערנדיקער שטוב, געהאַט ס׳געפיל אַז געשפּענסטער קריכן צו אים דורכן פענצטער. עמעצן אַרויסריידן אַ וואָרט האָט ער אויך נישט געלאָזן, און איז נחמהלע אַהיימגעקומען אַ מידע פון שטאָט, האָט ער זי באַגעגנט מיט אַ געקלאָג:

— כ׳על נישט אויסהאַלטן, נחמה!

ווי פון אַ קינד האָט פון אים אויסגעציטערט די שרעק פאַרן וואַלד, פאַר די פּחדים וואָס גייען אום אין דער פינצטערניש און פאַרן איבעררופן זיך פונעם האָרן פון די וואַלדוועכטערס. זי, די פרוי, האָט אים קוים איינגערויִקט.

6.

פון דעם הויז אויפן באַרג איז ער גיך אַרויס. עס איז געווען פאַרבונדן מיט אומגעווינטלעכע מאַטעריעלע שוועריקייטן, אָבער עס האָט געמוזט געשען. אין דעם אויסערלעך מגושמדיקן האָראָנטשיק האָט געוועלטיקט דאָס קינד און אין אָט־דעם קינד איז די שרעק זיך פונאַנדערגעוואַקסן אין אַ קרענק. פיינלעך האָט עס אים געמאַטערט; ער איז געוואָרן נערוועז, אויפגעשפּרונגען ביי אַ יעדער קלייניקייט. צו ערשט איז דאָס געקומען צו אים פון דער איינזאַמקייט אויפן באַרג, פון וואַלד, דערנאָך האָט די שרעק געהאַט אַן אָנשפּאַר אין די אַנטי־ייִדישע אומרוען וואָס האָבן ווי אַ מגפה זיך גענומען פונאַנדערשפּרייטן איבער פּוילן.

אַריינגעקליבן זיך אין פישל־בער ראַוויצקיס הויז אויף ביסקופּיאַ נמ׳ 2 האָט פון האָראָנטשיקן זיך נישט אָפּגעטון זיין קראַנקהאַפּטיקע

מורא. ביסקופיאַ גאַס איז אַ זייטיק שטיל געסל אין דער רויִקער ווייסל־שער שטאָט וולאָצלאַוועק. האָט פּלוצלינג אַהין אַריינגעדרונגען אַ טומל, האָט האַראַנטשיק שוין געזען ווי צעלאָזענע פּוילישע כוליגאַנעס רייסן זיך אַריין צו אים; זיין בלוט מישט זיך אויס מיטן פאַרגאָסענעם יידישן בלוט פון אַלע פּוילישע שטעט און שטעטלעך. פאַר נחמהלע האַראַנטשיק, וועלכע האָט געהאַט דעם עול פאַר דער שטוב, האָבן זיך געמערט די צרות.

— „שמעון, הער אויף! שמעון, קאַפּריזיוועסט" — און זי האָט גע־זוכט אים צו באַרויִקן. „צופיל, שמעון, ביסט דאָך נישט דער אייגציקער אין שטאָט!" עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז זיינע קאַפּריזן, זיין שרעק פאַרן ווערעמדיקן פּוילישן דרויסן, האָבן נחמהלען אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק אַז אפשר איז זי גאָר די סיבה פון זיין נערוועזיטעט. וואָרן סוף־כל־סוף ווערן ביי אים פאַרטיק גרויסע ביכער, ער זעט נישט אויס ערגער ווי פריִער; נישט מער — די נערוועזקייט קען האָבן אויך אַן אַנדער סיבה. אפשר טאַקע זי אַליין. זי וועט אָפּטרעטן פון אים, און מעשה־פרוי האָט זי אַנגעהויבן חושד זיין: ער האָט פרייע צייט, זי איז שטאַרק פאַרהאַרע־וועט, זי עלטערט זיך אין זיינע אויגן; ער זעט אפשר שענערע, יינגערע. זאָל עס נישט געגומען ווערן לגנאי: אַזאַ איז געווען דער אמת. דער שלום־בית איז געשטערט געוואָרן. נחמהלע האַראַנטשיק האָט באַשיידן געליטן ביז זי האָט זיך אַנגענומען מיט אַ באַשלוס:

— איך וועל דיר נישט שטערן, שמעון; איך וועל דיר פאַרלייכטערן. איך וועל אַוועק קיין פראַנקרייך. דאָרט האָב איך אייגענע, כ'האָף מיט מיין אַרבעט צו קענען העלפן סיי זיך, סיי דיר. וועסט האָבן חשק, וועסטו קענען קומען. מיר בלייבן גוטע פריינד, שמעון.

שטילערהייט האָט זיך אָפּגעשפּילט די דראַמע צווישן ביידן און נחמהלע איז פאַרשוווּנדן פון האַראַנטשיקס הימל.

מיט אַ מאָל איז געוואָרן ליידיק אַרום האַראַנטשיקן אויף ביסקו־פיאַ 2. אַליין זיך צוגעגרייט די אַרעמלעכע מאָלצייטן אויף אַ פּרימוס, אַליין אַריינגעגעסן אין זיך דעם יאוש און די מורא האָט אים געצערט. אין פאַרמערטן אומרו האָט ער זיך צעבערענט אין דער אַרבעט איבער זיינע שאַרף־געצייכנטע, הייסע דערציילונגען. דורך פּיין איז צו אים דערגאַנגען דער יידן־פּאָגראָם וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אין גאַס און ווי אַן אַנט־לויפן פון זיך גופא, זענען געווען זיינע וואַנדערונגען איבער דעם אייגענעם נעכטן. פישל־בער ראַוויצקי דער משלים־שרייבער, אין וועמענס הויז

שמעון האָראָנטשיק האָט פֿאַרנומען דאָס קליינע דירהלע אויף ביסקופּיאַ גאַס האָט געהאַט די געלעגנהייט צו זען ווי דער פֿאַרעלנטער דערציילער ברענט אין זיין טוען. ער האָט פֿיזיש נישט געקענט איינזיצן ביי זיך אין צימער, איז ער מיטן אָנגעהויבענעם כּתב־יד אַריין אין אַ פֿאַרלאָזענער שטאַל וואָס אין זיין הייפֿל, פֿאַרפֿאַלן געוואָרן דאָרט אויף לאַנגע שעהען און איינגעהערט זיך אַזויבאַך אין דעם מאָנאָטאָנעם הודזשען פֿון די מאַשינען, וואָס האָבן געאַרבעט אין די ראָוועדן־וואַרשטאַטן פֿון די ברידער ראַוויצקי. פֿון יענעם פּעריאָד שטאַמען די ביכער „אין גערויש פֿון מאַשינען", „1905" א"אַ. האָראָנטשיק, דער ייִד, איז אָבער געריצט געוואָרן פֿון דעם שוידער וואָס האָט דעמאָלט דורכגעטרייסלט דאָס לאַנד. די פּאָגראָם־וואַקכאַנאַליע האָט פֿאַרטונקלט ס'געמיט פֿונעם שרייבער. ער האָט געוויייטיקט איבער דעם; ער פֿלעגט אַריינפֿאַלן אין די אָוונטן אין וואָלאַצלאַווקער אַרבעטער־קלוב, קאָכן זיך אין שמועסן מיט די אַרבעטער־טוערס, געטענהט מיט פֿאַרביטערונג הלמאי מ'שווייגט. „מ'דאַרף אָנברעכן די ביינער פֿון אַ פּאָר שגצים, וועלן אַנדערע שוין נישט אויפֿהייבן קיין האַנט קעגן ייִדן!" — האָט ער געטענהט. אויבנאויפֿיק זיך אויסגעשריגן, אָבער זיין צושטאַנד איז געווען געדריקט. האָראָנטשיקס אומרו האָט געברענט און ער האָט זיך מער נישט פֿאַרגונען צו שפּאַנען איבער די פֿליינען פֿון נאָוועליסטישער פֿאַרגעסונג. אין אָנהייב דרייסיקער יאָרן האָט ער אין דער וואַרשעווער „פֿאָלקסצייטונג" פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען פֿול מיט דער פֿאַרביטערונג פֿון אַ ייִדן, וואָס איז געשטעלט געוואָרן פּנים אל פּנים מיט דער היהשער שנאה צו אים און זיינע מיטמענטשן. דעם שטאַרק סענסיטיוון האָראָנטשיק האָט דער־אָ אויסגעשריי נישט באַפֿרידיקט. ער האָט אונטערגענומען אַ נסיעה קיין אויסלאַנד: פֿראַנקרייך, בעלגיע. אַז די שריפֿה פֿון פּאָגראָם אין זיין היימלאַנד האָט אים געטריבן אין דער וועלט אַריין איז געווען אַן עדות זיין שטוב אין דער וואָלאַצלאַווקער מיטנשטאָטישער גאַס ביסקופּיאַ. ווי פֿינצטערע לאַטעס אויף אַ געזונטן פּנים האָבן מיט ווייטיק און פּראָטעסט אַראָפּגעשריגן די אַלטע שוואַרצלעכע ברעטער, מיט וועלכע ש. האָראָנטשיק האָט פֿון דרויסן פֿאַרקלאַפּט די פֿענצטער און די טיר פֿון זיין היים. לאַנגע חדשים האָט געדויערט זיין נסיעה איבער די פֿרעמדע לענדער. מן־הסתם האָט ער דעמאָלט אויך געזוכט באַרויִקונג אין אַ באַגעגעניש מיט זיין פּרוי נחמהלע; וועגן זיין באַגעגעניש מיט איר האָט ער קיינעם נישט געלאָזן וויסן. מיט אַ האַרט שווייגן איז ער

פאַרבייגעגאַנגען דעם דאָזיקן עפּיזאָד אין זיין לעבן. ער איז צוריקגעקומען קיין וולאָצלאַוועק אַן אויסערלעך געענדערטער, שוין אויסגעמיטן אַ מאָל אַריינצוגיין אין אַ באַקאַנטער שטוב, ווינציקער געהאַט תרעומות צו די אַרבעטער־טוערס הלמאי „זיי שוויגן". מער מישובדיק האָט ער אָנגע־הויבן באַלעבאַטעווען אין זיין דירהלע. מוז זיין, דעמאָלט האָט ער אָפּגע־שלאָסן אַ פּאַזע אין זיין פאַמיליע־לעבן; שווער צו זאָגן אויף באַשטימט, מ׳קען זיך בלויז משער זיין. נחמהלע האָט זיך מער נישט אומגעקערט צו אים, און צו אים האָט נאָך דעם — שוין אין וואַרשע — זיך אַריינגע־קליבן אַן עלטער קרובהש מיידל, וועלכע האָט געפירט די שטוביקע ענינים. פון יענער צייט שטאַמען האַראַנטשיקס גרעסערע דערציילונגען „דאָרט ווו דער זשיראַנד פאַלט אין ים אַריין" און „דאָס מיידל פון מיינע חלומות". דער געמיש פון דעם נישט־פוילישן פּייזאַזש מיטן געמעל פונעם שטעטלשן האַראַנטשיקישן געמיט, איז די הויפּט־אייגנשאַפט פון אָט־די נאָוועלן. אָבער ווי ס׳רוב פון האַראַנטשיקס שאַפונגען זענען אויך די זאַכן אַ צוריקבליק אין דעם שרייבערס פּערזענלעכן אַמאָל. אַגב, דעם דאָזיקן שטריך וועט אַ געניטער לייענער גאַנץ אָפט געפינעןביים לייענען האַראַנ־טשיקן. די שרעק, דער אינערלעכער אומרו האָט אים שוין געצויגן אין ערגעצוווּ. אין וולאָצלאַוועק האָט ער זיך שוין געפילט נישט היימיש.

אַרום 1934 האָט האַראַנטשיק זיך אַריבערגעקליבן קיין וואַרשע. דע־מאָלט האָט ער זיין חיונה שוין געצויגן אויסשליסלעך פון ליטעראַטור. די וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג", „דער מאָמענט" און דער פאַרלאַג „קול־טור־ליגע", וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַלע זיינע שפּעטערדיקע ווערק, זע־נען געווען דער מקור פון זיין פּרנסה. אַ פאַרשלאָסענער אין זיך איז ער געווען שטענדיק פאַראיינזאַמט, נישט געהאַט קיין נאָענטע פריינד. די איינציקע מערכה זיינע איז געווען די אַרבעט ביים שרייבטיש, וועלכע האָט אים צוגענומען די גאַנצע צייט. געוואָרן פריי, האָט דער עלנט אים געדריקט. אין 1936, ווען ער האָט געוווינט אין נייעם וואַרשעווער קוואַר־טאַל זשאָליבאָזש, האָט פון האַראַנטשיקן זיך אַרויסגעריסן אַ זיפץ אויף זיין אינערלעכער צעטרייסלטקייט:

— עס איז נישט דער אייגענער שמעון. די גרויסע שטאָט מאַכט אַ תל פון מיר.

דאָס איז געווען אַן אָנצוהערעניש אויף זיין צעשטערטן לעבנס־סדר, צו וועלכן ער איז געווען געוווינט אין דעם אידילישן שפּעטאָל, אין

דער זייטיקער ביסקופּיאַ גאַס אין וולאָצלאַוועק, ווו צווישן אונדז זענען פאַרפלאָסן די שענסטע טעג פון אונדזער פריינדשאַפט. איר ווייסט נישט, — האָט ער צוגעגעבן אַ ביסל ציניש — די מיידן האָבן אַ בייזן כוח און בכלל, די שטאָט איז ווערעמדיק. נישט גוט מיט מיר, איר הערט?

טריב זענען געווען האָראָנטשיקס רייד. עס האָט זיך דערמאָנט די צייט ווען נחמהלע, זיין נחמהלע איז אים געווען אַ מוטער און מיר אַן אָנהאַלט אין מיין נויט, ווען כ'האָב זיך געשפּירט גייסטיק צעבראָכן נאָכן פאַלן פונעם באַרג. דעמאָלט האָט די יידישע טעלעגראַפן־אַגענטור זיך צעשריבן וועגן דעם און מענטשישער שמייכל האָט אָנגעווייעט טרייסט. ראָז האָט אויסגעזעצען די וועלט, וואָס האָט זיך דעמאָלט נאָך נישט אין גאַנצן געהאַט אַנטפּלעקט פאַר אונדז; ערשט ווייזט זי זיך שוין אין פּולן, אָבער אַן אומרחמנותדיקע, אַ האַרטנעקיקע. טרויער האָט געשלאָגן פון האָ־ראָנטשיקן אין יענעם וואַרשעווער בין־השמשות, כאָטש שריפטשטעלעריש איז ער גראָד געשטאַנען אין פונאַנדערבלי פון זיין גאַנצן כוח. זיינע ביכער האָבן געוווּנען אָנערקענונג פון דער ליטעראַרישער קריטיק און זיי זענען געוואָרן דער קנין פון אַ ברייטן לייענער־עולם. פּערזענלעך האָט ער שטאַרק געליטן. נחמהלע האָט זיך צו אים נישט צוריקגעקערט. ער איז געווען די סיבה, זיין קאָמפּליצירטער כאַראַקטער, זיין קרענקלעכע פילעוודיקייט וואָס איז דערגאַנגען צו נערוועזיטעט. די עלטערע פריילין, וואָס האָט געפירט זיין באַלעבאַטישקייט, האָט פּרעטענדירט צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער אַוועקגעגאַנגענער און האָראָנטשיקן איז זיין היים גע־וואָרן אַ גיהנום. דערפון זיין נשמהדיקע צעריסנקייט. אַ שאַרפער ראַץ אויף זיין צערודערטן געמיט איז געווען אויך די יערנדיקע אַנטיסעמיטישע וואַקכאַנאַליע. יעדע ידיעה וועגן די אַזוי גערופענע אומרוען האָט האָ־ראָנטשיקן מוראדיק צעווייטיקט. ער איז געשפּרונגען פון דער הויט, ער האָט געברויזט און געוואָרפן זיך אין הייסע וויכוחים:

— „וואָס וועט זיין? צו וואָס וועט דאָס דערפירן? עס ברענט אין מיר."

די שרעק האָט געפיבערט פון האָראָנטשיקס רייד און פון זיין טוען. מען דערדריקט אונדז, מיר גייען אונטער פיזיש. אַ סוף, עס קומט דער סוף — האָט ער געליאַרעמט.

און איז געקומען אויפן פוילישן יידנטום די פּלאָג פון רציחהדיקן היטלעריזם, האָט שמעון האָראָנטשיק אין גאַנצן זיך צוזאַמענגעבראָכן.

אין צעמישונג האָבן גרויסע מחנות ייִדן זיך געטראָגן אונטער די ברענענ־דיקע הימלען. האַראַנטשיקן איז באַשערט געוואָרן מיט זיינע אייגענע אויגן צו דערזען דעם אָנקום פון דעם שוידערלעכן סוף, געזעען ווי די גרויסע ייִדי־שע וואַרשע פאַלט אין חורבות; אַ געיאָגטער פון דער אימהדיקער שריפה וואָס האָט מיט אַ מאָל אַרומגעכאַפּט אַ וועלט מיט ייִדישע שטעט און שטעט־לעך האָט ער אין אַ חורבה פון קאַלושין, דער שטאָט פון ייִדישע טליתים־מאַכערס, אַליין זיך איבערגעגעבן אין רשות פון דעם באַרויִקנדיקן טויט. וואַרשע שטייט אין פלאַמען און ער, שמעון האַראַנטשיק, דער מחבר פון אַ שטיק ייִדישע כראָניק פון אונדזער דור, פירט אונטער דעם סך־הכל איבער זיין אייגענעם חשבון מיט דער וועלט וואָס איז כולו זומפּ, כולו פסולת.

ווי פשוט ער איז געווען ביי זיין לעבן, אַזוי פשוט — הגם גרויליק אין דער דאָזיקער פשוטקייט — האָט ער דערפירט דעם סוף פון דעם לעבן: מיט גלאָז־ברוך איבערגעשניטן זיך די אָדערן פון די הענט, איבער־געשניטן דעם ווישט. דער דיכטער שמואל ווולמאַן, אַליין אַ נרדף צווישן נרדפים ייִדן אויף די צעטומלטע וועגן פון דעם אונטערגייענדיקן ייִדישן פוילן, האָט האַראַנטשיקס אויסגעלאָשענעם גוף אַרויסגעטראָגן פון אַ טייך פאַרגליווערטן בלוט און אויסגעגראָבן פאַר אים אַ קבר.

ווו עס געפינט זיך אויף קאַלושינער ערד דאָס בערגל מיטן געביין פון שמעון האַראַנטשיקן, ווייסט מען נישט, מחמת מיטן טויט פון אַ קדוש איז אויך אַוועק דער, וואָס האָט איבער דעם קדוש שמעון האַראַנטשיק מקיים געווען די מצווה פון חסד של אמת.

שלום לעפרם! די מצבה פון שמעון האַראַנטשיקן געפינען מיר אומע־טום ווו עס געדייעט ייִדיש לעבן, וואָס איז ערלעך און פאַלקסטימלעך. שמעון האַראַנטשיק דער שרייבער־רעאַליסט מיטן אויסבליק אויפן אי־דעאַל־מענטשלעכן האָט מיט טרייען שריט זיך געטראָגן איבער דעם שיי־נעם און אומעטיקלעכן, האַרטן ייִדישן לעבן פון פוילן און אַזעלכער איז ער פאַרבליבן אין געדעכעניש פון די אַלע וואָס זענען צוגעבונדן צו אונדזער וואָר אין אַלע אירע גילגולים.

יוסף אַקרוטני

בוענאָס־איירעס, אויגוסט 1953.

אין גערויש פון מאשינען

ביים צוגרייטן אָט־די נייע אויפלאַגע פון שמעון האָראָנטשיקס „אין גערויש פון מאַשינען" איז געווען אוממעגלעך אויסצומיידן אַ סטיליסטישע רעדאַקציע פונעם בוך. מהאי טעמא זענען ערטער־ ווייז אויך געשטראָכן געוואָרן געוויסע זאַצן. די גאַנצקייט פון בוך איז געבליבן אומפאַרענדערט מחמת פּיעטעט צום שרייבער און זיין ווערק.

י. אַ.

ערשטער טייל

א

דער געדעקטער וואָגן האָט זיך שווער און לאַנגזאַם געשלעפּט אין וועג און זיין איינציקער פּאַסאַזשיר, דער פּופצן־יעריקער בנימין, האָט געברענט פון אומגעדולד; ער האָט זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטן אָנצוקוקן די נייע שטאָט, וווּ זיין היים געפינט זיך איצט. ענדלעך דעם דריטן טאָג פאַרנאַכט, איז דער וואָגן אַהין אָנגעקומען און זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פאָרשטאָט.

דעם גאַנצן לעצטן טאָג פון דער נסיעה, זיצנדיק אין וואָגן אַ נישט־אויסגעשלאָפענער, האָט בנימין געזען אין זיך די שטאָט. ער האָט זי „געזען" אַן אויסגעחלומטע מיט ברייטע פיין־געפּלאַסטערטע גאַסן; פוןביידע זייטן נייע, שיינע הייזער, וווּ די אַלע פאַבריקן געפינען זיך, אין וועלכע עס אַרבעטן זיינע געשוועסטער־קינדער און אויך זיין ברודער ישראל־נח, וואָס איז ערשט צוועלף יאָר אַלט.

בנימין האָט זיך פאָרגעשטעלט די דערנענטערנדיקע שטאָט אַ יום־טובדיקע און אַלץ, וואָס מיט אים וועט דאָרט פאָרקומען, בעתן זוכן דער מוטערס וווינונג, האָט געדאַרפט זיין רייך מיט זעלטענע פּאַסירונגען... אַזעלכער איז ער שוין געווען, דער 15־יעריקער בנימין, אַז אַלץ וואָס ער האָט גערן געוואָלט, האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אין אַ יום־טובדיקן ליכט... דערפאַר טאַקע האָט ער „געזען" זיין אָנקומען אין שטאָט אויף אָט אַזאַ אופן:

ער גייט איבער די גרויסאַרטיקע גאַסן, זוכט זיין מאַמעס וווינונג, פרעגט איינעם, פרעגט אַ צווייטן און קיינער ווייסט נישט אים צו זאָגן. נאָר אָט באַגעגנט ער אַ ריין־אָנגעטוענעם ייִד מיט אַ הדרת־פּנים. בנימין גייט צו און פרעגט זיך אים ווו עס געפינט זיך דאָ די שפּיטאָל־גאַס. פרעגט איבער יענער: צו וואָס דאַרפסטו די שפּיטאָל־גאַס? ענטפערט ער: דאָרט וווינט מיין מאַמע. פרעגט דער ריין־אָנגעטוענער ווייטער: אַזוי, און ווי הייסט דיין מאַמע? ענטפערט בנימין צוריק: חיה־רבקה גריף. זי

ווינט הי ערשט עטלעכע חדשים... אַזוי אַ וואָרט אויף אַ וואָרט, ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז דער דאָזיקער שיינער העך איז... דער פעטער לייב־חיים דער פאַבריקאַנט.

און געווייינטלעך גיט מען בנימינען באַלד אַ פיר אַהין צום פעטער לייב־חיים אין שטוב. מ׳לאָזט אים שוין גאָרנישט אַוועקגיין. ער שיקט נאָך זיין מאַמען. זי קומט מיט ישראל־נחן, מיט מלכהן און מיט דער קליינער פינף־יעריקער סימעלען. ס׳קומט זיך צוזאַמען די גאַנצע משפּחה... דער פעטער לייב־חיים פאַרהערט בנימינען דעם לעצטן „שיעור״. בנימין קען אים ווי אַ וואַסער מיטן שווערן תוספות און מיטן חריפותדיקן „פשטל״. מ׳פרייט זיך צוזאַמען, מ׳לאָזט אים, בנימינען, שוין נישט אַרויס. דער פעטער לייב־חיים וויל אים אָפּגעבן אַ באַזונדער חדר צו זיצן דאָרט און לערנען און קעסט, די מומע העניע קוקט אים הינטער די אויגן... בנימין אָבער וויל נישט אַנדערש, ווי וווינען אין דער היים ביי דער מאַמען און מיט די זייניקע.

אָט די שיינע פאָרשטעלונגען האָבן אַזוי ליב און גוט געווירקט אויף דעם יינגלס געמיט, אַז עס איז איינגאַנצן פאַרשוווּנדן פון זיין האַרץ דער האַס צום פעטער יאָסל און זיין ווייב חנה, וואָס האָבן בנימינען אַזוי אומרחמנותדיק געפּייניקט אין שטעטל נאָך דער מוטערס אַוועקציִען זיך, אים געשיקט עסן „טעג״ אין פרעמדע הייזער, געלאָזט שלאָפן אין דער קאַמער ביי די מייז און ווייל ער איז געווען נישט שיין אָנגעטון — נישט דערלויבט זייערע קינדער מיט אים זיך חברן.

איצט האָט בנימין זיי דאָס אַלץ מוחל געווען, נישט געטראָגן אויף זיי קיין שנאה פאַר די אָפּגעטוענע אומרעכטן — אַזוי צערטלעך געשטימט איז בנימין געווען איידער ער האָט דערזען די אמתע שטאָט, וועלכע ער האָט דערווייל געוואָרעמט בלויז אין דעם שיין פון זיין דמיון.

אָבער שטייענדיק פּנים אל פּנים מיט דער ווירקלעכער שטאָט איז דאָס יינגל אָפּהענטיק געוואָרן. פון דעם אָרט, ווו דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן זיך געצויגן צוויי גאַסן, רעכטס און לינקס, איינע אַ טונקעלע, מיט הויכע מורה־שחורהדיקע הייזער, די צווייטע גאַס, אַן אַביסל פריילעכערע. די אויבערשטע שטאָקן באַגאָסן מיט שטראַלן פון דער סוף־זומערדיקער פאַרנאַכט־זון — אין ביידע גאַסן זענען מענטשן געגאַנגען אַהין און צוריק; פרעמדע גאַסן, פרעמדע אומהיימלעכע הייזער און ווילד־פרעמדע, אומבאַקאַנטע מענטשן. דאָס אַלץ איז דעם קלייני־

שטעטלדיקן יינגל וואָס איז נאָך קיינמאָל פון דער היים נישט אַרויסגע־פאָרן, געווען אומפאַרשטענדלעך און פיינלעך פרעמד. שיער האָט זיך אַ מורא באַזעצט אין זיין געמיט צו די אומבאַקאַנטע גאַסן און ווילד־פרעמדע מענטשן; זיי גייען אַהין, גייען און גייען און איילן זיך, איז אים פאַרגע־קומען, ווי עפּעס צו אַ געהיימען ציל. דאָרט ווייט אין די גאַסן מוז איצט אוודאי עפּעס געשען, אפשר איז דאָרט אַ גרויסע שרפה, אָדער אַ געשלעג מיט גזלנים מעסער־שטעכער... בנימין האָט זיך געפילט אין וואָגן מיט דער געדעקטער בויד, ווי אויף אַ זיכער אינדזעלע אין מיטן דעם פרעמדן שטורמישן טייך. דער שמייסער בערל קאַרטאָפלאַזש, וועמען ער קען נאָך פון זיין שטעטל, איז אים איצט געווען ליב און נאָענט; כאָטש איין באַקאַנט היימיש פּנים — און ער האָט גאָרנישט קיין חשק געהאַט זיך אַראָפּצורירן פון וואָגן.

דער בעל־עגלה אָבער — אַ האָרעפּאַשנער ייִד מיט אַ געל האָריק געדיכט באַוואָקסן פּנים, פון וועלכן ס׳זעט זיך אַרויס בלויז די נאָז — ווייסט קענטיק נישט, אָדער וויל נישט וויסן פון דעם ייִנגלס אומהיימ־לעכקייט. ער איז אומגעדולדיק און טרייבט אונטער:

— אַ סוף, אַ סוף, קריך אַראָפּ פון וואָגן! כ׳דאַרף צופאָרן אין דער אייזן־פאַבריק.

דערנאָך איז בנימין געגאַנגען גאַס־אויס, גאַס־איין. ער האָט זיך גע־חזרט דעם אַדרעס: „שפּיטאָל־גאַס, קעניגסבערגערס הויז". אין אַ גאַס פאַר אַ שול, אין דער לענג ביים פּלויט, זענען געזעסן ווייבער מיט גרינס און אויבסט. איינע פון זיי האָט בנימינען אָנגעוויזן אויף אַ דערנעבנדיק געסל — שפּיטאָל־גאַס.

אויך דאָ האָט בנימין איבערגעלעבט אַן אַנטוישונג: ער האָט זיך פאַרגעשטעלט די „שפּיטאָל־גאַס", לויט דער גאַס פון זייער שטעטל, וווּ דאָס שפּיטאָל געפינט זיך — אַ שטילע, ציכטיקע גאַס מיטביימער און גאָרטנס. דאָ אָבער — אַ קרום געסל מיט הייזער ווי אויף דער גיך צונויפ־מענגעשטעלט: הויכע הייזער און נידעריקע איינגעפאַלענע דאָרפישע כאַטעס; פאַר די יאַטקעס שטייען קצבים אין פאַרבלוטיקטע שפּאַנצערס; הינט רייסן זיך אין מיטן גאַס איבער אַ ביין און אַ דיקער קיילער פאַר־מעסט זיך אין דער כאַפּטע הינט מיט אַ שטיק האָלץ; יידענעס מיט קוישן גייען אַהין און צוריק, קינדער אין צעפליקטע הויזעלעך און אין בלויזע העמדעלעך, שמוציקע און צעריסענע זיצן אויף די שוועלן, שפּילן זיך אין

רינשטאָק — ס׳איז גאַנץ ווייט פון דער ציכטיקייט, וואָס בנימין האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָ צו געפינען.

דערפאַר, דאָס הויז אין וועלכן ער האָט געדאַרפט אַריינגיין, דאָס הויז האָט ביי בנימינען יאָ אויסגענומען — אַ ניי געמויערט צוויי־שטאָקיק הויז מיט באַלקאָנען און מיט גרויסע פענצטער. דאָס פעדער־הויז גע־פלאַסטערט און ברייטע שטיינערנע שטיגן פירן אַרויף. „נו, — האָט ער איין זיך שלום געמאַכט — איז שוין די גאַס ווי זי איז, אַבי דאָס הויז איז ווי עס דאַרף צו זיין״.

אָבער דער סטרוזש, ביי וועמען בנימין האָט געפרעגט, ווו זיין מוטערס ווינונג געפינט זיך, האָט אים גאָר געוויזן אַרויס צום הויף. דאָרט האָט בנימין לאַנג געזוכט, ביז ער האָט דערזען אין אַ ווייטן ווינקל, נישט ווייט פון קלאָזעט — אַ הילצערן הייזל אַ קליינס און אַ נעבעכדיקס מיט קרומע פענצטערלעך און אין דער הייך אין אַ פענצטערל האָט בנימין, דורכן שייבל, דערבליקט אַ געזימס פון אַ בעט, וואָס איז אים באַקאַנט געווען. דעמאָלט האָט ער זיך מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ געלאָזט אַהין אַרויפגיין.

נאָר אויבן איז נישט געווען דאָס וואָס ער האָט געמיינט. דאָס דלותדיקע שטיבל דורכגעטיילט אויף צוויי, מיט אַ ווענטל פון קאַסטן־ברעטלעך און מיט בעלקעס אַהין און צוריק איבערן באַלקן און מיט דעם אָרעמען ביסל איבערבלייבעכץ פון מעבל. דאָס איז געווען אַזוי ווייט פון זייער שטיבן־שטאַנד אין שטעטל — שוין אפילו נאָכן טאַטנס טויט — ווי אָט די איינגעבויגענע, איינגעשרומפענע פרוי מיט די גראָלעכע האָר, וואָס קריכן איר אַפיר, איז געווען ווייט פון בנימינס מאַמע פון פאַר עטלעכע חדשים צוריק.

און אָט, שטייענדיק פנים אל פנים מיט דער רויערווירקלעכקייט אַ פאַרלוירענער, אַ בדלות־געוואָרענער פון אַלע גאָלדענע פאַנטאַזיעס, וואָס האָבן זיך די לעצטע חדשים געשפינען אין אים און זיין עלנט לעבן פאַרשענערט — האָט אים פלוצלינג אַזאַ ביטערניש אַרומגעכאַפּט. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט אָרעם און באַרויבט. דאָס ערשט־פאַר־לאָזענע היימשטעטל, האָט זיך אים מיט אַ מאָל אַ שטעל געטון פאַר די אויגן ווי אַ גן־עדן, אַ גן־עדן וועלכן ער האָט פאַרלוירן, שוין אויף אייביק פאַרלוירן. אַלע ווייען און ביטערנישן, וואָס ער האָט דאָרט לעצטנס איבערגעלעבט, אפילו דער בייזער פעטער יאָסל און די שלעכטע מומע

זענען אים איצט פאָרגעקומען שיין און גוט. און דאָ, אַך! די גראָקייט און אָרעמקייט. די דאָזיקע אָרעמע אַלטיטשקע איז זיין מאַמע און דאָס עלנטע שטיבל — זיין היים.

ס׳איז געווען איבער די כוחות פאַר דעם קוים פופצניעריקן יינגל — און נאָך איידער די מוטער האָט באַוויזן צו אים אַ וואָרט אויסצורעדן, איז ער צוגעפאַלן מיטן פנים צו דער וואַנט מיט אַ הייס געוויין. אויף אים קוקנדיק האָט אויך די מאַמע געוויינט.

ב

ס׳איז, ווייזט אויס, שוין אַזוי באַשערט געווען, אַז דעם יינגל בנימין זאָל — נאָך איידער ער האָט געענדיקט פולע פופצן יאָר — זיין וועלטל חרוב ווערן דאָ, אין דער פאַבריק־שטאָט. ס׳זענען אים געבליבן צוויי ברירות: אַרומגיין פאַרטרויערט מיטן חורבן אין האַרץ אָדער זיך צופּאַסן צום נייעם לעבן מחמת אַזוי מוז זיין. דאָ גייט דאָס לעבן אַזוי־ערגאָך — און שוין! מער נישט טראַכטן פונעם אַמאָליקן באַלעבאַטישן שטייגער לעבן אין שטעטל.

און פאָרט — נאָך אַלע „אָפּמאַכונגען" אין זיך צו קוקן אויף אַלעם רויק און ניכטער, איז בנימינען — דערהויפּט די ערשטע צייט — דאָס לעבן דאָ פאָרגעקומען אויסטערליש און אומהיימלעך.

למשל: רויק צו קוקן ווי דער צוועלפיעריקער ישראל נח שטייט אויף מיטן באַגינען־ליכט, פּרעפּלט אָפּ אויף דער גיך דאָס דאַוונען, כאַפּט אַ שטיקל ברויט אין טאַש אַריין און לויפט אין דער פאַבריק צו דער אַרבעט, צו פאַרדינען עפּעס פאַר דער שטוב.

יאָ, מיט דער צייט איז די אומהיימלעכקייט פאַרווישט געוואָרן. מיט דער צייט איז בנימין געוואָרן דער זעלבער, וואָס ישראל נח. אָבער אין אָנהייב איז געווען פיינלעך צוצוהערן, ווי די מאַמע וועקט ישראל נחן ווען ס׳נעמט קוים טאָגן, וועקט אים מיט טרערן אין קול — ציטערט, ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט און פונקט אַזוי חלשט זי, ער זאָל נאָך אַ מינוטקעלע שלאָפן: — לייג דיך נאָך אַ ביסל צוריק — זאָגט זי טיילמאָל ווען ער טוט זיך שוין אָן — די ערשטע פייף איז עס געווען, ס׳פעלט נאָך גאַנצע צען מינוטן צו פינף. — אַזוי פּלאַטערט די מאַמע

צווישן די צוויי געפילן: אכזריות פון דער האַרטער נויטווענדיקייט, אַז דער צוועלפיעריקער פרנסה־געבער זאָל אויפשטיין, גיין פאַרדינען — און צעווייטיקט איז דאָס מאַמע־געפיל, אַז איר פאַרמאַטערט קינד נעבעך זאָל נאָך אַ קאַפּ זיך אויסרוען.

און פונדעסטוועגן האָט בנימין באַלד באַנומען אַז די דאָזיקע שטאָט, וואָס פאַרשלינגט אַזוי גיריק יונגע קינדער איינשפּאַרנדיק זיי אין די פאַבריקן אויף אַ זעכצן־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, די דאָזיקע נישט פרייע שטאָט פאַרמאָגט אויך גוטע זייטן.

אָט למשל, — מנשה דעם פעטער לייב־חיימס זון, וואָס איז מיט עפּעס מער ווי אַ יאָר עלטער פון בנימינען. ער איז נישט געווען קיין לייט, דער דאָזיקער מנשה. איינמאָל, מיט צוויי יאָר צוריק, באַלד נאָכן טאַטנס טויט — איז מנשה מיט אַ מאָל געקומען צולויפן צו דער מומע חיה רבקה, ווייל דער פאָטער האָט אים געהאַט אַרויסגעטריבן פון דער היים צוליב עפּעס אַ מיאוסער מעשה, אַ גנבה, וועגן וואָס מ׳האָט גערעדט, דערפון זיך געשושקעט. די מומע חיה רבקה, בנימינס מוטער, האָט פון מנשהן אויך נישט קיין גרויס נחת געהאַט, אויסגעשטאַנען פון אים צרות — און היינט איז מנשה אַ לייט, לערנט זיך „צייכענען״ און אַז ער וועט דאָס פאַך שוין קאָנען, וועט ער פאַרנעמען אַ פּאָסטן פון אַ מוסטער־צייכענער אין פאָטערס פאַבריק פון דער פירמע „וואָלבערג און ראָזנ־בלום״.

אָדער — אַ צווייטער אַזעלכער. אַבאַ, אַבאַ תּם דער קיילעכדיקער יתום, דער זון פון דער מאַמעס קרוב. ער איז אויך נישט געווען קיין לייט, דער דאָזיקער אַבאַ, אַ תּם אַ טיפער, אין חדר האָט מען גאָרנישט געקאָנט אין אים אַריינברענגען און צו זייגער־מאַכעריי, ווו דער פאָטער האָט אים אָפּגעגעבן, אויך נישט געטויגט. היינט איז אַבאַ אַ פרימער בעל־מלאכה, פון די בעסטע שטיקער־אַרבעטער. דער פעטער לייב חיים וויל אים געוויס האָבן ביי זיך אין פאַבריק און אַז אַבאַ קומט אַריין אַמאָל אין אַ שבת, בעט אים די מאַמע זיצן. זי גיט אים גוטע עצות, ווי ער דאַרף זיך צו פירן און זי קלייבט זיך אַלץ צו מאַכן מיט אים אַ שמועס, ער זאָל צונעמען ישראל־נחן צו זיך פאַר אַ פעדלער.

***

אין שטוב האָט מען נאָכאַנאַנד גערעדט: פאַבריק און פאַבריק... — אַ נייגיריקער איז בנימין דאָס ערשטע מאָל געגאַנגען אָנקוקן די פאַבריק און די אַרבעט, וואָס ווערט דאָרט געטון.

און ס'איז געווען, ווען בנימין האָט נאָר איבערגעטרעטן די שוועל פון פאַבריק — וואָס איז באַלד אַזוי גרויס ווי אַ מאַרק — האָט ער דערהערט דעם טומל, גערויש און געקלימפּעריי פון די מאַשינען, וואָס יעדע פון זיי איז גרעסער און העכער פון אַ קליין שטעטלדיק הייזל — און אַלץ איז אים פאָרגעקומען ווי עפּעס אַ זעאונג אין חלום...

און נישט מיט געוויינלעכער וואָכעדיקער באַוואונדערונג האָט בנימין זיך צוגעקוקט, ווי אַבאָ, אָט דער אַמאָליקער אַבאָ תם, איז עס דער הער־שער איבער איינעם פון אָט די אייזערנע ריזן.

...עס איילן און טומלען די מאַשינען; לויט דעם דרייען די קאָלבע באַוועגן זיך הויכע, אייזערנע, ווי האַלב רונדיקע ווענט, לויפן אויף רעד־לעך אַהין און צוריק, אָנגעזעצט אין רייען דרייפּאַכיק מיט פעדעם... און לעבן יעדער מאַשין — אַ טישל.ביים טישל זיצן יינגלעך און מיידלעך, פאַר יעדן פון זיי — אַ בערגל גלאַנציקע שטאָלענע נאָדלען אַזעלכע און פאַסמעס גאָרן... גיך, גיך באַוועגן זיך די קינדערשע הענטלעך, ציִען אַריין אַ דרים גאָרן אינעם נעדעלע, וואָס פאַרמאָגט צוויי שפּיצן און אַ לעכעלע אין דער מיט; אַריינגעצויגן דעם פאָדעם ווערט ער גיך, קוים מיטן אויג צו דערבליקן, פאַרשלייפט מיט אַ קניפּל, אַריינגעשטעלט די נאָדל־פאָדעם אין אַ „קישעלע" און שוין האַלט עס ביי אַ צווייטער נאָדל, ביי אַ דריטער — און אַלץ גיך־גיך, מיטן אויג נישט צו דערכאַפּן.

און אָט דעם בנימינס קרוב, אַבאָ, איז עס דער געוועלטיקער איבער אַזאַ מאַשין. ער זיצט לעבן אַ ברעט, צו דעם ברעט איז צוגעשלאָגן אַ פּאַפּיר אויסגעמאָלט מיט רעדעלעך, בלעטלעך און ציקלעך; מיט איין האַנט דרייט אַבאָ אַ קאָלבע, מיט די פיס טרעט ער אויף צוויי לאַנגע דרעטלעך, וואָס לויט זיי קערעוועט ער די צוויי אייזערנע „וועגן" — אַ הין און צוריק, פאָרנט און הינטן; זיי גיבן איבער די נאָדלען מיט פעדעם איין „וואָגן" דעם צווייטן; טוט ער אַ לויף מיט די פאַכיקע רייען פעדעם, אַ לויף אַהין און אויף צוריק און גיט זיי איילִיק איבער זיין חבר, דעם צווייטן „וואָגן" — און פאָרויס און הינטן מאַשינען און מאַשינען און אַלץ באַוועגט זיך, רוישט און בראַזגעט...

בנימין איז געשטאַנען און געקוקט. ער וואָלט אַזוי געשטאַנען און

געשטאַנען און אַלץ געהאַט צו אַנטדעקן נייע חידושים און דעם קרוב איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו שטערן בנימינען דאָס צוקוקן. אַדרבה!...

נאָר געווען איז אַזוי: ווען די מאַשין האָט גערוט און אַבאַ איז געשטאַנען אין איר און מיט אַ שער פאַרפוצט די טיילווייז אָראָפּהענגענדיקע צוויטלעך פון דעם אויסגעאַרבעטן האָפּט — איז צוגעקומען אַ צווייטער שטיקער — מן הסתם אַבאַס אַ חבר פון אַ ווייטערדיקער מאַשין; ער איז געווען אָן היטל און מיט אַרויפגעשאַרצטע אַרבל. געהאַלטן אין האַנט אַן אָפענע פלאַש ביר און אַזוי גייענדיק, האָט ער געזופּט פון דער פלאַש. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף בנימינען און זיך פּלוצלינג געוואָנדן צו אים מיט אַזאַ מין פרעג:

— בחור, וואָס איז בעסער: אַ גוט שטיקל גמרא אָדער שלאָפן מיט אַ מיידל?

דער דאָזיקער נאַרישער פרעג פון דעם מיט דער פלאַש ביר אין מויל, איז ווייזט אויס געזאָגט געוואָרן סתם אַזוי, אַ ביסל די צונג אין מויל צו איבערקייען; די אַרום דער מאַשין זיך פאַרנדיקע, אַפילו דאָס דערוואַקסענע מיידל, וואָס האָט איצט אַריינגעזעצט אין די פאַכן נאָדלען מיט פרישע פעדעם — האָבן דערביי צו מאָל נישט די קעפּ דערהויבן פון זייער אַרבעט. גאָרנישט. נאָר אין בנימינען איז אָט דער פרעג יענעמס ווידער געווען אַ פריש רינגעלע אין דער חורבן־קייט, וואָס געשעט מיט אים דאָ אין דער שטאָט זינט ער איז אַהערגעקומען.

בנימינען איז מיט אַמאָל אַראָפּ די יום־טובדיקע פאַרהאַנג פון פאַר די אויגן. אָט דער אַבאַ און די איבעריקע דאָ, זענען דאָך אין אמתן פּראָסטע יונגען; אָט יענע יונגען אויף וועמען ער, בנימין, האָט לערנענדיק אין בית־מדרש געקוקט מיט ביטול ווי צום עם־הארץ דעם פּראָסטן יונג.

און נאָך אַ ווונד האָט דאָס גראָבע ווערטל אין בנימינען געעפנט:

„הייסט עס — האָט ער זיך מיט ווייטיק געטראַכט — אַז ישראל נח הערט זיך אָן ביי דער אַרבעט אַזעלכע מיאוסע ווערטער; ער זיצט ביי איין טישל מיט מיידלעך און הערט רעדן נבול־פּה. דער קליינער ישראל נח, וואָס האָט ווייניק געלערנט, ווייסט נאָך נישט אַז אַזעלכע ווערטער, ווען זיי דרינגען אַריין אין אויער, זענען זיי געפערלעכער און האַרבער ווי די עבירה גופא...

און דער חורבן וואָס איז טיף געלעגן באַהאַלטן אין בנימינס גע־מיט, איז אין אָט דער מינוט נאָך גרעסער געוואָרן.

ג

שבת נאָכמיטיק איז די מאַמע געגאַנגען מיט בנימינען צום פעטער לייב־חיים דעם פאַבריקאַנט. און דאָרט האָט בנימינס פאָרשטעלונג וועגן דעם רייכן פעטערס וווינונג, מער ווייניקער צוגעטראָפן דער ווירק־לעכקייט.

גרוימע, שיינע חדרים, פיין געמעבלירט; קינדער גרויסע און קליי־נע; איידעמס און שנירס, יינגלעך און מיידלעך — אַלע מיט נגידישע פנימער און שיין אָנגעטוענע.

ס׳איז געווען גאָר אַנדערש, ווי דאָרט אין שטעטל ביים פעטער יאָסל און זיין ווייב חנה; אינגאַנצן אַנדערש.

מ׳האָט בנימינען נישט פאַרהערט אין לערנען. דאָס פשטל, איבער וועלכן ער האָט די לעצטע וואָכן געהאָרעוועט, האָט ער נישט געהאַט פאַר וועמען אויסצופּאַקן. און ס׳איז בנימינען שוין קלאָר געווען, אַז זיין גאַנצע האָרעוואַניע פון די לעצטע וואָכן אין בית־מדרש אין שטעטל איז געווען אויף גאָרנישט; לחלוטין אויף גאָרנישט.

דער פעטער איז געזעסן ביים טיש אין אַ זיידן קאַפּעלע אויפן שפּיץ קאָפּ, אין אַ פיינעם שלאָפראָק; לעבן אים איז געלעגן אַ גויישע צייטונג. מיט בנימינען האָט ער זיך נישט איבעריק געפריית. ער האָט בלויז אָפּגעשטעלט אַ בליק אויף בנימינען אין די ישיבה־בחורישע מלבושים — און זיך אָנגערופן:

— איצט מוזטו זען ווערן אַ שטיקל מענטש, אַ ביסל אַרויסהעלפן דער מאַמען.

בנימין איז רויט געוואָרן און גאָרנישט געענטפערט. נישט גע־ווּסט וואָס ער דאַרף ענטפערן.

דערנאָך האָט די מומע הענע אים און דער מוטער געבעטן זיצן. מ׳האָט געטרונקען וויין און דער פעטער מיט דער שוואַרצער צוגעשווי־רענער באָרד האָט לאַנג און פאַרדעכטיק געקוקט אין זיין גלעזל וויין,

געהאַלט: דאָס קעגן דער זון, געקוקט און געקוקט, געטשמאַטשקעט מיט דער צונג און לסוף אַ מורמל געטאָן:

— דער ווײַן געפעלט מיר עפּעס נישט...

די מאַמע האָט זיך פּלוצלינג אָנגערופן צום ברודער:

— און זעסטו, לײב חיים, מיך קאָן מען אין אַזעלכע זאַכן פאַר־קויפן — בײַ מיר קומט אויס, אַז די בעסטע משקה איז אַ גלאָז טײ.

דער מאַמעס זאָג, האָט זיך בנימינען געדאַכט, איז אַ נישט־פּאַסיקער. אַלע אַרום טיש האָבן געשוויגן און אים האָט דאָס פּנים ווידער גענו־מען פלאַמען.

בנימינען איז פון אָט דעם וויזיט בײַם פעטער לײב חיים גאָרנישט געבליבן אַ חוץ דעם, וואָס די מומע הענע האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר אירע קינדער מיט אַ וויז אָן מיטן בליק: „דאָס איז בנימין דער מומע חיה־רבקהס". ווען בנימין האָט דערבײַ אַ ביסל דערהויבן דעם קאָפּ אָנצוקוקן זײַנע געשוועסטער־קינדער, האָט אויף אים איין מיידל — דאַכט זיך: טעמערל — אַ בלישטש געטאָן מיט אירע צוויי שוואַרצע אויגן, אַ פינקל געטאָן, ווי מיט צוויי אָפּגעפּוצטע שפּיגעלעך... בנימינען איז פון איר אויגן־בלישטש געוואָרן מאָדנע בײַם האַרץ. פאַר די אויגן האָבן אים גענומען גײן טונקעלע רעדער און ער האָט זיך געפילט נאָענט צום חלשן — אָט דער דאָזיקער פינקל פון טעמערלס אויגן איז בנימינען געבליבן פון דעם גאַנצן וויזיט בײַם פעטער. און ס'איז גענוג געווען.

***

די מאַמע האָט געזאָגט:

— גענוג שוין, אַז ישראל־נח מוז נעבעך פּײַנצטערן אין דער וויס־טער פאַבריק.

בנימינען האָט די מאַמע באַשלאָסן נישט צו שיקן אין פאַבריק, נאָר צו לאָזן אים לערנען פאַר אַ מוסטער־צייכענער.

אָבער אַדורכצופירן דאָס איז געווען נישט אַזוי גרינג. די צייכענערס, צו וועלכע די מאַמע האָט זיך געוואָנדן מכוח לערנען בנימינען, האָבן געוואָלט געלט און צונעמען אים אויף אַ לאַנגן טערמין. די בײדע זאַכן האָט די מאַמע נישט געקענט נאָכגעבן: געלט צו באַצאָלן האָט זי נישט און אויף אַ לאַנגן טערמין האָט זי בנימינען נישט געקענט אָוועקגעבן, ווײַל די שטוב האָט אַרויסגעקוקט אויף זײַן פאַרדינסט.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געלויפעכץ צום פעטער לייב חיים, אַ גע־בעטעכץ און אַ געוויינעכץ, ער זאָל זען אַ שטיקל טובה צו טון: דער צייכענער זאָל באַשטיין אויף לייכטערע באַדינגונגען.

בנימין האָט נישט געוווסט פון אָט דעם אַלעם. נאָר מלכה, בנימינס זיבעצניעריקע שוועסטער, וואָס אַרבעט ביים פעטער אין קאַנטאָר ביים אויסבעסערן „פלאַכטעס" — פלעגט דער מאַמען דערמאָנען אין אַ פּאַר־שטעלטער פאָרם — די מאַמע זאָל זיך נישט דערנידעריקן און אַזוי פיל לויפן אַהין, ווארום זי, מלכה, קען „זיי" שוין זייער גוט. די מאַמע אָבער האָט דאָס מאָל אויף גאָרנישט געקוקט. זי איז ווייטער טאָג־טעגלעך געלאָפן צום פעטער לייב חיים אַהיים און אין קאַנטאָר אַריין און לסוף האָט זי אויסגעפּועלט, אַז אַ דאַנק דער פּראָטעקציע פון דער פירמע „וואָלבערג און ראָזנבלום", איז בנימין אָנגענומען געוואָרן צום לערנען זיך ביי דעם זעלבן צייכענער, ווו עס לערנט זיך מנשה דעם פעטער לייב־חיימס זון, דער אַמאָליקער טויגעניש.

ס'איז אַוועק אַ וואָך, צוויי וואָכן און מער. בנימין איז יעדן אין דער פרי געגאַנגען צו דער לער. ער פלעגט אַהיימברענגען שטיקער האַרטע פּאַפּיר מיט זיין אייגענער מלאכה — אויסגעצייכנט רעדעלעך און דריי־דעלעך. די מאַמע האָט זיך געקוויקט מיט איר זונס איידעלער האַנט־אַרבעט און דערנאָך, ווען מלכה און ישראל־נח האָבן עס אויך שוין געהאַט באַקוקט און געזאָגט זייער מבינות, האָט מען די פּאַפּירן אַוועק־געגעבן סימעלען צום שפּילן זיך. און שוין! ווייטער איז בנימין נישט אַריין אין דער מלאכה. ס'האָט זיך געשלעפּט און קיין נאָענטער תכלית האָט זיך נישט געזען.

אַ לאַנגוויייליקע צייט איז דאָס געווען פאַר בנימינען. אין דער היים האָבן אַלע געאַרבעט, געהאָרעוועט, די מאַמע — אין שטוב, ישראל נח אין פאַבריק, מלכה אין קאַנטאָר — און אויף חיונה איז סיי ווי נישט געווען. און בנימינס לערער, דער „צייכענער", אַ געפּוצט יונגערמאַנ־טשיקל, אַ געלס און אין ברילעכלעך, אים איז אַפּנים גאָרנישט געגאַנ־גען דרינען, אַז זיינע תלמידים — מנשה און בנימין — זאָלן זיך גיך אויסלערנען די מלאכה.

ער האָט משמעות פאַרשטאַנען, דער יונגערמאַנטשיק, אַז ווען מנשה וועט קענען די מלאכה, וועט ער אַליין צייכענען מוסטערן פאַר דעם פאָטערס פאַבריק... ווידער בנימין, וועמען ער האָט אָנגענומען צו לער־

נען בלויז צוליב דער פּראַקטיקציע פון דער אָנגעזעענער פירמע — ווייל ער האָט נישט געקענט אָפּזאָגן, — זאָל ער טאַקע דאָ אָפּזיצן!

דער געלער יונגערמאַן איז ווייניק געזעסן אין דער היים. ער האָט אַליין אָפּגעטון זיין אַרבעט נאָך איידער די תלמידים זענען געקומען און ווען זיי זענען אַהיימגעגאַנגען... איז מען זאַלבעצווייט — מנשה און בנימין — געזעסן שעהנווייז און נישט האָבנדיק וואָס צו טון — געכאַפּט פליגן, אין זיי אַריינגעשטעקט שטרויעלעך הינטערן עקל. מנשה האָט גערעדט נבול־פּה, אַנטפּלעקט „ער־זי״ סודות...

אַזוי האָט דאָס לאַנג נישט געקענט געדויערן.

מילא, מנשה האָט נאָך געקענט באַשטיין אויף אַזאַ מין לערע: אויב דער רייכער טאַטע האָט נאָר גאָרנישט דערקעגן געהאַט, איז מנשה אויך צופרידן געווען. בנימין אָבער איז שוין נישט געווען דער וואָס מיט אַ פּאָר חדשים צוריק — אַ ישיבה־בחורל. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַן אַחריות... אָט־די איצטיקע מינוט, ווען ער זיצט דאָ פּוסט און פּאַס — האָרעוועט דער קליינער ישראל נח אין פאַבריק ביים פּעדל־טישל, אין אָוונט שלאָפט ער איין פון פאַרמאַטערטקייט מיטן ביסן ברויט אין מויל. „ביין — האָט בנימין באַשלאָסן — אַזוי טאָר דאָס ווייטער נישט גיין״.

און איינמאָל פּלוצלינג, ווען די מאַמע האָט זיך גאָרנישט געריכט דערויף און איז געווען זיכער, אָט־אָט שפּרינגט בנימין אַרויס „אַ פּאָלנער צייכענער״ — האָט בנימין צווויסן געטון, אַז... אויס! מער גייט ער נישט צום צייכענער. ער וועט גיין אַרבעטן, אַזוי ווי ישראל־נח.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט בנימינס באַשלוס אין דער היים בייז בלוט פאַרשאַפט. בנימין האָט נישט געזאָגט פאַרוואָס ער טוט דאָס — ער האָט געזאָגט קורץ, אַז אַזוי און נישט אַנדערש ווילט זיך אים.

די מאַמע האָט געוויינט. ישראל־נח, דערהערנדיק וואָס בנימין גייט טון, האָט אויף אים אָפּגעשטעלט אַ פאַרווונדערטן בליק; מלכה האָט אויפגערעגט זיך אָנגערופן:

— וואָס ווייַנט די מאַמע? — אים ציט די פאַבריק...

בנימין אָבער האָט זיך ווייטער געהאַלטן ביי דאָס זייניקע, און אַזוי איז געבליבן.

ד

גראָ און שווער, ווי אַ וואָלקן מיט קוים ליכטיקערע פּינטעלעך פון קורצע, מאָגערע שבתים, האָבן זיך געצויגן די טעג און וואָכן.

אייזיק שיניאַק — אַ דאַרער יונג מיט אַ הויכן רוקן — צו ווען בנימין איז פון אַבאָס פּראָטעקציע אַריינגעגעבן געוואָרן אַלס פּעדלער צום איינציִען פּעדעם — האָט טאַקע געהאַט די מעלה, וואָס ער אַרבעט ביים פעטער לייב־חיים אין פאַבריק און בנימינס פּאָר גילדן אַ וואָך זענען אַזויערנאָך געזיכערט געווען; — אַ חוץ דעם אָבער איז דער דאָזיקער שיניאַק געווען נישט בעסער און נישט ערגער פון אַ סך אַנדערע שטיקער־אַרבעטער. אַ גאַנצע וואָך האָט ער געהאָרעוועט ביי דער מאַשין, געיאָגט די פּעדלער און זיך אַליין, געיאָגט און געראַסלט פון פינף פאַרטאָגס ביז האַלבער נאַכט; פּרייטיק האָט ער אין קאָנטאָר אָפּגענומען דאָס פאַרדינסט פון דער וואָך, שבת — פאַרטרינקען און פאַרטאַכלעוועט אַלץ ביז אַ גראָשן, זונטיק איז ער געקומען צו דער אַרבעט פאַרכמורעט, בייז און ווידער געוומען יאָגן.

ער איז געווען נישט בעסער און נישט ערגער פון אַ סך אַנדערע שטיקערס.

...דער אַרבעטס־טאָג ציט זיך לאַנג — אַן אייביקייט; שוין לאַנג ברענען די לאָמפּן און צום אַרבעטס־סוף איז נאָך וועלטן־ווייט. ס'ווערט שפּעטער און שפּעטער, דער גאַנג פון די מאַשינען ווערט שוואַכער, די קאָלבע פאַלט אַרויס פון די מידע הענט, אויך ביי די פּעדלערס ווערן די הענט שווער ווי בליי, מיט מאַטערניש כאַפּן זייערע פינגער דעם געוועקסטן פאָדעם, ציִען אים אַריין אין דער נאָדל און פאַרשלייפן. די אויגן קלעפּן זיך; יעדעס איינציקע גליד לעכצט נאָך רו.

ערגעץ דאָ נישט ווייט ביי אַ פּעדל־טישל זינגט אַ מיידל מיט אַ פאַרשלאָפן קול; בייטאָג, בעתן גרויסן מאַשינען־גערויש, וואָלט זיך דאָס זינגען גאָרנישט געהערט, איצט ביי דער נאָכלעסיקער שפּעטנאַכטיקער אַרבעט כאַפּט אויף דאָס אויער נישט־ווי־נישט־ווען אַ פּאָר ווערטער פון עם ליד. עס רעדט זיך דאָרט וועגן איינעם, וואָס האָט צוגעזאָגט בריוו צו שרייבן און האָלט נישט קיין וואָרט...

אומעטיק קלינגט די דערמאָנונג:

גערענק נאָר, ווי די ליבע האָט געברענט
און היינט איז זי געוואָרן פאַרלאָשן —

פון דעם אומעטיקן טאָן האָלט ביים דערוועקן זיך אַ סטרונע אין בנימינס געמיט, נאָר פון פאַרמאַטערטקייט נעמט דאָס אויער גלייכגילטיק עס אויף און דאָס האַרץ וויל זיך גאָרנישט אָפּרופן און נאָר שלאָפן, שלאָפן.

קאַלט, מוטנע, ווי אַ רעגן אין אַ שפּעטער נאַכט אין האַרבסט פליסט צו נאָך אַ שטיקל פון דעם מיידלס ליד:

און גערענק נאָר, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט:
צו הייראַטן אָן אַ גראָשן. —

און די מאַשינען קלאַפּן צו אָפּגעהאַקט, נישט מיט דעם רעגולערן גאַנג וואָס בייטאָג...

סוף־כּל־סוף ענדיקט זיך די אַרבעט. בנימין, ווי דער מינדסטער פעדלער, רוימט אַוועק די מכשירים, פאַרלעשט די לאָמפּן, וואָס הענגען אַראָפּ פון יעדער זייט מאַשין — כאַפּט אויף זיך דאָס רעקל און גייט אַהיים.

אין דרויסן איז אַ ווייסע ווינטער־נאַכט. די לונגען זיינע, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג געאָטעמט די שטויביקע פאַבריק־לופט, ברייטערן זיך אויס, אָטעמען אָפּ טיף און לאַנג, דאָס אויג קוויקט זיך מיטן שניי; ס׳איז ווייס און ס׳ברענען גאַז־לאָמפּן... אַן איינציקער אַנגעפּעלצטער סטראַזשניק שפּאַצירט זיך באַזאַכט אין מיטן גאַס, אַהין און צוריק.

און מיט אַמאָל גיט אַ פלי אַוועק פון בנימינען דער אין גראָקייט, אין שטויב און אייל פאַרבראַכטער טאָג. די איינגעשלאָפענע לעבנסלוסט גיט זיך אין אים ראַפּטעם אַ כאַפּ אויף און, ווי אויסצופּרווון די כוחות זיינע, נעמט ער לויפן, „פענדזשען"; נישט כּדי וואָס גיכער אַהיימצוקומען, נאָר אָט, גלאַט אַזוי! עס טוט אים הנאה: ער לעבט און איז יונג. לויפט ער ווי אַ זשרעבעקל צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ און פאָכעט מיט די הענט אַרויף און אַראָפּ, אַזש די נאַכט־סטרוזשעס קוקן אים נאָך.

אין דער היים הייבט זיך איצט, נאָך דער אַרבעט, ערשט אָן דער טאָג. די מאַמע האָט אָנגעגרייט אויף נאַכטעסן אַ הערינג, עסט מען אים שטיקלעכווייז מיט ברויט און מען פאַרטרינקט מיט טיי.

די קליינע משפחה זיצט אַרום טיש. די מאַמע דערציילט ווי קלוג, קיין עין־הרע, סימעלע איז, גייט אַ גאַנג אין געוועלבל אַריין, קויפט איין וואָס מ׳הייסט איר און ברענגט ריכטיק אַ רעשט...

מלכה דערהייבט דעם קאָפּ פונעם בוך וואָס זי לייענט מיט התמדה. זי דערציילט, אַז אין קאַנטאָר ביי זיי איז היינט צוריקגעקומען אַ „חזרה״, טעלעכע שאַכטלען סחורה, ווייל זי טויג נישט, איז פעלערהאַפט. ראָזנ־בלום — דעם פעטער לייב־חיימס פאַבריק־שותף — האָט אָנגעגעבן מע־שים... ישראל־נח, וואָס שמט פאַר אַ פלינקן פעדלער — פרעגט זיך נאָך ביי בנימינען, ווי די אַרבעט גייט אים, צי ער שטייט נישט אָפּ מיטן איינציִען נאָדלען פון דער הויפּט־פעדלעריין, און רויִק, געמיטלעך פאַר־ברענגט מען דעם אָוונט ביז די מאַמע דערמאָנט, אַז ס׳איז צייט צו גיין שלאָפן.

נישט שטענדיק אָבער גייט אַלץ גלייך. ס׳טרעפט — און גאָר אָפט — דער נאָרמאַלער גאַנג אין שטוב ווערט פון עפּעס געשטערט: די מאַמע, סימעלע, צי עמעץ אַנדערש איז עטלעכע טעג נישט געזונט געווען און ס׳זענען דערפאַר געווען גרעסערע הוצאות. אָדער ס׳האָט געטראָפן אַז ישראל־נחן האָט אַ שטיקער אָנגעזעצט דאָס פאַרדינסט פון כמעט צוויי וואָכן — אין שטוב איז נישטאָ פאַרוואָס צו קויפן הייצונג און עסן פעלט אויך אויס. לייגט מען זיך האַלב הונגעריק, דער פוסטער מאָגן לאָזט נישט איינשלאָפן. אין אומרויִקן דרימל דאַכט זיך בנימינען אַז ער זיצט איצט אין פאַבריק ביים טישל און פאַר אים ליגט אַ בערגל נאָדלען — כאַפּט אים מיט אַמאָל אָן אַ שרעק: „וואָס שטיי איך עפּעס מיט די הענט?״ — און ער נעמט אַרבעטן, באַוועגן מיט די הענט ווי ביים איינ־ציִען נאָדלען... ישראל־נח קען אפנים אויך נישט שלאָפן צוליבן פוסטן מאָגן. אַלע ווײַלע וואַכט ער אויף, פּלוצלינג זעצט ער זיך גאָר אויף אין בעט און מיט אַ דערשראָקן קול רעדט ער פון שלאָף:

— אוי, מ׳דאַרף אויפשטיין!... מאַמע, ווי שפּעט איז שוין? — ביז ער שלאָפט ענדלעך פעסט איין.

און ווי אויף צו להכעיס האָבן זיך איצט געמאַכט גרויסע קרירות. אין עלנטן דינוועגטלדיקן שטיבל שלאָגט אַדורך דער פראָסט. די ווענט זענען ווי באַצויגן מיט גלאָז, אַזוי זעען זיי אויס. אין בעט ביי דער וואַנט לייגט די מאַמע אונטער יעדן אָוונט פאַרשידענע מלבושים, די קינדער זאָלן זיך נישט דערקילן.

פּאַרטאָגס, ביים אויפשטיין, איז אין שטוב אַזוי קאַלט אַזש עס קלימפּערן די ציין. עפּנט מען דאָס מויל, זעצט אַרויס אַ פּאַרע ווי פון אַ זודיקן קעסל. די מאַמע קוקט אויפן פאַרפרוירענעם פענצטער, וואָס די שייבלעך זיינע זעען אויס ווי באַצויגן מיט אַ קלאָר־ווייס האַריק פעי־לעכל און מיט פינקלדיקע בריליאַנטן — זי קוקט צום פענצטערל און האַלט אין איין אונטערזיפצן...

נאָר אָט זענעןביידע שוין אָנגעטון, יעדער נעמט אויפן האַלדז אַ „פלאַכטע", פון די פלאַכטעס וואָס מלכה ברענגט אַהיים „אויסצובעסערן". זיי הילן זיך איין אין דער נאָך מיט רויע שטיקערייען אויסגעאַרבעטער אַכט איילנדיקער פלאַכטע, וועלכע נעמט זיי אַרום עטלעכע מאָל, לעשן אויס דאָס לעמפּל און גייען אַוועק מיט אַ שטיקל ברויט אין טאַש, אַן אָפּגעשפּאַרטס פון נעכטיקן נאַכטעסן.

אין דרויסן קערט זיך די וועלט, אַ זאַווערוכע בושעוועט און פייפט, טראָגט אַן גאַנצע זיילן שניי־שטויב.

בנימין און ישראל־נח שלעפּן זיך איינגעבויגן ווי די זקנים. אויפן האַלדז און אַרום די פּלייצעס וואַרעמט די פלאַכטע, זי היצט אַזש, אין דער נאָז קריכט דער געררוך פון שיטערע זייף — מיט וואָס די פעדעם ווערן געשמירט איידער זיי קומען אין דער מאַשין אַריין — ס'ווילט זיך פון דעם געררוך ניסן און אויפן ניכטערן הונגעריקן מאָגן איבלט עס.

מ'רעדט צווישן זיך קוים געציילטע ווערטער און די ווערטער זע־נען סאַמע בייטיקע, ווינציקע און ערנסטע... די שווערע פּראַצע און דחקות האָבן אין וואָסערע פאַר וואָכן געמאַכט פון די יונגלעך ערנסטע, באַזאָכטע זקנים, באַלאָדנט מיט שווערע דאגות.

ישראל־נח זאָגט:

— ביי אונדז איז היינט אַ שלעכט מוסטער, פרעסט אַריין אַ סך גאַרן. מ'וועט מוזן יאָגן.

בנימין, וואָס איז נאָך נישט אַזאַ פלינקער פעדלער, באַמערקט:

— יאָגן מוז מען זיך שטענדיק, אַלע טאָג.

און אַז זיי קומען צום אָרט, ווו זייערע וועגן שיידן זיך, צעגייען זיי זיך שווייגנדיק.

אין פאַבריק האַלט מען לאַנג די פאַרשטאַרטע הענט אַרום די וואַ־רעמע לאָמפּנגלעזלעך, די שטייף־געפרוירענע פינגער באַוועגן זיך שווער, טייען זיך זאַכטע אויף. דער שטיקער האָט לייכטער: ער דרייט די קאָלבע

נישט בלויז מיט די פינגער, נאָר מיט דער גאַנצער האַנט. ער דער־וואַרעמט זי גיך. זעענדיק ווי די פעדלערס שטייען מיט די הענט אַרום דעם לאָמפּנגלעזל, קומט ביי אים אויס אַז זיי זענען פוילן, ס׳גליסט זיך זיי נאָך נישט צו זעצן זיך צו דער אַרבעט, הייבט ער באַלד אָן מיט ירגזון:

— אַ סוף, אַ סוף, גענוג שוין געוואַרעמט זיך!...

***

ציִען זיך די איינטאָניקע טעג ווי לאַנגע גראָע שנירן. דאָס ליכטיקע פּינטעלע, צו וועלכן די מידע אויגן צילן, איז דער פרייטיק־צונאַכטס און דער שבת־טאָג...

אַ מאָל קומט דער פעטער לייב־חיים. ער זיצט אַ פּאָר מינוט, ווי יוצא צו זיין, אָפּצופּטרן עפּעס אַ חוב און גייט באַלד אַוועק, צוזאָגנדיק ווידער צו קומען; טיילמאָל קומען זיינע קינדער, די אויסגעגעבענע טאָכטער לאה און אַ מאָל אויך די כלה־טאָכטער אסתר מיט די רויטע באַקן.

אין שטוב ווערט מיט זייער אַריינקומען, ווי ליכטיקער. די מאַמע ווערט הייטערער, שאַרט זיך אַרונטער די גראָע האָר, בעט זיי זיצן. זי רעדט צו זיי דוצנדיק, ווי צו ברידערנקינדער. נאָר פּאָרט מיט רעספּעקט און דרך־ארץ.

אַזוי לאַנג ווי זיי זענען דאָ אין שטוב, פילט זיך ווי זיי וואָלטן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ ליכט־שטראַל פון יענער גליקלעכער שטוב, פון וואַנעט זיי קומען.

דערפאַר, ווען זיי גייען אַוועק, בלייבט מען ווי אָפּגענאַרט. ס׳פאַר־דריסט עפּעס, צו וואָס זיי זענען גאָר אינגאַנצן אַהער געקומען. נאָך זייער אַוועקגיין פילט זיך דאָ נאָך מער און נאָך פיינלעכער די אָרעמקייט. און די נויט דריקט דאַכט זיך, נאָך מער, ווי פאַר זייער קומען.

און אָט איז שוין ווידער וואָך. דער שבת — אַוועק; עפּעס געדויערט דער שבת־טאָג אַ סך ווייניקער ווי אַן אַנדערער טאָג... ווידער איז וואָך און ווידער גייט מען איינגעהילט אין די פּלאַכטעס צו דער אַרבעט.

ה

סוף־כל־סוף איז דער ווינטער אַוועק. ס׳איז אָנגעקומען פּסח. בנימין און ישראל־נח האָבן זיך אַ כאַפּ געטון צו די אַכט טעג — פרייע טעג, אינגאַנצן פריי, אָן פאַבריק — אַזוי גיריק, ווי דער להוטער שכור באַפּט זיך צו צום פלעשל בראָנפן.

די מאַמע האָט נישט געקענט מאַכן קיין נייע מלבושים אויף יום־טוב און אין די אַלטע רעקלעך — אויסגעוואַקסענע, אָפּגעטראָגענע — נאָך פון שטעטל — איז געווען אַ בושה זיך צו ווייזן אין גאַס אין אַ טאָג ווען מען אַרבעט נישט. אין דער היים זיצן גאַנצע טעג האָט זיך אָבער אויך נישט געגלוסט, איז מען געלאָפן הינטער דער שפּיטאָל־געביידע. דאָרט פליסט אַ טייך, וועלכער שניידט אַדורך די שטאָט. איז מען געזעסן אויפן ברעג, געקוקט ווי די קליינינטשקע, ערשט נעכטן געבוירענע פישעלעך שטיפן אַזוי אַרום אין וואַסער. אָט איז איינס, אָט נאָך איינס... טוט עס אַ הייב דאָס קעפּעלע שיף אַרויף, אַ ריר דאָס עקעלע, אַ ריר אַהין, אַ ריר אַהער — און נישטאָ שוין...

די פרייע ליכטיקע וועלט האָט אָבער נישט געלאָזט רוען. ס׳האָט געטראָפן, אַז נישט קוקנדיק גאָר אויף די אָפּגעטראָגענע מלבושים, האָט אַזוי שטאַרק אַ ציִ געטון, אַז די ברידער זענען מיט אַ מאָל אין אַ מיטן יום־טוב־טאָג אַוועק אין פּאַרק. דאָרט האָבן זיי געזען אויפגעשיטע וואַלן צום שפּאַצירן, קלאָרע טייכלעך, וועלדלעך, לאַנגע געהיימע אַלייען...

חול־המועד איז אייזיק שיניאַק געקומען זיך דערוויסן צי בנימין וועט נאָך יום־טוב קומען אַרבעטן. בנימין האָט פאַרעלייגט זיינע באַדינ־גונגען: בעסערן די שכירות און צולאָזן צו דער מאַשין — לערנען אַרבעטן. ס׳איז אַוועק אַ געאַמפּעריי. לסוף איז געבליבן, אַז בעסערן די שכירות — דערווייל נאָך נישט, נאָר דערפאַר — לערנען אַרבעטן.

ישראל־נח האָט זיך אויך געפונען אַ „שטעל״. ער האָט געקריגן געבעסערט די שכירות; אָבער וועגן צולאָזן אים צו דער מאַשין איז נישט געווען צו רעדן. ער איז נאָך צו קליין, גרייכט נאָך נישט אַרויף צו דער קאָלבע.

זומער־צייט איז די אַרבעט ווי געוויינלעך געווען אויך שווער, דאָך איז זי שוין נישט אַזוי אומגעהייער געלעגן אויפן געניק.

פאַרנאַכט, ביים אַהיימגיין, איז אָפט מאָל נאָך געווען אַ שפּריץ טאָג... איבערהויפּט איז בנימין שוין געווען מער צוגעוווינט צו דער פאַבריק. דער עול האָט אים שוין דורכגעברענט. און פון אַמאָליקן „חורבן" איז אין אים נישט געבליבן קיין שפּור.

נישט נאָר ער האָט איצט רויק געהערט רעדן נבול־פּה, ער האָט אויך צוגעזען זאַכן, וואָס קומען פאָר צווישן די שטיקערס און מיידלעך פּעדלערינס, שרעקלעכע זאַכן און — גאָרנישט; אפשר איז עס געווען אַזוי צוליב דער פאַרמאַטערנדיקער אַרבעט; אפשר צוליב די שטענדיקע חיונה־דאגות פון דער היים, און אפשר האָט דערין געהאַט צוזאָגן זיין אָפּגעהיטענע דערציִונג; ער האָט געהערט רעדן רויע רייד און נישט געוואָלט באַנעמען וואָס ער הערט. ער האָט צוגעקוקט זאַכן און גאָרנישט געזען.

אָט, למשל: אַז טעוול קנאָפּ, דער ראש פון די ווילדע יונגען, וואָס אַרבעט אין זעלבן זאַל, אַראָפּ־צו דאָרט, אויף דער מאַשין, טוט אַמאָל אַזוי פאַרבייגייענדיק, גראַב אַ פאַרטשעפּע דאָס מיידל ביי בנימינס טישל, ווו ער זיצט און פּעדלט — און נאָך מיט אַ מיאוס ווערטל פאַר אַ צולאָג — האָט דאָס אין בנימינען גאָרנישט דערוועקט, אַקוראַט ער וואָלט געווען פון האָלץ.

און דאָס לעבן אין פאַבריק גייט זיך איינטאָניק. איין טאָג גלייך ווי דער צווייטער, איין וואָך — ווי די אַנדערע.

די ערשטע צוויי טעג נאָכן שבתדיקן רו־טאָג פון דער וואָך האָבן געוויינטלעך די פּעדלערינס זיך אָנצודערציילן, ווער עס „גייט" מיט וועמען, ווער עס זאָל אַ חתן ווערן, ווער עס האָט אָוועקגעוואָרפן זיין מיידל און וועמען דאָס מיידל האָט אָוועקגעוואָרפן, און פאַרוואָס זי האָט דאָס געטון.

די דאָזיקע „געשעעענישן" ווערן אַדורכגעשמועסט ברייט און מיט אַ סך ערנסט, אָפטמאָל מיט קנאה. טייל מאָל נעמט אויך דער שטיקער ביי דער מאַשין דרין אַ וואָרט... און דינסטיק און מיטוואָך לעבט מען שוין מיט דער האָפענונג און מיט פּלענער אויף דעם אָנקומענדיקן רו־טאָג, וועלכער געפאַרט פונקט אַזוי און פאַרפליט ווי די פאַרגאַנגענע שבתים.

אין די פרימאָרגן־שעהן פאַרשפּעטיקט זיך אָפט אַ פּעדלערל, און ווען עס דאַכט זיך אַז ער וועט שוין היינט נישט קומען צו דער אַרבעט, ברענגט די מוטער מיט אַ מאָל אַריינצושלעפּן דעם זיבניעריקן פאַר־דינער. דאָס קינד וויינט, כליפּעט, רייסט זיך פון דער מוטערס הענט,

וויל צוריק אַהיימלויפן אַ ביסל נאָך שלאָפן, אָדער גאָרנישט גיין אַרבעטן, און די מוטער שלעפּט אים צו צום פּעדל-טישל מיט אַ בייזן זאָג, ווי אַ דערוואַקסענעם:

— פּרעסן ווילסטו? אַז מען וויל פּרעסן, מוז מען פאַרדינען!

אָפּטערס טראָגן זיך דורך קורצע נייעסן: אויף דעם און דעם שטאָק האָט אַ פּעדלער אַראָפּגעשלונגען אַ נאָדל; איינער איז אַראָפּגעפאַלן פון דער מאַשין און זיך דעם קאָפּ געשפּאָלטן. קורצע נייעסן, אַלטעגלעכע און נישט אינטערעסאַנטע. דורכלויפנדיק דערציילט מען און מ׳פאַרגעסט עס גלייך.

עטלעכע טעג איז אייזיק שיניאַק נישט געקומען צו דער אַרבעט. די פּעדלערס זענען ליידיק געגאַנגען. בנימין האָט זיך אַרומגעדרייט אין די גאַסן, אַריינגעקוקט אין די פענצטער פון פאַבריקן, געגאַנגען אַ ביסל צוהעלפן ישראל-נחן ביי זיין קרוב אַבאַ אין פאַבריק, און ווידער אַרומ־געקראָכן אין די גאַסן און נישט געהאַט ווו דעם לאַנגן טאָג אַהינצוטון.

ס׳איז אים מיאוס געוואָרן אַרומגיין ליידיק. ווען שיניאַק איז לסוף געקומען אין פאַבריק, האָט זיך בנימין מיט אַן אויסגעהונגערטן חשק אַ כאַפּ געטון צו דער אַרבעט.

נאָר גרויסאַרטיק איז געווען דאָס אַרבעטן אויף דער מאַשין. דאָס איז געווען דאָס העכסטע צו וואָס בנימין האָט געשטרעבט.

ס׳איז געווען גוט צו טראַכטן: אָט דער בנימין, וואָס קוים מיט איין יאָר צוריק איז ער נאָך געזעסן אין בית-מדרש, געקוועטשט די באַנק און איז געפּייניקט געוואָרן פון פעטער יאָסל און זיין ווייב חנה, געקליבן דאָרט ברעקלעך און געמוזט נאָכקומען זייערע קאַפּריזן — היינט זיצט ער ביי אַ מאַשין און אַרבעט: אַ דאַנק זיין האַנט באַוועגן זיך אַלע רעדער; לויט זיין פירן דאָס לאַנגע אייזן מיט דעם „טייטער" איבער דעם מוסטער, נייט זיך אויס אויף דעם אָנגעשטייפטן שטאָף דאָס אַלץ, וואָס עס איז געצייכנט אויפן פּאַפּיר.

יאָ, ס׳איז גוט צו פילן אין זיך די מאַכט איבער אָט דער גרויסער מאַשין, און לויט דיין קאָמענדע זאָלן די פּעדלערס זיך איילן צו טון וואָס דו באַפעלסט.

אָט דאָס אַרבעטן אויף דער מאַשין מאַכט בנימינען שוין ליב אַלצ־דינג, די גאַנצע פאַבריק.

אָבער נישט אָפט לאָזט אים שיניאַק צו צו דער מאַשין. ס׳טרעפן

טעג — און צו עטלעכע טעג, ווען די מוסטערן זענען „שלעכטע״, דאַרפן אַ סך גאַרן, און ס׳איז נייטיק די אַרבעט פון אַלע פעדלערס ביים טישל; אַלע אַרבעטן און פונדעסטוועגן באַווייזט מען נישט פאַרטיק צו מאַכן דעם פרישן קאָמפּלעט פעדעם, איינצוציִען זיי אין דעם גאַנצן סכום נאָדלען. די פעדלערס האָרעווען, האָבן אַפילו נישט קיין צייט אָפּצווישן דעם שווייס פון שטערן. דעמאָלט גייען אַדורך טעג און טעג און בנימין גייט נישט צו צו דער מאַשין, ווערט ער נידעריק און בטל ביי זיך אין די אויגן און די אַרבעט ווערט אים לעסטיק.

***

זומער־צייט גייט געוויינלעך די אַרבעט מיט ווייניקער ברען. אין די גרויסע היצן טרעפט אָפּטער אַז דאָ און דאָרט שטעלט זיך אָפּ אַ מאַשין. דער שטיקער איז אַוועק אויף אַ האַלבן, צי גאָר אַ גאַנצן טאָג געניסן פון שיינעם וועטער. אין קאַנטאָר זאָגט מען געוויינלעך אַ תירוץ: „די הויפּט־פעדלערין איז מיר קראַנק געוואָרן״, אָדער עפּעס אַנדערש. ס׳רוב גייט עס אַדורך.

אַפילו אייזיק שיניאַק, וואָס שמט פאַר אַ ראַסלער, אַ יאָגער און האָט דערפאַר באַקומען דעם צונאָמען „שלעפּ־פערד״; אַפילו ער, שיניאַק, נעמט זיך אַמאָל אין אַ שיינעם טאָג אַזאַ „אורלויב״. ער גייט מיט קאָלעגן אַרויס קיין סטזשעלניץ הוידענען זיך אויף דער „הושטאַווקע״, פאָרן אויף דער קאַרוסעלע.

דערפאַר אַז עס קומט אַ טאָג פאָרן אויסצאָלונג און „שטיק״ זענען ווייניק פאַרטיק, נעמען געלט וועט נישט זיין פאַרוואָס, און אין דער היים דאָס ווייב אָדער מאַמע און דאָ די פעדלער וועלן רייסן די פּאָלעס, שרייען געלט — כאַפּט מען זיך ערשט דעמאָלט מיטן גאַנצן ברען צו דער אַרבעט. אַלע זענען אויפן אָרט און אַלע מאַשינען באַוועגן זיך, לויפן גיך; אַפילו טעוול קנאָפּ, וואָס דער „אסרו־חג״ נאָכן שבת געדויערט ביי אים אָפּט דריי מאָל אַזוי לאַנג ווי דער שבת אַליין, איז היינט אויפן פּלאַץ און דרייט די קאָלבע מיט התמדה.

דעמאָלט באַוועגן זיך אַלע מאַשינען. פון זיך אַליין שטעלט זיך איין אַ ריטעם. דאָס גאַנצע געקלימפּערייי פון „בויערס״ און „שטופּלען״ גייט

ווי לויט אַן איינגעשטודירטן סדר, ווי אין אַן אָרקעסטער אַזעלכן, אַ הונדערט פּאַכיקן אָרקעסטער מיט פויקן און טאַצן... דאָס גאַנצע הויך־שטאָקיקע הויז מיט אירע פופציק מאַשינען, גרויסע און לאַנגע ווי די הייזער בראַזגעט, טומלט און קלימפּערט רעשיק און דאָך נישט כאַאָטיש־ווילד.

זיצנדיק אין מיטן פון אָט דער ריזיקער סימפּאָניע פאַרגעסטו מיט אַ מאָל אָרט און צייט, פאַרגעסט אַז די ווענט און באַלקן זענען דאָ פול מיט שפּינוועבס און שטויב. ס׳דאַכט זיך דיר אַז ווייט, ווייט און ברייט, די גאַנצע וועלט איז אָנגעשטעלט מיט רייען, רייען מאַשינען און אַלע, אַלע מענטשן זיצן ביי מאַשינען און יעדער גיט צו זיין טאָן צו אָט דעם ריזיקן אָרקעסטער.

און נישט צוליב געלט, דאַכט זיך דיר, ווערט דאָס געטון, נישט כדי צו פאַרדינען אויף ברויט. ניין! — דאָס איז אַן עבודה אַזעלכע, אַ מעכטיקער הימן צום באַשעפער פון דער מאַשינען־וועלט.

אָבער ס׳מאַכט זיך אַ מאָל עפּעס אַ סיבה, וועלכע פאַרבינדט אַלע אַרבעטער, ברענגט זיי צוזאַמען אויף איין אָרט: מ׳וויל אין קאָנטאָר רייסן דעם פּרייז, אָדער נאָך אַן אויסצאָלונג, ווען מ׳האָט יעדן „געשונדן די הויט״, געמאַכט אומגערעכטע „אָפּצוגן״ און קיינער ווייסט נישט פאַרוואָס מ׳האָט אים באַריסן — קומט זיך צוזאַמען אַ הייפל אַרבעטער. דעמאָלט איז צו זען די פאַרשיידנקייט פון אָט די מענטשן, פונקט ווי ס׳זענען די פאַר־שיידנסטע לאַטעס, וואָס טרעפן זיך צוזאַמען אויפן מלבוש פון אַרבעטער, צוזאַמענגעהאָפטן פון פאַרשידנאַרטיקסטן נישט געקליבענעם שטאָף: אַזעלכע וואָס קומען פון דער בית־מדרש־באַנק, אָדער פון דעם שווערס קעסט און וואָלטן זיך געפּאַסט פאַר כלי־קודש אין אַ קהילה, ביז — אַ טעוול קנאָפּ, וואָס טראָגט ברייטע הויזן מיט געהאַקטע טאַשן און נעמט באַצאָלט, ווען אַ „פרייער״ וויל גיין מיט אַ מיידל.

שטייט אין אַ ווינקל־זאַל אַ הייפל אַרבעטער, שטייען און ציילן די „ווונדן״, וואָס מ׳האָט זיי געמאַכט היינט ביים אויסצאָלן — עלטערע זע־נען טאַטעס פון קינדער, מיט געלע אויסגעמוטשעטע פּנימער, געבויגענע רוקנס און אַראָפּהענגענדיקע הענט, און בחורים נאָך מיט אַ בלישטשל אין אויג, אָבער אויך שוין מיט בלאַסע, אָפּגעצערטע באַקן, וואָס די פּיאַווקע, דער זעכצן־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג זויגט אויס פון זיי דאָס בלוט.

אָנקוקנדיק דעמאָלט זייערע פּנימער ווערט גראָ און שווער אויפן געמיט, און ס׳ווילט זיך, זיי זאָלן וואָס גיכער צוריקקערן יעדער צו זיין מאַשין, און ווייט און ברייט אַרום זאָל ווידער רוישן און בראַזגען דער ריז, די פאַבריק, פאַרטרינקען אין זיין מעכטיקן הילך דעם איינצלנעם, דעם אָפּגעמאַטערטן, דערשלאָגענעם.

ו

אין די פאַבריקן ברעכן עפּטערס אויס געשלעגן צווישן די אַרבעטער, ס׳רוב טרוקענע — אויף פויסטן, נאָר טיילמאָל אויך בלוטיקע. ס׳האָט שוין געטראָפן, אַז מ׳האָט געמוזט ברענגען פּאָליציי, „סטראַזשניקעס״, זיי זאָלן מיט כוח איינשטילן אַזאַ געשלעג.

ישראל־נח, וואָס איז שוין לענגער הי און האָט זיך שוין אויך איינגע־שאַפט חברים, וויס צו דערציילן פון אַ געשלעג, וואָס איז פאַרגעקומען ערגעץ אין אַ פאַבריק צווישן די שטיקערס, און פאַרוואָס עס איז אויס־געבראָכן.

אַבאָ, ווען ער קומט אויף זיין יעדן שבתדיקן וויזיט, וואָס די גאַנצע צייט פון זיין דאָ זיין רעדט ער נאָר פון פאַבריק — דערציילט ער טייל־מאָל פון אַ געשלעג אין דער פאַבריק און ווי דאָס געשלעג איז צוגע־גאַנגען. און געהערט האָט ער דאָס דערציילן נעכטן, פרייטיק־צונאַכטס, אין פאָליש פון שול... פרייטיק־צונאַכטס ווען דרינען, אין שול, איז מען מקבל־שבת — ווערט אין האַלב פינצטערן פאָליש אָפּגעהאַלטן אַ מין אַר־בעטער־בערזע מיט אַ קלוב צוזאַמען: מ׳עסט באַניעקערן, מ׳שטיפּט אַרום און מ׳רעדט אַרום פאַבריק־נייעס פון דער פאַרגאַנגענער וואָך...

ווען אַבאָ דערציילט וועגן אַ גרויס געשלעג, וואָס איז פאַרגעקומען אין אַ פאַבריק, ווערט די מאַמע טויט בלאַס, — אַז אַזעלכע רוצחישע מעשיות זאָלן גאָר פאַרקומען צווישן יידן און אירע קינדער קען נאָך אַמאָל אויך אויסקומען אַזעלכעס ביזצוווינען! מלכה ווינקט דעמאָלט צו אַבאָן, ער זאָל שוין אויפהערן דערציילן, די מאַמע קען דאָס נישט הערן, ס׳מאַכט איר קאָפּ־ווייטיק, נאָר אַבאָ תם כאַפּט זיך נישט באַלד, וואָס מלכה מיינט, ביז ער באַנעמט ענדלעך דעם ווונק, האָט ער שוין נישט וואָס צו פאַרשווייגן, ווייל ער האָט שוין אַלץ אַראָפּגערעדט.

אין פּעטער לייב־חײמס פֿאַבריק, ווו בנימין אַרבעט, דערציילן די פּעדלערס, איז אויך אַמאָל אויסגעבראָכן אַ גרויס און בלוטיק געשלעג. דאָרט אויף אַ שטאָק העכער אַרבעט אַ שטיקער, איינער אַ לאַנגער יונג מיט אַ שופר־נאָז, ער הייסט קריידע און האָט אַ שם פֿאַר אַן אונטער־לעקער. ווו נאָר עפּעס, טראָגט ער דאָס באַלד אָפּ אין קאָנטאָר. אָט דער פֿאַסקודנער קריידע האָט אַמאָל געקריגן די ביינער אָנגעבראָכן פֿון איי־נעם אַ שטיקער, וועלכער אַרבעט שוין נישט דאָ — יענער האָט אים חושד געווען, אַז קריידע האָט אים געמסרט בכן ער אַרבעט נישט אויס דעם גאַנצן גאַרן, נאָר ער פֿאַרקויפֿט אים. אָבער זינט דער קאָנטאָר גע־פֿינט זיך אין זעלבן הויז, ווו די פֿאַבריק, קומען מער נישט פֿאָר קיין געשלעגן. ביי אַ ליאַדע מחלוקהלע צווישן די שטיקערס, לויפֿט באַלד איגנאַצי דער סטרוזש צווויסן טון אין קאָנטאָר. ראָזנבלום אָדער עמעץ אַן אַנדערער קומט גלייך צולויפֿן, און דאָס געשלעג ווערט איינגעשטילט ביים סאַמע אָנהייב.

פֿון דעסטוועגן, אַז עס זאַמלט זיך אַ מאָל אָן גענוג מחלוקה־לופֿט, קען דער קאָנטאָר אויך נישט שטענדיק העלפֿן. אַזוי איז איינמאָל פּלוצלינג געקומען דערצו, אַז עס האָט געהאַלטן ביים אויסברעכן אַ גרויס געשלעג, אַן אמתע מלחמה...

אויף דער זעלבער מאַשין, ווו עס האָט געאַרבעט דער מיטן בלאַס־טויטן פּנים, וואָס האָט אינגאַנצן געמוזט אַוועקלייגן די שטיקעריי־אַרבעט און גייט יעדן נאָכמיטיק מיט אַ גלאָז אין שעכט־הויז אַריין, האַלט עס אונטער די העלדזער פֿון די אָקאָרשט געשאָכטענע בהמות און טרינקט דאָס וואַרעמע בלוט, אַלס רפֿואה צו זיינע צעפּוילטע לונגען — אויף אָט דער מאַשין איז פֿאַר עטלעכע וואָכן אָנגעקומען אַרבעטן איינער הערש קופּער — אַ בחור נישט קיין הויכער, אַ דאַרער, מיט צוזאַמענגעוואַקסענע שוואַרצע ברעמען. דער דאָזיקער בחור, שמועסט מען, איז אַ גוטער בעל־מלאכה. ער איז אַ שווייגנדיקער; אַלס הויפּט־פּעדלערין אַרבעט ביי אים זיין אייגענע שוועסטער, און דער פֿאָטער, וואָס ברענגט אים און דער שוועסטער יעדן אין דער פֿרי אָנבייסן, איז אויך אַ דאַרער, אַ ביסל אַן איינגעבויגענער ייִד מיט אַ גראָער באָרד. שווייגנדיק שטעלט ער אַוועק אויפֿן טישל די באַנקע קאַווע און דאָס קערבל עסן און גייט אַוועק, אָנ־זאָגנדיק טעגלעך דעם זון:

— הערש, געדענק וואַשן זיך צום עסן.

מאַכט זיך, אַז הערש קופער האָט איינמאָל אָנגעטראָפן, ווי טעוול, — דער ווילער יונג טעוול קנאָפּ, וואָס נעמט אָפּגעצאָלט געלט פון פרייערס פּאָר מעגן גיין מיט אַ מיידל און טראָגט אַ כוואַטסקע גזשיווקעלע — האָט אין אַ ווינקל־זאַל פאַרטשעפּעט קופערס שוועסטער, אַ טונקלהויטיק מיידל. ער האָט נישט קיין חשק געהאַט זי אַזוי גיך לויז צו לאָזן פון זיינע הענט. דעמאָלט האָט הערש קופער אַראָפּגעלאָזט טעוולען אַ פּאָר הילכיקע פּלעם אין פּיסק אַריין און באַפרייט זיין שוועסטער.

טעוול אָבער איז נישט געווינט שווייגנדיק אַראָפּצושלינגען פּעטש און נאָך פון וועמען? פון אַ „לאַפּטשוד" אין אַ קאַפּאָטע. האָט ער זיך צוריק אַ לאָז געטון מיט די הענט אויף קופערן.

און אַזוי ווי טעוול איז אַן „אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט", נישט נאָר דאָ אין פאַבריק אַליין — האָט זיך באַלד איבער דעם גאַנצן הויז, איבער אַלע שטאָקן, איבער אַלע זאַלן און מאַשינען צעטראָגן דאָס נייעס, אַז אויפן ערשטן שטאָק קומט פּאָר אַ געשלעג: טעוול שלאָגט זיך...

שוין דאָס דערמאָנען „טעוול", איז גענוג געווען, אַז פון אַלע שטאָקן און פון אַלע מאַשינען זאָל אַפילו דער להוטסטער אַרבעטער לאָזן אַלץ שטיין און לויפן זען וואָס דאָרט טוט זיך.

טעוול האָט דאָ אין פאַבריק חברים, זענען זיי אַלע געקומען צולויפן. טאָמער וועט נייטיק זיין מציל צו זיין דעם „קאָמעראַד", אָדער העלפן שלאָגן זיין קעגנער; זיי זענען געקומען ווער מיט די ליידיקע אַרויפגעשאַרצטע הענט און ווער מיט עפּעס אַ כלי; אייזיק שיניאַק איז געקומען צולויפן מיטן „טרייבער" — אַזאַ גרויס קרום אייזן. קופער אָבער האָט אַ חוץ דעם אַלטן האַלב־טויבן פּראָפּער מיט די שווערע ברילן אויף דער שפּיץ נאָז, וועלכער האָט געפרווט מיט גוטן איינשטילן דעם צעקאָכטן טעוול, קיינעם נישט געהאַט וואָס זאָל זיך פּאַר אים איינשטעלן. נאָר אַז די שוועסטער זיינע האָט אָנגעהויבן יאָמערן און שרייען, צוזעענדיק וואָס פּאַר אַ סוף איר ברודער וועט דאָ נעבעך האָבן, זענען אים צוהילף געקומען יואל פאָנטשער, וועמען מ'רופט „פילאָזאָף", ווייל ער לייענט ביכלעך, און יוסף גרינשפּאַן, אויך אַ לאַנגראָקיגער, אַ געוועזענער ישיבה־בחור. אַ חוץ אַלע שטיקערס איז געווען אַן אָנגעלויף פון פּעדלערינס און אַפילו פון איגנאַצי דער סטרוזש...

צו קיין גרויס געשלעג איז אָבער פאַרט נישט געקומען, וואָרן ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט, אָנגעשטרענגט איין מחנה קעגן דער צווייטער,

און צווישן די צוויי מחנות, אין דערמיט — די הינטערשטע וואַנט פון דער מאַשין; ווען די לייסטן און אייזנס האָבן זיך שוין געהויבן איבער די קעפּ; די נעז האָבן שוין געסאַפּעט, דאָס געפּילדער איז געווען גרויס, און ווער־נישט־ווער האָט דערווייל שוין פאַרזוכט אַ זעץ — איז מיט אַמאָל אָנגעלאָפן ראָזנבלום, דער צווייטער פאַבריקאַנט. מיט איין געשריי האָט ער אָפּגעשטעלט דעם ליאַרעם, מיט דעם צווייטן — צעטריבן דאָס אָנגעלויף. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אייליק לויפן איבער די שטיגן. ווער אַרויף און ווער אַראָפּ, יעדער אויף זיין שטאָק, צו זיין מאַשין און דאָס געשלעג איז אַזויערנאָך איינגעשטילט געוואָרן.

דאָס געשלעג האָט מער נישט אויסגעבראָכן. יעדער איז זיך צוריק געזעסן ביי זיין מאַשין און געאַרבעט. נאָר טעוול, ווייזט אויס, האָט דאָס זייניקע נאָך נישט געהאַט אויפגעגעבן; אינעווייניק אין אים איז נאָך געלעגן דער כעס — אמת, שוין אַן אָפּגעקילטער, אָבער נאָך אַ האַרטער ווי אייזן און אַ לויערנדיקער. אין אַ וואָך אַרום, ווען קופּער איז געקומען, ווי געוויינלעך, אין דער פרי צו דער אַרבעט, זיך אויסגעטון און צוגעגאַנגען אַרבעטן — דעם ערשטן טריט געגעבן אויף דעם „שעמל“ און אָנגענומען די קאָלבע אַרויסצופירן דעם „וואָגן“ — האָט עס געטון אַ זעץ ווי אַ דונער, און די קאָלבע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

די מאַשין איז געווען „פאַרשרויפט“. אַפּנים, ביינאַכט איז דאָס געמאַכט געוואָרן. ווער דאָס האָט געטון, האָט מען זיך אויך משער געווען. נאָר גערעדט האָט קיינער גאָרנישט. דער סטרוזש אַפילו האָט געצויגן מיט די פּלייצעס: ער ווייסט נישט.

קופּער איז נישט געגאַנגען וועגן אַ מאָנטיער, וואָס זאָל אים צוריקשטעלן די מאַשין. ער איז אַפילו נישט געגאַנגען מעלדן אין קאַנטאָר. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער מאַשין, געזעסן, געקוקט און געטראַכט.

אַ שעה נאָך אַ שעה איז אַוועק. די פּעדלערס זיינען, נישט האָבנדיק וואָס צו טון, האָבן זיך צעשפּרייט איבער די אַנדערע מאַשינען, זיך צוגעזעצט צו אַנדערע פּעדלערס שמועסן אַ ביסל. קופּער איז אַלץ געזעסן מיטן גרויסן מאַשין־שליסל אין האַנט און געטראַכט.

דער פּאָטער האָט געברענגט אָנבייסן, אַנידערגעשטעלט דאָס קריגל קאַווע און די שטיקלעך ברויט, — קופּער איז נישט צוגעגאַנגען אָנבייסן. ער איז ווייטער געזעסן ביי דער מאַשין. געשרויפט שרויפן, געקלאַפּט אַהין און געקלאַפּט צוריק; רעגולירט די „וועגן“ איינעם לויט דעם צווייטן,

און אַז ס׳איז אַלץ נאָך נישט גוט געווען, האָט ער זיך ווידער אַוועקגע־זעצט, געריסן האָר פון דעם שפּראָצנדיקן בערדל און געטראַכט.

ס׳איז אַוועק דער לאַנגער און הייסער זומער־טאָג. ס׳איז געוואָרן אָוונט. אַלע זענען אַהיימגעגאַנגען, קופּער — נישט. ער האָט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ און ווייטער געגומען מייסטרעווען אין דער מאַשין.

דער מאָרגנדיקער טאָג איז אויך אַזוי אַוועק. טעוול קנאָפּ איז טייל־מאָל אַזוי־זיך פאַרבייגעגאַנגען מיטן פּאַפּיראָסל אין מויל, אַ קוק געטון, אַ גלאַנץ געטון מיט זיינע העלע אויגן און שווייגנדיק אַוועקגעשפּאַנט מיט אַ לייכט שמייכעלע אונטער די וואָנצעלעך.

ס׳איז אַזוי אַוועק אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, הערש קופּער איז עקשנות־דיק געזעסן אַ פאַרטיפטער און נישט אַרויסגעלאָזט דעם שליסל פון האַנט. ער האָט נישט געגעסן, נישט געשלאָפן. געזעסן און געשרויפט אין דער מאַשין: געמאָסטן מיט אַ צענטימעטער, געפּאַסט די „וועגן" איי־נעם קעגן צווייטן, געשרויפט און לייכט, לייכט געקלאַפּט אויף די צע־שרויפטע טיילן — און אָט דאָס עקשנות קופּערס האָט אויף טעוולען אויסטערליש אַ פּעולה געהאַט.

שוין אויפן צווייטן טאָג האָט טעוול נישט געשמייכלט מער; פאַר־בייגייענדיק האָט ער צוגעזעען ווי אויפן טישל ליגט דאָס אָנבייסן אַ נישט גערירטס און קופּער, אינגאַנצן אַ פאַרשמירטער אין אייל און מאַשינען־סאַזשע, זיצט אַ פאַרטיפטער, אינגאַנצן אַ נישט־דאָ־קער — שרויפט, רע־גולירט, און שרויפט ווידער און די „וועגן" ווערן אונטער זיינע הענט געהאָרכזאַמער און רירעוודיקער, איז טעוול אַלץ ערנסטער געוואָרן. אַ מין באַדויערונג, צו וואָס ער האָט אים דאָס אָפּגעטון האָט זיך אויף טעוולס פּנים אָפּגעשפּיגלט.

און ס׳איז געווען איינמאָל, דעם פערטן אָדער פינפטן טאָג, ווען טעוול, — שוין נישט אויף צו להכעיס, נאָר ווייל ער האָט טאַקע גע־דאַרפט — איז פאַרבייגעגאַנגען און פּונקט אָנגעטראָפן, ווי קופּערס מו־טער — אַ קליין איינגעדאַרט יידענעלע אין אַ קופּקעלע — זיצט איבערן זון מיט אַ טעפּל קאַווע אין איין האַנט און עטלעכע שטיקלעך ברויט אין דער צווייטער האַנט און בעט זיך מיט טרערן אין קול: — הערש, טו מיר צוליב און עס, וועסט דאָך פון זיך אַ תל מאַכן — און ער, הערש, זיצט מיט דער זעלבער התמדה, ווי דעם ערשטן טאָג, ווי די ערשטע שעה, און שרויפט, קלאַפּט. גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו איבעררייסן

די אַרבעט מיט דעם אָנרופן זיך אַ וואָרט, ברומט ער בלויז: „ממו ממו״... וואָס דאָס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן: „באַלד, באַלד איז אַלץ צוריקגעשטעלט״ — דעמאָלט האָט עס דעם הפקרדיקן טעוועלע, וואָס האָט ליב לייכטע, געמיינע פאַרדינסטלעך, דורכגענומען מיט אַ באַוווּנדערונג פאַר יענעמס עקשנות, וואָס האָט איינער אַליין אָפּגעטון אַזעלכעס: צוריקגעברענגט אין אָרדענונג די מאַשין אָן עמעצנס מיטהילף. — טעוולס האַרץ איז מיט אַ מאָל פול געוואָרן מיט וואַרעמקייט, אָט ווי מ׳נעמט אַ ליידיקע טרוקענע שיסל און מ׳גיט זי אַ גיס אָן פול. און ווי אַ פאַרשעמטער, פאַרוואָס ער אַליין איז נישט אַזוי, איז טעוול אַוועק צוריק צו זיין מאַשין, געזעצט זיך אַרבעטן, און מער האָט ער שוין קיינמאָל קופּערן נישט פאַרטשעפּעט.

ז

דוד פישמאַן, דעם פעטער לייב־חיימס איידעם — אַ נידעריק געפאַקט יידל מיט אַ רויט בערדל און אַ קורצזיכטיקער — האָט נישט אַנדערש געוואָלט אַראָפּ פון די קעסט, סיידן דער שווער וועט אים צוגעבן צו די צוויי מאַשינען, וואָס ער האָט געקריגן נדן, כאָטש נאָך צוויי. וועט ער האָבן פיר מאַשינען און פירן אַ פאַבריק אויף אייגענער האַנט.

לאה, פישמאַנס ווייב — מיט אַ הויקערדיק נעזל און לעבעדיקע שוואַרצע אויגן — האָט אויך צוגעהאָלפן דאָס אויסצופועלן ביים פאָטער. נאָר ווען דער פאָטער איז שוין נוטה געווען דאָס נאָכצוגעבן, איז געקומען צולויפן דער עלטסטער זון נתן, וואָס איז אַ קליין ביסל טויב און דערפאַר גענומען אַן אָרעם מיידל אָן נדן און האָט געקראָגן נאָר איין מאַשין פון פאָטער. ער איז געקומען מיט אַ ריכטיקער טענה, אַז ער וויל אויך מאַשינען, און באַלד איז געקומען דער צווייטער אויסגעגעבענער זון הענעך — וואָס איז אַמאָל געווען אַזאַ לייט, ווי מנשה היינט, און דער פאָטער האָט אים דעריבער יונג חתונה געמאַכט — און געקומען איז ער מיט אַ — „איך וויל אויך מאַשינען״... האָט די כלה־טאָכטער אסתר אַ דערזע געטון, וואָס דאָ טוט זיך, אַז די „ראַבושניקעס״ וועלן אַזוי דעם פאָטער צעטראָגן דאָס פאַרמעגן — איז זי געלאָפן מיט אַ געוויין צו דער מומע חיה רבקה, זי זאָל איר העלפן ראַטעווען עפּעס, ווי לאַנג ס׳איז נאָך נישט צו שפּעט. און די מומע חיה רבקה האָט שוין אויך נישט גע־

קענט צוזען דעם תל וואָס מ׳גייט דאָ מאַכן פון איר ברודערס פּראַצע; זי האָט זיך מיט אים ערגעץ געטראָפן און דיפּלאָמאַטיש דערמאָנט, אַז מ׳טאָר נישט אַריינלייגן דאָס גאַנצע „דאָברע־מזל" אין די אויסגעגע־בענע קינדער, ווען מ׳האָט אין שטוב נאָך קינדער...

צי דער מומע חיה־רבקהס אַריינמישן זיך האָט געהאַט עפּעס אַ פּעולה, איז אַ גרויסער ספק; נאָר פון דעמאָלט אָן איז די מומע געוואָרן דאָרט אַ הויז־אַדוואָקאַט: ווו עפּעס אַ משפּחה־סכסוך, אָדער אַ קינד האָט געוואָלט עפּעס אויספועלן ביים פאָטער און נישט געפונען אין זיך די דרייסטקייט דאָס אַליין פאָרצוברענגען, איז מען געגאַנגען וויינען פאַר דער מומע חיה רבקה. זי האָט ס׳רוב מאָל גערן גענומען אויף זיך דאָס שתדלנות.

צוליב אַזאַ ענלעכן ענין — די מומע זאָל העלפן דער מוטער פועלן ביים פאָטער, ער זאָל איר דערלויבן ערגעץ פאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן — איז אַ מאָל אַרויפגעקומען טעמערל, דעם פעטער לייב־חיימס טעכטערל. זי איז זיך פאַרזעסן ביז אין אָוונט, און אַז זי האָט געדאַרפט אַהיימגיין, איז דער גורל געפאַלן, אַז בנימין, דער עלטסטער מאַנצביל אין שטוב, זאָל טעמערלען אַהיימבאַגלייטן.

בנימין איז שוין מער נישט געווען דאָס שעמעוודיקע בחורל וואָס מיט צוויי יאָר צוריק; ער איז איצט מער נישט רויט געוואָרן ביי יעדן צווייטן וואָרט. ער איז איצט געווען אַ זיבעצניעריקער אַרבעטער. דאָס האַרטע לעבן אין פאַבריק איז פאַר אים געווען אַ גוטע שול. דורך די דאָזיקע צוויי יאָר איז ער אַ סך דורכגעגאַנגען און אַ סך לעבנס־נויט קע־נען געלערנט... ער איז היינט געווען אַ מיטל־הויכער, אַ דאַרער בחור מיט אַ בלאַס פּנים, טונקעלע, האַלב־מאַטע אויגן און אויף דער אויבער־שטער ליפּ האָט אים גענומען שפּראָצן אַ טונקל שמאָל פּאַסיקל.

אָבער די פאַבריק האָט אויף אים געהאַט אַ ווירקונג נאָך אין אַן אַנדער ריכטונג: ער, בנימין, איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס גאַנצע לעבן אין פאַבריק, אַלץ וואָס דאָרט טוט זיך אָפּ צווישן די מאַנצבילן און מייד־לעך, און בכלל די רייד, וואָס מ׳הערט זיך דאָרט אָן פון אין דער פרי ביז אין אָוונט — איז איין לאַנגע קייט פון פאַרברעכנס קעגן דער אָנ־שטענדיקייט, קעגן דער צניעות.

דערפאַר, אַז עס איז אים אַ מאָל אויסגעקומען צוגעפינען זיך אין אַן אַנדערער סביבה, האָט ער זיך געפילט נישט פריי, מורא געהאַט, ער זאָל זיך אַ מאָל נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ פאַבריק־וואָרט; ער האָט זיך געשעמט,

גלייך אויף זיין שטערן זענען אויסגעקריצט די אַלע רייד און מעשים, וועלכע ער הערט און זעט זיך אָן דאָרט; פלעגט ער זיך דערפאַר האַלטן געפּענטעט, קלייבן אַ וואָרט און עס גוט באַטראַכטן, איידער ער רעדט עס אַרויס. ער פלעגט דעריבער מאַכן דעם איינדרוק פון אַ פלעגמאַט.

אויך איצט, באַגלייטנדיק טעמערלען האָט ער געהאַט דאָס זעלבע געפיל. ער איז דערפאַר — וועלנדיק זיין אָנשטענדיק — געגאַנגען מיט אַ נישט נאַטירלעכן, אַ ביסל פאַראַדנעם טריט, האַרט לעבן רינשטאָק, איבערלאָזנדיק פאַר איר אַ פרייען גערוימען וועג, דעם גאַנצן איבעריקן טראָטואַר. געגאַנגען און ער האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט אָנצור־הייבן עפּעס רעדן.

טעמערל האָט אָנגעהויבן:

— ס׳מוז שוין אַוודאי זיין שפּעט איצט?

— יאָ, — ענטפערט בנימין מיט אַ הוסטל, פאַר קוראַזש וועגן — צען אַזייגער וועט שוין זיין.

— נו, — לאַכט זי — „צען“ איז נאָך נישט אַזוי שפּעט.

זיי זענען אָפּגעגאַנגען די שפּיטאָל־גאַס, זיך פאַרקערעוועט אין אַ צווייטער. אין ראָג האָט געברענט אַ גאַז־לאָמפּ און פאַרבייגייענדיק אין דער ליכט־שיין, איז זיין בליק געפאַלן אויפן מיידל, אויף איר איידעלן גאַנג און אָנגעטועכטס. מיט אַמאָל האָט אים הייס אַ נעם אַרומגעטון דאָס באַ־וווסטזיין, אַז אָט די וואָס גייט דאָ נעבן אים, איז נישט פון יענעם סאָרט מיידלעך פון פאַבריק. דאָס איז גאָר, גאָר אַן אַנדער מין; דאָס איז טע־מערל — ער, דער פאַבריק־יונג, גייט דאָ מיט אַ מיידל, וואָס פאַרברענגט דעם טאָג נישט אַזוי ווי ער — אין פאַבריק — נאָר אין שול צווישן איידעלע חברטאָרינס, מיט לערערקעס געבילדעטע; יענע ווייסן זיכער נישט, אַז עס זענען גאָר פאַראַנען אַזעלכע גראָבע ווערטער, ווי די, וואָס ער הערט זיך אָן.

און אָט דאָס נאָענטע מיידל איז דאָך זיינס אַ קרובה, אַ נאָענטע קרובה, איר פאָטער איז זיין, בנימינס, מוטערס אַ ברודער, אַ לייבלעכער ברודער. און ווי צו איבערצייגן זיך, אַז דאָס איז טאַקע אמת, אַז דאָס חלומט זיך אים נישט, נאָר ס׳איז אַווירקלעכקייט, האָט ער זיך אָנגע־רופן מיט אַ נישט דרייסט קול, נישט דוצנדיק איר, נאָר אין אַ פאַר־שטעלטער פאָרעם:

— איך טרעף אָפּט טעמערלען גיין פון שול מיט די ביכער...

— ניין, — רופט זי זיך אָן — איצט שוין נישט, איך גיי שוין נישט אין שול.

— שוין נישט? — חידושט ער זיך און איז נישט דרייסט צו פרעגן, פאַרוואָס זי גייט שוין נישט.

— איך האָב שוין געענדיקט דעם לעצטן קלאַס, — מאַכט זי קלאָר.

— שוין געענדיקט! — רופט ער אויס איבערראַשט און דערלייב־טערט, ווייל ער ווייסט שוין. — שוין אַלע קלאַסן געענדיקט? — פרעגט ער איבער.

— יאָ, זאָגט זי — און מיט סאַמע פינפן...

דאָ האָט ער גאָרנישט געוווּסט וואָס צו רעדן: אָט זי, דאָס מיידל, יינגער פון אים, איז שוין אויסגעגאַנגען די גאַנצע שול, אַלע קלאַסן, האָט אויפן קאָפּ אַלע ביכער און העפטן — דאָס איז אים אויסגעקומען שווער, זעלטן שווער, נאָך שווערער, ווי זיך אויסצולערנען צוזאַמענשטעלן איינער אַליין פון די באַזונדערע טיילן און אָן אַ שיער פּיצלעך, אַ גאַנצע מאַשין.

און זי, אַ מיידל, אַזאַ דינע און דריבנע!

זיי גייען ווידער אַ ווייל שווייגנדיק. דערנאָך הייבט בנימין אָן:

— טעמערל, ווייסט — איך אַרבעט שוין אויף דער מאַשין.

נאָר דאָ שלאָגט זי אים איבער:

— בנימין, — זאָגט זי היימיש — מיר זענען דאָך נישט קיין פרעמ־דע, דו ביסט דאָך דער מומע חיה־רבקהס — פאַרוואָס רעדסטו צו מיר עפּעס אַזוי...

זאָגט ער שוין היימישער.

— איך האָב געמיינט, אַז... — און ער פאַרענדיקט נישט.

דערנאָך רעדן זיי פון דעם, אַז ער האָט זיך געלערנט צייכענען מוסטערן; טעמערל ווערט ערשט איצט דאָ געוווּיר, אַז ער האָט אַוועק־געוואָרפן דאָס לערנען זיך צייכענען. זי פרעגט:

— פאַרוואָס?

— ווייל דאָס פאַך איז מיר נישט געפעלן — ענטפערט ער קורץ.

— און מנשה — פרעגט בנימין נאָך אַ ווייל — ער איז שוין אַוודאי אַ גאַנצער „צייכענער"?

טעמערל ענטפערט נישט גלייך. ערשט נאָך אַ ווייל רופט זי זיך אָן, ווי נישט ניחאדיק:

— פון מנשהן ווייס איך גאָרנישט וואָס ער טוט.

זייער וועג פירט דורך דער שטילער פוןביידע זייטן מיטביימער אויסגעזעצטער וואַסער־גאַס; זעלטן גייט עמעץ אַדורך; אַ שפּאַצירנדיק פּאָרל גייט פאַר זיי. טעמערל גיט זיך אַ קוק אַרום און פרעגט פּלוצלינג:

— פאַרוואָס, בנימין, ביסטו אַזוי פאַרפרעמדט, פאַרוואָס קומסטו צו אונדז קיינמאָל נישט אַרויף?

— נישטאָ קיין צייט — ענטפערט בנימין כלומרשט גלייכגילטיק, און אַ וואַרעמע כוואַליע האָט אים צום האַרץ צוגעשלאָגן, איבער זיין גאַנצן קערפּער אַדורכגעפלאָסן.

נאָך איין גאַס האָבן זיי אַדורכצוגיין, אַ גרויסע און ברייטע גאַס, מיט אַ סך מענטשן און איילנדיקע דראָשקעס. די גאַס איז אָפּגעטינקט אין ליכט, ווי אין העלן טאָג. איידער זיי קומען אין אָט דער גאַס, מעסט אים טעמערל אָפּ מיט אַ קורצן אָבער גענויען בליק, און זי רופט זיך אָן:

— גייסט דאָך נאָך אין די פאַבריק־מלבושים. האָסט זיך גאָרנישט איבערגעטון?...

ער האָט צערודערט אויף זיך אַ קוק געטון און געבליבן געפּלעפט.

זיינע מלבושים, יאָ, זיי זענען שוין טאַקע גאָרנישט ווי ס'דאַרף צו זיין, אָט די מלבושים זיינע! נאָר דער עיקר די הויזן מיט דעם אויסגע־דריוולעכטס אויף די סאַמע קני. און דאָ איז אַזוי ליכטיק, העל, מענטשן אויסגעפּוצטע שטראָמען הין און צוריק, שפּאַצירן אַרום, ווי אין אַ חתונה־זאַל, און ער, בנימין, אַך, די מלבושים זיינע!...

ער האָט זיך געפילט אומגליקלעך. פאַר עגמת נפש זענען אים די אויגן פול געוואָרן מיט טרערן.

טעמערל האָט, ווייזט אויס, שוין גאָרנישט געדענקט וואָס זי האָט אים געזאָגט וועגן זיינע מלבושים. זי איז געגאַנגען ביי זיין זייט, פריי געפילדערט, פּראָסט און היימיש.

האָט ער זיך אויך באַרויִקט.

און אין דער אמתן — אפשר זענען זיינע מלבושים טאַקע נישט אַזוי — דערפאַר גייט ער אָבער מיט אַ שטעקעלע אין האַנט, אַ שיין שטעקעלע, שוואַרץ אָפּגעלאַקירט, און מיט אַ פיין רונדיק געטאָקט קעפּל. און אַז ער גייט, הייבט ער עס אויף אַזוי ריטמיש, איינס, צוויי... נו, צי גיט אים דען דאָס שיינע שטעקעלע נישט צו דאָס, וואָס די נישט אָרנטלעכע מלבושים מינערן פון אים?

און האַלטנדיק דאָס שטעקעלע אַזוי, אַז טעמערל זאָל עס אויך באַ־מערקן, איז ער רויִק געגאַנגען ביי איר זייט.

זיי האָבן זיך פאַרקערעוועט אין אַ רויִק געסל, צוגעקומען צו איר פאַטערס הויז. דער סטרוזש פאַר דער טיר האָט, דערזעענדיק טעמערלען, אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל און זיך פאַרנייגט. בנימין איז רויט געוואָרן און נישט וויסנדיק צי עס פּאַסט, האָט ער אויך אַראָפּגענומען דאָס היטל. און זיי זענען צוגעגאַנגען צו די שטיגן, וואָס פירן אַרויף אין איר עלטערנס וווינונג.

נאָר דאָ איז פאָרגעקומען עפּעס, אויף וואָס בנימין האָט זיך גאָר־נישט געריכט: איידער טעמערל האָט זיך געלאָזט אַרויפגיין, ביים געזע־גענען, האָט זי אויסגעשטרעקט איר דין איידל הענטל און עס אַריינגעטון אין בנימינס אויסגעאַרבעטער האַנט, וואָס מיט די מאַזאָליעס פון דער קאַלבע.

טעמערל האָט אים דערלאַנגט איר האַנט.

דאָס איז געווען דאָס הערלעכסטע וווּנדער פון דעם גאַנצן אָוונט.

ח

בנימין איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן שטיקער פאַר זיך. אָבער ער איז שוין געווען אַ גוטער אַרבעטער. מ׳האָט זיך געקענט פאַרלאָזן אויף אים, איבערלאָזן אונטער זיין האַנט די מאַשין אויף טעג גאַנצע און ס׳האָט כמעט נישט געטראָפן, ער זאָל אַמאָל קאַליע מאַכן די אָנפאַר־טרויטע אַרבעט.

אין דער היים איז זיך אַזוי לאַנגזאַם און אומבאַמערקט אַלץ אַנ־דערש געוואָרן. די אַמאָליקע באַלעבאַטישע שטוב־פירונג האָט פון זיך אַליין זיך אויסגעוועפּט און פאַרשוווּנדן, איבערלאָזנדיק אויף איר אָרט דאָס נאַטירלעכע לעבן פון אַן אַרבעטער־משפחה.

מ׳האָט מער נישט אָפּגעהיטן דאָס וואַשן זיך „שאו ידיכם“ צום ברויט און דאָס בענטשן נאָכן עסן. דאָס דאַווענען אין דער פרי, אין די תפילין, איז אָפּגעפּרעפּלט געוואָרן גיך־גיך, ווי עפּעס לעסטיקס, און אַפי־לו שבת, ווען מ׳האָט נישט געדאַרפט זיך איילן — האָט דאָס דאַוונען אין

דער היים אויך געהאַט אַ פּנים ווי חוזק. מ׳האָט גלייך זיך אַנידערגעזעצט צום אָנבייסן.

פון זיך אַליין איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס חומש־לערנען, וואָס בנימין פלעגט קנעלן מיט ישראל־נחן יעדן שבת און יום־טוב נאָכן מיטיק. ישראל־נח האָט שוין באַוויזן זיך איינצושאַפן חברים, פאַבריק־יינגלעך, פעדלערס ווי ער און דעם פרייען טאָג האָט מען אויסגענוצט אויף צו גיין שפּאַצירן.

בנימין, וואָס אַן אמת, האָט נאָך נישט געהאַט קיין שטענדיקע חברים. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל ער איז געווען נאָך נישט „שטיקער״ און שוין נישט „פעדלער״. פון פעדלער־פאַך איז ער שוין געווען אַרויסגע־וואַקסן, און צום דרך־ארצדיקן שטיקער־פאַך — נאָך נישט דערוואַקסן.

שבת פלעגט, ווי געוויינלעך, קומען אַבאַ, דער זון פון דער מאַמעס קרובֿ, און ביים אַוועקגיין אַמאָל מיטרופן בנימינען אַ ביסל זיך איבער־גיין. בנימינען האָט דאָס געשמייכלט וואָס אַבאַ, וועלכער האָט אַ נאָמען פון אַ גוטן שטיקער, האַלט אים פאַר זיינס גלייכן און רופט אים שפּאַ־צירן. פלעגט ער זיך דערפאַר סטאַרען נישט אַראָפּצופאַלן אין אַבאַס אויגן; געגאַנגען לעבן אים נישט יינגלעריש, נאָר מיט געלאַסענע טריט, מעשה שטיקער, און גערעדט פון פאַבריק־ענינים, בלויז פון פאַבריק־ענינים און מיטן ספּעציעלן פאַך־לשון; דערציילן זיך איינער דעם צווייטן, ווי צוויי גלייכע — פאַרשידענע געשעענישן, ווי מ׳האָט שיער קאַליע גע־מאַכט אַ „שטרייק״ צוליב עפּעס אַ סיבה, נאָר די סאַמע לעצטע מינוט זיך אַרומגעזען און נאָך באַוויזן צו פאַרהיטן.

דאָס אַרויפּברענגען אויף אָט די שמועסן איז פון אַבאַס זייט געווען אַ מין נישט־אָפיציעלער עקזאַמען צו דערטאַפּן אויף ווי ווייט בנימינס קענטעניש גרייכט שוין.

— „ליאַלקע״ — זאָגט אַבאַ — איז אַ שווער מוסטער. האָסט עס אַליין אָפּגעאַרבעט? און דאָס געוויקלעכץ, ווי איז דיר געגאַנגען?

בנימין דערציילט, ווי אַזוי ער האָט עס געמאַכט. ער שיט מיט פאַך־ווערטער און טערמינען, אומפאַרשטענדלעכע פאַר אַ נישט־פאַכמאַן. ער צייכנט מיטן פינגער אין דער לופט דעם „גאַנג״. אַבאַ האָט עפּעס אויס־צוזעצן דערקעגן... ס׳ברעכט צווישן זיי אויס אַ שטיקל געאַמפּעריי. קיי־נער וויל נישט נאָכלאָזן פון דאָס זייניקע, פון זיין חריפותדיקן גאַנג. לסוף

גיט יעדער עפּעס נאָך, און אַבאַ מוז זיך מודה זיין, אַז בנימין פאַר־שטייט שוין די אַרבעט גאָר נישקשהדיק.

אין פאַבריק אַריין, אַז מ׳שיקט אַמאָל פון קאַנטאָר אַ נישט געוויינלעך מוסטער מיטן באַפעל באַלד דאָס צונעמען אַרבעטן, און דער שטיקער איז נישטאָ, נעמט בנימין דאָס מוסטער אין האַנט, פאַרוויקלט ווי אַ מגילה, מיטן געצייכנטן אינעווייניק און גייט פרעגן אַ „גאַנג״ צו הערש קופער.

זעצן זיי זיך ביידע אַוועק ביים טישל — די פעדלערס טוען דערווייל „אויפשטעקן״ נייע נאָדלען אין דער מאַשין — ווי צוויי לומדים איבער אַ ספר. קופער, ווי זיין שטייגער איז, ווען ער וויל איינבייסן עפּעס גאָר האַרבס, שכלדיקס — בייסט זיך די אויבערשטע ליפּ, טראַכט אַ ווײַלע פאַרטיפט און נעמט באַלד דרייען מיטן גראָבן פינגער, ווי אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען ישיבה־בחור, ביי אַ האַרב שטיקל מהרש״א...

און אָט, מיט קופערס הילף, ווערט דאָס נישט באַגרייפלעכע לייכט און שכלדיק פּראָסט. ווען בנימין גייט אַוועק צוריק צו זיין מאַשין, איז אים שוין אַלץ קלאָר און פאַרשטענדלעך. ער שלאָגט צו דאָס מוסטער צום „ברעט״ און נעמט עס רויק אַרבעטן.

**
*

ס׳האָט זיך געמאַכט, מנשה דעם פעטער לייב חיימס האָט אין דער היים עפּעס אָפּגעטון — צוגעפּאַסט אַ שליסל צום פאָטערס שופלאָד — האָט אים דער פאָטער געפּאַקט דערביי און אַרויסגעטריבן פון שטוב. דעמאָלט איז מנשה אָן לאַנגע טראַכטענישן געגאַנגען און זיך באַזעצט ביי דער מומע חיה־רבקה.

מנשה האָט זיך דאָרט איינגעבירגערט, און הגם דער פאָטער האָט דייטלעך געזאָגט, אַז ער וויל נישט אַז דער יונג זאָל ביי חיה־רבקהן געפינען אַ היים, איז אָבער די מוטער זיינע אָפט אין די אָוונטן־שעהן, דער מאַן זאָל נישט וויסן — געקומען געוויר ווערן, וואָס איר זון מאַכט, ווי אים לעבט זיך, זי האָט געוויינט אין טיכעלע אַריין: „דער טרויעריקער מנשה, ער האָט זיך דען אַליין אויף דער וועלט געברענגט״... זי האָט אים באַזאָרגט מיט וועש און טאַשן־געלט. און די מומע חיה־רבקה האָט דעם יונג גערן געהאַלטן ביי זיך, געמאַכט אים באַקוועם, ער זאָל זיך אין איר שטוב פילן היימיש.

די מאַמע האָט געבעטן:

— קינדער, בנימין און ישראל־נח — זייט׳ס גוט צו מנשהן, זייט׳ס מיט אים נאָענט. ער איז נעבעך איצט פאַרוואָגלט. אומגליקלעך, כ׳זאָל מיין מויל צו בייזס נישט עפענען.

מיט דעם „אומגליקלעכן מנשה נעבעך" איז אָבער נישט געווען אַזוי לייכט נאָענט צו זיין. ער איז באַלד געוואָרן אין שטוב אַ פּריווי־לעגירטע באַשעפעניש, און מ׳האָט אים אומעטום געפילט, ווי אַ פאַרזשאַ־ווערטע נאָדל, ווען זי קריגט זיך אַריין אין מענטשנס לייב.

ס׳איז געווען שווער צו פאַרטראָגן זיין אויפפירן זיך, מיט דער חוצפה פון דעם רייכן וואָלבערגס פאַרדאָרבענעם זון, ווען ער געפינט זיך אין שטוב ביי קבצנים, וועלכע נעמען געלט פון זיין מוטער פאַר זיינעטוועגן; ס׳איז געווען אומדערטרעגלעך זיין מכלומרשט אומשולדיק טשעפּען זיך צו מלכהן, זיין צווידייטיק רעדן צו איר, וואָס דאָס האָט שטאַרק דער־מאָנט די פאַבריק־שמועסן צווישן די שטיקערס און מיידלעך־פּעדלערינס; אין בנימינען האָבן מנשהס דאָזיקע רייד און לאָבוסעוואַטע האַוואַיעס צו זיין שוועסטער דאָס בלוט צעקאָכט. עס האָט אַ כעס אין האַרצן געמאַכט פּלאַטערן.

די מאַמע, ווייזט אויס, האָט דאָס אויך נישט געקענט פאַרטראָגן. זי פלעגט ווערן רויט און — באין ברירה — דאָס אויפנעמען ווי אומ־שולדיקע שטיפערייען צווישן יונגע געשוועסטערקינדער. די מאַמע האָט קוים דעם מוט געהאַט אַמאָל, ווען מנשה האָט פאַרטשעפּעט מלכהן — לייכט אַ זאָג צו טון:

— נו, גענוג שוין, מנשה, גענוג אויף היינט...

ס׳האָט געטראָפן, אַז ווען ישראל־נח האָט געגעסן מיטיק, האָט אים מנשה געקלאַפּט איבער דער האַנט און נישט געלאָזט אים נעמען דעם לעפל זופּ צום מויל. ישראל־נח האָט זיך געאײַלט צוריק צו דער אַרבעט, איז ער נישט געדולדיק געווען צו מנשהס המצאות. ער האָט אַן צערעמאָ־ניעס אים אָפּגעגאָסן מיט דעם לעפל זודיקע זופּ, פון וואָס מנשה איז שוין אויך ערנסט געוואָרן, צו ערנסט... און ווען נישט דער מאַמעס אַריינ־מישן זיך, וואָלט אויסגעבראָכן אַ געשלעג.

מנשהס זיין דאָ האָט זיך געפילט שווער, אומדערטרעגלעך שווער.

ט

— וועסט אפשר גיין אַ ביסל שפּאַצירן מיט מנשהן — האָט די מאַמע אַין מאָל אין אַ שבת נאָכמיטיק פאַרגעלייגט בנימינען.

מנשה איז דעמאָלט שוין האַלב שלום געווען מיטן פאָטער. די מאַמע האָט געגלייבט, אַז אין גיכן וועט דער שלום זיין אינגאַנצן צוריקגעשטעלט און מנשה וועט אַהיימגיין. דערפאַר האָט זי נישט געוואָלט, ער זאָל אַרויס־טראָגן פון איר שטוב אַן אומצופרידנקייט.

מנשה האָט אויך חשק געהאַט אַ ביסל זיך איבערשפּאַצירן מיט בנימינען. וואָרום צייט די עטלעכע וואָכן, וואָס ער איז אַוועק פון פאָטערס שטוב, האָט ער נישט געהאַט די שבתדיקע מלבושים, און אָן די בעסערע מלבושים און מיט דעם קנאַפּן טאַשן־געלט, וואָס די מוטער שטעקט אים אַמאָל אַפּ, האָט ער נישט קיין צוטריט צו זיינע אַמאָליקע חברים, די לעב־יונגען.

— גוט! — האָט מנשה זיך אָנגעכאַפּט אָן דער מומעס זאָג — מיר וועלן מאַכן אַ שפּאַציר צו דער באַן. מ׳זאָגט אַז עס גייען שוין אַפּ צוגן...

— צו דער באַן גאָר? — זאָגט די מאַמע אומצופרידן — ס׳איז אַזוי ווייט.

נאָר אַז מנשה האַלט זיך אָבער דעריך, וויל אים די מומע צו „דער גוטער לעצט״ שוין דאָס אויך נאָכגעבן. עס אַרט איר שוין נישט, וואָס בנימין וועט ביי אַזאַ מהלך צעלייגן די שיך. זי האָט בלויז מורא, אַז דער וועג דאָרט, הינטער דער שטאָט, איז פול מיט שקצים...

— שקצים? — מאַכט מנשה ווילעריש — איך בין מער שייגעץ פון אַלע שקצים.

די מאַמע האָט ביטער געשמייכלט אויף איר ברידערנזונס תכשיט־דיקע באַמערקונג, און די צוויי שוועסטערקינדער זענען אַוועק שפּאַצירן צו דער ניי־געבויטער באַן.

דער וועג אַהין האָט געפירט דורך דעם נייעם שטאָט־טייל. דאָ איז צוגעגאַנגען אַ פיבערדיקע בוי־באַוועגונג. מ׳האָט געהאַלטן אין איין מויערן ווינהייזער און פאַבריקן. מענטשן, משפחות גאַנצע האָבן גע־ווינט דערווייל אין שטעלעכלעך און שאַפּעס, ביז זייערע ווינונגען וועלן פאַרטיק ווערן. וואָרום גרויס איז געווען דער שטראָם איינוואַנדערער, וואָס

האָט געצויגן אַהער אין דער פּרנסה־שטאָט, אין דער „גאָלדענער" פאַב־ריק־שטאָט.

בנימין און מנשה זענען אַרויסגעקומען פון שטאָט, געגאַנגען אין געסלעך האַלב־שטאָטישע, האַלב־דאָרפישע — ווייט צערוקטע הייזלעך, טייל מיט גערטלעך אַרום, אַנדערע — אין מיטן אַ גרינער לאָנקע, אָדער אויף סתם פרייע, אָפענע פלעצער, נאָך נישט פאַרבויטע, אָבער שוין מיט אָנגעוואָרפענע קופּעס שטיינער און ציגל — סימנים אַז מ׳וועט דאָ באַלד בויען.

די געגנט איז בנימינען געווען פרעמד, אומבאַקאַנט.

ביי דער באַן, ווו זיי זענען אָנגעקומען, איז געווען היפּשלעך מענ־טשן — געלעגן צעלייגט אויף גראָז און אויף די זאַמדיקע פלעצער, ייִדן און ייִדענעס, מיט האַק און פּאַק, מיט פּעקלעך עסנוואַרג און פלעשער צום טרינקען... בנימין און מנשה האָבן דאָ אַ ביסל פאַרברענגט, אָנגעקוקט דעם שוין באַלד פאַרטיקן וואָקזאַל און די איבעריקע בנינים, געזען אָפּגיין אַ צוג, געשטאַנען, לאַנג געשטאַנען, געקוקט, געזען אַלץ און גע־נומען צוריק אַהיימגיין.

קיין צוזאַמענשטויסן מיט שקצים האָבן זיי נישט געהאַט. דער וועג צו דער באַן איז געווען פול מיט שפּאַצירנדיקע, אַהיימגייער און צוריק־גייער, שבתדיק אָנגעטוענע און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געטראָגן די געוויינלעכע וואָכעדיקע מלבושים. ווען די שוועסטערקינדער זענען גע־ווען שוין באַלד צוריק אין שטאָט — זיי זענען דורכגעגאַנגען איינס פון די ווילד־פרעמדע געסלעך — האָט זיך צו זיי צוגעטשעפּעט עפּעס אַ יונג אין היכע שטיוול, אין אַ בלאָ היטעלע מיט אַ לאַקירטן דאַשעק, און מיט אַ ברייט האַלב־געל קייטעלע, וואָס האָט אים פון דער הויזנ־קעשע אַרויסגעהאַנגען. דער יונג האָט אָנגעהאַלטן מנשהן, דווקא ער זאָל דאָ ערגעץ גיין מיט אים אָנקוקן עפּעס אַ זעלטענעם פויגל.

מנשה האָט געקענט דעם יונג. ער האָט זיך געקווענקלט, נישט גע־האַט קיין חשק מיטצוגיין.

— איך וועל שפּעטער אַהינקומען — האָט ער זיך ווי געבעטן.

— ניין, — זאָגט דער יונג — שפּעטער וועט דער פויגל מער נישט זיין. איך זאָג אייך, אַ זעלטענער פויגל, אַזוינס האָט איר נאָך נישט געזען.

— קום, מנשה — האָט זיך שוין בנימין אויך אַריינגעמישט — איך וויל אויך אָנקוקן דעם פויגל.

מנשה האָט אַ בליק געוואָרפן אויף בנימינען און גאָרנישט געזאָגט. נאָר דער יונג האָט זיך אָנגערופן:

— איר וועט דערנאָך קומען, צוזאַמען נישט. מ'קען נישט, דער פויגל וועט זיך דערשרעקן.

בנימינען איז דאָס אויסגעקומען אַ ביסל אויסטערליש.

— נו, קומט — מונטערט דער יונג.

— איצט נישט — ווערט זיך מנשה שוואַך — איך וועל שפּעטער אַ ביסל אַהינקומען.

— איר זענט אַ פרייער — רעדט דער יונג צודרינגלעך — איר דאַרפט נישט באַלד קויפן. ווער זאָגט דען? גלאַט אַ קוק טון.

— און ווו ווילסטו דערווייל זיין? — ווענדט זיך מנשה צו בנימינען אַזוי צוגעלאָזן, ווי נאָך קיינמאָל נישט, און ס'איז קענטיק, אַז ער זוכט נאָר עפּעס אַ תירוץ נישט צו דאַרפן גיין מיטן יונג.

— ער וועט דערווייל אַהיימגיין — מישט זיך דער יונג אַריין — וואָס האָט איר אַ דאגה? אַ קינד איז ער?

— ניין, — זאָגט מנשה — נישט אַהיים, וואַרט אַ ביסל צו. זעץ דיך דאָרט אויפן בענקל פאַרן הייזל, איך וועל נאָר אַ קוק טון און וועל באַלד צוריקגיין.

— אַוודאי אַזוי, — זאָגט דער יונג און ער פירט מיט זיך אַוועק מנשהן.

בנימין האָט געוואַרט אַן ערך אַ האַלבע שעה. ער האָט צוגעקוקט ווי קליינע יינגלעך האָבן געשפּילט „פּאַלאַנט" פאַר אַ הויז; פון אָפענע פענצטער האָט זיך געהערט שפּילן פּיאַנע און צוזינגען... ענדלעך איז אָנגעקומען מנשה און הינטער אים דער יונג.

— נו, האָסט געזען? — פרעגט בנימין.

— יאָ, — ענטפערט מנשה קורץ.

—איר ווילט אפשר אויך גיין אַ קוק טון? — פרעגט דער יונג.

— דו ווילסט אויך גיין? — ווענדט זיך מנשה צו בנימינען מיט אַ נישט גלייבלעך קול.

— וואָס איז אייער עסק? — זאָגט דער יונג צו מנשהן האַרט און בעל־דברדיק — יאָלד איינער, איר האָט געמעגט?...

— ער האָט דאָך נישט קיין געלט — זאָגט מנשה שטיל.

— איך האָב יאָ געלט, זאָגט בנימין — אָבער צו וואָס דאַרף מען דען געלט, איך וויל בלויז נאָר אַ קוק טון.

— איר וועט שוין זען און איר וועט צופרידן זיין — מאַכט דער יונג. מנשה שוויגט, און בנימין גייט אָפּ מיטן יונג.

זיי זענען אויסגעגאַנגען דאָס געסל, דערנאָך אַריינגעגאַנגען אין אַ צעוואָרפענעם הויף, פון דאָרט אין אַ ליקל און זיך דערנענטערט צו אַ שטיבל מיט צוויי פענצטער, איינס פאַרמאַכט און פאַרהאָנגען אויף דער העלפט מיט אַ רויט שטיקל שטאָף. דער יונג האָט זיך אָנגערופן:

— דאָ דערינען איז עס. גיט נאָר אַהער פריִער די פּאָר גראָשן.

— וויפל? פרעגט בנימין.

— אַ האַלבן רובל.

— איך האָב נישט אַזוי פיל — זאָגט בנימין. ער טוט אַריין די האַנט אין טאַש, נעמט אַרויס עטלעכע און פערציק גראָשן און ווייזט עס דעם יונג.

— נו, מילא — באַשטייט שוין דער יונג. דאָס צווייטע מאָל וועט איר צוגעבן.

ס׳איז בנימינען גאָר נישט געווען קיין חידוש, וואָס עפּעס „דאָס צווייטע מאָל״. צו וואָס דאַרף ער דאָ קומען אַ צווייט מאָל? ער האָט באַנומען, ווי פאַרנעפּלט, אַז דאָ איז עפּעס מער ווי בלויז אָנקוקן אַ פויגל. דאָס גיין מיט דעם יונג און זיין שווייגן האָט בנימינען איבערגעצייגט, אַז דאָ איז עפּעס גאָר אַנדערש. און וואָלט ער נישט געוווּסט, אַז מנשה איז אויך דאָ געווען און צוריק געקומען בשלום, וואָלט ער אפשר גאָר מורא געהאַט זיך אָנצופאַרטרויען דעם יונג — איז ער געהיימנישפול, שטיל און מיט נייגיריקייט נאָכגעקראָכן דעם יונג.

דער יונג האָט צוגענומען פון בנימינען די פּאָר מטבעות, אים אָנגעוויזן די טיר. בנימין איז אַהין אַריינגעגאַנגען, דער יונג — נישט.

...אַ שטיבל. אַקעגנאיבער דער טיר ביים פאַרהאָנגענעם פענצטער — אַ בעט, נישט גוט צוגעבעט, דערנעבן, אויפן טישל אַ ליידיקע „מאַנאָפּאָלקע״ און נאָך אַנדערע איבערבלייבעכצן פון עסנוואַרג — אַ מיידל, לויז אָנגעטון, מיט אַ ווייס אָפּגעמאָלט פּנים מיט גראָב אונטערגעשוואַרצטע אויגן און לאַנגע אַראָפּבאָמבלענדיקע אויער־רינגען, האָט זיך ביי בנימינס

אַריינקומען דערהויבן פון אַ בענקל, צוגעגאַנגען, פאַרריגלט די טיר און גלייך צוגעגאַנגען צום בעט.

בנימין איז די ערשטע פאַר רגעס געשטאַנען פאַרבליפּט, מיט אָפענע אויגן, און נישט גלייך באַנומען, וואָס אייגנטלעך איז דאָ. ערשט אַז ער האָט אַ דערזע געטון דעם מיידלס גיי צו צום בעט און דאָס אַראָפּוואַרפן די לעטשלעך פון די פיס — און דאָס אַלץ מיט אַזאַ גלייכגילטיק געשעפטלעכער מינע, און דערביי אַזאַ מאַך מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט אים אונטערגעטריבן: — אַ סוף, גיכער! — האָט ער מיט אַ מאָל קאָלט און ניכטער באַנומען, וואָס דאָ איז, וואָס מ׳פאַרלאַנגט פון אים — און אָט דער נאָך נישט אַכצניעריקער יינגל, וואָס דאָס לעבן אין פאַבריק און די פירונג דאָרט האָבן באַוויזן קוים צו באַרירן זיין אויסערלעכקייט און קיינמאָל נישט אַריינגעדרונגען צו צעשטערן זיין אינערלעך אויסגעטרוימט וועלטל — האָט זיך מיט אַ מאָל דערזען שטיין פאַר אַן אָפּגרונט; אַ קאַלטקייט און עקל האָבן ווי אַ כמאַרע איבער אים זיך אַ צעשפּרייט געטון, און ווי זוכנדיק אַ מיטל אַרויסצוקריגן זיך פון אַ געפאַר, איז ער אַן צוטראַכטן און קלערן אַ לויף־צו געטון צו דער טיר, האַסטיק זי אַן עפן געטון, און אַרויסגעלאָפן פון שטיבל, ווי אַ דולער. ער האָט ערשט אָפּגעאָטעמט, ווען ער איז געווען שוין צוריק אין גאַס און זיך געפילט אַ געראַטעוועטער.

י

דוד פישמאַן האָט נישט צוגעקריגן פון שווער די פאַרלאַנגטע מאַשינען, כדי ער זאָל האָבן צוזאַמען פיר מאַשינען און אָנהייבן פירן אַ פאַבריק פאַר זיך; ער האָט קוים אויסגעפועלט נאָך איין איינציקע מאַשין, אויך נישט קיין גאַנצע. דער שווער האָט בלויז פאַר אים איינגעצאָלט די ערשטע ראַטע ביים שטאָטישן פאַרטרעטער פון דער זאַקסישער מאַשינען־פאַבריק — דעם משומד עפראָס.

דערפאַר האָט דער שווער צוגעזאָגט פישמאַנען אים אַריינצונעמען אין קאַנטאָר, אַלס געשעפטס־פירער פון דער פירמע „וואָלבערג און ראָזנבלום“, און זיינע דריי מאַשינען וועלן אַרבעטן אויף „לוין“ פאַר דער פירמע.

ס׳איז נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען פּאַרטיק צו ווערן מיט ראָזנ־בלומען, ער זאָל אַריינגעמען דעם פיפיקן פישמאַן אין קאָנטאָר. לייב חיים וואָלבערג האָט אָבער די דאָזיקע פּאָדערונג געשטעלט אויפן שפּיץ מעסער, אַנדערש האָט ער געסטראַשעט מיט סעפּאַרירן זיך פון שות־פות. און דאָס האָט אַ פּעולה געהאַט. וואָרום אָט דער סאַמועל ראָזנ־בלום, ווען ער איז געקומען פון דער שווייץ אַלס געוויינלעכער שטי־קער, נאָר מיט אַ ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט, האָט ערשט דעמאָלט געמאַכט דאָס געשעפט מיט וואָלבערגן. זיי האָבן אָנגעהויבן גאַנץ קליין, אײנגאַנצן מיט עטלעכע מאַשינען ערגעץ אין אַ שאַפּע, און דאָס שותפות איז געווען אויסגערעכנט דערויף, אַז וואָלבערג דאַרף גאָרנישט אַרויסנעמען פון גע־שעפט, און ראָזנבלום, וואָס לייגט אַריין אויך אַרבעט, אַלס שטיקער אויף אַ מאַשין — נעמט אַרויס בלויז אויף דער חיונה; און אַזויערנאָך האָט דאָס געשעפט גענומען וואַקסן, ביז ס׳איז געוואָרן דאָס וואָס ס׳איז היינט — אַן אייגן הויז מיט מאַשינען, און מיט אַ קאָנטאָר, וואָס פאַרנעמט עטלע־כע חדרים, און אַן אַדמיניסטראַציע פון אַ האַלב צענדליק אָנגעשטעלטע.

ראָזנבלום האָט שוין לאַנג אָוועקגעוואָרפן די אַרבעט, זיין פּנים האָט זיך אויסגעאיידלט און דער געבויגענער רוקן זיך אויסגעגלייכט; אַלס זכר פון זיין אַרבעט אין פאַבריק איז אים בלויז געבליבן די פּראַזע, וועלכע ער פלעגט אָפט באַנוצן אין געשפּרעך מיט סוחרים, אָדער פאַב־ריקאַנטן:

— דאַן ווען איך וואר נאָך פאַכמאַן... — מיט אַן אָנדייטונג, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ פּראָסטער שטיקער און אַרויפגעאַרבעט האָט ער זיך נאָר אַ דאַנק זיינע אייגענע פעיִקייטן.

איז נאָך וואָלבערגס אולטימאַטיווער פּאָדערונג ראָזנבלום געצוווּנגען געווען מסכים צו זיין, און דוד פישמאַן איז אַריין אין קאָנטאָר.

פישמאַן האָט זיין אַריינטרעטן אַלס געשעפטס־פירער אָנגעהויבן מיט — אונטערשערן און פאַרפּוצן דאָס רויטע האָרטהאַריקע בערדל און אָנטון זיך „היינטוועלטיק״: האַלב קורצע מלבושים מיט אַ קראַגן, אַ שניפּס און האַרטע ווייסע מאַנזשעטן אויף די האָר־באַוואַקסענע הענט.

ער איז אין קאָנטאָר נישט געזעסן ליידיק. אָדער ער איז געזעסן איבער ביכער און ציפערן, אַז נישט האָט ער דורך אַ פאַרגרעסער־גלעזל געקוקט אויף דער געליפערטער אַרבעט, געקוקט, געזוכט פעלערס און איינציַיטיק געלערנט זיך ווערן אַ מבין.

אַזוי זענען אַוועק עטלעכע חדשים. אין קאָנטאָר האָט זיך אַלץ גע־

פירט ווי עס דאַרף זיך פירן. נאָר מיט אַ מאָל איז אַרויפגעשווומען, אַז דוד פישמאַן פירט אַ טאָפּלט געשעפט: ער אַרבעט טאָקע פאַר דער פירמע „וואָלבערג און ראָזנבלום", נאָר נאָך געטרייער אַרבעט ער פאַר זיך אַליין, פאַר זיין אייגענער שוין מיט אַן אבר רירנדיקער, פירמע „פישמאַן", וועלכע איז זיך אַזוי שטילינקערהייט אויף דער וועלט געקומען, ווי אַן אומגעזעצלעך קינד, אַ ממזר און האָט פאַרט שוין געקענט באַווייזן, אַז די לאַנגיעריקע קונדן פון דער פירמע „וואָלבערג און ראָזנבלום" זאָלן מיט איר פאַרקניפּן באַציִונגען...

ווען דאָס איז אַרויפגעשווומען איז געוואָרן אַ גרויסער סקאַנדאַל. וואָלבערג האָט זיך געשעמט, און דוד פישמאַן איז געצוווּנגען געווען אָפּצוטרעטן.

אָט דעמאָלט האָט די באַן שוין רעגולער קורסירט. די שטאָט איז געוואָרן פאַרבונדן מיט דער וועלט, האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דער לענג און אין דער ברייט, איבער פעלדער און לאָנקעס, מיט נייע גאַסן, הייזער און הייזער. מחנות וואַיאַזשאָרן האָבן צוויי מאָל אין יאָר זיך געלאָזט אויף דער רייזע — און זיי האָבן אָנגעשלאָגן העט, העט, אַזש ביז דער כינעזישער גרענעץ, און נאָך ווייטער.

נייע פירמעס זענען געבוירן געוואָרן, אויפגעקומען איבער נאַכט, קליינע אומבאַדייטנדיקע פאַבריקלעך זענען אויסגעוואַקסן און גרויסע פאַבריקן און נאָר עטלעכע סאָלידע פירמעס, בתוכם אויך „וואָלבערג און ראָזנבלום" זענען געבליבן שטיין אויף איין שטאַפּל און זיך נישט געהויבן.

דעמאָלט, אַז ראָזנבלום איז דאָס דערגאַנגען, איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַ גיהנום... ס'איז געוואָרן צוגענומען אַן עקסטרע „מענטש", איינער פעלד־בערג — און דער פעלדבערג איז צווישן די אַרבעטער באַלד געקרויינט געוואָרן מיטן צונאָמען „שד". זיין איינציקע באַשעפטיקונג איז באַשטאַ־נען — אין אָנטון נגישות די אַרבעטער, נאָכצוזוכן „חטאים" קעגן די פאַרשריפטן פון קאַנטאָר און פסלען אַרבעט— כדי עס זאָלן זיין „אָפּ־צוגן"...

דער „שד" האָט פאַרשטאַנען זיין אויפגאַבע און געטון אַזוי, אַז אין קאַנטאָר זאָל מען זען, אַז ער פאַרדינט זיך זיינע שכירות.

ס'איז געווען איבער די כוחות רויִק צוצוקוקן, ווי אָט דער יונג מיטן פרישטשעוואַטן פנים און אַרויסגעזעצטע טעמפּע אויגענעס — אַליין ערשט פאַר עטלעכע וואָכן געווען דאָ אַ שטריקער, געאַרבעט אויף אַ מאַ־

שין — שפּאַנט זיך תּקיפותדיק אַרום די מאַשינען, קוקט נאָך, קאָנטראָ־לירט דעם גאַרן, קאָנטראָלירט ווידער און צייכנט עפּעס ביי זיך אין ביכל — ס'איז געווען איבער די כּוחות געדולדיק און שווייגנדיק דאָס צוצוקוקן.

דעם דאָזיקן שד פעלדבערג האָבן דאָס די אַרבעטער אַמאָל, נאָך אַן אויסצאָלונג, ווען מ'האָט זיי געשונדן די הויט מיט אָפּצוגן — אָפּגע־וואַרט אין אָוונט מיט אַ מעסער. נאָר זיי האָבן אים פּונקט נישט גע־קענט קריגן. און צומאַרגנס, נאָכן איבערשלאָפן זיך, האָט זיי שוין אויסגעפּעלט מוט ווידער דאָס אונטערצונעמען.

נאָר איינמאָל איז געווען גאָר שיין: פעלדבערג האָט גראָד באַגעגנט אַראָפּגיין טעוול קנאָפּ און פון טאַש האָט אים אַרויסגעקוקט אַ פּעקל גאַרן...

זאָגט פעלדבערג:

— דעם גאַרן האָסטו געוואָלט אַוועקטראָגן פאַרקויפן. קום מיט מיר אין קאַנטאָר!

טעוול טענהט: ניין! —

דעם גאַרן בין איך שולדיק, כ'האָב גענומען געבאָרגט אונטן אויפן ערשטן שטאָק, טראָג איך איצט אָפּ.

פעלדבערגן ווילט זיך זייער נישט טעוולען לויז לאָזן, ער שרייט צום סטרוזש, ער זאָל אים קומען צו הילף... דערווייל אָבער, איידער דער סטרוזש באַווייזט זיך נאָך, גיט זיך טעוול אַ קוק אַרום און איבער־צייגנדיק זיך, אַז אין דער נאָענט געפינט זיך נישט קיין לעבעדיק באַ־שעפעניש, איז ער נישט פויל, לאָזט פעלדבערגן אַראָפּ די אמתע פּאָר פּלעם אין פּרצוף אַריין, און ווען יענער האָט נאָך צו טון מיט זיך, פּליט טעוול גיך אַרויף און זעצט זיך אַרבעטן ביי דער מאַשין. ווי קיינמאָל גאָרנישט.

געדויערט נישט לאַנג, קומט דער סטרוזש מיט אַ באַפעל:

— שוין, די מינוט אַרויפגיין אין קאַנטאָר!

באַפעלט טעוול צוריק:

— די מינוט — איז אוממעגלעך, כ'האַלט אין מיטן אַן אַרבעט, וואָס קען מיר קאַליע ווערן, און כ'וועל נאָר דאָס פאַרטיק האָבן, קום איך גלייך אַרויף.

האָט דאָס אַזוי געדויערט אַ שעה, דאָס „פאַרטיק מאַכן". דערנאָך — טעוול איז אַרויפגעקומען אין קאַנטאָר, און מ'האָט אים אָקעגנגעשטעלט

פעלדבערגן, מיט אַלץ נאָך אַ צעפּלאָמטן פּנים, קוקט אים טעוול אָן תּמעוואַטע, ווי אַ נעבעכטיקער:

— ווער, איך? איך האָב אים געפּאַטשט? איך זע אים דאָך איצט דאָס ערשטע מאָל היינט!

אָט אַזוי האָט עס טעוול אָפּגעאַרבעט, און די הייסע פלעם זענען געבליבן ביי פעלדבערגן ווי אַ ריינער ריוח פון זיין הינטישער פּרנסה.

יא

אין גיכן איז מען אין קאַנטאָר צוגעטראָטן פאַרקלענערן די פּרייזן פון „שטיק". ווער עס וויל נישט דערויף איינגיין, קינדיקט מען אויף פערצן טעג.

ס'איז געווען אַ גרויסע בהלה, נישט נאָר דאָ אַליין, נאָר אין אַלע פאַבריקן, ווייל מ'האָט געוווּסט, שוין גאָר גוט געוווּסט, אַז רייסן פּרייזן איז אַן אָנשטעקנדיקע קרענק...

נאָר איין איינציקער אין דער גאַנצער פאַבריק האָט געעצהט זיך נישט אַקעגנצושטעלן און מקבל זיין באהבה די קלענערע פּרייזן — דאָס האָט געראָטן דער אַלטער פּראָפּער, וועלכער האָט זיך שוין דאָ געפילט, ווי אַן אָפּגעאַרבעט אַלט פערד, וואָס נאָר פון לאַסקע וועגן האַלט מען עס און מ'לאָזט עס נאָך גיין אין שפּאַן.

און באַטש פּראָפּער איז געווען דער שטענדיקער קרבן אין קאַנטאָר — האָט ער אָבער מורא געהאַט, ער זאָל דאָס ווייניקע אויך נישט אָנווערן און מוזן זיך באַזעצן אין הקדש, דערפאַר האָט ער געעצהט: פאַרבייסן די ליפּן און שווייגן.

דער יינגערער עולם האָט אָבער נישט געוואָלט שווייגן. מ'האָט אויסגעקליבן דריי מענטשן: יואל פאַנטשער, קריידע — כדי ער זאָל דאָס נישט אויסגעבן אין קאַנטאָר — און טעוול קנאָפּ (זינט ער האָט פעלדבערגן מקיים פּסק געווען, איז זיין אָנזען שטאַרק געשטיגן...) און מ'האָט זיי געשיקט צום אינספּעקטאָר זיך באַקלאָגן.

זיי האָבן זיך דאָרט געזוימט דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג. דערנאָך האָבן זיי דערציילט, אַז דער אינספּעקטאָר האָט זיי געלאָזט לאַנג וואַרטן הינטער דער טיר, און אַז ער האָט שוין לסוף אויפגענומען, איז ער זיי

באַפּאַלן, וואָס מ׳קומט אים דרייען אַ קאָפּ, זיי אָנגערופן „בונטאָוושטשי־קעס״ און „מערזאַווצעס״. פונדעסטוועגן האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער וועט קומען זיך איבערצייגן.

און ער איז טאַקע געקומען.

אין אַ נאָכמיטיק איז עס געווען. בליץ שנעל האָט זיך די בשורה פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן הויז, איבער אַלע שטאָקן, איבער אַלע זאַלן און מאַשינען... ס׳האָט זיך נישט באַלד געלאָזט גלייבן. ערשט אַז מ׳האָט באַשיימפּערלעך געזען דעם אינספּעקטאָרס קעטשל שטיין פאַר דער טיר, איז געוואָרן קלאָר פאַר אַלע, אַז ס׳איז אמת — ר׳איז טאַקע דאָ, דער אינספּעקטאָר!

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג, אַ לויפן איינער צום אַנדערן און אַ שושקען זיך. מ׳האָט געשיקט „שטאַפּעטן״, זיך אַריינקריגן אין קאַנטאָר מיט עפּעס אַ תירוץ, כלומרשט מען איז וועגן עפּעס געקומען, און זען און אויפכאַפּן אַ וואָרט, וואָס „ער״ טוט און וואָס „ער״ רעדט.

אין קאַנטאָר אָבער איז די טיר געווען פאַרשלאָסן. האָט עולם אַר־בעטער צוגעלייגט די אויערן צו דער שפּאַרע און אָנגעשטרענגט גע־האָרכט...

מ׳איז זיכער געווען, אַז דעם אינספּעקטאָרס זיצן דאָרט איז נישט גלאַט אַזוי זיך. מ׳האָט געמורמלט מיט אַ נקמה־באַפרידיקונג:

— איצט וועלן זיי שוין וויסן, ווי צו רייסן פרייזן...

אַן ערך אַ האַלבע שעה האָט זיך דער אינספּעקטאָר געזוימט אין קאַנטאָר. אַז ער האָט זיך ענדלעך פון דאָרט באַוויזן, זענען די אַרבעטער אַרויסגעקומען ווי די מייז פון די לעכער, אַ קוק טון אויף דעם „טאַטן״ זייערן... נאָר אַז זיי האָבן דערבליקט אַז ראָזנבלום אין מעלאַנזשענעם קאַנטאָר־רעקל מיט די גאָלדענע ברילן אויף דער נאָז, מיטן צעשמייכלטן צופרידענעם פּנים און פולע בעקלעך באַגלייט דעם אינספּעקטאָר אַראָפּ צום קעטשל, און דער אינספּעקטאָר רעדט מיט אים פריינדלעך, גאָר פריינדלעך, ווי צוויי גלייכע, וואָס האָבן אָט ערשט צווישן זיך פאַרהאַנדלט עפּעס, ביידע זענען דערפון צופרידן — איז זיי די גאַנצע האָפענונג פון די פּנימער אַראָפּ. אויף דעם געמיט האָט זיך זיי געלייגט אַ וואָכעדיקע שווערקייט, נאָך שווערער און וואָכעדיקער ווי ביז היינט, און זיי זענען אַוועק, יעדער אין זיין ווינקל, צו זיין מאַשין, און יעדער איינער מיט אַ מורא אין האַרץ, צי ראָזנבלום האָט אים כאָטש נישט באַמערקט.

יענעם אָוונט, נאָך דעם אינספּעקטאָרס באַזוך, איז ביז שפּעט ביי־נאַכט ליכטיק געווען אין קאַנטאָר. נאָכן שליסן די פאַבריק איז דאָרט פאָרגעקומען אַ שטרענג פאַרטרוילעכע באַראַטונג.

פון די קאַנטאָר־אָנגעשטעלטע האָט זיך קיינער נישט באַטייליקט אין דער דאָזיקער באַראַטונג. אַ חוץ די צוויי שותּפים אייגנטימער פון דער פירמע, האָט זיך נאָך בלויז באַטייליקט מאָריץ וואָלבערג, לייב חיימס שטיף־ברודער.

מאָריץ איז געווען לייב־חיימס יינגערער ברודער, פון איין פאָטער, ער האָט געשמט פאַר אַ גרויסן קאָפּ און קענער. מ'האָט דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל באַליגט עקזאַמען און געהאַט חשק שטודירן אַלס אַדוואָקאַט, נאָר דער פרומער פאָטער האָט דאָס נישט דערלאָזט. איז מאָריץ וואָלבערג געבליבן עפּעס אַ נישט דערבאַקענער, פון אַלטן דור אַרויס און צום נייעם נישט צוגעקומען...

ער האָט געטראָגן אַ קורץ העל אָפּגעבלאָקעוועט בערדל, טונקעלע ברילן, אַלט פרענקישע דייטשע מלבושים; האָט געגעבן „שטונדן" אויף בוכהאַלטעריע און האָט ליב געהאַט אָפּצולאַכן פון די היינטיקע געבילדעטע...

ער, מאָריץ, האָט אויך אָנטיילגענומען אין דער געהיימער באַראַטונג. וואָרום כאָטש ער איז נישט געווען אָנגעשטעלט דאָ, איז ער געווען די נשמה פון געשעפט. סיי לייב חיים, סיי סאַמועל ראָזנבלום האָבן נישט געטון די קלענסטע זאַך אָן זיך צו באַראָטן מיט אים.

אויף דער היינטיקער באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אָפּיציעל רייסן די פּרייזן זאָל מען נישט. מ'זאָל נאָר דאָס אַזוי איינאָרדענען, אַז יעדע וואָך זאָל אַראָפּגיין „אָפּצוג" ווייניקסטנס פון פופצן ביז צוואַנציק פּראָצענט.

אַזוי איז געוואָרן באַשטימט. קיינער האָט נישט געהאַט דערקעגן. לייב־חיים האָט יאָ עפּעס געמאַכט אַ נישט ניחאדיקע מינע. מ'האָט אים אָבער נישט געלאָזט דאָס מויל עפענען אויף קעגן, האָט ער געמוזט צופרידן בלייבן כאָטש דערמיט, וואָס ער מישט זיך ווייניק אין דער פאַבריק־פירונג אוןביים אויסצאָלן וועט ער נישט זיין...

ווען די באַראַטונג האָט זיך געענדיקט, איז שוין געווען שפּעט ביי־נאַכט. די צוויי ברידער האָבן נאָך געהאַט עפּעס צו שמועסן צווישן זיך, נישט געשעפטלעכס, נאָר פּריוואַט, פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן, און ראָזנ־

בלום, כדי זיי נישט צו שטערן, איז דערווייל אַרײַנגעגאַנגען אין דער־נעבנדיקן פאַבריק־זאַל, אָנקוקן אַ ביסל די אַרבעט אויף די מאַשינען...

דרויסן, הינטער דער קאַנטאָר־טיר, איז געזעסן דער סטרוזש מיט דעם פּאַק שליסלען אין האַנט און געוואַרט די הערן זאָלן אַרויסגיין.

ראָזנבלום האָט אים באַפוילן אויפשליסן דעם זאַל. ער איז אַרײַנ־געגאַנגען און מיט אַן אָנגעצונדן ליכט אין האַנט איז ער געגאַנגען פון מאַשין צו מאַשין אַ קוק געטון דאָ, אַ קוק געטון דאָרט און ווייטער געגאַנגען קוקן.

...עס האָבן געשוויגן די צוזאַמענגעשלאָסענע מאַשינען, געשטאַנען אין דער פינצטער ווי געפּענטעטע שלאָפנדיקע חיות. נאָר די געוויכטער אויבן, מיטן „האַמער" אין דער הייך, האָבן געוואָרפן אַן אָפּשיין אין שוואַכן לבנה־ליכט.

ראָזנבלום איז געגאַנגען צווישן די רייען מאַשינען, אַ קליין מענטשל צווישן די שווייגנדיקע אײַזערנע גולמס. אין שוואַכן ליכט־שיין האָט זיך געזעען אַ פאַרטוך, אַ בלוזע, אָנגעגרייט מ'זאָל קומען זיי אָנטון און זעצן זיך אַרבעטן.

ראָזנבלום איז אַזוי געגאַנגען פון מאַשין צו מאַשין. נישט ווילנדיק האָט זיך אים אַ מינוטקעלע געטראַכט פון די פאַרהאָרעוועטע מענטשן, וואָס ליגן איצט ערגעץ אויף די עלנטע געלעגערס מיט אַ בינטל שמאַ־טעס הינטערן קאָפּ. ער האָט זיך דערמאָנט זײַן אייגן לעבן אַמאָל אַלס שטיקער, אַלס אַרבעטער ביי יענעם...

אַרויסגעגאַנגען פון פינצטערן מאַשינען־זאַל האָט ער פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

יב

אין מיטן זומער איז הערש קופּער געוואָרן אַ חתן און פאַרן נדן צוזאַמען מיט זײַן אָפּגעשפּאָרט ביסל געלט — אײַנגעצאָלט אויף אַ מאַשין. צום ווינטער איז קופּער אַוועק אַרבעטן שוין אויף זײַן אייגענער מאַ־שין און די פריִיגעוואָרענע מאַשין ביים פעטער לייב חיים האָט איבער־גענומען בנימין.

בנימין איז געוואָרן שטיקער.

אַזוי ווי מ'האָט נישט געקענט וויסן ווי זײַן פאַרדינסט וועט די

ערשטע צייט אויסזען, האָט די מאַמע געראָטן, ישראל־נח זאָל נאָך נישט גיין צו בנימינען. דערווייל זאָל ער נאָך אַרבעטן ביי אַ פרעמדן, זועט מען קודם זיכער זיין, אַז די פּאָר גילדן אַ וואָך וועלן כאָטש זיין.

ביי בנימינען איז מער נישט געווען די אַמאָליקע יינגלשע איבער־ראַשונג פון ווערן שטיקער, פון „געוועלטיקן" איבער אַ מאַשין, פון זיין אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער שטיקער־משפּחה, פאַר וועמען פּעדלערס האָבן דרך־ארץ און די מיידלעך, פּעדלערינס, טוען וואַרעמען דאָס באַנקעלע קאַווע. פון אַט דער יינגלשקייט איז בנימין שוין לאַנג געווען אַרויס. איצט האָט אים מער געפרייט די זעלבשטענדיקייט, נישט צו זיין דעם גאַנצן טאָג, יעדע מינוט אונטער אַ צווייטנס באַפעל. בנימין האָט דאָס רויק באַנומען און מיט אַט דעם רויקן באַוווסטזיין האָט ער געדונגען פּעדלערס און געזעצט זיך אַרבעטן.

אָבער די "זעלבשטענדיקייט" און דאָס איינקויפן זיך אין דעם שטיקער־פאַך האָט אויך געהאַט נאָך אַנדערע זייטן, און נישט שטענדיק ריינע און ליכטיקע...

ס'איז פאַרגעקומען דאָס „באַגיסן די מאַשין": נאָך דער ערשטער אויסצאָלונג, וואָס בנימין האָט אָפּגענומען אין קאַנטאָר, האָט ער פאַר־בעטן אַלע שטיקערס, וואָס אַרבעטן מיט אים אין איין זאַל, צווישן וועלכע ס'האָט זיך געפונען אויך טעוול קנאָפּ, געגאַנגען מיט זיי אין אַ קנייפּע און פאַרטרונקען דאָס אָפּגענומענע געלט.

דאָס איז געווען אַ „מוז", אַנדערש זיין האָט נישט געטאָרט. ביי אַט דעם „קערמעשל" האָבן אַלע געטרונקען מיט דעם „אָנפאַנגער" ברודער־שאַפט, געוואָרן מיט אים אויף „דו", און ער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין פאַך.

און כאָטש די דאָזיקע שטיקערישע „גלייכבאַרעכטיקונג" איז נישט געווען אַזאַ גרויסע און האָט זיך בלויז באַצויגן אויף נישט אויסצודינ־גען אים אַ פּעדלער, נישט אויסצוכאַפּן די מאַשין — האָט פונדעסטוועגן דאָס „איינקויפן" זיך געהערט צו די פעסטע תקנות אין פאַבריק; ס'האָט זיך אַזוי געפירט און קיינער האָט אויף דעם נישט עובר געווען.

בנימין איז געווען אַ בחור נישט קיין מיאוסער און נישט קיין גראָ־בער. ער האָט נאָך נישט געהאַט זיין מיידל, ווי אַלע אַנדערע בחורים, נאָך געווען נישט „פאַרנומען", און דאָס מיידל, זיין הויפּט־פּעדלערין, האָט געפּרוווט, אַזוי אומבאַמערקט, פאַרלייגן אַרום אים איר נעץ.

דאָס איז געווען אַן עלנט מיידל, אַ יתומה, נישט קיין איבערגעשפּיצטע, נישט קיין שיינע און נישט קיין רירעוודיקע; אַ דערשלאָגענע פון דער לאַנגיעריקער פאַבריק־אַרבעט, איז איר „נעץ״ געווען זייער נישט אַנזעעוודיק מחמת דאָס מיידל איז געווען אַ פּאַסיווע נאַטור, דאָך האָט עס בנימין איינמאָל באַמערקט.

עפּעס ווי צופעליק זענען זיי אין אַן אָוונט איבערגעבליבן אַליין אין פאַבריק. בנימין — ווייל ער האָט געדאַרפט פאַרריכטן עפּעס אין דער מאַשין און זי כלומרשט ווייל זי דאַרף וועקסן גאַרן אויף מאָרגן.

זי האָט דעמאָלט, יענעם אָוונט, איר שפּיל אַזוי נישט־געשיקט געמאַכט, אַז זי איז אים פּראָסט אין די הענט געקראָכן. בנימין האָט אָבער אַזוי נישט געהאַט קיין אויגן פאַר איר, און זי האָט אַזוי נישט געקענט יענע קונצן, אַ דאַנק וועלכע אַפילו מיאוסע מיידלעך קענען ווירקן, אַז דאָס אַלץ האָט איר גאָרנישט געהאָלפן. ער איז געבליבן גלייכגילטיק און זיך אַזש אַ ביסל געשראָקן. זי איז רויט געוואָרן און האָט זיך צעוויינט.

אָבער גאָרנישט! נאָך דעם מאָל האָט דאָס אַן עק גענומען. זי האָט געטון איר אַרבעט, ער — זיין אַרבעט. יעדן פרייטיק האָט ער איר אויסגעצאָלט און ווייטער זענען זיי זיך געבליבן פרעמד.

נאָר דאָס וואָס אָט דעם מיידל איז נישט געלונגען, איז געלונגען אַ צווייט מיידל — עטלען, דעם אַלטן פּראָפּערס טאָכטער.

זי איז געווען עפּעס עלטער פון בנימינען (און אפשר אַ סך — ווער ווייסט!), נישט קיין אָפּיציעלע פעדלערקע, נאָר זי איז יעדן טאָג אַריינגעקומען אין פאַבריק, אַזוי זיך, אַ ביסל צוהעלפן דעם פאָטער. זי האָט געטראָגן אַ גראַנאַט קליידל מיט אַ רויט מאַטראָזן־קראַגנדל, אויפן האַלדז — אַ שניר קרעלן, גרויסע געלע, דורכזיכטיקע קרעלן; דאָס בלאָנדע שיטער־האָריקע קעפּל געקאַרבירט און האָט פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ ריח פון שמעק־זייף.

דאָס באַקאַנט ווערן מיט בנימינען איז ביי איר צוגעגאַנגען אויך אַנדערש, ווי געווײנלעך. גייענדיק פאַרביי דער מאַשין, וווּ בנימין זיצט און אַרבעט, פלעגט זי אים באַשענקען מיט אַ „גוטמאָרגן״, תחילת סתם פאַר העפלעכקייט וועגן, נאָר באַלד, עטלעכע טעג שפּעטער, שוין ווי צו אַ באַקאַנטן. אַזוי איינציקווייז האָט זי זיך געמאַכט אַ צוטריט צו אים; אַמאָל פלעגט זי פרעגן ווי שפּעט עס איז און דערנאָך שוין גלאַט אַ ביסל

צוגעקומען שמועסן. אַזוי ביסלעכווייז האָט אָט דאָס מיידל — אַ ביסל אַנדערש געקליידט, ווי די מיידלעך דאָ, נישט קיין פעדלערקע, נאָר אַ היימיש מיידל, אָפּגעשמעקט און אָנגעטון אַ מאַנטל מיט אַ פוטער־קראַגן, אַ מויל מיט אַ ציינגל, וואָס קען מאָלן — האָט דאָס מיידל געמוזט ווערן דאָס אײַ־בערגאַנג־בריקל, וואָס האָט בנימינען אַרויסגעפירט פון זיין ייִנגליש פאַר־חלומט וועלטל און אים אַריינגעפירט אין דער גשמיותדיקער וועלט פון א שטיקער, אַ פאַרדינער און דער עיקר: אַ בחור.

— איר זענט שוין אַ יונגערמאַן מיט וואָנצעס און איר האָט נאָך נישט קיין מיידל, מיט וועמען צו גיין שפּאַצירן? — פרעגט זי און לאַכט, נישט גראָב ווי אַ פעדלערין, נאָר מיט אַזאַ קלינגענדיק זאַרגלאָז קולכל, און פרעגט גלייך ווייטער:

— איך וואָלט שווערן, אַז איר קענט נאָך נישט דעם היגן פּאַרק. איר זענט נאָך אַוודאי דאָרט קיינמאָל נישט געווען?

און אַז בנימין, טאַקע אַ ביסל פאַרשעמט, שטאַמלט, אַז ער קען יאָ דעם פּאַרק און איז שוין דאָרט געווען, איז זי גרייט זיך צו וועטן, אַז נישט, אַז ער איז נאָך דאָרט נישט געווען.

און נישט קיין סך געטראַכט, נעמט זי אָוועק אירע פינגער פונעם שפּילן זיך מיט די קרעלן אויפן נאַקעטן האַלדז און זי ציט אויס איר מיט שמעק־זייף געוואַשענע האַנט און נעמט אָן זיין האַנט. זי האַלט אַ שפּאָרע ווײַלע זיין האַנט אין אירער — נישט אַנדערש, זי וויל זיך מיט אים וועטן, אַז ער איז נאָך נישט געווען אין פּאַרק.

— אויב יאָ?

אויב יאָ — כאַפּט זי אונטער — איז זי גרייט אויף אַ טשעקאַוועס, כאָטש ס׳איז איצט ווינטער, איבערמאָרגן, שבת, מיט אים צו גיין אין פּאַרק, און זאָל ער איר טאַקע אַ וויַיז טון, ווו דאָס „רעגנהויז״, אָדער ווו די „רויִנע״ געפינט זיך דאָרט. אויב נישט, האָט ער פאַרשפּילט דעם געוועט, וועט ער איר מוזן עפּעס פונדעוועגן...

און זי רעדט מיטן מויל, שנירלט די ליפּלעך, שמייכלט מיט די אויגן און בייגט איר קערפּערל אין דעם גראַנאַטענעם קליידל מיטן רויטן קראַגנדל אַהין און אַהער, און זי האָט נישט קיין חשק פריִער אָפּצוטרעטן, ביז בנימין מוז איר דאָס צוזאָגן. אַלזאָ אַ וואָרט! שבת נאָכ־

מיטיק, פּונקט דריי אַזייגער טרעפן מיר זיך — און זי לויפט גלייך אַוועק צום פּאָטערס מאַשין און זי ווייזט זיך שוין נישט פאַר בנימינען פריער, ווי פריייטיק פאַרנאַכט, ביים אַהיימגיין, דערמאָנען אים דעם געוועט, אַ שמייכל טון און גלייך ווייטער לויפן, אַ שטייגער ווי דאָס גיין מאָרגן מיט בנימינען צום „רעגנהויז" איז נישט ביי איר אַזאַ וויכטיק געטועכץ. זי האָט אַ סך וויכטיקערע זאַכן צו טון, ווי צו גיין מיט עפּעס אַ שטי־קער. זי טוט דאָס נאָר פון שפּאַס וועגן, אַנדערש וואָלט זי זיכער נישט געגאַנגען. זי האָט, דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, אַ סך וויכטיקערע בחורים מיט וועמען צו גיין שפּאַצירן.

אָט אַזוי פּלוצלינג און אַליין נישט ווייסנדיק ווען און ווי אַזוי, איז בנימין באַקאַנט געוואָרן מיט עטלען.

יג

און דאָס לעבן גייט זיך ווי געוויינלעך; די צייט פירט די טעג און מאַכט פון זיי וואָכן, פון וואָכן — חדשים... יינגלעך וואַקסן אויס בחורים, בחורים האָבן חתונה און ווערן באַלעבעסלעך; אָט ערשט געווען אַ זאָרג־לאָזער יונג, געגאַנגען מיט קאָפּ אין דער הויך — נאָך נישט קיין חודש, ווי ר'איז פון אונטער דער חופּה אַפּער און שוין איז ער אַ פאַרזאָרגטער, אַן אָפּגעמאַטערטער, קוקט נישט אויף זיך, צי דער ראָק איז אָפּגעמאַכט פון פּעדערן, צי דער קראַגן איז ריין, צי דער שניפּס ליגט גלייך, און קיין פרייע מינע ווייזט זיך נישט אויף זיין פּנים.

אָט האָט זיך אָנגערוקט טעוול קנאָפּס חתונה.

דער ווילער יונג טעוול איז אויך סוף כל סוף אַריינגעפאַלן אין יאָך פון אַ ווייב. ער האָט ענדלעך אָנגעטראָפן אויף אַ מויד, וואָס האָט אים מיט גוואַלד געפירט אונטער דער חופּה.

יאָרן לאַנג האָט טעוול לוסטיק געלעבט, גענומען אָפּגעצאָלט פון פראָווינצער פרייערס פאַר מעגן גיין מיט אַ מיידל, ביז לסוף האָט ער אַליין געמוזט באַצאָלן דערפאַר מיט זיין בחורשער פרייהייט.

מ'האָט דערציילט, אַז זי, באַשע דער גענדזלערקעס, האָט טעוולען אָפּגעוואַרט אין אַ שטיל ליקל מיט אַ פלאַש מיט יענער ברענענדיקער פליסיקייט, מיט וועלכער פרויען זענען זיך נוקם אין זייערע פאַרפירערס,

נאָר ווי ס׳זאָל נישט זיין — טעוול האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אומצופרידנקייט.

און הגם די חופה אָפּצולייגן איז שוין נישט מעגלעך געווען, און ווי מ׳האָט גערעדט אין פאַבריק, איז געווען מורא צו האָבן, אַז אויב די חופה זאָל ווערן אַ ביסל אָפּגעלייגט, קען געשען, אַז די כלה וועט נישט קענען גיין צו דער חופה. מ׳וועט זי מוזן טראָגן אַהין מיטן קינפּעט־בעט — האָט טעוול פּאַרט געזען, אַז עס זאָל זיין אַ חתונה, ווי עס געהער צו זיין, און די געסט זאָלן זיין צופרידן.

און אין אמתן — קיין פעדלערין איז זי נישט, באַשקעלע, אַ טעפּל אָפּקאָכן קען זי גוט — געדינט בלויז אין רייכע הייזער — אַ פּאָר רובל אָפּגעלייגט האָט זי אויך, און איזן איז זי אַ פולע מויד מיט א הויכער רויט־האָריקער פריזור, ווי אָפּצוהיטן אַ מאַן וועט זי אויך וויסן, — נו, טאָ וואָס האָט דאָ טעוול אָנצווערן? איז דען שוין אַזאַ גרויסע נפקא־מינה, היינט, צי אַ פּאָר יאָר שפּעטער? איז טאַקע געווען אַ חתונה מיטן גאַנצן קנאַק.

שוין אַ שבת פריִער איז געווען אַ הוליאַנקע אויף וואָס די וועלט שטייט.

ביי דער כלהס מוטער, דער גענדזלערקע אין דער וווינונג, זענען זיך שבת נאָכמיטיק צוזאַמענגעקומען דעם חתנס קאָלעגן און די שטי־קערס, וואָס אַרבעטן מיט אים אין איין פאַבריק. מ׳האָט געטרונקען און פאַרביסן מיט פּופּיקעס און לעבערלעך, געטרונקען און געטרונקען אַזש ביז צומאָרגנס, זונטיק פאַרנאַכט, און אַזוי, מיט די כוסות אין קאָפּ, געגאַנגען צו דער חופה.

אויף דער הוליאַנקע האָבן געמוזט קומען אַ חוץ די קאָלעגן, אַלע וואָס אַרבעטן מיט טעוולען אויף איין שטאָק, און די וואָס אַרבעטן מיט אים אין איין זאַל — אַוודאי און אַוודאי.

בנימין איז געקומען און געטרונקען. געסטאַרעט זיך טרינקען גלייך מיט אַלע, אַז מ׳זאָל נישט לאַכן פון אים. דער אַלטער פּראָפער וואָס האָט ליב שבת נאָכמיטיק זיך לייגן שלאָפן, אויסרוען זיך פאַר דער גאַנצער וואָך, איז געצוווּנגען געווען דעם היינטיקן שבת צו פאַרבייגן דאָס שלאָפן און גיין זיך משמח זיין צו טעוולען. אַנדערש האָבן טעוולס צוויי שליחים געסטראַשעט מיט גוואַלד אים אַהין אָוועקצוטראָגן, אַפילו אין די סאַמע תחתונים.

אַ קלייניקייט, טעוול קנאָפּ גייט חתונה האָבן!

אין חתונה־טאָג איז אויסגעפאַלן אַ גרויסער שניי, און צו דער חופּה איז געקומען צופאָרן אויף אַ שליטן דער פאַבריקאַנט ראָזנבלום אַליין. ער איז געבליבן ביז דער עולם האָט גענומען גיין צו דער חופּה, האָט געשענקט אַ שיינע פאָר רובל אויף „אַ לעב״, זיך פריינטלעך געזעגנט מיטן חתן און צוריק אַוועקגעפאָרן מיט דעם זעלבן שליטן.

און ביי דער חופּה, וואָס איז פאָרגעקומען אין דרויסן, איז געווען לעבעדיק... פון פרישגעפאַלענעם שניי איז געמאַכט געוואָרן קוילן, גרויסע, האַרטע שניי־קוילן און אין מיטן דער קדושין־צערעמאָניע זענען די קוילן געפלויגן חתן־כּלה אין די קעפּ.

אָבער דאָס איז נישט געטון געוואָרן כּדי דאָס יונגע פּאָר צו באַליידיקן. אַדרבה! — פון הימלעכקייט וועגן.

די ווינטער־נאַכט איז לאַנג. נאָך דער חופּה און נאָך דעם מאָלצייט, ווי דער עולם יונגען און מיידן האָט זיך געמוזט צוריקהאַלטן און זיצן רויק ביי באַזונדערע טישן, זענען ענדלעך די כּלי־קודש אַוועקגעגאַנגען. איינציקווייז זענען זיך אַלע עלטערע מענטשן צעקראָכן. דער אַלטער פראָפער האָט געלאָזט דאָ עטלעך, און אַליין איז ער אַהיימגעגאַנגען שלאָפן. און דערנאָך, ווען דער „עומד מצד החתן״ — אַן אַביסל הינקעדיקער דרדקי מלמד — איז אויך אַוועק אַהיים, איינרוימענדיק פריִער עפּעס דעם חתן, וואָס אין נייעם טונקעלן אַנצוג און האַרטן הוט, לאַנג און שטיל עפּעס אַריינשושקענדיק אין אים — דעמאָלט זענען די צוזאַמענגעשטעלטע בענק און טישן אַרויסגעשליידערט געוואָרן, די קלעזמאָרים האָבן מיט פרישן חשק אַ נעם געטון זיך צו די אינסטרומענטן, חבֿרה האָט אַראָפּגעוואָרפן די רעקלעך, אויסגעטון די שטיפעל געקראָכמאַלעוועטע קראַגנס און ס׳האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע חתונה...

אין יענער נאַכט, אין טעוולס חתונה־נאַכט, איז דער נאָך אַלץ אומשולדיקער בחור בנימין אַרויס פון ייִנגלשאַפט און געוואָרן מאַנצביל. אין דער דאָזיקער נאַכט איז אין בנימינען אַלץ געווען פאַרגאָסן מיט משקה. ווען דאָס געפיל, וואָס פלעגט טיילמאָל אין אים רעאַגירן אויף עפּעס נישט אָנשטענדיקס איז געלעגן פאַרשטופּט ערגעץ טיף, און זיין אָרט האָט פאַרנומען אַ צושטאַנד אַ שכּורער און אַ האָפערדיקער — האָט בנימין עפּעס פלוצלינג זיך געפונען רעדן מיט עטלען. זי האָט געטראָגן אַ העל קלייד און אויפן נאַקעטן האַלדז די געלע קרעלן; אַרום זיי האָט

מען געטאַנצט, געפּלוידערט, די קלעזמאָרים האָבן געריסן די אויערן, און זי, עטל, האָט גערעדט צו אים, זייער צוגעלאָזן גערעדט און ער האָט געשמייכלט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ... ווי פֿון דער ווייטנס האָט ער געהערט איר נישט ערנסט ברוגזדיק קול:

— נאָר נישט רירן מיט די הענט, כ׳בעט אייך... — און אים האָט זיך דווקא געגלוסט רירן מיט די הענט, באַרירן זי מיט זיינע הענט...

דערנאָך, שפּעטער, ווען אין „זאַל" איז ווידער געווען אַ געטאַנץ, אַ געפּילדער פֿון שכורע קולות, האָט בנימין זיך געפֿונען עפּעס אין אַ טונקעלן ווינקל אויף אַ באַרג אָנגעוואָרפֿענע אויבער־מלבושים. ער האָט געפֿילט לעבן זיך אַ וואַרעמען מיידלשן קערפּער, אַ ווייכן און נאָכגיביקן. און ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז עטל, עטלס קערפּער.

אין זיין איצטיקן שכרות־צושטאַנד האָט זיך אַריינגעמישט אַן אומבאַקאַנט געפֿיל, אַ הייס און אַ פּלאַטערדיקס, וואָס האָט אין אים אַלץ צעזידט ווי אין אַ קאָכיקן קעסל. און אָט, אין דעם מישמאַש פֿון שכרות און בחוריש־צעפּלאָמטער תאווה, האָט ער פּלוצלינג דערפֿילט די העכסטע הויך פֿון עפּעס אַ שאַרף־זיס פֿיינלעכער שפּירונג, אַזעלכע וואָס פֿאַר איר איז ווערט צו ליידן אַ גאַנץ לעבן־לאַנג, צען לעבנס, הונדערט לעבנס איז ווערט צו ליידן — און ער איז איינגעשלאָפֿן.

ווען בנימין האָט אויפֿגעוואַכט, האָט שוין געגראָט אויף טאָג. לעבן אים איז געזעסן עטל. זי האָט גערעדט צו אים אויף „דו" און האָט כלומרשט געשעמט זיך די אויגן צו דערהייבן. זי האָט גערעדט צו אים צערטלעך, און דאָך ווי צו אַן אייגנטום, וואָס זי האָט זיך, ווער ווייסט ווי אַרום, איבער נאַכט דאָ איינגעהאַנדלט.

און אַז בנימין האָט גערעדט צו איר, ווי שטענדיק: נישט צו־צי׳ענדיק און נישט צוריקגעהאַלטן, נאָר צו אַ מיידל, מיט וועלכער ער איז געווען איינמאָל אין פּאַרק און ווייטער גאָרנישט — האָט זי מיט אַמאָל אָנגעהויבן וויינען און געזאָגט, אַז נאָך דעם וואָס צווישן זיי איז היינט ביינאַכט פֿאָרגעקומען, האָט זי מורא אַהיימצוגיין, און זי האָט ווייטער געוויינט.

דערינען, אין „זאַל", איז שוין געווען שטיל און רויִק, אומעטום זענען געלעגן בינטלעך מענטשן, ווי אָוועקגעוואָרפֿענע, און געשלאָפֿן, אין די מלבושים און האַלב אויסגעטועטע.

בנימין האָט פֿון עטלס רעדן עפּעס זיך דערמאָנט, אַז דאָס וואָס אים

האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳האָט זיך אים בלויז געחלומט, איז טאַקע געשען. ער האָט זיך אָנגעהויבן עפּעס צו דערמאָנען, נאָר קלאָר וואָס האָט ער זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאָנען. אים איז בלויז געבליבן ווי אַן אָפּשיין פון דער שאַרפער אויסטערלישער שפּירונג...

ער האָט איצט עטלען וואַרעם און עפּעס מיטליידיק געגלעט איבער די צעשויבערטע בלאָנדע, שיטערע האָר. און אין מויל איז אים געווען ביטער פון דער אויסגעטרונקענער משקה.

יד

לפנים האָט זיך אין דער היים אַלץ געפירט ווי אַמאָל. ס׳איז אָפּגעהיט געוואָרן דער מאַמעס כבוד; מ׳האָט זיך צו איר באַצויגן מיטן געהעריקן דרך־ארץ, נישט אַקעגן־גערעדט גראָבע ווערטער — אָבער אין תוך איז שוין אַלץ געווען אַנדערש. בנימין איז שוין נישט געווען דער, וואָס אַמאָל. אויך פון ישראל־נחן האָט די מאַמע נישט קיין נחת געהאַט.

די מאַמע האָט נישט געגנבֿי געוווּסט אויף ווי ווייט בנימין איז שוין אַראָפּ פון רעכטפאַרטיקן וועג, אויף וועלכן איר און איר מאַן עליו־השלומס משפחה גייען פון דור דורות. זי האָט נאָר געוווּסט, אַז בנימין האָט חברים נישט אַזעלכע, ווי איר שטייט אָן, און אַז דעם טאָג וואָס ער אַרבעט נישט, גייט ער שפּאַצירן ביז האַלבער נאַכט, און פון דער אויסצאָלונג, וואָס ער קריגט אין קאַנטאָר, ברענגט ער אַהיים נישט אַלץ.

דערפאַר האָט די מאַמע נישט צוגעלאָזט ישראל־נח זאָל גיין אַרבעטן צו בנימינען. זי האָט מורא געהאַט ער זאָל זיך פון דעם עלטערן ברודער נישט אָפּלערנען שלעכטע מעשים און זאָל אויך נישט אַרויף אויף דעם גליטשיקן וועג.

ישראל־נח האָט אָבער אויך געהאַט חברים, און פון איינעם אַ חבר זיינעם, אויך אַ פּעדלער — איז ישראל־נח געוואָרן, אַז אין דער און דער גאַס, אין דעם און דעם הויז איז פאַראַן אַ געוועלב, וואָס דאָרט קען מען זיך זאַמלען געלט...

איז ישראל־נח אַ מאָל אַהינגעגאַנגען. ער האָט איינגעצאָלט עפּעס

געלט, געקריגן אַ ביכעלע און אין ביכעלע אַריינגעקלעפּט מאַרקעס אַזעל־כע מיט אַ לשון־קודשדיקער אויפשריפט.

אַזוי איז ישראל־נח יעדעס מאָל אַהינגעגאַנגען, די פּאָר מטבעות וואָס ער האָט זיך אָפּגעשפּאָרט זענען באַרעכנט געוואָרן אין צענער גראָשנס, פאַר יעדע צען גראָשן האָט ער באַקומען אַ מאַרקע אַריינגעקלעפּט אין ביכעלע און ער האָט אַלץ געהאַלטן אין איין חשבונען. ווען ער וועט שוין האָבן מאַרקעס אויף אַ סומע פון צען רובל, וועט ער קריגן אַן אַקציע און וועט האָבן אַ חלק אין אַ קאָלאָניע, וואָס וועט געבויט אין ארץ־ישראל.

אין דעם געוועלב, ווו ישראל־נח קויפט די ארץ־ישראל מאַרקעס, איז שטענדיק פול מענטשן. נישט קונים, נאָר סתם מענטשן, זיצן גלאַט אַזוי, שמועסן און אַמפּערן זיך איבער עפּעס אויסטערלישע ענינים, און זיי באַנוצן דערביי ווערטער וואָס ישראל־נח הייבט נישט אָן צו וויסן זייער טייטש, נאָר ער איז זיכער אַז דאָס האָט אַ שייכות צו דעם ענין פון זיינע מאַרקעס און ר׳וועט דערנאָך קריגן אַן אַקציע.

דער באַלעבאָס פון געוועלב, אַ ליטוואַק מיט אַ לאַנגער בלאָנדער באָרד, האָט זיך איינמאָל צעשמועסט מיט ישראל־נחן, אים אויסגעפרעגט, צי ער האָט געלערנט אין אַ חדר און צי ער קען לייענען און שרייבן. ער האָט אים געבעטן קומען שבת נאָכמיטיק צו אים אין וווינונג. ישראל־נח איז אַהינגעקומען מיט זיינעם אַ חבר, האָט ער זיי אַרויפגעפירט ערגעץ אין אַ דירה, ווו עס זענען געשטאַנען פולע שענק מיט ביכער, לאַנגע טישן און אַרום — בענק צום זיצן.

דאָרט זענען זיך צוזאַמענגעקומען נאָך ייִנגלעך אין ישראל־נחס על־טער, און עלטערע און ייִנגערע. מ׳האָט זיי געגעבן צו לייענען ייִדישע ביכלעך און ביים אַהיימגיין זיי געבעטן קומען דעם צווייטן שבת ווידער. און אַז ס׳איז געקומען דער זומער און מ׳האָט געאַרבעט נאָר ביז צום אָנצינדן די לאָמפּן, איז ישראל־נח יעדן אָוונט אַהין אַרויפגעגאַנגען; דאָרט זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַ סך ייִנגלעך און לערערס האָבן זיי געלערנט שרייבן.

די מאַמע איז פון ישראל־נחס פירונג אויך נישט געווען צופרידן. ס׳האָט איר געקרענקט די פּאָר גראָשן וואָס ישראל־נח גיט אויס אויף מאַרקעס; בנימין גיט אויס פון איין זייט און ישראל־נח — פון דער צווייטער, און דאָ דאַרף מען אַזוי פיל געלט. מלכה, קיין עין־הרע, איז שוין

אַ מיידל איבער די צוואַנציק און האָט נאָך נישט אַ גראָשן נדן און קיין פּאָדעם אויסשטייער, און סימעלען דאַרף מען שיקן אין שול.

און נאָך צוליב אַ טעם איז די מאַמע אומצופרידן. כאָטש די פרומ־קייט אין שטוב איז געווען שוין גאָר שיטער און מער ווי איינמאָל האָט זיך די מאַמע נישט געמאַכט קוקן ביים פאַרהיפּערן אַ דאַווענען, אָדער מחלל שבת זיין ביי עפּעס — האָט זי פונדעסטוועגן געציטערט, אַז אין איר שטוב זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן אַפּיקורסות. די מאַמע האָט געוווסט פון פעטער לייב־חיים, אַז ישראל־נח טראָגט אַוועק זיינע גראָשנס צו די ציוניסטן און ציוניסטן זענען אַפּיקורסים, האָט זי מורא געהאַט, אַז פון ישראל־נחס גיין זאָל זיך לסוף נישט אויסלאָזן, אַז ער וועט אויך אַרויף אויף אַ גליטשיקן וועג.

**
*

בנימין איז איצט שוין אַרויף אויפן שליאַך, וואָס אַלע בחורים אין פאַבריק.

דעמאָלט, נאָך דעם ערשטן אומגעריכטן פּאַרקער מיט עטלען אין טעוולס חתונה־נאַכט, האָט בנימין עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד געשעמט זיך צו קוקן דער מאַמען אין די אויגן; ער איז אַרומגעגאַנגען פאַרצאָגט, אומעטיק. די מאַמע, אָנקוקנדיק זיין פאַראומערט בלאַס פּנים האָט געמיינט אַז ער האָט זיך אויף דער חתונה דעם מאָגן פאַרדאָרבן, אָדער דערקילט זיך — היינט איז בנימינען פון יענער בושה כמעט קיין שפּור שוין נישט גע־בליבן. נאָך די עטלעכע חדשים האָט ער איצט שוין געקענט היינטער עטלס פּלייצעס נאָך עטלעכע מיידלעך, און געפילט זיך שוין רויק. וואָרן ער האָט געזען, אַז אַלע בחורים אין פאַבריק טוען אַזוי און — גאָרנישט! איז מן הסתם דאַרף אַזוי זיין.

— בנימין, פרעגט אים אַמאָל עטל — וואָס וועט זיין דער סוף פון אונדזער גיין? אין דער היים פרעגט מען מיך נאָכאַנאַנד, ווען וועט שוין עפּעס ווערן.

— וואָס ווילסטו דען? — דערווידערט בנימין מיט באַהאַלטענער אומצופרידנקייט — איך בין דאָך נאָך קיין פולע צוואַנציק יאָר נישט אַלט. נישט „געשטאַנען" נאָך צום פּריזיוו.

— נו, יאָ, — איז זי לפּנים מסכים — איך ווייס, אָבער וואָס זאָל איך אין דער היים זאָגן? פון גאָך יענער נאַכט ביי טעוולען, ווען דו האָסט

מיך גענומען אויף ס׳כוח, לאָזט מען מיך אין דער היים נישט אָפּ אַ מינוט.

— ווער האָט דיר דען געהייסן באַלד דערציילן אין דער היים? — זאָגט בנימין מיט פאַראיבל.

— וואָס הייסט? — פרעגט זי צוריק — איך האָב דען עפּעס דערציילט? זיי האָבן דערקענט, די מאַמע האָט גלייך דערקענט.

בנימין פאַרשטייט אַפילו נישט ווי אַזוי די מאַמע האָט גלייך געקענט דערקענען. אָבער נאָך רעדן דערפון ווילט זיך אים נישט. ער ווייסט, אַז אויף זיין איין וואָרט וועט אים עטל פאַרשיטן מיט אַ גאַנצן מבול רייד, שווייגט ער, און ער פילט, אַז ער איז נישט פריי, אַז דער צווייטער עק פון זיין „איך" ליגט ביי אָט דער מיידל אין דער האַנט; ביי דעם דאָזיקן עק האַלט אים נישט דאָס מיידל אַליין, נאָר איר גאַנצע משפחה, און דאָס וואָס ער גייט אַרום כלומרשט פריי, איז נאָר אַזוי אַ ביסל, ווי אַ געפּענטעט פערד וואָס מ׳לאָזט אַרומגיין אויף דער לאָנקע...

יאָ, דאָס דאָזיקע מאָגער־גופיקע מיידל מיט די שיטערע הערעלעך אויפן קעפּל, צוזאַמענגעדרייט אין אַ קעקסל, און מיטן ריח פון שמעק־זייף, וואָס זי פאַרשפּרייט אַרום זיך, זי פאַרשטייט גוט, גאָר גוט צו שפּילן איר ראָלע. פון יענער נאַכט אָן קלעפּט זי פּשוט אָן בנימינען, מישט זיך אַריין ביי זיינע פעדלערס, זיי זאָלן נישט אָפּגענאַרן אין דער אַרבעט; אָט, ווי זי וואָלט שוין געווען זיין ווייב.

און מאַכן מאַכט זי דאָס אַזוי, גלייך זי איז דאָ אויסן נאָר זיין טובה; נייט אים אָן אַ קנעפּל; פאַררעכנט אים אין פאַבריק די אַרבעטס־הויזן. אויסגעביפּט איז אָט דאָס מיידל, אַז עס קוקט שוין באַלד אויס, אַז אייגנט־לעך האַלט ער, בנימין, זי צו זיך צוגעבונדן, ער קען נישט לעבן אָן איר. זי נעבעך, ברענגט דעם קרבן און איז צו אים נאָענט.

און אַז זיי טרעפן זיך אַ מאָל אין אָוונט אַליין אין פאַבריק, איז זי כלומרשט גאָרנישט שולדיק דערין, גאָרנישט אויסן. זי איז נאָר אַריינגע־קומען אַ קוק טון צי דער פאָטער אירער איז שוין אַהיימגעגאַנגען און צופעליק האָט זי דאָ געטראָפן בנימינען...

בנימין האָט זי נישט פיינט. טיילמאָל, אין געוויסע מינוטן, איז זי אים אַפילו נאָענט, און נענטער ווי אַלע אַנדערע מיידלעך איז זי אים שטענדיק. נאָר פאַרט וואָלט ער געוואָלט זי זאָל אים אַ ביסל אָפּלאָזן, נישט זיין מיט אים שטענדיק. זאָל זי אים לאָזן אַ ביסל בענקען נאָך זיך. דאָס וואָלט פאַר איר אויך גלייכער געווען... זי אָבער פאַרשטייט דאָס נישט, אָדער

וויל נישט פֿאַרשטיין. דעריבער ווערט זי אים דערווידער, און ער דערזעט אין איר חסרונות, אַלץ מער חסרונות, נישט געפֿערלעכע חסרונות, נאָר עפּעס אַזעלכע אינערלעכע, וועלכע ער וואָלט אפֿשר גאָרנישט געוווּסט ווי אַזוי זיי אַרויסצודערציילן. נאָר ער פֿילט זיי, די חסרונות אירע, און זי ווערט אים לעסטיק.

טו

— ווי מאַכט מען זיך אַ ביסל לויז פֿון עטלען? — פֿאַרטרויט זיך אַ מאָל בנימין פֿאַר זיין חבר פּיניע — זי לאָזט מיך אַ מינוט נישט אָפּ־אָטעמען.

פּיניע איז אַ קצבס אַ זון און אַליין אַ קצב־געזעלן, וווינט אין ׳עלבן הויז וואָס בנימינס משפּחה. ער איז אַ טונקל־פּנימדיקער, ברייט־פּלייצעדי־קער, נישט הויכער יונג, און דאָס רעדן זיינס איז אויך אַזוי פּעסט און פּראָסט ווי ער איז אינגאַנצן.

— מ׳שלאָגט מיט איר כּפּרות, און שוין! — עצהט פּיניע.

און אַז בנימין ענטפֿערט גאָרנישט, ווייל ער פֿאַרשטייט, אַז סתּם „שלאָגן מיט איר כּפּרות און שוין״, גייט נישט — מיינט פּיניע, אַז זי איז בנימינען אַ שאָד, נעמט ער אים דאָס אויסרעדן:

— וואָס, עס פֿעלן דיר אפֿשר מיידן? — אַ נפֿקא־מינה די מויד אָדער אַן אַנדערע מויד — אַלץ איינס!

פּיניע ווייסט שוין אַלץ, וואָס עס איז צווישן בנימינען און עטלען. ער ווייסט ווי ס׳איז געקומען דערצו. פּיניע האַלט גראָד נישט אַז בנימין איז אין אַלעם שולדיק, פֿאַרקערט גאָר:

— דאָס האָט זי דיר דעמאָלט אונטערגעשטעלט אַ פּיסל כּדי דיך אַריינצוקריגן, — רעדט פּיניע קלאָרע דיבורים, אַזעלכע וואָס גיבן אַ פּיק אין בנימינס מוח — מכּוח עטלס בלייבן דעמאָלט אויף טעוולס חתונה, נאָך איר פּאָטערס אַהיימגיין.

און זיכער איז פּיניע, אַז בנימין איז ביי עטלען נישט דער איינציקער, דער „ערשטער״ — זיכער נישט...

ס׳איז געווען פּיניעס אַ פּלאַן, אויסצוווייזן בנימינען באַשיימפּערלעך אַז אַן אַנדערער קען פֿון עטלען באַקומען דאָס זעלבע, וואָס בנימין האָט פֿון איר, און גאָרנישט! קיינער מאַכט זיך נישט דערפֿון.

און פּיניע האָט זיך טאַקע באַלד גענומען דאָס אויסצופירן.

צי עטל האָט אין איר לעבן געהאַט עסקים נאָך מיט אַנדערע בחו־רים, אַ חוץ בנימינען, איז נישט באַוווּסט. נאָר אַז אַט דאָס מיידל איז פּיפּיק און געביפּט — דאָס איז באַלד געוואָרן באַוווּסט.

זי איז טאַקע געגאַנגען שפּאַצירן איינע אַליין מיט פּיניען, געגאַנגען אין פּאַרק, און אויף זיין פּאַרלאַנג געזעצט זיך אָפּרוען אויף דער „רוינע". נאָר אַז ס'איז געקומען צו עפּעס מערס, ווי סתם זיצן און שמועסן, האָט זי אויף פּיניען אויסגעשטעלט אַ פּאָר העל־בלויע אייגעלעך ווי זייף־וואַסער, ממש די אומשולד אַליין:

— פּיניע, ווי קענסטו צו מיר גאָר אַזעלכע ווערטער רעדן? איך בין דאָך דיין חברס כלה!

און אַז פּיניע האָט געפּרוּווט זיין חוצפּהדיק, האָט זי זיך נישט גע־פּוילט און גענומען שרייען אויף הילף.

פּיניע האָט שוין מיט גאָרנישט געקענט באַווייזן בנימינען, אַז ער איז ביי עטלען נישט דער איינציקער.

דאָך אַ שטיקל פּעולה האָבן פּיניעס נאָכאַנאַנדיקע רייד פּאָרט געהאַט: בנימין האָט אַזוי איינציקווייז, אומבאַמערקט אַפילו פאַר זיך אַליין, אַ ביסל זיך לויז געמאַכט פון עטלס מאַכט איבער אים.

***

ס'איז געווען אַ סוף זומערדיקער שבת נאָכמיטיק. ביים מיטיק־עסן האָט די מאַמע וויינענדיק דערמאָנט, אַז מלכה האָט נישט קיין שטיקל קלייד אין גאַס זיך צו ווייזן, און אַז בנימין און ישראל־נח גייען נישט אין רעכט־פאַרטיקן וועג...

און אַז די מאַמע וויינט, וויינט גלייך סימעלע אויך, און באַלד האָט אויך מלכה גענומען ווישן זיך די אויגן. בנימין און ישראל־נח זענען געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און געשוויגן. דערנאָך איז געקומען היב־טערן פענצטער פּיניע דעם קצבס און מיט אונטערפייפן אַראָפּגערופן בני־מינען.

ביים דערהערן דאָס באַקאַנטע אונטערפייפן האָט די מאַמע באַטריבט אַ מורמל געטון: „דער בייזער יצר־הרע קושעט שוין". בנימין האָט גאָר־

נישט גערעדט, שווייגנדיק און נישט דרייסט זיך דערהויבן פון טיש און אַראָפּגעגאַנגען צום חבר.

זיי זענען אַוועק אָפּוואַרטן פּיניעס אַ באַקאַנט דינסט־מיידל, געשטאַנען דאָרט פאַרן טויער, אַז זי איז אַרויסגעקומען, איז מען אַוועק „אָפּהאָלן" אירס אַ „קאָלעזשאַנקע".

דערנאָך איז מען צוזאַמען, אין צווייי פּאָר, געגאַנגען אין פּאַרק, גע־קנאַקט באַניעקערלעך און פריילעך געפּלוידערט.

אַדורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל די „טונקעלע אַלייע", רופט זיך פּיניע אָן:

— די מאַמזעלס וועלן אפשר טרינקען סופּענדל־וואַסער?

— און נאָך עפּעס שטאַרקערס אויך — ענטפערט פּיניעס באַגליי־טערין.

און די צווייטע, וואָס גייט מיט בנימינען, זאָגט מיט אַ שנעבעלע:

— פיינע קאַוואַלירן דאַרפן אַליין וויסן, וואָס זייערע פּאַננעס באַגערן.

איז מען אַוועק פאַרברענגען צו יענטל קאָזאַק אין קעלער.

אין יענטלס טאַנץ־שטוב איז יעדעס פּאָרל אַנגעלייגטע געסט. זי, יענטל אַליין, מיט אַ פּנים שוואַרץ ווי אַ ציגיינערין, מיט זילבערנע גרויסע אויערינגען און אין אַ שוואַרץ־גלאַנציקן שייטל מיט אַ גזשיווקע און קליינע געדרייטע לעקלעך, זיצט פאַרן ווענטל, הינטער וועלכן ס'געפינט זיך איר אַלמנה־בעט און דערלעבן דאָס אויף אַ שלעסל צוגעשלאָסענע בופעטל מיט דער שבת־קראָם.

די שוואַרצע ייִדענע זיצט פאַרן ווענטל, ווי אַ זשאַנדאַרם וואָס היט איר האָב און גוטס און דאָס בופעטל ווי דאָס בעט, זענען די צושטעלער פון דער פּרנסה, וואָס זי האָט פון די פּאָרלעך.

יענטל האָט פאַר יעדן פּאָרל אַ באַזונדערן „ווילקאָם", פאַר יעדן יונג אַ באַזונדער צווייידייטיק ווערטל.

— און דאָס איז אַ באַשערט פּאָרל, — זאָגט זי אויף בנימינען מיט דעם נייעם מיידל — נאָר אַ ברכה צו מאַכן. זי זאָגט עס מכלומרשט תמע־וואָטע, מיט אַזאַ ריר מיטן פּלייצעלע אין דעם געבלימלטן גאַנצן קלייד צו דער זייט פון דער עפענונג אין פאַראַוואַן, וווּ דאָס אַלמנה־בעט גע־פינט זיך.

...אַנגעזאַמלט זיך היפּשלעך פּאָרלעך און דעם עולם ווערט נמאס סתם זיצן ליידיק וואַרטן אויפן טאַנץ־מייסטער, פאָדערט מען יענטל זאָל עפּעס דערלאַנגען.

גייט יענטל צו מיט אַזאַ מין נחת־זיפצל צום בעפּוטל הינטער דעם פּאַראַוואַן, עפנט דאָס פּאַרזיכטיק און הייבט אָן צו פּאַרקויפן סאָדעוואַסער, פלעשלעך ביר און געזאָטענע אַרבעס, שטאַרק געזאַלצענע און געפּעפּערטע, און אַז אַ קאַוואַליער פּאַרלאַנגט אַמאָל עפּעס טייערערס און דעליקאַטעס, האָט יענטל דאָס אויך.

אַזוי אין טרינקען, פּלאַפּלען און שטיפן מיט די מיידלעך פאַרגייט די צייט, ביז עס קומט בערנאַרד פייל, דער טאַנץ־מייסטער און עס הייבט זיך אָן דאָס אמתע לעבן.

געטיילט אין פּאַרלעך, אין רעדער און ווידער אין פּאַרלעך, טאַנצט דער עולם, האָפּסעט, קלאַפּט מיט די פיס, זינגט, דרייט זיך אין רעדלעך און צעפאַלט זיך, לויט בערנאַרדס קאָמאַנדע, וואָס הילכט ווי אין אַ מאַנהויז.

יענטלען גייט דאָס אַלץ גאָרנישט אָן. געטריי ווי אַ קוואָקע איבער יונגע הינדלעך, זיצט זיך יענטל פאַרן פּאַראַוואַן מיטן בליק צום פענצ־טערל און עס דאַכט זיך, נאָך העכער, צום הימל אַרויף.

זי זעט גאָרנישט, זי ווייסט גאָרנישט. ווייל עמעץ עפּעס, נעמט זי פרי:ער אָפּ די פּאָר גראָשן, הייסט צוואַרטן פאַרן ווענטל און דערלאַנגט אַפּער פאַר די פּאָר גראָשן.

און אַז אַ יונגל מיט אַ מיידל פאַרגלוסט זיך אַהינטער גיין „אָפּרוען" אַ ביסל אויפן בעטל, שטעקט „ער" אַזוי אומבאַמערקט יענטלען אָפּ די פּאָר גראָשן פאַרן באַנוצן דאָס בעטל. זי פאַררוקט די מטבעות אויך אַזוי שטילינקע און אומבאַמערקט צו זיך אין בוזעם און זיצט זיך ווייטער אויף איר ערטעלע, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

און אַז אַ מיידל צעפּיעשטשעט זיך אַמאָל הינטערן פאַרהענגל — יענטל הערט דאָס גאָרנישט; זי ווערט אויף אַ ווייל טויבלעך און זיצט זיך ווייטער מיטן אומשולדיקן מינעלע אויפן שבתדיקן פּנים.

דערפאַר, אַז אַ פּאָרל פאַרזאַמט זיך אַמאָל צו לאַנג הינטערן פּאַראַ־וואַן — יענטל האָט מורא, אַז אַזויערנאָך ווערט דערווייל אויפגעהאַלטן אַ צווייט פּאָרל, — ווערט זי אומגעדולדיק, דרייט זיך אויפן בענקל, הוסטלט, הוסט העכער און אויב עס נעמט נאָך אַלץ נישט קיין סוף, גיט יענטל אַ זאָג הויך, אַזוי הויך, אַז מ׳זאָל דאָס הערן ביים גרעסטן געפּילדער פון די טענצער:

— מנאַ, וואָס האָבן זיי מיך שוין איינגאַנצן אָפּגעקויפט, אָדער ז׳זענען גאָר איינגעשלאָפן?

אָט אַזוי פֿירט יענטל איר געשעפֿטל אַ גאַנץ יאָר, אין די שבתים און יום טובים, א חוץ יום כפור. און אַז איר קומט אַמאָל אויס אַהינטער־צוגיין צום בופֿעטל, ווען אויפֿן בעט „רוט אַפּ״ אַ פּאַרל, גייט זי זיך אַזוי רויִק מיט די קעצישע טריטלעך, מיט אויגן וואָס זעען גאָרנישט, מיט אויפֿגעהויבענע פֿון גאָרנישט וויסנדיקע פּלייצעלעך, שליסט אויף דאָס שענקל, נעמט פֿון דאָרט אַרויס וואָס זי דאַרף, שליסט געטריי צוריק צו, באַהאַלט דאָס שליסעלע און גייט זיך תמעוואַטע צוריק אַפּער.

טרעפֿט אָבער, ס׳ברעכט אויס אַ מחלוקת צווישן די געסט ווי אַמאָל, וואָס מ׳דערציילט נאָך: טעוול קנאָפּ האָט זיך שכורערהייט צעשלאָגן מיט אַ קאָלעגע און עס זענען געפֿלויגן גלעזער און פֿלעשער און ס׳האָט גע־האַלטן דערבײַ, די שכנים זאָלן אויף די גוואַלדן רופֿן פּאָליציי, דעמאָלט איז מיט איין מאָל געוואָרן פֿון יענטלען — יענטע קאָזאַק. זי איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן נאָך אַמאָל אַזוי הויך און נאָך אַמאָל אַזוי ברייט, האָט געטיילט פּלעם אויף רעכטס און אויף לינקס, און איז נישט פֿריִער צוריק געוואָרן די אַלטע יענטל, ביז די שלעגער זענען שוין געלעגן הינטער דער טיר, צעקיילטע, צעביילטע, יעדער אין אַן אַנדער ווינקל און געשנאָרכעט.
אָט אַזאַ איז יענטל, און אַזוי איז איר „טאַנץ־זאַל״.

***

ווען בנימין איז אַהיימגעקומען פֿון „טאַנץ־זאַל״ איז געווען שוין שפּעט אין אָוונט. ישראל־נח איז נאָך נישט אין דער היים געווען פֿון די ציוניסטן, ווו ער גייט יעדן אָוונט לערנען זיך שרייבן. מלכה איז שוין גע־שלאָפֿן, אין צווייטן בעט איז געלעגן די מאַמע מיט סימעלען. פֿאַר בני־מינס וועגן איז געווען אויפֿן טיש אָנגעגרייט נאַכט־עסן: אַ שטיקל פֿיש, אַ ברעקל פֿלייש פֿון מיטיק, דערלעבן ס׳ברויט, און פֿאַר ישראל־נחן בלויז אַ שטיקל פֿיש און ברויט. בנימין האָט שווייגנדיק זיך געזעצט עסן. די מאַמע האָט זיך פּלוצלינג אויפֿגעזעצט אין בעט, מיטביידע הענט זיך אָנגענומען ביים קאָפּ און אַזוי פֿאַרצאָגט זיך צעשאָקלט:

— דער טאַטע אין קבר שעמט זיך, קען נעבעך נישט איינליגן...

און בנימין האָט אין דער רגע דערפֿילט אַז ס׳איז אמת, דער טאַטע אין קבר דאַרף זיך טאַקע שעמען פֿאַר זיין פּירונג.

אַ שווערע טרויעריקייט האָט אים אַרומגענומען. זייער שווער און

זייער טרויעריק און נאָך פיינלעכער איז אים געוואָרן וואָס די מאַמע האָט זיך באַלד צוריקגעלייגט און געשוויגן, שוין אַ וואָרט מער נישט גע־רעדט. ער וואָלט זיך אין דער מינוט בעסער געפילט ווען די מאַמע זאָל אים עפּעס טון, כאָטש פּאַטשן, וואַרפן אים עפּעס אין קאָפּ אַריין.

טז

מ׳האָט אַלץ גערעדט פון אסתר וואָלבערגס חתונה; אַפילו אין פאַבריק, צווישן די שטיקערס און פעדלערס, האָט מען נאָכאַנאַנד דערמאָנט, אַז דעם פאַבריקאַנטס טאָכטער זאָל בקרוב חתונה האָבן — און אָט האָט אָנגערוקט די חתונה.

ביי בנימינען אין דער היים האָט מען זיך שטאַרק געגרייט צו דער דאָזיקער חתונה. די מאַמע האָט פּלוצלינג געהאַט אַ שוואַרץ זיידן קלייד און געלאָזט זיך איבערמאַכן דעם אַלטן סאַמעט־מאַנטל; מלכה איז נאָכ־אַנאַנד געגאַנגען צו דער שניידערין עפּעס פּאַסן, און סימעלע אַפילו האָט שוין אויך געהאַט אַ קליידל.

עטלעכע טעג פאַר דער חתונה איז נאָך אַמאָל אַריינגעקומען זי, די כלה אַליין — אסתר מיט די רויטע באַקן. זי האָט אָנגעזאָגט, מ׳זאָל זי נישט פאַרשעמען: אַלע זאָלן קומען אויף איר חתונה, נישט אַנדערש — בנימין און ישראל־נח זאָלן אויך קומען. באַזונדער האָט די מומע הענע זיך נאָכגעפרעגט ביי דער מאַמען, כלאחר יד, צי די יינגלעך האָבן עפּעס אָנצוטון...

אַזוי האָט ער זיך געפירט, דער פעטער לייב־חיים, ביי אַלע שמחות וואָס ער האָט געמאַכט. ער האָט ליב געהאַט אַלץ צו מאַכן מיט דער ברייטער האַנט.

און וואָס נענטער ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער באַשטימטער טאָג, אַלץ מער האָט זיך די חתונה געגעבן צו דערקענען.

צום פעטער לייב־חיים זענען טאָג־טעגלעך געקומען געסט פון ווייט און נאָענט: אָרעמע גלידגעשוועסטער־קינדער, האַלב פאַרגעסענע קרובים און סתם מחותנים פון די אויסגעגעבענע זין און טעכטער.

אין פאַבריק האָבן די אַרבעטער שוין אַ פּאָר וואָכן זיך געלערנט צוליב דער חתונה אַ פאָרשטעלונג „רענאַלדע רענאַלדינע״, האָבן זיך געלאָזט

אויפנייען אויסטערלישע קאָסטיומען, רויטע פעלערינעס מיט פליטערלעך, הויכע שפּיציקע היט און קרומע שווערדן — נאַכט ביינאַכט זענען זיי ער־געץ געלאָפן אָפּהאַלטן „פּראָבעס״, און האָבן זיך נאָכאַנאַנד געסודעט מיט העגעך דעם פאַבריקאַנטס זון...

אָט דעמאָלט, ווען אַלע חתונה־הכנות זענען שוין פאַרטיק געווען, איז געקומען צו פאָרן פּיווול דעם פעטער לייב־חיימס בחור, וואָס לערנט אין שטעטל ביים חתנס פאָטער אין דער ישיבה.

ס'איז געווען אַ גרויסע חתונה, פון יענע נגידישע חתונות וואָס לאָזן זיך הערן. עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד איז די חתונה געווען דער הויפּט־שמועס אין אַלע פאַבריקן און אַרבעטער־שטובן אין גאַנץ שטאָט.

ביידע שטאָקן פון דעם פעטער לייב חיימס הויז איז פול געווען מיט חתונה־געסט. אין אַלע חדרים זענען געשטאַנען סערווירט טישן און אַרום די טישן איז געזעסן דער פאַרשידנפאַרביקסטער עולם, פון רבנישע שטריימ־לעך און צעקנייטשטע סאַמעטענע היטלעך ביז צילינדער־היטן; פון פאַר־פאַטשקעטע חסידישע בערד ביז ראַזירטע געמבעס און שטייפע וואָנצעס, און אין אַ באַזונדער חדר — געטישט פאַר אָרעמעלייט.

בנימין, ווייל ער איז געווען אָרנטלעך אָנגעטון, האָט זיך דאָ גוט גע־פילט. ער האָט זיך באַלד געפונען חברים — מנשהן, זיין ברודער פּיווול און דעם חתנס ברודער, אַ בחור מיט אַ זיידן טיכל פיין אויסגעלייגט ביים האַלדז. האָבן זיי אויך אַריינגענומען אין דער חברותא.

אַלץ איז געווען לרוב. די מומע הענע האָט אויפגעזוכט ישראל־נחן און בנימינען און זיך ביי זיי נאָכגעפרעגט:

— קינדער, פילט עץ זיך גוט, האָט מען ענק נישט באַוואָלהעט?

בנימין און מנשה מיט ישראל־נחן און פּיוולען האָבן געשפּאַצירט פון איין חדר אין צווייטן. די טירן זענען אומעטום געשטאַנען אויפגע־פּראַלט און מ'האָט געשפּאַנט פון איין חדר אין צווייטן, ווי גאַס אויס, גאַס איין.

איצט — שוין נאָך דער חופה, ביים עסן, איז נישט געווען אַזוי שטרענג אָפּגעטיילט מאַנסלייט פון פרויען.

צווישן די פרויען האָט שטאַרק געשמעקט פּאַרפומען. ס'זענען געווען גרויסאַרטיקע פרויען־טואַלעטן. מנשה האָט ווילעריש אַ ווינק געטון און זיך אָנגערופן אויפן חשבון פון די אויסגעצירטע מיידלעך:

— הע, בנימין? פאַראַנען דאָ פון וואָס אויסצוקלייבן!

דער חתן, אַ בלאַס בחורל אין אַ גרויס שטריימל, איז געזעסן צווישן צווי רבנים מיט גרויע בערד און שטרענגע ברעמען, און אַרום, ביי די טישן, זענען געזעסן באַקאַנטע און פאַבריקאַנטן פון שטאָט — דער גרויסער פאַבריקאַנט פרענקל, מיט אַ פּנים ווי אַ גוי; בערל אייזנבערג מיט אַ צעפלאָשעטער באָרד ווי אַ דרדקי־מלמד; און ס'איז אויך געזעסן — אָנגעטון אין אַ צילינדער, שוואַרצן פראַק און ווייסע וועש — אַראָנסאָן, דער וואָס איז ערשט פאַר צווי יאָר געקומען אַהער פון אויסלאַנד, האָט אַ גרויסע פאַבריק און ווי מ'שמועסט, קלערט ער אַהערצוברענגען שטיקעריי־מאַשינען אויף דאַמף. די שטיקערס האָבן מורא פאַר די דאָזיקע דאַמף־מאַשינען. זיי וועלן אָנמאַכן אַ קריזיס... און מ'רעדט, אַז אויב ער וועט טאַקע אַהערברענגען די דאַמף־מאַשינען, וועט מען זיך אין אים נוקם זיין...

אין צווייטן חדר איז געזעסן אַן אַנדערער עולם; ווי אויף יעדער שמחה ביי וואָלבערגן איז אויך היינט געקומען דער גראָ־וואָנציקער באַוווסטער לעדער־פאַבריקאַנט, דער דייטש פידלער, וואָס ביי אים אין די גאַרבערייען איז שוין דער דריטער דור וואָלבערגס אָנגעשטעלט אַלס קאָמיסיאָנערן, און וואָס זייך, וואָלבערגס, גאַנצע באַשעפטיקונג דאָרט באַשטייט אין אָפּנעמען די צווי פּראָצענט פון איינקויף פון רויע פעל און אויספאַרקויף פון לעדער.

אָט דאָ, אין דעם חדר, איז שוין נישט אַזוי שטרענג אָפּגעהיטן געוואָרן די ייִדישקייט: מ'האָט געטרונקען וויין מיטן קריסט פידלער. דוד פישמאַן איז לעבן אים געזעסן שוין איינגאַנצן אַ קורץ געקליידטער. ער, מאַריץ וואָלבערג און דער באַוווסטער ציוניסט זעלצער האָבן געפירט צווישן זיך אַן אַפּיקורסישן וויכוח. זיי האָבן זיך אין גוטן מוט איבערגעוואָרפן מיט שטעכווערטלעך, מיט אַפּיקורסישע רייד און אַרום זיי האָט דער עולם געקוואָלן און געלאַכט.

עס איילט אַדורך לייב־חיים וואָלבערג אין אַ זיידן קאַפּעלע און אַ זיידן רעקל, געמאַכט ענלעך צו אַ פראַק ביז די קני. ער זוכט אויף דעם עלטסטן זון נתן, וואָס איז געזעצט איבער די סאַרווערס. ער רעדט צו אים הויך, ווייל נתן איז אַ ביסל טויבלעך.

— נתן, — זאָגט ער צו אים גיך — הייס אַריינגעבן צום שערע־דזער מחותן אַ פלאַש לייכטערן וויין — און ער שפּאַנט גלייך ווייטער, מן הסתם אויך עפּעס צו פאַראָרדענען עמעצן.

ערגעץ אין אַ ווייטן חדר ביי די פרויען שפּילט אַ פידל, פון צייט

צו צייט העלפט איר אונטער דער גאַנצער אָרקעסטער אין דרינען, ווו דער חתן געפינט זיך ביים טיש, רעדט איצט דער בדחן. ער רעדט עפּעס חרי־פּותדיקס, אויסגעמישט יידיש און לשון־קודש. דער עולם הערט מיט פאַר־חידושטע פּנימער און ער, דער בדחן, מיטן אַכט קאַנטיקן קאַפּעלע אויפן קאָפּ און דעם שוואַרצן קאַנטיק־צוגעשוירענעם בערדל ווייסט אָפּנים זיין כוח איבערן עולם, און דער בליק זיינער אויף די צוהערער איז ווי דער בליק פון אַ פירשט אויף זיינע אונטערטאַנער.

אין אָט דער נאַכט האָט בנימין, דער גאַסט ביים רייכן וואָלבערג אויף דער חתונה, איבערגעלעבט אַ סך שיינס און אָנגענעמס. נאָר דאָס הערלעכסטע איז אים געווען טעמערלס דעקלאַמירן.

זי האָט דעקלאַמירט עפּעס אין פּויליש, און כאָטש בנימין האָט די שפּראַך נישט איבעריק פאַרשטאַנען, האָט פונדעסטוועגן פון דעם אופן, ווי אַזוי טעמערל האָט די ווערטער אַרויסגערעדט, ווי אויך פון די ווערטער אַליין, אויף בנימינען אַ ווייע געטון אַ דאָרפיש ווינטל ווי פון פריש גע־שניטענעם היי...

צופעליק איז ער אַהער אַריינגעקומען. מיט אַ מאָל האָט ער באַמערקט ווי דורך אַלע טירן און פון אַלע חדרים שטראָמען געסט אין יענעם זאַל, איז ער אויך אַריין צוזאַמען מיט אַלע, און ווי נאָר ער האָט אַ דער־בליק געטון טעמערלען אין ווייסן געשטיקטן קלייד אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ווייסן באַנד, אין וועלכן עס שטעקט אַ ווייסע רויז; אַזוי איז טעמערל געשטאַנען און דעקלאַמירט און אַן אַנטציקונג האָט אַ כאַפּ אַרום געטון זיין געמיט.

גראַציעז איז זי געשטאַנען אין מיטן זאַל. אַרום איר איז געווען לײדיק. שיין און חנעוודיק זענען די ווערטער געפלאָסן פון איר מײלעכל.

זי האָט „דערציילט“ אַ מעשהלע פון אַ דערפל מיט ווייסע כאַטקעס און מיט שטרוי־דעכלעך; אַ פּאַסטוכל פאַרמאָגט אַ ווייס שעפעלע. יעדן אינדערפרי פירט ער דאָס שעפסעלע אויפן גראָז און אַ גלעקל האָט ער דעם שעפסל אָנגעהאָנגען. בעת דאָס ווייסע שעפסעלע מיטן גלעקל אויפן האַלדז צופּט די לאָנקע־גרעזלעך, זיצט זיך דאָס פּאַסטוכל אונטער אַ בוים און שפּילט ניגונים אויף זיין פייפל.

לאַנג האָט געדויערט טעמערלס דעקלאַמירן. זי האָט אײן געדיכט געענדיקט, האָט דער עולם געבעטן נאָך. זי האָט צוליב געטון. און וואָס

לענגער בנימין האָט זיך צוגעהערט, אַלץ טיפער האָט די פרייד געכוואַליעט אין אים.

דאָס איז געווען אַ פרייד וואָס האָט בלויז זיין אינערלעכקייט אַרומגעכאַפּט, אָבער זיין אויסערלעכקייט נישט באַרירט. ער האָט אין דער פרייד און אַנטציקונג דערשפּירט עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער האָט נאָך ביז איצט קיינמאָל נישט געשפּירט, קיינמאָל נישט געהאַט, נאָר שטענדיק געזוכט און געבענקט נאָך דעם.

איצט האָט טעמערל דעקלאַמירט וועגן אַ פויערן־טאָכטער אין איר חתונה־טאָג, ווי זי געזעגנט זיך מיט די מיידל־יאָרן... זי גייט אַרויס אין האַלץ־קאַמער און זעט די אַרומליגנדיקע שפּענער, דערמאָנט זי זיך די פאַרפאַלענע מיידל־יאָרן... גייט זי אין וואַלד און די אָראָפּגעפאַלענע בלעטער פון די ביימער דערמאָנען איר ווידער די מיידל־יאָרן, וואָס וועלן שוין קיינמאָל מער נישט צוריקקומען; און אויף דער לאָנקע די בלימעלעך — די מיידלשאַפט אירע, וואָס ווערט היינט אָפּגעפליקט, און אַפילו דאָס קרענצל מירטן אויפן קאָפּ דערמאָנט איר אומעטיקס...

וואָס לענגער און באַחנטער טעמערל האָט געזייט די אַרויסגעפּערלטע ווערטער, אַלץ מער האָט בנימין געפילט, ווי זיין געמיט וואַשט זיך אין אַ לויטער קלאָר וואַסער, און עפּעס האַרטס, ניכטערס שיילט זיך און פאַלט פון אים אָפּ. אַ זויבער ריין געפיל נעמט אים דערנאָך אַרום און ליכטיקער, ריינער זעען זיינע אויגן.

ער איז געשטאַנען ווי פאַרזונקען אין אַ דרימל, אָבער קיין דרימל איז עס נישט געווען. דאָס איז געווען דאָס נייע ריינע געפיל וואָס ער האָט אַזוי וווּנדערלעך אין זיך אויפגענומען. ער האָט זיך ערשט אויפגעכאַפּט פון זיין אַנטציקונג, ווען דער עולם האָט באַלוינט די דעקלאַמירערין מיט אַ הענט־געפּאַטשעריי. בנימין האָט די אויגן דערהויבן. ער האָט דערזען טעמערלס צעגלאַנצטע באַגייסטערטע אויגן און אַ שטילער ציטער איז אים אַדורך איבער דעם האַרץ. פון גערירטקייט איז אים וואַרעם געוואָרן אַרום די אויגן.

דעם איבעריקן טייל נאַכט איז זיין אינערלעכקייט געווען שוין איבגאַנצן ביי טעמערלען.

די שטיקערס האָבן געשפּילט „רינאַלדע רינאַלדינע". זיי האָבן אויסגעזען ווי משוגעדיקע גזלנים. טעוול קנאָפּ האָט געהאַט צוגעקלעפּט אַ פּאָר וואָנצעס, וואָס האָבן אַן אימה אָנגעוואָרפן מיט זייער שוואַרצקייט

און צעשויבערטער גרייס; די געשפּרעכן אין „שפּיל" זענען געדעדט גע־וואָרן אין עפּעס אַ מאָדנע אומפאַרשטענדלעך דייטשמעריש לשון. העגעך דעם פאַבריקאַנטס זון, ווי דער רויבער־הויפּטמאַן, האָט געטראָגן אַ פּאָר רויטע הויזן און אויך אַזאַ פעלערין מיט פוטערלעך; זיינע „אונטערטע־ניקע", די איבעריקע „רויבער", האָבן זיך געבוקט פאַר אים און אים טיטולירט „הער מייסטער"...

פּאַרטאָגס האָט בנימין ווידער געהאַט די געלעגנהייט צו זען טע־מערלען.

דאָס איז געווען בעת מ'האָט די חתן־כלה־פּאָר געבערענגט אין זאַל אַריין, זיי אַנידערגעזעצט ביים טיש און דער בדחן האָט אויסגערופן „דרשה־געשאַנק".

צום ערשט האָט דער פעטער לייב־חיים געלאָזט אַריינברענגען אַ גרויסע טאַץ אָנגעשטעלט פול מיט זילבערנע כלים, און צו דער איבער־ראַשונג פון חתנס קרובים געלאָזט אויסרופן:

— דאָס שענקט דעם חתנס משפּחה „דרשה־געשאַנק"!

דערנאָך האָבן געשענקט דער כלהס משפּחה און קרובים. יעדער האָט געפּלייסט זיך אויסצוצייכענען. בנימינס מוטער האָט געשענקט אַ גרויסע זילבערנע בשמים־ביקס: דאָס איינציקע שטיקל צירונג, וואָס איז געבליבן נאָכן טאַטנס טויט און וואָס איז, לויט ווי מ'האָט אין דער היים גערעדט, שוין אַ גוזמא יאָרן אַלט געווען. ראָזנבלום, דער פאַבריק־שותּף, האָט גע־שענקט אַ הונדערט־רובל־אַסיגנאַציע, און אַז דער פעטער לייב־חיים האָט נישט געלאָזט צונעמען קיין געלט־מתנות, האָט ראָזנבלום רויִק געלייגט די אַסיגנאַציע צוריק אין טאַש, פאַרזיכערנדיק צו קויפן עפּעס גאָר גרויס־אַרטיקס.

דעמאָלט, ביים אויסרופן „דרשה־געשאַנק", האָט בנימין דערזען שטיין טעמערלען. דאָס האַרץ האָט אין אים געגומען קלאַפּן ווי אַ האַמער. ער האָט זיך צו איר דערנענטערט. אירע האָר, האָט ער ערשט איצט דער־בליקט, זענען געווען פאַרשטאָכן מיט אַ ווייסער רויז און די שוואַרצע אויגן האָבן פון שוואַרצקייט אַזש ווי אָפּגעשלאָגן מיט אַ בלישטשל. ער איז צוגעגאַנגען פון הינטן, לאַנג געשטאַנען לעבן איר, זיך נישט קיין ריר געטון און נאָר די אויגן זיינע האָבן געדוט אויף איר, געקוקט ווי אויף אַ הייליקייט. ענדלעך האָט טעמערל זיך אומגעקוקט, אַ שפּאָרע ווילע געקוקט, ביז זי האָט אים דערקענט אין נייעם אָנצוג און ווייכן הוט. זי

האָט אַ מורמל געטון עפּעס אַ פריינטלעך וואָרט און היימיש צו אים געשמייכלט. בנימין האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל און אין דער רגע האָט ער אַ דערפיל געטון, אַז ער איז גרייט פאַר דעם מינדסטן נאָגל טעמערלס צו לאָזן זיך אַ מעשה אָנטון.

יז

צומאָרגנס האָט זיך די אַרבעט אין פאַבריק אָנגעהויבן אַ ביסל שפּעטער, ווי געוויינלעך. די שטיקערס זענען שפּעט אויפגעשטאַנען צוליב דער נעכטיקער פאָרשטעלונג און מחמת ביז שפּעט ביינאַכט איז אין פאַבריק פאָרגעקומען אַ הוליאַנקע לכבוד דעם פאַבריקאַנטס טאָכטערס חתונה. נאָך אַזעלכע וויכטיקע געשעענישן אין גראָען פאַבריק־לעבן, וואָס לאָזן לאַנג אויף זיך וואָרטן און פאַרגייען נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך גאָרנישט מער ווי אַן אומטעם אין מויל פון דער אויסגעטרונקענער ביליקער משקה, זענען די אַרבעטער היינט געזעסן ביי די מאַשינען, געדרייט די קאָלבעס מיט פאַרביסענער עקשנות, נישט אויפגעלייגט, אָנגעשטויסן איינער אויף דעם אַנדערן, גלייך דער שכן וואָלט שולדיק געווען, וואָס דער פאַבריקאַנט האָט נעכטן צוגעוואָרפן עטלעכע רובל אויף ביר. אָפּגעקויפט דערמיט די אַרבעטער, און מ׳האָט זיך דערנאָך נאַריש געמאַכט, געשפּילט דאָרט אַ „שטיק״ פאַר די גראָבע בייכער, פאַר די אויסגעפרעסענע רשעים, ווי דער אַלטער פּראָפעסער רופט זיי.

אין פאַבריק איז געווען שטיל. יעדער איז געזעסן פאַר זיך און נאָר דער גערויש פון די מאַשינען האָט זיך געהערט.

בנימין איז געקומען אַרבעטן שפּעט אויף טאָג. אַלע מאַשינען זענען שוין געגאַנגען. די פּעדלערס זיינע האָבן שוין געמיינט, אַז ער וועט היינט אינגאַנצן נישט קומען צו דער אַרבעט און האָבן זיך שוין געקליבן אַהיימצוגיין.

אַריינגעקומען אין פאַבריק און מער ווי אַלע מאָל האָט אים היינט אַ שלאָג געטון צו דער נאָז דער שטויביקער פאַבריק־ריח. ער האָט זיך געזעצט צו דער מאַשין, געסטאַרעט זיך אַרבעטן פלייסיק, ווי יעדן טאָג, אָבער די אַרבעט איז אים היינט נישט גאָר געגאַנגען.

עפּעס האָט ער אין זיך געטראָגן אַ בענקעניש נאָך דער נאַכט וואָס איז

פאַרגאַנגען; אַן אויסמיש פון פרייד און אומעט האָט ער געטראָגן אין האַרץ, און ווי ער האָט זיך נישט די מי געגעבן דאָס אומבאַקאַנטע געפיל פון זיך צו פאַרטרייבן, איז זיין גאַנצע מי געווען אומזיסט.

ער איז געזעסן ביי דער מאַשין שווייגנדיק. ס׳האָט זיך נישט געוואָלט רעדן. מינוטנווייז האָט זיך אים פאַרוואָלט דאָ אַלץ איבערלאָזן, אַוועק אין פאַרק און דאָרט אין אַן אָפּגעלעגענער אַלייע אַליין שפּאַצירן אַרויף און אַראָפּ, און טראַכטן, שטיל עפּעס טראַכטן.

די חתונה ביים פעטער לייב־חיים אין הויז האָט נאָך דעם צווייטן טאָג נישט גענומען אַן עק. ס׳האָבן זיך נאָך געצויגן די „שבע ברכות״ און ביז איבער שבת זענען נאָך געבליבן די פאַרשיידענע מחותנים, קרובים און פרעמדע געסט.

שבת איז דאָרט געווען אַ גאַנצן טאָג פול; אַלע פון דער היים זענען אַהינגעגאַנגען, בנימין — נישט. ער האָט געזאָגט עפּעס אַ תירוץ און געבליבן אין דער היים.

אין בנימינען איז עפּעס פאָרגעקומען. אַזוינס ווי מ׳וואַרפט אין צע־אַקערטער ערד אַ קערנדל. דעם ערשטן, דעם צווייטן טאָג, גיט עס זיך ווײ־ניק צו פילן. נאָר ווייטער אַריין, נעמט עס ערשט אָן, הייבט אָן שפּראָצן און לאָזט אַרויס בליטן — ענלעכס איז פאָרגעקומען אין בנימינען; אָט אַז מ׳שפּריצט איין פּאַקן און ערשט דערנאָך אַ ביסל ווייזט זיך אַרויס די ווירקונג — אַזוי איז געווען מיט אים. אין יענער נאַכט האָט טעמערל אומבאַוווּסט און נישט ווילנדיק אַריינגעוואָרפן אַ קערנדל אין בנימינס האַרץ. איצט האָט דאָס ביי אים אין דער טיף דורכגעמאַכט דעם פּראָצעס פון שפּראָצן.

ער איז געווען געזונט און נישט געזונט; ס׳איז אים געווען אומעטיק און ער האָט געבענקט, און מאָדנע — נישט נאָך טעמערלען האָט ער געבענקט, ער האָט געבענקט און אַליין נישט געוווּסט נאָך וואָס אים בענקט זיך.

ער איז אויסגעגאַנגען פון בענקעניש צו טעמערלען און קלאָר געוווּסט האָט ער דאָס נישט. דערגאַנגען איז ער עס ערשט דורך אַ צופאַל:

אין דער היים, ווען אַלע זענען אַ מאָל געזעסן ביים טיש, האָט זיך די מאַמע אָנגערופן צו מלכהן, שמועסנדיק פון דער ערשט פאַרגאַנגענער חתונה:

— טעמערל האָט הערלעך אויסגעזען.

דערויף האָט מלכה געענטפערט:

— יאָ, ביים דעקלאַמירן האָט זי נישט שלעכט אויסגעזען.

די מאַמע לייגט צו:

— די פרעמדע געסט האָבן פשוט געקלעפּט אָן איר, זי נישט אָפּ־געלאָזט פון זיך...

אין דעם האָט די מאַמע אַזוי צופעליק אַ קוק געטון און דערזען, אַז בנימין זיצט רויט ווי אַ פייער. ער איז צעטומלט אינגאַנצן, און אַז די מאַמע האָט אַ ביסל דערשראָקן אַ פרעג געטון וואָס איז אים איז, האָט ער קוים אַרויסגעמורמלט „גאָרנישט״ און אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

אין דעם דאָזיקן צושטאַנד בנימינס איז געווען פאַרמישט נאָך אַ גע־פיל. ס׳איז געווען דאָס געפיל פון איינעם, וואָס האָט מיט שווערער מי אויפגעבויט זיין וועלטל און איצט, צוליב עפּעס, האָט ער זיך מיט אַמאָל אַרומגעזען, — אַז אַנדערש דאַרף עס זיין, און ער האַלט ביי צוריק אַלץ איינוואַרפן, אָנהייבן בויען פון דאָס ניי.

אין בנימינען — אומבאַוווסט גאָר פאַר זיין געדאַנק — איז שוין געלעגן אַ פאַרטיקער באַשלוס, וועלכן ער האָט באַוווסטזיניק נישט באַשלאָסן, נאָר פאָרט אָן אייזנפעסטער באַשלוס: ער זאָל ווערן אַזעלכער, צו וועמען טעמערל זאָל זיך קענען באַציִען ווי צו אירס גלייכן. — ער דאַרף, הייסט עס, איבערמאַכן זיין גאַנצע ביז איצטיקע פירונג, פאַרוואַרפן זיין גאַנצן לעבנס־אופן, די חברים, און אָנהייבן ווערן אַנדערש!

יאָ, בנימין האָט געהאַט מוט און חשק אָנצוהייבן אַלץ פון דאָס ניי, דאָך אינעווייניק אין אים איז געווען אפשר איין ווינקל, ווו ער האָט גע־פילט אַ ביסל ווי באַדויערן פון איינעם וואָס גייט דאָס גאַנצע איצטיקע איינוואַרפן און אָנהייבן אַלץ בויען פון דאָס ניי. היות טעמערל איז געווען די סיבה פון דעם אַלעם, האָט ער טיילמאָל געפילט צו איר ווי אַ שאָטן פון פאַרדראָס, וואָס זי האָט גורם געווען אַז זיין רו זאָל געשטערט ווערן.

***

ס׳איז געווען נאָך סוכות־צייט. דער זומער איז אַ לויף געטון דאָס לעצטע שטיקל וועג און ס׳איז געוואָרן האַרבסט.

די טעג — גראָע און קורצע. אין פאַבריק האָבן כמעט דעם גאַנצן טאָג געברענט לאָמפּן. די שטויביקע פענצטער־שייבלעך זענען שטענדיק

געוועזן באַצויגן מיט אַ דיקן וואַסער־געוועב און טראָפּנס, ווי טרערן, זע־נען געלאָפן איבער די שויבן.

דאָס איז די אומעטיקסטע צייט אין פאַבריק, די אומעטיקסטע פון גאַנצן יאָר; ערשט אַוועק דער ליבער זומער, די פרייע סוכות־טעג... איצט גייען פּאַרוויינטע, קורצע טעג. מען זעט כמעט נישט אָן די גאַס אין טאָג־ליכט. מ׳קומט אַרבעטן ווען ס׳איז נאָך נישט טאָג, און ווען מ׳גייט אַהיים פון דער אַרבעט איז שוין שפּעטע נאַכט.

אין אָט דער דאָזיקער אומעטיקער צייט האָט זיך בנימינס ליבע צו טעמערל וואַלבערג צעברענט מיט איר גאַנצן כוח.

אַהיימלויפנדיק מיטיק עסן, האָט ער אָנגעלייגט וועג כדי צו גיין דורך יענער גאַס ווו טעמערל וווינט. ער האָט געהאַט די האָפענונג זי צו טרעפן. ער האָט געחלשט צו זען טעמערלען און איינצייטיק האָט דאָס אים אַ ביסל געשראָקן: ער האָט מורא געהאַט זי צו באַגעגענען, וואָרום אַזוי הייס און גרויס איז געווען זיין ליבע צו איר, אַז ער האָט מורא געהאַט, ער וועט נישט וויסן ווי זיך צו האַלטן אין איר קעגנוואַרט און וועט רעדן נאַרישקייטן.

פרייטיק־צונאַכטס איז בנימין אַהיימגעקומען פון פאַבריק, זיך אַרומ־געוואַשן, איבערגעטון, און וואַסער וועטער עס זאָל נישט זיין — געלאָפן אין גאַס אַריין, אַזוי געלאָפן גאַס אויס און גאַס איין, ביז האַלבער נאַכט.

דערפאַר בייטאָג, שבת בייטאָג, איז ער גאָרנישט אַרויסגעגאַנגען, אַ גאַנצן טאָג געזעסן אין דער היים, אַרומגעקראָכן ווי אַ קראַנקער, גע־לעגן אויפן בעט, נישט אַרויסגעגאַנגען פאַר דער טיר אַפילו. זיין גאַנצער מהות איז געווען פול מיט טעמערלען.

דאָס איז ער נישט געגאַנגען שבת בייטאָג אין גאַס אַרויס, כדי טע־מערל זאָל אים נישט אַ מאָל טרעפן מיט זיינע קאָלעגן פון יענטל קאָזאַקס טאַנץ־שטיבל.

ער איז געווען אַ מאָדנער בחור, דער דאָזיקער בנימין.

ס׳איז געווען עפּעס גאָר אויסטערליש, וואָס איינמאָל אין אַ תחילת ווינטערדיקן שבת־נאָכמיטיק איז טעמערל גראָד אַ ביסל אַרויפגעקומען צו דער מומע חיה־רבקה. ווען בנימין האָט זי דערזען אַריינקומען אינעם גראָען מענטעלע און פּילץ־היטעלע איז ער בלאַס געוואָרן, פאַר צעררו־דערטקייט נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טון. ער האָט זיך גיך אָנגעטון און מיט אַ פול האַרץ פרייד אַראָפּגעלאָפן אין גאַס און צוריקגעקומען ערשט

ווען ס׳איז געווען אָוונט. טעמערל איז שוין מער נישט געווען.

געזען אַז טעמערל איז שוין נישטאָ, איז ער טרויעריק געוואָרן, גלייך ווי ער וואָלט ביי זיין אַראָפּלויפן נאָכמיטיק דאָ איבערגעלאָזט צו היטן פאַר אים אַן אוצר. לסוף איז דער אוצר נישטאָ.

אויף זיין אָרט איז בלויז געשטאַנען נאָר דער שטול, אויף וועלכן טעמערל איז געזעסן.

דעם דאָזיקן שטול האָט בנימין אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל, דאָרט ווו קיינער זעצט זיך נישט. אין אָוונט, ווען אַלע זענען שוין געשלאָפן, האָט ער טיף און הייס געשמעקט צו דעם שטול. ס׳האָט זיך אים געדאַכט צו פאַרנעמען פון אים אַ ריח פון טעמערלען, אַזאַ צאַרט שמעקנדיקן מיידל־ריח. און אַ לאַנגע צייט נאָכדעם, יעדן פאַרטאָגס, ווען ער האָט נאָר די אויגן געעפנט פון שלאָף, האָט ער אַ קוק געטון צום שטול און טעמערלס געשטאַלט האָט אים פאַר די אויגן אַ שוועב געטון...

יח

ס׳איז זייער מעגלעך אַז די ענדערונג, וואָס איז מיט אַ מאָל פאָרגעקומען אין בנימינען, איז נישט געווען איינגאַנצן בלויז צוליב טעמערלען; קען זיין, אַז דאָס איז געלעגן אין זיין כאַראַקטער, אין זיין בלוט, נישט צו לאָזן זיך איינגאַנצן אויפן הפקר־וועג, זיך צוריקכאַפּן פון לעצטן טרעפּל; עס קען זיין, אַז אין אים איז דער דאָזיקער באַשלוס געלעגן אַ פּאַרטיקער שוין פון פריִער. טעמערלס געשטאַלט איז בלויז געווען דער כוח וואָס האָט בלויז אויפגעוועקט דעם דאָזיקן באַשלוס פון אונטער זיין באַוווּסט־זיין. ווי עס זאָל נישט זיין, בנימינס פירונג איז אין משך פון אַ פּאָר וואָכן געוואָרן אַנדערש, גאָר אַנדערש.

דאָס חברן זיך מיט פּיניע דעם קצבס איז בנימינען געוואָרן לעסטיק. ער האָט זיך איצט נישט גוט געפילט ביים שפּאַצירן מיט פּיניען און ביים הערן זיינע גראָבע ווערטלעך; צו יענטל קאָזאַק אין טאַנץ־שטוב האָט אים מער נישט געצויגן. שבת איז ער בעסער געזעסן אין דער היים, איידער זיך צוזאַמענגעקומען מיט דער חברה.

פּיניע האָט באַלד דערשמעקט, אַז בנימין מיידט אים אויס. ער האָט דערפון נישט געמאַכט קיין ברוגז. ער פלעגט אים נאָר אָפּצאָלן מיט

אַ שטעכווערטל, טרעפנדיק אַ מאָל בנימינען, ווענדט זיך פּיניע צו אים מיט אַ שמייכעלע:

— מ׳שמועסט עפּעס, אַז דו ביסט געוואָרן אַ חבר אין „חברה־תהי־לים״!

בנימין האָט אויף פּיניעס שטעכווערטל נישט געענטפערט, וואָרום אַ שטיקל אמת איז טאַקע געווען דערין: אַ ביסל דערנאָך, ווען דער טע־מערל־טשאַד איז אין בנימינס קאָפּ זיך אָפּגעשטאַנען, ווי אין אַ פלאַש ווייַן שטייט זיך אָפּ דער "מאָנט" — איז בנימין אין די שבת־נאָכמיטיקס, ניט האָבנדיק ווו דעם קאָפּ אַהין צוטון, געגאַנגען אין בית־מדרש הערן ווי דער דיין לערנט מיט די באַלעבאַטים... עפּעס אַ צוויי מאָל איז בנימין דאָרט געווען. אָבער אַרייַנקומענדיק אין בית־מדרש מיט דער שבת־נאָכן טשאָלנט־לופט, צווישן בטלנים, אַלטע ייִדן און שניידער־מייסטערלעך, איז אים דאָס באַלד נימאס געוואָרן. ער איז שוין בעסער געזעסן אין דער היים.

און ס׳איז שוין ממילא געקומען דערצו, אַז בנימין האָט זיך גענומען אָפּרוקן פון עטלען, מיט וועלכער ער איז אַזוי צופעליק פאַרבונדן גע־וואָרן.

עטל איז אַ פּיפּיק מיידל. אַזוי ווי זי האָט נאָר דערשפּירט מיט איר שאַרף נעזל, אַז בנימין ווערט צו איר קאַלט און קעלטער, האָט זי נישט, ווי געוויינלעך פאַבריק־מיידלעך, נאָך מער זיך צו אים צוגעבונדן און דווקא אים געקראָכן אין די אויגן — נייך, זי האָט בנימינען אָפּגעצאָלט מיט דעם זעלבן, נאָר נאָך אין אַ שטאַרקערער פאָרם — זי איז מיט אַמאָל צו אים געוואָרן קאַלט ווי אייז. געגאַנגען פאַרביי זיין מאַשין און נישט גע־קוקט גאָר צו אים; ממש ברוגז געוואָרן, הגם זיי האָבן זיך גאָרנישט גע־קריגט.

דערפאַר אָבער עטלס פאָטער, דער אַלטער פּראָפּער איז מיט אַמאָל געוואָרן שטאַרק צוגעלאָזן צו בנימינען, געוואָרן מיט אים אַלץ נענטער און נענטער.

ס׳איז נישט געווען דער טאָג אַז פּראָפּער זאָל נישט עטלעכע מאָל צוקומען צו בנימינען. דאָ, זיך צו באַראָטן וועגן דעם „גאַנג״ אין אַ מוס־טער, דאָ ווידער — כדי עפּעס צו נעמען געבאָרגט, אַ בערשט־זייף צום „אָפּנעצן״, אַ שטיקל וואַקס צום „וועקסן״ גאָרן, אָדער סתם אַ ביסל אַ שמועס טון... אין אָוונט איז די לעצטע צייט גאָר אָפּט אויסגעקומען, ווען

בנימין גייט אַהיים, קלייבט זיך פּונקט פּראָפעסאָר אויך אַהיימצוגיין און ער בעט בנימינען אַ מינוטקעלע צוװאַרטן, װעלן זיי גיין צוזאַמען.

איינמאָל, װען זיי זענען אַזוי צוזאַמען אַהיימגעגאַנגען, גיט פּראָפעסאָר פּלוצלינג אַ פרעג בנימינען:

— װאָס איז דאָס פאַרגעפאַלן צװישן דיר און עטלען — צעקריגט זיך?

ער האָט זיך שוין לאַנג געריכט, אַז עטלס פאָטער װעט מאַכן מיט אים אַזאַ מין שמועס, פונדעסטװעגן האָט אים דער פרעג אינגאַנצן צעטומלט. ער האָט געשטאַמלט:

— גאָרנישט איז פאָרגעפאַלן... װאָס זאָל דען זיין?

דערויף האָט זיך פּראָפעסאָר אָנגערופן:

— זי װיל דאָך לעצטנס גאָרנישט הערן פון דיין נאָמען, קענען װיל זי דיך נישט מער.

בנימין איז דערװייל אינגאַנצן שוין צו זיך געקומען. ער האָט שוין געהאַט װאָס צו ענטפערן. ס'איז געװען נייטיק די גאַנצע אומגליקלעכע זאַך איינמאָל פאַר אַלע מאָל קלאָר צומאַכן, זיך דורכצושמועסן... דער ענטפער איז שוין געלעגן בנימינען אויף דער שפּיץ־צונג, אָבער װי ער האָט אַ קוק געטון פּראָפעסאָרן אין פּנים, אין דעם פאַר דער צייט אַלט געװאָרענעם פּנים, אין די אומצייטיקע קנייטשן איז געלעגן די גאַנצע האָפענונגסלאָזיקייט און אונטערטעניקייט פון אַ אָפּגעמאַטערטן אַרבעטער, אַ שאַרבן, װאָס האַלט זיך אויף נאָר אַ דאַנק דער כלומרשטער „לאַסקע״ פון פאַבריקאַנט; אָט אויף דעם פּנים און אין איינגעהויקערטן גאַנג איז אויך געלעגן דאָס גאַנצע אומגליק פון אַ טאַטן, װאָס פאַרמאָגט אַ שטוב דערװאַקסענע טעכטער און ער האָט נישט פאַר זיי — דערפאַר זענען בנימינען די אָנגעגרייטע װערטער אָפּגעשטאָרבן אין מויל.

דער אַלטער װידער האָט אָפּנים אָנגענומען בנימינס פּלוצלינגדיקע שװייגן אַלס טרויער, װאָס דאָס דערמאָנען עטלס ברוגז האָט אין אים אַרויסגערופן, האָט ער צוגעגעבן:

— איך און מיין ייִדענע האָבן מיר גענוג געפּרוּװט איר האַרץ צו דיר צוריק װייכמאַכן און מיר װעלן נאָך פּרוּװן...

דערנאָך, װען זיי האָבן זיך צעשיידט, האָט פּראָפעסאָר צו װיסן געטון בנימינען:

— אויף דעם קומענדיקן שבת נאָכמיטיק ביסטו פאַרבעטן צו מיר. איך וועל נאָך דיר קומען.

בנימין האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט, נישט „יאָ" און נישט „ניין". אַ דערשלאָגענער האָט ער אַ מורמל געטון „גוט־נאַכט", זיך אויסגעדרייט און געגאַנגען זיין וועג.

יט

תחילת האָט בנימין געטראַכט אינגאַנצן נישט צו גיין צו פּראָפּערן. שבת נאָכמיטיק וועט ער אַוועקגיין פון דער היים. אַז פּראָפּער וועט קומען, וועט ער אים נישט טרעפן. דערנאָך אָבער האָט בנימין באַשלאָסן דווקא יאָ אַהינצוגיין און דאָרט אייך מאָל פאַר אַלע מאָל קלאָר מאַכן, אַז פון דעם, וואָס זיי, עטלס עלטערן טראַכטן, וועט סיי ווי גאָרנישט ווערן. אַפּוויקלען, און שוין!

טאַקע אַזוי האָט ער געטון. בנימין איז שבת נאָכמיטיק, אָן אָנגעטועגער צום גיין, לאַנג געשטאַנען און דערנאָך געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ פאַר דער טיר, און אַז פּראָפּער איז אַלץ נישט געקומען, האָט ער מחמת אומגעדולד דעם וויזיט ווי צום גיכסטן אָפּצופּטרן, אַליין גענומען גיין צו יענער גאַס וווּ פּראָפּער וווינט.

אויפן וועג האָט ער אים געטראָפן. שבת האָט פּראָפּער אויסגעזען אַ ייִד אַ באַלעבאָס: אין אַ ברייט היטל און אין אַ שוואַרצן אויבעררראָק מיט אַ סאַמעטן קאָלנער. דערזעענדיק בנימינען האָט ער געזאָגט:

— אַ, גוט וואָס כ׳האָב דיך געטראָפן, וועל איך מיר איינבערענגען אַ שטיקל גאַנג, — און זיי זענען צוזאַמען אַוועק ווייטער: בנימין מיט אַ ביסל האַרץ־קלאַפּעניש, צוליב דעם שמועס וואָס ער וועט דאַרפן האָבן.

געבערענגט בנימינען צו זיך אַהיים, איז דער בחור דאָרט אויפגענומען געוואָרן ריכטיק ווי דער טאָכטערס אַ חתן, וואָס נאָר צוליב דער כלהס אַ קאַפּריז איז צווישן זיי אויסגעבראָכן אַ ברוגזל. אירע עלטערן האָבן איצט דעם חתן פאַרבעטן, ווייל זיי האָבן אַ האָפענונג, אַז אויב מ׳וועט נאָר דאָס פּאָרל צוזאַמענברענגען, וועט געלונגען דעם שלום צווישן זיי צוריקצושטעלן.

פּראָפּער וווינט אין אַן ענגן הויף, אויף אַ שטאָק, אין אַ דאַך־דירהלע

פון צוויי קליינע חדרימלעך, מיט אַ נידעריקן באַלקן, וואָס לאָזט זיך אין דער העלפט שטיבל אַראָפּ שיף, — לויט ווי עס זעט אויס אין דרויסן דער דאַך פון דער „אָפּיצינע״ און דער אַרויפגאַנג אַהין, דורך שטיגעלעך, וואָס זעען אויס ווי אַ לייטער.

ווען בנימין איז אַהינגעקומען, זענען אין ערשטן שטיבל געווען פּראָפּערס דריי מיידלעך, עטל — וואָס האָט אַפּנים ערשט געהאַט זיך געוואַשן און איצט געמאַכט זיך די פריזור — אַ יינגערע שוועסטער, און איין מיידל מיט אַ יינגליש־אָפּגעשוירן קעפּל געלע האָר.

פּראָפּערס יידענע, אין אַ מאָרגן קלייד, איז געזעסן ביים טיש אין צווייטן שטיבל און עפּעס געגאַשט פון אַ טעפּל; און אין ווינקל, צווישן שאַנק און אויוון, איז געזעסן פּראָפּערס עלטסטע טאָכטער גוטשע, אַ דינע ווי אַ שטעקן, אַ פּריזירקע — וואָס האָט זיך „געפּרייט״ מיט איר צוקונפטיקן חתן — אַ שניידער־געזעלן — אין די מוטערס אויגן.

בנימינען האָט מען גוט אויפגענומען. די יידענע האָט אַוועקגעשטעלט דאָס טעפּל מיטן לעפל, זיך אָפּגעווישט די ליפּן מיטן אַרבל פון רויטלעכן מאָרגנראָק, געזאָגט „ס׳קאָצל קומט״, און געבעטן זיצן.

בנימין האָט זיך געזעצט. פּראָפּער האָט אויסגעטון דעם שוואַרצן אויבערראָק, געבליבן אין אַ שערזשענעם כאַלאַטל, זיך געזעצט מעשה באַלעבאָס אויבנאָן ביים טיש, וואָס האָט אויפן טישטוך נאָך געהאַט שטאַרקע סימנים פון ערשט אויפגעגעסענעם מיטיק. אַראָפּגענומען דאָס היטל פון קאָפּ, פּאַרזיכטיק עס אַוועקגעלייגט אויפן דערנעבנדיקן בעט און געבליבן זיצן אין אַ סאַמעטן קאַפּל.

גוטשע מיט איר צוקונפטיקן חתן האָבן זיך איצט דערהויבן פון זייער ווינקל. זי האָט זיך אָנגעטון דאָס היטעלע און מאַנטל, ער, דעם אויבערראָק, און אָן אַ וואָרט רעדן זענען זיי אַוועקגעגאַנגען פון שטוב.

קיינער האָט וועגן דעם אַוועקגעגאַנגענעם פּאָרל גאָרנישט באַמערקט. די פּראָפּערס האָבן זיך צעשמועסט מיט בנימינען וועגן היימישע זאַכן: וואָס הערט זיך ביי אים, ווו זיי וווינען, צי די דירה איז באַקוועם... דערנאָך אַ ביסל, האָט זיך דער מאַן אָנגערופן צום ווייב מיט אַן אונטערטעניקער מינע:

— ראַשקע, כ׳בעט דיך, ברענג אַריין עפּעס דעם האַלדז צו באַנעצן, אין מויל איז מיר עפּעס אַזוי פאַרלאַבערט, און ער האָט געמאַכט אַ גריי־

מאַסע, וועלכע האָט געדאַרפט אַפּמאָלן ווי אומבאַטעמט אין מויל זעט איצט אויס.

ראַשקע האָט זיך אַ ביסל פאַרכמורעט:

— וואָס איילסטו דיך אַזוי, אַלטער נאַר? —

און צו בנימינען האָט זי זיך געווענדט גאָר ליבלעך, נאָר אַריינבויערנ־דיק אין אים אירע קליינע גראָע אייגעלעך:

— נישט וואָר, יונגערמאַן: פון איילן זיך קומט קיין גוטס נישט אַרויס? — און דאָס באַגלייט מיט אַזאַ שמייכעלע, וואָס האָט צו אירע יאָרן נישט איבעריק געפּאַסט.

בנימין האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט, נאָר ער האָט זיך אָנ־געשטויסן, אַז איר זאָג האָט עפּעס אַ שייכות צו אים... איז ער אַ ביסל רויט געוואָרן און געשוויגן. אַ ווילע שפּעטער האָט די ייִדענע אַריינגע־שריגן אין קיך:

— עטקע, גיב אַריין ביר און צובייסן!

קיינער האָט זיך פון דערינען נישט געוויזן און קיינער האָט גאָרנישט אַריינגעבערענגט. די אַלטע האָט נאָך אַמאָל גערופן „עטל״, נאָר עטל האָט זיך נישט געוויזן.

פּראָפּער האָט דערוויל געמאַכט אַ שמועס מיט בנימינען מכוח דעם פאַך, אַ פאַבריק־שמועס. די ייִדענע האָט אָפּגעפּאַסט, ווען איר מאַן מיט בנימינען זענען געווען פאַרשמועסט, האָט זי זיך דערהויבן פון טיש, אַריינ־געגאַנגען אין קיך, פאַרמאַכנדיק הינטער זיך די טיר, און דערינען לאַנג און שטיל עפּעס גערעדט.

אַז זי איז צוריק אַריינגעקומען און זיך צוריקגעזעצט צום טיש, גלייכ־מאַכנדיק זיך דעם קאָלירטן מאַרגנראָק איבער די קניִען, האָט זי נאָכאַמאָל אַ רוף געטון: „עטל״. איצטיקס מאָל האָט עטל אַן אויסגעפּוצטע אַריינגע־ברענגט אַ צעשניטענעם הערינג אויף אַ טעלער, מאַנקיכלעך, עטלעכע פלעשער ביר, און גלייך צוריק אַריינגעטענצלט אין קיך.

פּראָפּער האָט אָנגעגאָסן ביר, געטרונקען „לחיים״. פאַר עטלס וועגן איז אויך געוואָרן אָנגעגאָסן אַ גלאָז ביר. די מוטער האָט גערופן:

— עטל, קום אַריין!

דאָס קליינע מיידל מיט אָפּגעשווירענעם קאָפּ האָט זיך באַוויזן:

— עטל וויל נישט אַריינגיין טרינקען, זי זאָגט, די מאַמע זאָל איר נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ.

די פּראָפּערן גיט אַ קוק אויף בנימינען, ווי איינער זאָגט: „זעסט אַ ביסל, ווי שטאַרק איר ברוגז איז".

און פּראָפּער, מיט איינגענעצטע וואָנצעס פון ביר, מאַכט פריִער אַ נחתדיק באַטעמטן „אַהאַ" פון דער געטרונקענער משקה, דערנאָך זאָגט ער וועגן עטלען:

— זי וועט שוין ווייכער ווערן — אַ שמייכל טוענדיק צו בנימינען.

די מוטער האָט נאָכאַמאָל אַ רוף געטון:

— עטל, דיין קאַוואַליער וואַרט אויף דיר מיטן טרינקען, קום אַריין.

דאָס געלע מיידל האָט זיך ווידער באַוויזן:

— זי וויל, ער זאָל איר אַליין זאָגן.

פאָטער און מוטער האָבן אָנגעשטעלט די אויגן אויף בנימינען. בנימין האָט געזען, אַז זיין פּלאַן, צוליב וועלכן ער איז דאָ אַהערגעקומען, ווערט גאָר אויס. ער איז דאָך געקומען אָפּצוּוויקלען, אַלץ אָפּצוּוויקלען, און דאָ האַלט עס גאָר ווערן צוריק חבר. אָבער עס איז שוין געווען פאַרפאַלן. ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, אַריינגעשטעקט אַהין דעם קאָפּ און געזאָגט:

— עטל, טו צוליב די עלטערן און קום אַריין טרונקען מיט אונדז אַ גלאָז ביר.

עטל האָט געזאָגט „באַלד", נאָר אַריינגעקומען איז זי נישט.

די מוטער האָט נישט געוווסט וואָס בנימין האָט דערינען גערעדט צו דער טאָכטער, נאָר אַז זי האָט געזען, אַז עטל קומט אַלץ נישט אַריין, האָט זי זיך אָנגערופן כיטרע:

— זי האָט נעבעך האַרצווייטיק: גוטשע האָט היינט ווידער געקריגן פון אירן אַ פּרעזענט, שטאָף אויף אַ קאָסטיום, האָט זי נעבעך האַרצוויי־טיק — און הויך האָט זי אַריינגעשריגן:

— דיינער וועט דיר אויך עפּעס קויפן פאַרן גוט ווערן מיט אים.

אַ בראָנזולעט וועט ער דיר קויפן, ער האָט מיר ערשט צוגעזאָגט.

דער אַלטער פּראָפּער האָט זיך געוואָלט קעגנשטעלן דעם ווייבס יצר־הרע:

— וואָס טויג אויסגעבן געלט אויף שמאָכטעס? בעסער האַלטן דעם גראָשן.

נאָר באַגעגנדיק דעם ווייבס בייזן בליק, האָט ער פאַרקערעוועט מעשה מאַנצביל, מיט אַ צעבראָכן שמייכעלע:

— ער וועט איר, נאָכן אָנטון דאָס גוטע פינגערל, שענקען שוין די אמתע מתנה...

...די „אויפנאַמע" איז מן הסתם געווען אויסגערעכנט בנימינען אויף איינמאָל צו פאַרשלייערן. בנימין אָבער האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן אמת פריינטלעך, אָבער אַזוי, אַז עטלס עלטערן זאָלן פילן, אַז זיי האָבן אים נאָך נישט „אין זאַק"... ער האָט שוין געהאַט באַשטימט ביי זיך, זיצנדיק דאָ, אַז אַ מתנה וועט ער טאַקע קויפן עטלען, נאָר מיט אָט דער מתנה וועט זיך שוין ענדיקן זייער חברשאַפט.

דערפאַר, אַז די פרוי פּראָפּער האָט בנימינען כמעט אָפן געזאָגט אַז זי האַלט, אַז ס'איז שוין געקומען די צייט, בנימין מיט עטלען זאָלן ווערן אָפיציעל חתן־כלה, האָט בנימין נישט געפונען אויף דער רגע קיין בעסערן תירוץ, נאָר רויק צווויסן געטון, אַז קודם איז ער נאָך נישט פריי פון מיליטער. ווייטער — די מוטער און שוועסטער לעבן פון דעם וואָס ער פאַרדינט, בפרט האַלט ער, אַז וועגן אַזאַ וויכטיקן ענין דאַרף מען זיך פריער ווענדן צו זיין מוטער; ווען די מוטער וועט האָבן געגעבן איר הסכמה, וועט ער, בנימין, זאָגן זיין וואָרט.

און גערעדט איז דאָס געווען אין אַזאַ נישט פאַמיליערן טאָן, אַז זיי דאָ זאָלן פאַרשטיין, אַז ביז צום „האָבן אים אין זאַק" איז נאָך אַ ווייטער מהלך.

כ

אַזוי איז אַוועק אַ פּאָר וואָכן. די אַלטע חברים האָט בנימין אַוועקגעוואָרפן און קיין נייע נאָך נישט באַוויזן זיך איינצושאַפן; מיט דער אַלטער סביבה האָט ער איבערגעריסן און קיין נייע — נאָך נישט געהאַט. אין די פרייע טעג האָט ער נישט געהאַט ווו זיך אַהינצוטון, ווו דעם טאָג צו פאַרברענגען — און מעגלעך, אויב ס'וואָלט לענגער אַזוי געדויערט, וואָלט ער סוף כל סוף צוריק שלום געוואָרן מיט פּיניע דעם קצבס און ס'לעבן וואָלט אים אַוועק אויף דעם פריערדיקן וועג: די שבתים ביי יענטל קאָזאַק אין קעלער.

טעמערלען, וואָס האָט בלויז מיט איר הערלעך געשטאַלט געמאַכט אים איידעלער און ריינער, האָט ער שוין לאַנג נישט געזען, איר בילד פון דעמאָלט, אויף איר שוועסטערס חתונה, האָט געלעבט אין אים. נאָר

געזען האָט ער זי שוין לאַנג נישט. ביסלעכווייז, קען זיין, וואָלט איר בילד אין זיין געמיט געוואָרן אַלץ בלאַסער, ווי מיט אַ נעפּל פאַרצויגן — ער וואָלט זיך צוריקגעקערט צו זיינע קאַלעגן, און ס׳וואָלט אַלץ צוריקגע־וואָרן ווי געווען.

***

יואל פאַנטשער ברענגט זיך אָפּט ביכער אין פאַבריק אַריין. ווען די פעדלערס זיינע „שטעקן אויף״ נייע פעדעם אין דער מאַשין, פלעגט זיך פאַנטשער דערווייל אַוועקזעצן ביים פעדל־טישל אַריינקוקן אין בוך. ווען ער האָט נאָר אַ מינוט צייט, זיצט ער באַלד איבערן בוך.

די ביכער האָבן אים געשטערט אין דער אַרבעט, און אין פאַבריק איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל, אַז ווען פאַנטשערס ווייב האָט אַמאָל צו אים טענות, פאַרוואָס ער פאַרדינט אַזוי ווייניק — טוט ער זיך, כדי זי איבער־בעטן, אַ זעץ אַוועק און לייענט איר פאַר עפּעס פון אַ בוך. דערמיט וויל ער פאַרגיטיקן פאַר זיין קנאַפּן פאַרדינען. —

דאָס איז געווען גוטמוטיקע לצנות. אַזוי אָבער האָט מען פאַר פאַנ־טשערן געהאַט דרך־ארץ, און כאָטש ער איז נאָך געגאַנגען לאַנג גע־קליידט און האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ קעסט־אײדעם אַ באַנק־קווע־טשער, איידער אַ פאַבריק־אַרבעטער, האָט מען אין פאַבריק געוווּסט, אַז פאַנטשער איז אַ קענער. מ׳האָט אים גערופן „פילאָזאָף״.

פאַרבייגייענדיק אַ מאָל פאַנטשערס מאַשין, האָט בנימין געזען אויפן שענקעלע איבערן פעדל־טישל אַ דיק בוך.

— וואָסער בוך האָסטו דאָ? — פרעגט בנימין און עפנט עס, גיט אַ קוק אַריין. אַזוי ווי ער געדענקט נאָך פון אַמאָל אַ ביסל העברעיִש, זענען אים די ווערטער מער ווייניקער באַקאַנט.

— וועגן וואָס רעדט זיך דאָ? — פרעגט בנימין ווייטער — אַ מעשה־בוך, צי עפּעס אַנדערש?

— ניין, — זאָגט פאַנטשער — סאיז נישט קיין ראָמאַן, אַ וויסנשאַפט־לעך ווערק איז עס.

— וויסנשאַפטלעך, האַ?... — בנימין האָט אַפילו ריכטיק נישט גע־ווּסט וואָס איז דער טייטש „וויסנשאַפט״. פרעגן האָט ער זיך געשעמט. ער האָט געבעטן פאַנטשערן אים דאָס בוך אַהיימבאָרגן אויף אַן אָוונט, צוויי. ער האָט חשק דאָס אַדורכצולייענען.

די מאַמע איז געווען פֿאַרווונדערט, זעענדיק בנימינען אַהיימברענגען אַ בוך און נאָכן נאַכטעסן זיך זעצן לייענען. דער מאַמען איז אַ שאָד געווען דער נאַפֿט וואָס ער ברענט אויס און וואָס זי קען נישט איינשלאָפֿן, ווייל ס׳איז ליכטיק; אויך האָט זי מורא געהאַט צי עס איז נישט אַ מאָל פֿון דעם סאָרט ביכער וואָס לייב־חיים רופֿט אַפּיקורסות.

דעם ערשטן אָוונט האָט די מאַמע זיך פֿונדעסטוועגן איינגעהאַלטן און גאָרנישט געזאָגט. אָבער דעם צווייטן אָוונט האָט זי שוין נישט געקענט שווייגן. זי האָט כּלאחר יד אַ זאָג געטון, אַז ס׳איז אַן עבֿירה די אויגן זיך צו בלענדן, מאָרגן וועט אים שווער זיין אויפֿצושטיין צו דער אַרבעט, און נאַפֿט קריגט מען אויך נישט אומזיסט אין געוועלבל.

עטלעכע אָוונטן איז בנימין געזעסן איבער דעם בוך, געלייענט, געלייענט, און נישט איינגאַנצן פֿאַרשטאַנען. דאָרט האָט זיך גערעדט וועגן זאַכן פֿון וועלכע בנימין האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף. די וועלט, אונדזער ערד, איז מיט מיליאָנען, מיליאָנען יאָרן צוריק געווען אַ פֿייער־דיקע קויל, וואָס האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אין כאַאָס פֿון וועלטאַל...

בנימין האָט זיך דעם קאָפּ געבראָכן צו באַנעמען דאָס און האָט עס פֿאָרט נישט פֿאַרשטאַנען. ער האָט געפֿרעגט מלכהן. מלכה וואָס לייענט ביכער פּויליש און רוסיש, — האָט בנימין געמיינט, זי וועט דאָס גיכער פֿאַרשטיין. מלכה אָבער האָט, אַפּנים, אויך נישט צופֿיל פֿאַרשטאַנען.

נאָך עטלעכע נעכט מוטשען זיך איבערן בוך, האָט עס בנימין אָפּ־געבערענגט פֿאַנטשערן און אים אָפֿנהאַרציק מודה געווען אַז ער האָט ווייניק וואָס פֿאַרשטאַנען.

— וועל איך דיר ברענגען אַ צווייט בוך, אַ לייכטערס.

— ניין, — זאָגט בנימין — דערווייל וויל איך נאָך נישט. אַז כ׳וועל דאַרפֿן וועל איך דיר זאָגן.

אין בנימינען איז דעמאָלט שוין פֿאַרטיק געווען אַ באַשלוס: ער זאָל אָנהייבן זיך לערנען שרייבן און לייענען, און זיך ווענדן צו טעמערלען, זי זאָל אים לערנען.

נישט אַזוי גיך איז דער דאָזיקער באַשלוס רייף געוואָרן אין בנימינען. אַ חוץ דעם חשק צו לערנען זיך, איז דערין אפשר געלעגן אַ נישט קלע־נערע שטרעבונג נאָענט צו ווערן מיט טעמערלען. און ווי נאָר דער באַ־שלוס איז ביי אים געבוירן געוואָרן, האָט ער באַלד גענומען אים אויס־פֿירן.

אין אַן אָוונט האָט ער אָפּגעוואָרט טעמערלען, געוואַרט פאַרן הויז ביז שפּעט און זי נישט געטראָפן. דעם צווייטן אָוונט האָט ער זיך אַ ביסל יום־טובדיקער אָנגעטון, ווידער געוואַרט, און אַז ער האָט זי ווידער נישט געטראָפן, האָט ער זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און אַרויפגעגאַנגען צו זיי אין שטוב, מיט אַן אויסרייד, כלומרשט אַ קוק טון, צי זיין מוטער איז נישט אַ מאָל דאָ.

די מומע הענע האָט בנימינען פריינטלעך אויפגענומען:

— אַזוי, זי האָט דען געזאָלט היינט דאָ זיין? וועט זי מן הסתם נאָך קומען, וואַרט אַ ביסל צו — און זי האָט בנימינען אַריינגעבעטן אין עס־חדר. ער זאָל זיך דאָ אַ ביסל צוזעצן.

אין עס־חדר איז געזעסן פייוול, דער יינגערער ברודער פון מנשהן — און געגעסן. פייוול איז שוין מער נישט געווען בית־מדרש בחור. ער איז געגאַנגען קורץ געקליידט און געווען אויף פּראַקטיק ביים פאָטער אין קאַנטאָר. זעענדיק בנימינען אַריינקומען, האָט ער זיך אָנגערופן:

— מ׳שמועסט, בנימין, אַז דו ביסט אַ גוטער בעל־מלאכה, נאָר קיין לייט ביסטו נישט.

און ער האָט באַלד פאַרטייטשט, וואָס ער מיינט מיט דעם „נישט קיין לייט".

— ס׳איז אמת — פרעגט ער אַ ביסל שטילער און גיט דערביי אַ ווונק מיט די אויגן, ווי אַ בחור וואָס איז שוין לאַנג נאָך דער ערשטער עבירה און ווערט שוין נישט נתפּעל דערפון — האָסט שוין אַ מיידל? ס׳לויגט זיך כאָטש?

און אַז בנימין האָט אים דערויף נישט געענטפערט, נאָר גערעדט פון עפּעס אַנדערש, פון קאַנטאָר־זאַכן, וואָס זענען אים, בנימינען אויך נוגע — האָט אים פייוול ווילעריש געגעבן אַ קלאַפּ אין פלייצע און זיך אַ בייג־צו געטון צו זיין אויער.

— טרעטסט זי כאָטש אַמאָל אָפּ אַ גוטן ברודער, הע, בנימין?...

פייוול איז אַוועקגעגאַנגען. בנימין איז נאָך אַ ביסל געזעסן. דעריבער, אין קיך, האָט מען געקאָכט און געפּרעגלט. ריחות האָבן זיך אַהער אַריינגעריסן. ס׳האָט זיך דערטראָגן אַ קלאַפּן מיט פייערקעס און רוקן פון טעפּ... ערגעץ, אַפנים די קעכין, האָט געפרעגט צי זי זאָל פאַר דער פריילין אויך שוין גרייטן עסן. די מומע הענע האָט געענטפערט: „יאָ, פאַר דער פריילין אויך שוין. זי וועט היינט פרי אַהיימקומען פון שפּאַציר".

די „פריילין" האָט מען געמיינט טעמערלען. און אַזוי ווי בנימינען איז געווען באַקוועמער זי צו באַגעגענען אין גאַס, איז ער אַראָפּגעגאַנגען, זאָגנדיק אַ תירוץ דער מומען, אַז זיין מוטער וועט שוין אַוודאי היינט אַהער נישט קומען.

בנימין איז עטלעכע מאָל געגאַנגען הין און צוריק, לענגאויס דעם טראָטואַר, ביז לסוף דערזען אָנקומען טעמערלען.

און אַז ער האָט זי באַגעגנט און באַגריסט, ווי נאָר ער האָט אַ קוק געטון אין איר טונקל ברוינלעך פּנימל מיט די צוויי פינקלדיקע אויגן — האָט ער דעם גאַנצן קוראַזש פאַרלוירן. אַ שוואַכקייט האָט אים אַרומגענומען און ער איז נישט בכוח געווען איר פאַרצולייגן זיין בקשה.

— טעמערל, — האָט ער נאָך אַ ווײַלע שווייגן אָנגעהויבן צו רעדן — איך האָב מיך דאָ געדרייט און געוואַרט אויף דיר.

— אויף מיר? — פרעגט זי פאַרוווּנדערט — וועגן וואָס דען? — און זי קוקט אים אָן מיט דערוואַרטונג.

— ס'איז נישט אַזוי וויכטיק — זאָגט ער און טוט פאַרלייגן אַ שמייכל.

— דאָך, וואָס? — איז זי אַביסל אומגעדולדיק.

— דו איילסט דיך אַוודאי, טעמערל — מאַכט בנימין — וועט מען דאָס אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל.

— ניין, — זאָגט זי — איך אייל מיך נישט אַזוי שטאַרק — קענסט זאָגן איצט.

ס'האָט געדויערט, ביז בנימין האָט איר אַנטפּלעקט זיין פאַרלאַנג.

זיי זענען געגאַנגען מיטן טראָטואַר אַראָפּ, ווייטער פון אירע עלטערנס הויז. בנימין האָט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ פאַרגעלייגט טעמערלען זי זאָל אים לערנען, געבן יעדן אָוונט אַ לעקציע.

טעמערל האָט תחילת אָפּגעזאָגט:

— זי איז נישט דערצו, איבערהויפּט וועט זי קירצלעך אַוודאי אַוועקפאָרן אויף קורסן...

נאָך דערנאָך, אַז זיי זענען לענגער געגאַנגען און גערעדט, האָט זי מיט אַמאָל גענומען צוריקציִען איר אָפּזאָג.

— זי וועט נאָך זען, זי וועט אים זאָגן ענטפער.

ערשט ווען זיי האָבן זיך שוין געהאַלטן ביים צעשיידן, ער האָט אַ דריק געטון טעמערלס האַנט און זי האָט גענומען זיך דערווייטערן, האָט זי זיך

מיט אַמאָל אומגעדרייט, אים צוריקגערופן, און שטייענדיק אים אַנטקעגן האָט זי אים כמעט צוגעזאָגט:

— אין אַ צוויי־דריי טעג וועסטו אין דער צייט מיך אָפּוואַרטן, וועל איך דיר זאָגן אַן ענטפער. איך וועל מיך באַמיִען, כ׳זאָל קענען דיין ווונטש נאָכקומען — און זי האָט צו אים אַ שמייכל געטון.

כא

דאָס געבן בנימינען די לעקציע, וואָס טעמערל האָט אָנגעהויבן קענ־טיק נישט מיט גרויס חשק, נאָר ווייל זי האָט זיך געהאַט אַרויסגעכאַפּט און צוגעזאָגט — האָט זיך ווייטער אַריין בעסער איינגעשטעלט.

אין אָנהייב האָט זיך געפילט ביי טעמערלס דאָ זיין אַן אָנגעשטרענגט־קייט. — בנימין האָט זיך נישט געקענט באַהערשן פון דעם באַוווּסטזיין, אַז לעבן אים זיצט טעמערל. דערפאַר וואָס זיין געדאַנק איז צופיל געווען פאַרנומען מיט טעמערלען אַליין, האָט דאָס אים געשטערט זיך צו פאַר־טיפן אין לערנען. ער האָט אָפט געמאַכט פעלערס און דאָס האָט אין אים דערוועקט אַ כעס אויף זיך אַליין, פאַרוואָס ער איז אַזעלכער. דער־פאַר איז ער ס׳רוב געזעסן אַ ביסל פאַרמרוקעוועט, נישט ניהאדיק. טע־מערל איז אויך נישט געווען זייער פינקטלעך. זי פלעגט עפּעטערס פאַר־שפּעטיקן, און טייל מאָל אינגאַנצן נישט קומען.

אָבער ווייטער אַריין האָט זיך די לאַגע געבעסערט: בנימין איז גע־וווינט געוואָרן מיט דעם באַוווּסטזיין, אַז זיין לערערין איז טעמערל. ער האָט זיך באַרויִקט און פלייסיק זיך אַריינגעטון אין די לימודים. מיט זיין רויִקייט האָט זיך אויך טעמערל אָנגעשטעקט. בנימין האָט גוט באַנומען דאָס לערנען, און טעמערל, זעענדיק זיין פלייסיקייט, האָט גענומען ער־לעך דערפילן איר פליכט און די לעקציעס זענען אַוועק ווי עס געהער צו זיין.

די מאַמע האָט דאָס תחילת אויפגענומען מיט אַ פאַרחידושט פּנים, זעענדיק ווי טעמערל קומט יעדן אָוונט, טוט זיך אויס היט און מאַנטל און זעצט זיך לערנען מיט בנימינען, ווי אַ מלמד מיט אַ חדר־ייִנגל. די מאַמע מוז זיך האָבן געשעמט דערמיט, און זי פלעגט די ערשטע אָוונטן

נאָכאַנאַנד רעדן צו בנימינען, מיט דער דירעקטער כוונה טעמערל זאָל עס הערן.

— אַזוי, אַזוי, מיין זון — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ — אַלס יינגל האָסטו נישט קיין חשק געהאַט צו דעם, מוזטו איצט זיצן אויפן שול־בענקל. — זי האָט זיך געמאַכט פאַרגעסן, אַז אַ חוץ גמרא האָט זי גאָר קיינמאָל גאָרנישט געלאָזט בנימינען לערנען.

די גוטע פעולה פון די לעקציעס אויף בנימינען איז געווען ער זאָל זיך אָננעמען מיט זעלבסטווירדע. מיט פיניע דעם קצבס האָט ער שוין לגמרי נישט געהאַט קיין חברשאַפט. מיט די ווילדע יונגען אין פאַבריק, זיינע געוועזענע קאָלעגן פון יענטל קאָזאַקס טאַנץ־קעלער, איז ער געווען נאָר אויף אַזויפיל נאָענט, אויף וויפל בכלל אַרבעטער פון איין פאַבריק דאַרפן נישט זיין צעריסן צווישן זיך, נישט פראַווען ברוגזן.

מיט עטלען איז בנימין אויך ווייטער נישט געווען נאָענט. קעגן אים האָט זי איצט געפירט דעם ברוגז נאָך אָפענער, נאָך שאַרפער ווי ביז זיין באַזוך יענעם שבת ביי אירע עלטערן. אַ ביסל אַנדערש איז געווען זיין באַציִונג צו איר. ער, בנימין, ווי ניכטער און קאַלט ער האָט זיך איצט נישט באַצויגן צו עטלען, און הגם ער איז איצט שוין גוטה געווען צו גלייבן, וואָס פיניע פלעגט אין אים נאָכאַנאַנד אַריינרעדן, אַז דעמאָלט אין טעוולס חתונה־נאַכט איז עטלס איבערגעבן זיך אים געווען אַן אונ־טערגעשטעלט פיסל, כדי אים אַריינצוקריגן פאַר אַ מאַן און פאַרדינער, אַ שלעפּ־פערד — פונדעסטוועגן איז אין זיין האַרץ געבליבן אַ קליין ווינקל פאַר עטלען. דאָך איז זי די ערשטע פרוי וואָס האָט אים געגעבן פון דעם שאַרף־זיסן געטראַנק, און — בייז אָדער גוט, אַ ביסל ליבע אָדער האַס — אינגאַנצן גלייכגילטיק איז ער צו איר קיינמאָל נישט געווען.

איבערגעריסן דעם לעצטן פאָדעם, אים אינגאַנצן דערווייטערט פון עטלען האָט ערשט דאָס, וואָס איר משפחה האָט געפרוווט אויסצופירן דאָס אירקע מיט גוואַלט, אים נייטן, ער זאָל מיט עטלען שטעלן אַ חופה.

ס'איז געווען איינמאָל אין אַ גראָען ווינטיקן טאָג. בנימין איז אַהיימ־געקומען פון פאַבריק און געפונען די מאַמע שטאַרק אויפגערעגט. זי איז געזעסן מיט אַ פאַרפלאַמט פנים און אויסגעוויינטע רויטע אויגן, גע־האַלטן די הענט פאַרבראָכן אויפן האַרץ, און געקוקט אויף אים, שאָקלענ־דיק דעם קאָפּ פאַרצאָגט.

בנימינען האָט עס געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרץ.

ער האָט ווי אינסטינקטיוו זיך נאָכאַמאָל אַ קוק אַרום געטון אין שטוב; אַ חוץ דער מאַמען און סימעלען, וואָס האָט געגרייט די לעקציע אויף מאָרגן אין שול, איז קיינער מער נישט געווען. ער האָט גאָרנישט געפרעגט, גאָרנישט גערעדט, זיך אויסגעטון דעם אויבערראָק, אָפּגעוואַשן די הענט, נאָר נאָך איידער ער האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט די מאַמע אָנגעהויבן מיט אַ זיפץ:

— בנימין, וואָס האָסטו געוואָלט פון דעם מיידל נעבעך, אַזוי טויט דיין טאַטנס זון?

— וואָסער מיידל? — פרעגט בנימין.

די מוטער האָט אים לאַנגע רגעס שאַרף געקוקט אין די אויגן. זענענדיק זיין מבולבלקייט, איז איר טאָן געוואָרן אַ ביסל לייכטער:

— אַזוי, דו ווייסט גאָרנישט, וואָסער מיידל איך מיין? — פרעגט די מאַמע צוריק, און אין איר גיט אַ לייכט אויף אַ פונק האָפענונג, אַז אפשר מאַכט מען גאָר אויף איר קינד אַ שקר בלבול. — אויב אַזוי, מיין זון — זאָגט זי ווייך — בעט איך דיך, זאָג מיר דעם גאַנצן אמת, אויב ס׳איז חלילה וואָר, איז נאָך אויף פאַראַנען אַן עצה, נאָר מיין קינד — אַלץ דערציִיל, גאָרנישט באַהאַלט פון דיין מאַמען...

אַ וואָרט אויף אַ וואָרט, איז בנימינען קלאָר געוואָרן, אַז ״דאָס מיידל״ מיינט די מאַמע עטלען.

— מאַמע, — האָט בנימין אָנגעהויבן רעדן אָפּגעהאַקט, נאָר מיט אַמאָל שטאַרק רויט געוואָרן און גענומען רעדן פעסט, ווי איינער וואָס מאַכט זיך האַרץ, קוקט אויף גאָרנישט און גייט פעסט מיט אַן אָפּן מעסער אין האַנט זיך אויפצושניידן אַ שמערצלעכע מכה — אויב די מאַמע מיינט דאָס מיידל, וואָס איך האָב אין זין, איז די זאַך אַזוי... ערשטנס דאַרף די מאַמע וויסן, אַז איך בין שוין נישט קיין יִנגעלע און נישט קיין בחור פון בית־מדרש, איך בין אַן אַרבעטער אין פאַבריק...

— און דעריבער — שלאָגט אים די מוטער איבער די רייד — האָסטו געמעגט אומגליקלעך מאַכן אַ מיידל, אַ ייִדיש קינד.

— ניין, מאַמע — זאָגט בנימין און סטאַרעט זיך צו רעדן רויִק, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש — נישט איך האָב זי געמאַכט אומגליקלעך. אומגליקלעך געמאַכט האָט זי אַן אַנדערער נאָך פאַר מיר... נאָר איבער־הויפּט מיין איך, דאַרף זיך די מאַמע נישט מישן אין די דאָזיקע זאַכן.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ געררויש אין צווייטן חדר. סימעלע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעשטעלט די אויגן מיט אַ שאָטן פון אַ שמייכל.

די מאַמע האָט פּלוצלינג אַ כאַפּ געטון די פאַרמאַכטע פויסט צום מויל, ווייזנדיק שטום, בנימין זאָל אַזוי נישט רעדן, און זי האָט אַ פיר געטון מיט די אויגן צו דער טיר אין צווייטן חדר, אַז דאָרט געפינט זיך עמעץ. נאָר נאָך איידער בנימין האָט באַנומען וואָס די מאַמע מיינט מיט איר ווינקען, איז פון הינטער יענער טיר געקומען אַריינצופליען ראַשקע, פּראָפּערס ייִדענע — עטלס מוטער, וואָס האָט זיך דעריינען געהאַט באַהאַלטן, מיט דער מאַמעס הסכמה, כדי זי, די מאַמע, זאָל דאָ דערוויל נעמען איר זון אויפן פאַרהער. איצט איז זי אַריין האַסטיק און זיך אַ וואָרף געטון מיט אַ מבול זידלערייען אויף בנימינען.

— דו!... דו אַזוינער און אַזוינער!... דו האָסט אפשר נישט פאַרפּאַסקודזשעט מיין מיידל?... האָסט זי אפשר נישט גענומען מיט כוח?... זי האָט זיך געבעטן ביי דיר, די הענט געקושט, זאָלסט זי נישט אומגליקלעך מאַכן, און דו האָסט אויף גאָרנישט געקוקט. ווי אַ מערדער אין וואַלד האָסטו זי גענומען, איר די קרוין אַראָפּגעריסן, באַפאַלן זי ווי אַ ווילדער אָגער...

די ייִדענע האָט געזידלט, געשריגן, געסטראַשעט בנימינען, אַז ער וועט ערשט געוווייר ווערן, מיט וועמען ער האָט צו טון. און אַז בנימין, כדי איר אַ ביסל דאָס מויל צו פאַרמאַכן, האָט זיך אָנגערופן, אַז ער ווייסט גוט, אַז דעמאָלט האָט זי איר טאָכטער אונטערגעשיקט, כדי אַזוי אַרום אים אַריינצוקריגן, אַריינצוכאַפּן אין זאַק, האָט די ייִדענע מיט אַמאָל זיך אַ זעץ אַנידער געטון אויף דער ערד און גענומען שרייען געוואַלד, ווי מ׳וואָלט זי דאָ באַפאַלן, מ׳וויל זי קוילען.

די מאַמע האָט זיך דערשראָקן, געמיינט, אַז די ייִדענע איז געווירט, פון זינען אַראָפּ. די מאַמע האָט געבעטן, געקושט איר די הענט, זי זאָל זיך באַרויקן, מ׳וועט קלערן אַן עצה... סימעלע האָט פאַר שרעק געהעשעט. אין מיטן בעסטן איז דער מאַמען אַליין נישט גוט געוואָרן; אין הויף, היבטערן פענצטער, האָבן זיך געזאַמלט מענטשן, שכנים און נייגעריקע, און די ייִדענע האָט אַלץ נאָך געגוואַלדעוועט און געשריגן, מענטשן זאָלן קומען זען איר אומגליק, זיך אָננעמען איר קינדס בושה, איר טאָכטערס עוולה.

בנימין איז אַרויסגעלאָפן פון דער היים. ס׳איז געווען אַ טריבער,

פייכטער פאַרנאַכט. די לאָמפּן אין גאַס זענען געווען איינגעהילט אין נעפּל און דאָס גאַז־פלעמל האָט געצאַפּלט אַהין און צוריק אין ווינט, ווי ס׳וואָלט זיך געשראָקן פאַר עמעצן.

בנימין איז געווען דערשלאָגן פון דעם, וואָס ער האָט ערשט אי־בערגעלעבט. אין זיך האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס איז איצט פאָר־געקומען האָט אים אייגנטלעך געבּרענגט מער טובה ווי רעה: איצט וועט די מעשה־עטל שוין פאָרט נעמען אַ סוף. פּונקט ווי אַ טליִענדיק פאַר־דעקט פייער, אַז עס ווערט אויפגעריסן ברענט עס אויס, און אַ סוף. דאָס האָט בנימין פאַרשטאַנען, אָבער דאָס געמיט איז אים געווען שווער, זייער שווער.

כב

איצט האָט שוין דער אַלטער פּראָפּער אויך גענומען פירן קעגן בנימינען אַן אָפּענעם ברוגז; אויסגעמיטן צו גיין פאַרביי דער מאַשין, ווו ער אַרבעט, נישט געענפערט אויף בנימינס „גוט־מאָרגן" און איז אַרומגעגאַנגען פאַרכמורעט.

עטל — ניין. עטל איז נישט אַרומגעגאַנגען פאַרכמורעט. קעגן בני־מינען האָט זי איצט געפירט דעם זעלבן ברוגז וואָס פריִער, נאָר פאַרכמו־רעט איז זי נישט געווען; זי איז געווען גאָר לוסטיק און פריילעך. זי האָט זיך לעצטנס אָפּגעזוכט אַ פריינד, איינעם גימפּל, וועלכער אַרבעט אויפן דריטן שטאָק; גימפּל בלאַשקער מיטן געשטופּלטן פּנים, וואָס איז „הויפּט" איבער אַלע ווילע יונגען, נאָך מער ווי אַמאָל טעוול. כאָטש גימפּל אַר־בעט דאָ אין פאַבריק ערשט דאָס צווייטע האַלבע יאָר, האָט ער עס שוין אַזוי ווייט געבראַכט, אַז ווען ער עפּנט בשתיקה עמעצנס שענקל און גנבעט פון דאָרט אַרויס אַלץ, וואָס קען נאָר האָבן אַ ווערט צום פאַר־קויפן, האָט דער באַוואָלהטער נאָך מורא צו ברענגען פאַרן מויל זיין חשד אויף גימפּלען.

מיט דעם דאָזיקן גימפּל איז עטל לעצטנס געוואָרן גוטע פריינד. אָבער מיט בנימינען האָט זי מער גאָר קיין שייכות נישט געהאַט, געווען מיט אים פון דער ווייטנס, אַזוי פון דער ווייטנס, ווי זיי וואָלטן זיך גאָר קיינמאָל נישט געקענט. איר פאָטער איז אויך ברוגז געווען און בנימין האָט דאָס אָנגענומען פאַר גאַנץ נאַטירלעך.

אין פאַבריק האָט מען תחילת געשמועסט, אַז פּראָפּער וועט בנימינען אָנגעבן אין געריכט, באשר ער האָט פאַרפירט זיין טאָכטער. אָבער ס׳איז געווען אומגלויבלעך. מ׳האָט דאָס נייעס אויפגענומען בלויז מיט שפּאָט־ווערטלעך. מ׳האָט געוווסט אַז נישט בנימין איז ביי עטלען געווען דער ״שהחיינו־מאַכער״, און אַפילו בנימין אַליין האָט דאָס נייעס אָראָפּגעשלונגען מיט אַ טשעקאַוון שמייכל.

...משה בינשטאָק, וואָס אַרבעט אויפן דריטן שטאָק אין שכנות פון גימפּלען, האָט אַ מאָל ביים אַהיימגיין צווישן געטון בנימינען:

— מיר דאַכט זיך, — האָט ער געזאָגט — אַז די ווילע יונגען פלאַנעווען עפּעס מיט דיר זיך אָפּצורעכענען.

משה בינשטאָק איז אַ בחור אין בנימינס יאָרן. ער איז, שמועסט מען, אַ ציוניסט, און ווען נאָר ער טרעפט בנימינען, האַלט ער אים פאָר פאַרוואָס ער שרייבט זיך נישט איין אויף די בחינמדיקע אָוונט־קורסן ביי די ציוניסטן. בנימין ענטפערט געווייגלעך, אַז אים פּאַסט נישט צו זעצן זיך קנעלן ביי איין טיש מיט נאָדל־פּעדלערס. אָבער איצט האָט בינשטאָק גערעדט נישט וועגן ציוניזם און נישט וועגן די אָוונט־קורסן. איצטיקס מאָל האָט בינשטאָק איבערגעגעבן, אַז אויפן דריטן שטאָק, ביי זיין שכן גימפּל בלאַשקער, ווו פּראָפּערס טאָכטער פאַרברענגט איצט צו האַלבע טעג, ווערט גערעדט, אָפּגעלאַכט און געשושקעט זיך נאָר פון בנימינען... ביי גימפּלס מאַשין איז שטענדיק אַ ״זיאַזד״ פון ווילע יונגען; נישט נאָר שטיקערס, אויך סתם יונגען פון גאָס דערמאָנען אָפט בנימינס נאָמען צו אָפּט, און בינשטאָק האָט בנימינען געראָטן, ער זאָל זיך דאָס נעמען אין זין אַריין.

בנימינען אָבער איז דאָס נישט שטאַרק געקראָכן אין קאָפּ אַריין. וואָרן, וואָס אַ שטייגער האָט צו אים עפּעס אַ געשטופּלטער גימפּל, מיט וועלכן ער איז קיינמאָל נישט געווען נאָענט? ער האָט נאָך מיט אים קיינמאָל קיין צען ווערטער נישט אויסגערעדט! נייז! — בנימין האָט בינשטאָקס רייד נישט גענומען ערנסט. גאָרנישט האָט אים געאַרט.

אין גיכן אָבער האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עפּעס אַ ממשות האָבן בינשטאָקס רייד יאָ.

איינמאָל אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט איז דער געשטופּלטער גימפּל געקומען ירגזונדיק צו לויפן צו בנימינען מיט פּרעטענזיעס, אַז בנימין זאָל עפּעס האָבן געזאָגט אין קאַנטאָר, בכן ער, גימפּל, האָט אים אַרויסגעגנבעט גאָרן פון שענקל. און נאָך איידער בנימין האָט באַוויזן אַרויס־

צורעדן אַ וואָרט, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט צו זאָגן, האָט שוין גימפּל גענומען באַפּעסטיקן זיינע טענות מיט די פויסטן — גענומען שלאָגן בנימינען.

אויף קלעפּ האָט בנימין אויך געענטפערט מיט די פויסטן. ס׳איז געוואָרן אַ טומל, אַ צוזאַמענלויף; אַ חוץ גימפּלס חברים וואָס האָבן זיך באַלד געשטעלט, זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אויך אַנדערע, וואָס האָבן נישט געוואָלט צולאָזן דאָס געשלעג. ס׳האָבן זיך אַהער געפּאַקט בייגעריקע, ווי פויערן אויף אַ יאַריד. באַלד איז אויך געקומען צו לויפן דער אויפזעער פעלדבערג, און זיך צעשריגן... דערזעענדיק פעלדבערגן האָט גימפּל מיט אַמאָל גענומען טענהן עפּעס אַנדערש. איצט שוין נישט, אַז בנימין האָט אים חושד געווען אין גנבענען גאָרן, נאָר עפּעס אַז בנימין האָט אים צופּגערעדט אַ פּעדלער. און ער האָט געפּרוווט נאָך אַמאָל זיך אַ לאָז טון אויף בנימינען מיט די פויסטן, — צו קיין געשלעג האָט דער אָנגעזאַמלטער עולם נישט דערלאָזט. גימפּל איז גערופן געוואָרן אין קאָנטאָר און ראָזנבלום אַליין האָט אים אויסגעזידלט און מתרה געווען, אַז אויב ער וויל נישט מ׳זאָל אים קינדיקן, זאָל ער אָפּזיצן.

גימפּל האָט זיך לפּנים באַרויִקט און בנימין האָט געהאַלטן די זאַך פאַר געענדיקט.

אין אמתן אָבער איז די זאַך נאָך ווייט נישט געווען פאַרענדיקט.

אַ דריי־פיר וואָכן שפּעטער איז בנימינען אויסגעקומען אַהיימצוגיין פון דער אַרבעט שפּעט אין אָוונט. ער האָט געדאַרפט עפּעס פאַרריכטן אין דער מאַשין און איז געבליבן דער לעצטער אין פאַבריק.

אַז ס׳איז איצט שוין שפּעט, נישט ווייט פאַר האַלבער נאַכט, האָט באַוויזן דאָס וואָס די העלפט גאַסן־לאָמפּן זענען שוין געווען פאַרלאָשן. זייער שיטער האָט דאָ און דאָרט, אַ מהלך אָפּגערוקט איינער פון דער צווייטער, צוגעלויכטן אַ לאַמטער און אין ברייטן גרויסן שאָטן איז געווען פינצטער ווי אין אַ זאַק; די באַוועגונג אין גאַס איז שוין געווען אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. עס האָבן נאָר אָפּגעהילכט די טריט פון זעלטענע איינציקע פאַרבייגייערס.

כאָטש נישט דאָס ערשטע מאָל קומט אויס בנימינען אַזוי שפּעט אַהיימצוגיין פון פאַבריק, איז אים איצט פּלוצלינג באַפאַלן אַן אומהיימלעכקייט. אַ קוק געבנדיק הינטער זיך און געזעען אַ שטילע נאַכטיקע

טויטקייט, האָט ער מיט גרויל אַ טראַכט געטון: „מ׳קען דאָ עמעצן דער־הרגענען, און אַ האָן וועט נישט אַ קריי טון״.

נאָר נאָך איידער דער דאָזיקער אומהיימלעכער געדאַנק איז אין בנימי־נען קיל געוואָרן, איז מיט אים עפּעס אויסטערלישעס געשען: פון הינטן האָט עמעץ אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַ שמאַטע צי אַ זאַק, און נאָך איידער בנימין האָט באַוויזן אַ קול אַרויסצולאָזן, איז ער געלעגן אויף דר׳ערד און ס׳האָבן זיך אויף אים געשיט קלעפּ...

ווי פון גאַנץ וויט ערגעץ האָט צו אים דערגרייכט אַ באַקאַנט־אומבאַקאַנט קול: „באַר טרוקענע קלעפּ אין די זשעברעס״... באַלד האָט זיך דאָס שלאָגן געשטאַרקט. אויף פאַרשיידענע ערטער זענען אים געפאַלן די קלעפּ, און ווי געטון האָבן זיי, שטאַרק ווי געטון. ווי שווערע אייזערנע, צייניקע רעדער וואָלטן אים איבערן גוף געפאָרן און מיט אַ מאָל האָט ער אַלץ אויפגעהערט צו פילן. ער איז ווי אויסגעלאָשן געוואָרן.

כג

אויפגעכאַפּט זיך פון חלשות האָט בנימין ערשט צומאָרגנס, אין ייִדישן שפּיטאָל. דער ערשטער איינדרוק איז געווען, אַז אַרום די ווענט איז עפּעס אויסטערליש ווייס. אין דער לענג און אין דער ברייט, איבערן גאַנצן גרויסן חדר, זענען געשטאַנען בעטלעך און אין די בעטלעך זענען געלעגן פּרעמד־פּנימדיקע מענטשן, צוגעדעקט מיט גראָע דערעס און מיט מיצ־לעך אויף די קעפּ.

בנימין האָט כמעט נישט געדענקט וואָס מיט אים איז פאַרגעקומען נעכטן ביינאַכט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז געווען נישט נעכטן, נאָר שוין לאַנג צוריק. ער האָט בלויז געדענקט, אַז עמעץ האָט פון הינטן אים אַרויפגעוואָרפן עפּעס אויפן קאָפּ — און די הענט און די פיס זענען אים געלעגן שווער, ווי קלעצער; דער צעקיילטער גוף און דער באַנדאַ־זשירטער קאָפּ האָבן אים געגעבן צו פילן, אַז אַ חוץ אַרויפוואַרפן אויפן קאָפּ דעם זאַק, האָט מען אים נאָך גוט, גאָר, גאָר גוט מקיים פּסק געווען.

מער ווי צוויי וואָכן איז ער געלעגן אין שפּיטאָל. פון דער היים איז אַ חוץ ישראל־נחן קיינער נישט געקומען זען וואָס ער מאַכט; זיי האָבן געוווינט אין זעלבן געסל ווו דער שפּיטאָל געפינט זיך, און פונדעסטוועגן

איז קיינער נישט געקומען צו אים. נאָר טיילמאָל האָט אים דער קראַנקן־וועכטער — אַ בייזער ייִד מיט אַ פאַרשוירן בערדל אין אַ בלאָער בלוזע — געברענגט עפּעס אין אַ טעפּל, זאָגנדיק: מ׳האָט אים דאָס אַריינגעשיקט.

בנימין האָט פאַרשטאַנען, אַז דער בכבודיקער מאַמען איז דאָס אַלץ נישט צום האַרץ. זי שעמט זיך מן הסתם צוקומען און געבן זיך צו דער־קענען, אַז דער, וועמען מ׳האָט ביינאַכט געפונען אין גאַס אַ צעשלאָגענעם, אַ האַלב טויטן, דער איז איר זון.

די צווייטע וואָך איז בנימין שוין אַ ביסל אַראָפּגעגאַנגען פון בעט, אַרומגעקראָכן אָנגעלענט אויף אַ שטעקן, אין גראָען שפּיטאָל־כאַלאַט און מיטן שפּיציקן מיצל אויפן קאָפּ.

דער טאָג אין שפּיטאָל איז פאַרגאַנגען לאַנגווייליק און פּוסט, איין טאָג גלייך צום צווייטן און צום דריטן...

צוויי מאָל טעגלעך, אינדערפרי און פאַרנאַכט, איז אַריינגעקומען שעפטל שפּירע דער שפּיטאָל „באַלעבאָס״ — אַ ייִדל מיט אַ גראָ בערדל און אַ רויטער נאָז. ער איז אַריינגעקומען אין בנימינס אָפּטיילונג — פון די האַלב געזונטע — מיט אַ רימען אין האַנט, און געטריבן דעם עולם אין די שפּיטאָל־כאַלאַטן — מען זאָל גיין דאַווענען אין שולעכל, וואָס גע־פינט זיך אין זעלבן קאָרידאָר, אין סאַמע עק.

— שקצים — האָט שפּירע געשריגן, פאָכנדיק מיטן רימען און אים אַראָפּגעלאָזט אויף עמעצנס פּלייצעס — פּרעסן ווילט עץ? גייטס דאַוונען!

און דער האַלב־משוגענער דאָקטאָר מיט אַ פּנים פון אַ ישיבה־בחור אַ כיטראַק, האָט נישט אַנדערש גערעדט צו אַ חולה, נאָר מיט באַליידיקנ־דיקע אויסדרוקן, און טיטולירט די קראַנקע: לומפּן־באַנדע.

אַהיימגעקומען פון שפּיטאָל איז בנימין אין אַ קאַלטן פאַרמיטיק. די מאַמע האָט געהאַלטן אין מיטן קאָכן. דערזעענדיק אים האָט זי אויס־געבראָכן אין אַ געוויין און זיך געווונטשן דעם טויט:

— הלוואי וואָלט איך דיין טאַטנס קבר פאַרלייגט און דעם נחת נישט דערלעבט, — האָט זי געיאָמערט און מיטן פאַרטוך זיך דאָס פּנים פאַר־דעקט.

בנימינען איז אויפן געמיט אויך נישט געווען אַ סך פריילעכער, ווי דער מאַמען. און שוואַך איז ער נאָך געווען, ער האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטן.

אין אָוונט, ווען עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען דער ברודער און

שוועסטער פון דער אַרבעט, איז אין שטוב געווען אַ טרויעריק שווייגעניש. סימעלע האָט געקוקט אויף בנימינען שיער מיט שרעק, ווי אויף אַ שלעגער וואָס שלעפּט זיך אַרום מיט אַ באַנדע מעסער־שטעכערס; מלכה, וואָס אַר־בעט אין קאַנטאָר, האָט מורא געהאַט אַז מ'וועט בנימינען שוין נישט צוריקנעמען אין פאַבריק אַריין, וואָרן מ'האָט שטאַרק אויף אים אויס־גערעדט פאַר ראָזנבלומען. די מעשה מיט עטלען, אַז בנימין האָט זי פאַר־פירט, ווייסט מען אויך שוין... פּראָפּער האָט געווײנט אין קאַנטאָר פאַר ראָזנבלומען, און מ'האַלט, אַז כדי אויסצומיידן מחלוקות צווישן די אַר־בעטער, מוז בנימין באַזייטיקט ווערן פון פאַבריק.

די אַרבעט האָט מען בנימינען נישט אָפּגעזאָגט, נאָר ראָזנבלום האָט אים געזאָגט אַ קורצן נאָר שטרענגן פּסוק. אָנרופנדיק אים „דו, ווילער יונג", האָט ער אָנגעזאָגט פעלדבערגן, ער זאָל בנימינען באַזונדער האָבן אויפן אויג. אין פאַל עפּעס־וואָס, וואַרפט ער בנימינען אַרויס.

טעמערלס לעקציע האָט אויך אַן עק גענומען, כלומרשט האָט זי נישט געהאַט קיין צייט, זיך געגרייט ערגעץ אַוועקצופאָרן.

פון דעם, וואָס מען איז בנימינען באַפאַלן ביינאַכט אין גאַס און מ'האָט אים קראַנק געשלאָגן, איז אַרומגעגאַנגען אַ מעשה גאָר אינגאַנצן אַן אַנדערע: אַז דאָס איז בנימין מיט אַ חברה אָנגעפאַלן אויף אַ צווייטער חברה גנבים און אַלפאָנסן.

ווער ווייסט, ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, בנימין איז עפּעס מיט אַמאָל געוואָרן אַ פאַרשטויסענער פון אַלע. אַפילו די חברה פון יענטלס טאַנץ־קעלער, די ווילדע יונגען, וואָס בנימין האָט זיי לעצטנס אויסגע־מיטן, — אַפילו זיי האָבן זיך איצט אָפּגערוקט פון בנימינען, געקוקט אויף אים ווי אויף אַ שלימזלדיקן רייטער, וואָס איז פון זאָטל אַרויס־געפאַלן.

בנימין איז איצט געווען עלנט: אין דער היים ווי אין פאַבריק. האָט ער נישט געזען קיין פריינטלעכע מינע.

און פון איינזאַמקייט, פון נישט האָבן זיך ווו אַהינצוטון, צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, האָט זיך בנימין דערפרייט, ווען משה בינשטאָק האָט אים צווויסן געטון, אַז עס האָט זיך געעפנט אַ קלוב פון יונגע ציו־ניסטן. נאָר שאַ, קיינער טאָר דערפון נישט וויסן, וואָרן דער קלוב איז נישט לעגאַליזירט. בנימין האָט זיך דערין אָנגעכאַפּט און אָנגעהויבן צו זיין אַן איינגייער אין דעם האַלב־געהיימען ציוניסטישן קלוב.

כד

ווען ישראל־נח האָט געענדיקט זיבעצן יאָר, איז ער געווען אַ הויך, דאַר בחורל מיט שוואַרצע אויגן, אַ רירעוודיקער, אַ פלינקער. אַרבעטן און אומגיין ביי אַ מאַשין האָט ער שוין גאָר גוט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך געקליבן איבערצונעמען אַ מאַשין. די מאַמע האָט לאַנג געבעטן דעם ברודער אירן, לייב־חיימען, ביז ס'איז איר געלונגען צו פועלן, מ'זאָל ישראל־נחן אָנפאַרטרויען אַ מאַשין. לייב־חיים האָט צוגעזאָגט. נאָר כדי דאָס צוזאָגן זאָל האָבן אַ ממשות, האָט ער איר געראָטן צו רעדן נאָך מיט ראָזנבלומען. זי האָט דאָס לסוף אויסגעפועלט, און ישראל־נח איז אויך געוואָרן אַ שטיקער, אַזוי ווי בנימין.

ישראל־נח איז געווען אַ ביסל אַנדערש ווי בנימין. דאָס ווערן שטי־קער האָט כמעט גאָרנישט געענדערט זיין פירונג. מיט דער מאַמען האָט ער געלעבט אין שלום, נישט געהאַט קיין סכסוכים. בלויז איינמאָל האָט געטראָפן אַז ישראל־נח האָט זיך פאַרעקשנט קעגן דער מאַמעס ווילן.

דאָס איז געווען מיט אַ צייט צוריק. אין דער היים האָט אויסגעפעלט געלט און מלכה האָט געמוזט האָבן אַ מאַנטל אויפן ווינטער. אַז די מאַמע האָט געזען ווי מלכה פרירט נעבעך אין דינעם מענטעלע, איז זי אַוועק אין געשעפט, ווו ישראל־נח זאַמלט זיך אויף אַן אַקציע און געפּאָדערט, מ'זאָל איר צוריקגעבן די פּאָר רובל, וואָס איר יינגל האָט דאָ ליגן: זי קען נישט לאָזן ליגן קיין געלט אויף אַן ארץ־ישראל־אַקציע, ווען די קינדער פרירן אָן אַ שטיקל וואַרעם מלבוש...

נישט אַזוי לייכט איז דער מאַמען אָנגעקומען צוריקצוקריגן דאָס געלט. זי האָט אָבער געוווּסט וואָס צו רעדן און ווי אַזוי צו רעדן. און געקענט האָט זי רעדן, אַז עס האָט גערירט. און דער בכבודיקער ייִד אין געשעפט האָט איר צוריקגעצאָלט דאָס געלט, וואָס ישראל־נח האָט זיך אָנגעזאַמלט.

דאָס געוויר געוואָרן האָט ישראל־נח אין תחילת געוויינט. וואָרן נאָך איין איינציקן רובל וואָלט ער שוין געהאַט אַן אַקציע. נאָר אַז דאָס וויינען האָט אויך נישט געווירקט, די מאַמע זאָל אים צוריקגעבן דאָס אָפּגענומענע געלט, האָט ער נישט געוואָלט גיין אַרבעטן. ער האָט גאָרנישט גערעדט, נישט געבעטן, נאָר געזעסן אין דער היים און נישט געגאַנגען

אין פֿאַבריק. אַזוי לאַנג נישט געגאַנגען, ביז ער האָט זיינס אויסגעפירט. די מאַמע האָט צוריקגעגעבן די פּאָר רובל. און ער האָט זיי צוריק אַהינ־געטראָגן פאַר דער אַקציע. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל וואָס יש־ראל־נח האָט זיך איינגעעקשנט קעגן דער מאַמען.

אַזוי אָבער איז ישראל־נח געווען אַ רויִקער בחור. אין דער פרייער צייט איז ער דאָס רוב געזעסן אין דער היים. ער האָט שוין געהאַט אויס־געקויפט אַן אַקציע, איצט געזאַמלט געלט אויף נאָך אַן אַקציע און אַהיימ־געברענגט ביכער צום לייענען...

ישראל־נח איז געווען אַנדערש פון בנימינען.

אַצינד ערט, ווען ביידע זין זענען געווען שטיקערס און די פּאָר־דינסטן אין שטוב זענען געווען גרעסערע, האָט מלכה אויפגעהערט צו גיין אַרבעטן אין קאַנטאָר. די מאַמע האָט איינגעזען, אַז פאַר אַ דער־וואַקסן מיידל איז נישט אַזאַ גרויסער כבוד צו גיין אַרבעטן אין דער פרעמד. מלכהן האָט מען איצט אַרויסגעגעבן אַרבעט פון קאַנטאָר. און דאָ האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזן ישראל־נחס כאַראַקטער, אַז ער איז מער ווי בנימין צוגעבונדן צו די שטוביקע. די „פלאַכטעס" פון קאַנטאָר און די פּאַרטיקע צוריק אָפּטראָגן אין קאַנטאָר איז געווען ישראל־נחס זאַך. ער האָט געזאָרגט דערפאַר, מלכה זאָל נישט דאַרפן שלעפּן איבער דער גאַס דעם פּאַק „פלאַכטעס".

⁂

אין דעם נייעם קלוב, וווּ בנימין איז געוואָרן אַן אייגענער, איז ישראל־נח נאָך נישט געווען קיין מיטגליד. דער דאָזיקער קלוב האָט זיך איינגעאָרדנט אין זעלצערס שול, ווען דאָרט זענען נישט פאָר־געקומען קיין לימודים. דער קלוב איז באַשטאַנען פון „פּאָרגעשריטענע ציוניסטן". דער דאָזיקער קלוב האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז יינגער פון צוואַנציק יאָר קען מען נישט אָנגענומען ווערן פאַר אַ מיטגליד — און ישראל־נח איז געווען קוים זיבעצן יאָר אַלט.

דער קלוב פון די „פּאָרגעשריטענע ציוניסטן" האָט נישט געהאַט קיין קלאָרן פּרצוף: נישט געוווּסט וואָס ער וויל און צו וואָס אייגנטלעך ער איז געגרינדעט געוואָרן. ער האָט זיך נאָר אָפּגעטיילט פון די אַלטע. קיין גרויסער שלום האָט דאָרט נישט געהערשט פון דער ערשטער מינוט אָן.

זעלצער, וואָס ביי אים אין שול האָט זיך געפונען דער קלוב, האָט

זיך אַליין געגומען אַ גבאות, געשפּילט די ראָלע פון אַ באַלעבאָס און מדריך. יעדן שבת נאָכמיטיק האָט ער געזאָגט פּאַרן עולם. אויסגעקליבן עפּעס אַ פּסוק פון דער פּרשה פון דער וואָך, אָדער פון דער הפטורה, דעם פּסוק צעגומען, צעגלידערט און אַזוי לאַנג געטייטשט, אויף דייטשמעריש, ביז ער איז אַרויסגעקומען אויף דעם זעלבן, ווי נייטיק עס איז פאַר יידן אַן אייגן לאַנד, און אַז דער „פאָרשריט" איז גאָרנישט קעגן דער תורה — נאָר פאַרקערט. די תורה ווינקט אָן אויף טריט און שריט, אַז דער פאָר־שריט איז פאַר דער וועלט אַ נויטווענדיקייט.

אַהין, אין אָט דעם קלוב, האָט באַלד זעלצער אַריינגענומען זיינע פריינד און באַקאַנטע. מאָריץ וואָלבערג האָט זיך דאָרט אויך אָפט געוויזן. ער איז נאָר אַרומגעגאַנגען, געקוקט מיט די אויגן, וואָס אונטער די טונקעלע ברילן־גלעזער און געצויגן די פּאַרריסענע נאָז אויף די אַרבעטער, וואָס געפינען זיך דאָ.

און משה בינשטאָק איז געווען אַן אָנגעלייגטער מיטגליד. דאַקעגן אויף יואל פאָנטשערן האָט מען קרום געקוקט. ס'איז געווען אַ מעשה, אַז פאָנטשער האָט אַמאָל אַריינגעברענגט אַהין אַן אַמעריקאַנער יידישן זשורנאַל, האָט זיך דאָרט דערהויבן אַ גוואַלד. זעלצער האָט געשריגן, אַז מען איז אויסן אים אומגליקלעך צו מאַכן, פּאָליציי וועט אים די שול פאַרמאַכן און אים אַליין פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע, ווייל דער זשורנאַל איז אָן צענזור און ער שמעקט מיט... באַהיט זאָל מען ווערן. זעלצער האָט מורא געהאַט דאָס וואָרט פאַרן מויל צו ברענגען.

דערנאָך האָט איינמאָל געטראָפן, ווען זעלצער האָט שבת נאָכמיטיק, ווי זיין שטייגער, צעגלידערט אַ פּסוק און אים לאַנגזאַם צוגעפירט צו זיין וואָכיקן אויספיר וועגן דער נויטיקייט פון פּראָגרעס און אַן אייגן לאַנד פאַר יידן — איז נאָך זעלצערן אַרויף רעדן יואל פאָנטשער. ער האָט גערעדט וועגן גאָר עפּעס אַנדערש: אַז אַרבעטער מיט באַלעבאַטים קענען נישט געהערן צו איין פאַראיין, זיי קענען בכלל נישט זיין צוזאַמען, ווי פייער קען נישט זיין צוזאַמען מיט וואַסער.

פאָנטשער האָט גערעדט לאַנג און אַלץ אין דעם זין, גערעדט הייס און מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס זענען דאָ נאָך קיינמאָל נישט געהערט געוואָרן. און דער סוף איז געווען, אַז פאָנטשערן האָט מען נישט גע־לאָזט ענדיקן. מ'האָט אים אין מיטן דאָס מויל פאַרמאַכט. ס'איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. נאָך אָט דער רעדע איז דער קלוב זיך צעפאַלן. דער

גרעסטער טייל איז צוריק אַריין אין אַלגעמיינעם ציוניסטישן פאַראיין און עטלעכע — צווישן וועלכע עס איז געווען אויך בנימין — האָבן זיך געהאַלטן אַרום פאָנטשערן. זיי האָבן זיך אָפּגעקליבן פאַר זייער צוזאַמענ־קום־אָרט אַן אָפּגעלעגן ווינקל אין פאַרק.

אין פאַרק, אויף אַ באַהאַלטענער באַנק צווישן ביימער, פלעגן זיי זיך צוזאַמענקומען, זיך זעצן פוןביידע זייטן אַרום פאָנטשערן. פאָנטשער, אין די לאַנגע מלבושים, מיטן שוואַרצן בערדל, האָט זיי אויפגעקלערט די „אַרבעטער זאַך". אין אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט בנימין שוין מיט זעלבסטווירדע געטראַכט, אַז ער איז אויך איין רינגעלע אין דער גרויסער קייט פון דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־אַרמיי. מער ווייניקער האָט ער שוין פאַרשטאַנען די אַרבעטער־שטרעבונג און די גרויסע מחוצה, וואָס שטייט ווי אַן אייזערנע וואַנט צווישן אַרבעטער און אַרבעטס־געבער...

אַזוי זענען בנימין מיט ישראל־נחן נישט געווען נאָענט צווישן זיך.

דאָס איז נישט געווען בלויז דער אונטערשייד אין די יאָרן, אין על־טער. דאָ איז געווען נאָך אַן אַנדער סיבה.

ישראל־נח איז אַריין אין פאַבריק כמעט אין צעניעריקן עלטער און האָט אָפּגעאַרבעט אַלס פעדלער אַן ערך זיבן יאָר; די פעדלער־אַרבעט פאַרקויפּט, שקלאַפיש פאַרקויפט דעם מענטש צום שטיקער. דאָס האָט געווירקט נישט נאָר אויף דער פיזישער אַנטוויקלונג, נאָר אויך אויף דעם גייסט פון יינגל; אויסגעאַרבעט אין אים אַ מאַטעריאַל אויף אונטער־דריקונג; אַנדערש, אַבער, בנימין. ער איז אַריין אין פאַבריק שוין אין זעכצניעריקן עלטער ,נישט לאַנג געזעסן ביים פעדל־טישל, באַלד צוגע־קומען צו דער מאַשין און געוואָרן אַ שטיקער.

ניין, דער אונטערשייד אין די כאַראַקטערן, וואָס האָט זיך אין זיי אויסגעאַרבעט, איז געווען צו גרויס אַז זיי זאָלן זיין נאָענטע חברים.

כאַפּן צווישן זיך אַ שמועס פלעגט פונדעסטוועגן אויסקומען.

מלכה, למשל, האָט אַמאָל דערציילט, אַז די „אַחדות"־יונגען אין לאָדזש האָבן אַ הונט אָנגעטון אַ פּאָר תפילין און האָבן צעריסן דעם קייסערס פּאָרטרעט.

— נו, די קאַזאַקן לערנען זיי שוין דרך־ארץ, נאָכאַמאָל אַזוי נישט צו טון — און זי קוקט אָן בנימינען, ווייל זי האַלט אים אויך אַ ביסל פאַר געכאַפּט אין די זאַכן.

בנימין זאָגט:

— נישט אַלץ, וואָס מ׳דערציילט, איז אמת.

— וואָס איז יאָ אמת? — ציט מלכה אים ביי דער צונג.

— אַז די אַרבעטער אין לאָדזש פירן אַ קאַמף פאַר גרעסערע שכירות און לייכטערע אַרבעט.

— טאָ וואָס האָבן זיי, כ׳בעט דיך, צו גאָט? — קומט די מאַמע אַרויס פון גלייכגעוויכט, ווייל בנימין פאַרטיידיקט נאָך די דאָזיקע לייט — און צום קייסער וואָס האָבן זיי? דער קייסער אין פעטערבורג ווייסט דען?

דאָס ווייסט שוין בנימין נישט צו ענטפערן. ער מוז דאָס פר:ער אַדורכרעדן מיט פאָנטשערן — און אַז בנימין שווייגט אין פאַרלעגנהייט, רופט זיך אָן ישראל־נח:

— דאָס האָט גאָרנישט צום קייסער און אַפילו נישט צום פאַברי־קאַנט. ווער עס איז אַ לייט, נישט קיין הולטיי און נישט פויל, קוקט נישט ווי שפּעט ס׳איז, נאָר אַרבעט, יאָגט — דער פאַרדינט און האָט...

און ער באַווייזט עס באַלד מיט אַ ראיה, אַז אַזוי איז עס:

— הערש קופּער! ווי לאַנג איז גאָר ווי קופּער איז נאָך געזעסן און געאַרבעט אַלס שטיקער?...

אַזוי אויך ישראל־נחס אָנגעהעריקייט צום ציוניזם.

דאָס איז געווען מער געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו די בעלי־טובה, די ציוניסטן, איידער באַנעמען דעם ציוניזם.

זיי, די ציוניסטן האָבן דעם דערשלאָגענעם פּעדלער, דעם פאַר־שווארצטן שקלאַף נישט נאָר פון פאַבריקאַנט נאָר אויך פון פאַבריקאַנטס שקלאַף, דעם שטיקער אַרויסגעצויגן. — זיי האָבן אים געלערנט לייענען און שרייבן, אים באַהאַנדלט ווי אַ מענטש, געגעבן אים צו לייענען בי־כער און געהאַלטן פאַר אים רעדעס... איינמאָל אין אַ שמועס, אין דער היים, האָט ישראל־נח דאָס אַרויסגעזאָגט אויף אַזאַ אופן. מ׳האָט געשמועסט, אַז דעם אַרבעטער איז שלעכט, ער אַרבעט ווי אַן אייזל שווער ס׳גאַנצע לעבן, ביז ר׳פאַלט אַנידער און שטאַרבט.

— נו, — פירט בנימין אויס — דעם אַרבעטער איז דען אַ חילוק, צי ער ליידט הי, צי אין ארץ־ישראל. ס׳איז אים דען לייכטער, ווען אים דריקט אַ ייִד, איידער אַ נישט־ייִד?

— ניין, — דערווידערט ישראל־נח — צו ערשט מוז געהאָלפן ווערן דער ייִדישער כלל — האָבן זיין אייגן לאַנד, — דערנאָך ערשט דער פּרט, דער אַרבעטער, דער „איך”. דער כלל, דאָס ייִדישע פאָלק, ליידט שוין

לענגער,ליידט שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר; אין דער הילף פון כלל ליגט שוין אויך די הילף פון פרט...

די מאַמע האָט געקוואָלן פון ישראל־נחס רייד און אויף בנימינען, וואָס האָט אויפגעוויזן, אַז אַרבעטער אונטערדריקטע זענען געווען אויך פאַר־צייטנס אין ארץ־ישראל, נאָך פאַרן חורבן, האָט די מאַמע אָפּגעשטעלט אַ טריבן בליק:

— נאָר דו גייסט שטענדיק אויף קרומע וועגן — האָט זי דעם קאָפּ געשאָקלט — און דיר איז נאָך ווייניק, וואָס דו אַליין בלאָנדזשעסט, ווילסטו נאָך אַנדערע אויך מיטשלעפּן, אַראָפּפירן פון וועג.

כה

דער ליכט־שטראַל, וואָס האָט דעם אַרבעטער צוגעלויכטן אין זיין פאַרהאָרעוועטן לעבן, איז געווען די האָפענונג, אַז עס וועט אים לסוף געלונגען זיך איינצושאַפן אַ ביסל געלט, ער וועט קויפן אַ מאַשין און ווערן אויס „מענטש" ביי יענעם. ער וועט טאַקע אויך אַרבעטן, אָבער שוין נישט איינגאַנצן ביי יענעם, נאָר אויף „לוין", אויף אַן אייגענער מאַשין: נעמען אַרבעט פון וועלכן פאַבריקאַנט ער וועט וועלן, פון וועמען עס וועט אים בעסער לוינען.

ס'האָט זיך אויך געחלומט צו ווערן אינגאַנצן אויס אַרבעטער־פאַברי־קאַנט! נאָר דאָס איז שוין געווען אַן ענין פאַר יונגע פאַנטאַזיאָרן, היץ־קעפּ. דאָס ערשטע אָבער — קויפן אַ מאַשין און אַרבעטן אויף „לוין", דאָס האָט יעדער געטרוימט, דערפאַר איז אין פאַבריק אַזוי פיל אויס־געגעבן געוואָרן געלט צו שפּילן אויף דער לאָטעריע.

דעם לעצטן גראָשן האָט אַ שטיקער אויסגעגעבן צו באַצאָלן אַ „לאָס" פאַר דער ציִונג. אַז עס וועט „אַרויס" וועט מען זיין געהאָלפן.

דער געלער מענדל, דער קאָלעקטאָר, האָט איינגעצייטיק אויך אַרומ־געטראָגן אין די פאַבריקן ביר. מענדל, אָדער ווי מ'פלעגט אים רופן: דער ייִד מיט דער קאַפּאָטע — ווייל ער פלעגט האַלטן פאַרשטעקט די פלעש־לעך ביר אין פאַרשיידענע קעשענעס אין אונטערשלאַק פון דער משונה ברייטער קאַפּאָטע — האָט שוין געוווסט, אַז גיכער וועט אים אַ שטיקער אַנזעצן געלט פאַרן אויסגעטרונקענעם ביר, איידער פאַר אַ לאָטעריע־

צעטל. פלעגט ער טאַקע קונציק פאַרבייטן די יוצרות און אַרויפרעכענען דעם חוב, וואָס ער באַקומט פאַר אַ לאָס — אַלס חוב פאַר ביר...

כמעט רירנדיק האָט עס אויסגעזעען, ווי דער אַלטער פּראָפעסאָר אַפילו שטעלט אָפּ די מאַשין און לויפט אַרום באָרגן אַ פּאָר קאָפּיקעס, וואָס פעלן אים צו באַצאָלן פאַר אַ פערטעלע לאָס. וואָרן באַלד וועט ער קומען, דער קאָלעקטאָר מאָנען פאַרן לאָטעריע־צעטל. און מאָרגן־איבערמאָרגן איז די ציִונג.

— ר׳ מענדל — קלערט טעוול קנאַפּ אויף דעם געלן ייִד — וואָס זענט איר, משוגע, צי וואָס? פאַרן לאָס האָב איך אייך דאָך שוין אײַנגעצאַנצן באַצאָלט. דאָס וואָס איר מאָנט, איז דאָך גאָר פאַר ביר; די אַנדערע וואָך, נאָך דער אויסצאָלונג, וועט איר דאָס אויך קריגן.

יענער אָבער גיט בלויז אַ צי מיט די פּלייצעס, מיט דער מינע פון אַ תמעלע:

— איך ווייס גאָרנישט מער, נאָר אַז מיר קומט צו געלט צום לאָס. פאַרן ביר האָב איך אָפּגעקריגן אַלץ.

און קען זיך טעוול קאָכן וויפל ער האָט נאָר חשק, און מעג ער סטראַשען דעם ייִד און אים באַשיטן מיט ייִדישע און רוסישע קללות — סוף כל סוף איבערלייגט ער זיך, אַז ס׳לוינט זיך נישט מיט דעם קאָלעקטאָר איינצוררייסן. לויפט ער אים נאָך, און איז צופרידן, אַז ער טרעפט אים, באַצאָלט וואָס יענער מאָנט און איז נאָך מער גליקלעך, ווען ער באַקומט פון אים צוזאַמען מיטן צעטעלע די סקאָרבאָווע ברכה:

— זאָל זיין מיט מזל.

אויף וועמען זיך צו פאַרקוקן, וועמען צו האַלטן פאַרן ליכטיקן פונקט, צו וועלכן מ׳צילט, זענען דאָ אַ סך. ראָזנבלום איז אַמאָל געווען אַ גע־ווינלעכער שטיקער, פאַראַנען נאָך עטלעכע פאַבריקאַנטן, וואָס מ׳שמו־עסט, אַז זיי זענען אַמאָל געווען אַרבעטער.

דאָס איז אָבער געווען שוין לאַנג צוריק. צי ס׳איז אמת, ווייסט מען נישט; קיינער געדענקט נישט, ווען אָט די זענען געזעסן ביי דער מאַשין און געאַרבעט. מ׳רעדט, מ׳שמועסט...

בלויז הערש קופער און יוסף גרינשפּאַן — זיי געדענקט נאָך יעדער: אַפילו יונגע שטיקערס געדענקען, ווי זיי האָבןביידע געאַרבעט אין וואָלבערגס פאַבריק, און היינט זענען זיי פאַבריקאַנטן, קופער איז אַפילו אַ גרויסער פאַבריקאַנט.

פון גרינשפּאַנען רעדט מען ווייניק. גרינשפּאַן איז אַ קליין פּאַבריקאַנטל, און אַ געמיינער יונג. מען שמועסט גאָר אַ געמיינער. די, וואָס אַרבעטן ביי אים, פּייניקט ער מיט אָפּצוגן, טוט זיי אָן געבּרענטעליידן, און דאָס וואָס זיין ווייב, די געוועזענע פּעדלערין, מישט זיך אין געשעפט, איז דאָס סאַמע ערגסטע.

נישט אַזוי פּירט זיך קופּער.

קופּער פאַרמאָגט שוין אייגענע מאַשינען און גיט נאָך אַוועק צו אַרבעטן אַ סך אויף „לוין". האָט אַ קאַנטאָר מיט אָנגעשטעלטע, אָבער אַליין איז ער געבּליבן דער זעלבער פּשוטער וואָס אַמאָל. מיט זיינע אַמאָליקע חברים פון פאַבּריק איז ער ווייטער אויף „דו", און אַז עמעץ פון זיי מאַכט אַמאָל אַ שמחה, בעט מען אים, און ער קומט.

קופּערס אַמאָליקע חברים שטאָלצירן מיט אים און זיי צעטראָגן זיין גרויסקייט אומעטום, ווו זיי קומען נאָר.

— אונדזער הערש האָט ווידער געקויפט אַ מאַשין — דערציילט עמעץ מיט פרייד, גליך ווי ער, דער דערציילער — אַז אָפּגעמאַטערטער אַרבעטער פון קוים עטלעכע און דרייסיק יאָר, מיט אַ גראָען אויסגעקראָכענעם קאָפּ און שוואַכע פיס — האָט אויך עפּעס אַ חלק אין דער מאַשין, וואָס „אונדזער" הערש האָט געקויפט.

ס'איז געווען אַן איבערראַשונג און אַ פרייד פאַר אַלע שטיקערס, ווען ס'האָט זיך אַמאָל אין אַ מיטן טאָג צעטראָגן אַ נייעס אין וואָלבערגס פאַבּריק, אַז קופּער איז איצט צוליב עפּעס אַרויפגעקומען אין קאַנטאָר און ראָזנבלום האָט אים בכבודיק אויפגענומען, געבעטן זיצן און רעדט מיט אים ווי מיט זיינס גלייכן.

אַלע זענען שטאָלץ געווען, און ווער ס'איז נאָר געקומען פון קאַנטאָר, האָט מען זיך ביי אים נאָכגעפרעגט: „נו, ר'איז נאָך אויבן, הערש?"

דער עיקר האָט זיך קופּער קונה שם געווען מיט דער נדבה, וואָס ער האָט געגעבן פאַר מאיר זלאָטשעווער.

מאיר זלאָטשעווער — אַ מיטליעריקער מענטש, אַ טאַטע פון קינדער, האָט געאַרבעט ביי זאַלצמאַנען אין פאַבּריק און פלוצלינג, אין מיטן דער אַרבעט, געקריגן אַ בלוט־שטורץ און נישט געקאָנט מער אַרבעטן.

ס'איז נישט געווען פון די זעלטנקייטן, אַז ביי אַט דער קאַטאָרגע־אַרבעט אין די שטויביקע חדרים, זאָל אַן אַרבעטער קריגן אַ בלוט־שטורץ.

געווײנטלעך פלעגן עטלעכע טעג דערנאָך אַ צוויי פון דעם קראַנקנס באַ־קאַנטע זיך לאָזן איבער דער שטאָט מיט אַ טיכל, קלייבן נדבות פאַר דעם חולה און זיין משפחה. איינמאָל האָט קופּער טאַקע געוויזן, וואָס ער איז בכוח צו טאָן פאַר אַ געוועזענעם חבר, און ער האָט אַ גיב געטאָן אַ נדבה, וואָס האָט אַלעמען די אויגן פאַרבלענדט.

דער טויטער אברהם — ער האָט אַמאָל אין פאַבריק אַזוי שטאַרק געחלשט, אַז מ׳האָט אים שוין געהאַלטן פאַר טויט, איז אים געבליבן דער צונאָמען „טויטער" — ווי איינער פון די נדבה־קלייבער פאַר מאיר זלאַ־טשעווערס וועגן — האָט עס דערנאָך דערציילט.

צום ערשט האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי ער, וואָס פאַר־נעמט זיך קיינמאָל נישט מיט אַזעלכע עסקים, ווי קלייבן נדבות — האָט עס פונדעסטוועגן דאָס מאָל יאָ געטאָן.

— כ׳האָב געוווּסט — דערציילט דער טויטער אברהם בשעת זיינע שכנים די שטיקערס זיצן אַרום; יעדער מיט זיין טעפּעלע קאַווע אין האַנט און עסט אָנבייסן — כ׳האָב, זאָגט ער, געוווּסט, אַז קיין גרויס עשירות וועל איך ביי מאירן נישט אָנטרעפן; אַרבעט שוין נישט באַלד צוויי וואָכן, און די קרענק קאָסט... און העלפן קאָן איך אים נישט — בין איך דערי־בער אַ צייט נישט אַהינגעגאַנגען. נאָר שבת האָט עס מיך שוין אַ טראָג געטאָן; פאַרט אַ נאָענטער חבר. קום איך אַריין, ס׳איז שוין באַלד מיטאָג און קיין פייער איז נאָך נישט געמאַכט; די קינדער וויינען, די מוטער שעלט זיי און זיך און ער, דער קראַנקער מיטן קאַלעך־ווייסן פּנים, ליגט אין בעט און שלינגט אייז.

— ס׳האָט מיך אַ נעם געטאָן ביים האַרצן. הע, ברידער האַרציקע, ס׳איז פאַרט אונדזערס איינער. אַ גוטער שפּיגל פאַר די אויגן זיך אַליין אָנצושפּיגלען ווי מ׳קאָן אַ ליאַדע מינוט אויסזען. אַזאַ מאיר טאַקע האָט אָפּגעאַרבעט ביי די אָפּגעפּרעסענע בייכער אַזוי פיל יאָרן און איצט — דאָס איז דער סך־הכל, דאָס איז דער סוף פון דער פּראַצע.

— אָבער מער ווי מיט אַ קאָפּ רחמנות קאָן איך פאַרט נישט העלפן, כ׳בין פּונקט אַזאַ נגיד — לאָמיך חלילה אַ וואָך־צוויי נישט אַרבעטן, וועט זיין דאָס אייגענע וואָס דאָ, ווי זאָגט מען דאָס: צוויי מתים גייען טאַנצן — שווייגן אָבער, אָפּזיפצן אַ ביסל, אַוועקגיין און גאַרנישט, האָב איך אויך נישט געקענט...

און אַזוי ווי דאָס געוויסן האָט אברהמען נישט געלאָזט שווייגן און

לאָזן אַ נאָענטן מענטשן אויסגיין, האָט ער אָפּגעזוכט אַ באַקאַנטן און זיי האָבן באַשלאָסן מאָרגן, זונטיק, אָפּצושטעלן אויף אַ פּאָר שעה זייערע מאַשינען און גיין קלייבן פאַרן חבר נדבות.

איצט האָט ער גענומען דערציילן, ווי דאָס קלייבן נדבות האָט אויס־געזען.

— אונדזערס אַ ברודער, אַן אַרבעטער — קענסט עפּעס פון אים גע־האַלפן ווערן? וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, קען ער דיר געבן, וואָס האָט ער דיר צו געבן? סיידן די נשמה!... איינער האָט ביי זיך דעם גראָשן, און צען — נישט. און זיי שעמען זיך נאָך אויסצוזאָגן, אַז זיי האָבן נישט. „קום שפּעטער", אָדער „כ'האָב פּונקט נישט ביי מיר"... ווייסן ווייס איך דאָך אָבער, אַז אַזוי „שפּעטער" ווי „אין דער היים" — איז נישטאָ קיין פּרוטה ביי דער נשמה.

און טאַקע —

— האָסט שוין געזען, אַז צומאָרגנס נאָך אויסצאָלונג זאָל נאָך עמעץ פאַרמאָגן אַ גראָשן? מ'איז צופרידן, אַז מ'קאָן כאָטש אָפּצאָלן די חובות פון דער וואָך.

זענען די צוויי נדבות־קלייבער אַוועק איבער די קאָנטאָרן. ס'איז טאַ־קע אַ בושה, מען מוז דאָך אָבער ראַטעווען אַ מענטש, אַ טאַטע פון קינ־דער.

— דער פאַבריקאַנט זאַלצמאַן, וואָס ביי אים אין פאַבריק איז מאיר קראַנק געוואָרן, געקריגן דעם בלוט־שטורץ — פאָרט ער, זאַלצמאַן, אויף אונדז אַרויס מיט דעם גרויסן ירגזון, אַז דער רויטער קאָרק איז ביי אים בלוי געוואָרן — צי האָבן מיר אַ באַפּולמעכטיקונג? ווער האָט אונדז דערלויבט גיין בעטלען פאַר זיינס אַן אַרבעטער?

רוף איך מיך אָן:

— הער זאַלצמאַן, אדרבא, גיבן זי עפּעס, וועלן מיר פאַרשפּאָרן צו גיין בעטלען פאַר אינס אַן אַרבעטער.

צינדט ער זיך ערשט אָן. „ער האָט — שרייט ער — ביי מיר גוט פאַרדינט. ער האָט געלט, ער האָט ביי מיר שיין פאַרדינט".

אין אַ צווייטן קאָנטאָר האָט מען זיי גאָר אַרויסגעטריבן מיט אַ חשד, אַז זיי קלייבן געלט אויף אַ „לעב־טאָן", אויף אַ קערמעשל; און וווּ מען האָט זיי שוין יאָ עפּעס געגעבן, האָט דער נדבה־געבער די נאָז אַראָפּ־געלאָזט, ווי מ'וואָלט אים באַראַבעוועט.

נאָר אַז דער „טויטער אברהם" קומט צו צו קופערן און זיין נדבה, ווערן די פנימער פון די צוהערערס ליכטיקער, און אויך דעם דערציילערס קול ווערט ווי דורכגענומען מיט אַ נחת־סטרונקעלע.

תחילת, ווען זיי זענען אַריינגעקומען און געטראָפן קופערן זיצן אין קאַנטאָר אין זיידענעם קאַפּעלע, איז ער עפּעס נישט געווען צו זיי אי־בעריק פריינטלעך. ערשט אַז ער האָט דערהערט פאר וועמענס וועגן זיי קלייבן, אַז ס'איז פאַר מאיר זלאַטשעווער, ביי וועמען ער ,קופער, האָט זיך אַמאָל געלערנט דאָס שטיקער־פאַך, איז ער גלייך אַנדערש געוואָרן. די נדבה־קלייבער אַריינגערופן אין אַ באַזונדער חדר,געבעטן זיי זיצן, זיך גענוי נאָכגעפרעגט, וואָס דער קראַנקער מאַכט. און הערנדיק, אַז דאָרט איז גאָרנישט היימלעך, האָט ער פאר זיי אַנידערגעלייגט א רויט פאַפּירל; אַ רויט אַסיגנאַציע־פּאַפּירל, האָט קופער געגעבן, און נאָכגע־פרעגט צי ס'איז גענוג.

— פינף און צוואַנציק רובל האָט ער אַ גיב געטון, אונדזערער; אַז דער קראַנקער איז געוואָר געוואָרן, האָט ער זיך אַזש צעוויינט און אויף אים קוקנדיק האָבן זיך דאָס ווייב און קינדער אויך צעיאָמערט.

— יאָ, ר'איז נאָך פאָרט אַ שטיקל מענטש, קופער — זאָגט עמעץ. אלע שטימען צו, און מ'נעמט מאַכן הכנות זיך צוריק צו נעמען צו דער אַרבעט.

נאָר יואל פאַנטשער איז פון קופערס נדבה נישט נתפעל. ער זאָגט, אַז די אַרבעטער מוזן דערפירן דערצו, זיי זאָלן נישט דאַרפן אָנקומען צו נדבות.

די אַרומיקע פאַרשטייען נישט, ווי אַזוי אַרבעטער קאָנען דערצו ברענגען. זיי קוקן אָן יואלן, ווי איינעם וואָס ווייסט נישט וואָס ער רעדט, ווי אַ גערירטן. דער טויטער אברהם, וואָס יואל האָט אים קאַליע געמאכט די גאַנצע בריהשקייט און אויך קופערס גרויסע טאַט אָוועקגעמאַכט, רופט זיך אָן מיט אַ ברוגזדיקן חוזק:

— אדרבא, ברענג דערצו, לאָמיך זען דיין גבורה!

בנימין אָבער פאַרשטייט, וואָס פאַנטשער מיינט.

כו

דער דראָזשקאָזש, וואָס וווינט ביי וואָלבערגן אויפן הויף, האָט איינ־מאָל נאָכמיטיק באַמערקט, ווי מנשה, דער יונגער וואָלבערג, פאַרקריכט מיט זיין, דעם דראָזשקאָזשס פופצניעריק שיקסל אין איינעם פון די אָפענע שטאַלן, וואָס געפינען זיך דאָרט — און ער פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

דער דראָזשקאָזש איז טשעקאַווע געווען אַ קוק צו טון, וואָס זיי טוען אין שטאַל, האָט ער זיך צוגעשלייכט, און שטילענקע, דורך א שפּאַרע אַריינגעקוקט, דערבליקן וואָס דאָרט קומט פאָר.

און מן הסתם איז דאָס, וואָס ער האָט דערבליקט, געווען גאָר עפּעס נישט געוויינלעכס, וואָרום דער דראָזשקאָזש איז מיט אַ געפילדער אַריינ־געלאָפן צום פאַן וואָלבערג, און באַלד האָבן ביידע טאַטעס, דער פויער מיט די העלע וואָנצעס און לייב חיים וואָלבערג, שטאַרק גענומען קלאַפּן אין דער טיר פון שטאַל, מ׳זאָל זיי עפענען.

געעפנט האָט מען נישט גלייך. אָבער ווען מ׳האָט שוין יאָ געעפנט, איז דרינען געווען נאָר דאָס שיקסל אַליין. זי האָט אָנגעהויבן צו וויינען און זיך פאַרענטפערט, אַז דער יונגער פאַן האָט זי אַהער פאַרנאַרט — מנשה איז שוין נישט געווען. אונטערן דאַך איז געווען אַוועקגעריסן אַ ברעט, פון דאָרט האָט ער זיך אַרויסגעקריגן פון שטאַל, אַריבער אין צווייטן הויף — און אַוועק.

מנשה האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט אין די גאַסן. ס׳איז געוואָרן אָוונט. מ׳האָט אָנגעצונדן די גאַסן־לאָמפּן. ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ שענק עפּעס עסן. דאָרט האָט אַ חברה שקצים און יידישע יונגען געשפּילט אין קאָרטן. מנשה האָט זיך צוגעזעצט צו זיי. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שענק האָט ער געהאַט אַלץ פאַרשפּילט, פאַרמאָגט ליידיקע קעשענעס און ס׳איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט.

אַהיימגיין האָט ער מורא געהאַט. ער האָט אפילו אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט די דראָזשקאָזשעס, וואָס שטייען אָדער זיצן נעבן זייערע נישט פאַרנומענע דראָזשקעס. אפשר איז דאָרט דאָ יענער דראָזשקאָזש.

ס׳איז געוואָרן שפּעט און שלאָפן האָט זיך געוואָלט. מנשה איז שוין מיד געווען. ווו זיך אַהינצוטאָן איז נישט געווען. פאַרבייגייענדיק אַ

קיאָסק, ווו מען קלעפּט אָן אַפישן און נעקראָלאָג־צעטלען, האָט ער פלוצלינג דערבליקט, אַז דאָרט איז אויסגעבראָכן דאָס בלעכענע טירל צום בויך פון קיאָסק; מנשה איז נישט קיין פוילער יונג און מיט דער רויקייט פון אַ געבוירענעם טויגעניש, אַהין אַריינגעקראָכן איבערנעכטיקן.

צוריק אַרויסגעקראָכן פון קיאָסק איז מנשה פּאַרטאָג. ס׳איז אים גע־ווען זייער קאַלט און ער איז נישט געווען אויסגעשלאָפן. ס׳האָט זיך אים מוראדיק געוואָלט אַ וואַרעמען טרונק, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין פרוטה ביי דער נשמה.

ער איז צוגעגאַנגען צו אַ גאַסן־פּלומפּ, זיך אָפּגעוואַשן ס׳פּנים, אָפּ־געווישט מיטן טאַשן־טיכל און גענומען שפּאַצירן איבער די גאַסן, זוכן אַ באַקאַנטן, ביי וועמען ער זאָל קאָנען נעמען געבאָרגט אַ פּאָר קאָפּיקעס.

ס׳האָט אים אָפּגעגליקט. ער האָט באַגעגנט אַבאַן — דעם קרוב זיינעם — גייען צו דער אַרבעט. אָפּגעגעבן אבאַן אַ פריינטלעכן, אַ משפּחהדיקן „גוט־מאָרגן" — נאָר געלט געבאָרגט האָט ער נישט געקריגן. אָבער גאָר לאָ!

— כ׳האָב נישט ביי זיך קיין גראָשן — האָט אַבאַ געזאָגט, און מנשה האָט זיך געמוזט באַזין ברירה באַגנוגן לאָזן מיט דעם פּאַפּיראָס, וואָס ער האָט פון אים אַרויסגעקריגן.

מיט דעם פּאַפּיראָסל אין מויל, מיט דער ווילערישער געוויינהייט אין גאַנג, האָט מנשה ווייטער געשפּאַנט גאַס־אויס, גאַס־איין, זוכנדיק ביי וועמען צו כאַפּן עפּעס אַ הלוואהלע, וואָרום אין בויך האָט אים שוין אַרנטלעך געבורטשעט.

ס׳איז געוואָרן שפּעט און שפּעטער. דער אינדערפרי האָט זיך גערוקט צום האַלבן טאָג. די זון איז אַפּערגעקראָכן פון הינטער די כמאַרעס, וואָס האָבן זי געשטיקט און ס׳איז געוואָרן ליכטיק, וואַרעם.

מנשה איז געווען אין פּאַרק, געזעסן אויף אַ באַנק, געקוקט ווי די שוואַנען מיט די שיינע הויכע העלדזער שווימען שטאָלץ אויפן טייך און קוקן ווי שנאָרערס צום ברעג, קומען צוצושווימען און וואַרטן, עמעץ זאָל זיי צוּוואַרפן עפּעס צום פאַרדייען.

צוועלף אַזייגער. די פאַבריקן האָבן געפייפט מיטאָג. אין מנשהן האָט זיך דער הונגער מוראדיק צעבושעוועט; כאַטש נעם און בייס אָפּ אַ שטיק מויער, אָדער כאַפּ צו אַ בייגל פון קויש ביי די זיצערקעס.

די שעהן האָבן זיך גערוקט. מנשה איז נישט געווינט צו הונגערן און וואָלט די עבירה, צוליב וועלכער ער איז אַוועק פון דער היים, נישט

געווען אַזוי גרויס, וואָלט ער שוין לאַנג מפקיר געווען דעם גוף און אַהיימגעגאַנגען — זאָל דער פאָטער אים טאָן, וואָס ער וויל, אָבער איצ־טיקס מאָל איז די עבירה געווען אַ צו האַרבע, און דעריבער, ווי דער הונגער האָט מנשהן נישט געמוטשעט — אַהיימגיין האָט ער נישט גע־פּרוווט. אפילו צו דער מומע חיה־רבקה האָט ער מורא געהאַט צו גיין...

מנשהן איז דערנאָך איינגעפאַלן אַ געדאַנק, ווי אַזוי ער זאָל דאָך קריגן עפּעס צו עסן: אין צווייטן הויז, ווו זיין פאַבריק געפינט זיך, האַלט אַ ייד אַ געוועלבל. פון קאַנטאָר קויפט מען דאָרט פּאַפּיראָסן און אַנדערע זאַכן. מ׳קען אים דאָרט, וועט ער אַהין אַוועק קויפן עפּעס עסן אויף באָרג.

אָבער דער ייד פון געוועלבל האָט מנשהן נישט געקענט אָדער גע־מאַכט זיך נישט קענען. פאַר כעס האָט מנשה ביים אַרויסגיין אָנגעכאַפּט איינעם פון די רימענדלעך, וואָס זענען אין אַ פּאַק געהאָנגען ביי דער טיר און האָבן אויסגעזען, ווי אַ צעפּלאָכטענער דיקער מיידלשער צאָפּ — דער פּאַק רימענדלעך האָט זיך צעשיט און אַראָפּגעפאַלן. איין רימענדל איז געבליבן אין מנשהס האַנט, און מיט אָט דעם רימענדל איז ער אַרויס פון געוועלב.

דער טאָג האָט זיך געצויגן לאַנג ווי אַ יאָר, ווי צוויי יאָר. דאָס צו־געכאַפּטע בייטשל האָט מנשהן אויך נישט געהאָלפן. די שמייסערס, וואָס זענען געפאָרן מיט וועגענער קוילן פון דער באַן, האָבן דאָס נישט גע־וואָלט קויפן און אַ זיצערקע מיט געבעקס האָט עס נישט געוואָלט אויס־טוישן אפילו אויף איין זעמל. קעגן זונפאַרגאַנג האָט אים דער הונגער מער אַזוי פיל נישט געמאַטערט. דערפאַר האָט איצט אַ שאַרפער טרויער אים דאָס געמיט געפרעסט.

מנשה איז געזעסן אויף אַ באַנק אין דער אַלייע, דאָס בייטשל איז אים געלעגן אין טאַש, און ער האָט מיט פינצטערע בליקן נאָכגעקוקט די שפּאַצירנדיקע דאַמען און הערן.

די זון איז פאַרגאַנגען. ס׳איז געוואָרן טונקל, טונקעלער. אָן מאַכט און אָן ווילן, ווי אין חלום, האָט מנשה זיך דערהויבן פון דער באַנק און אָן עפּעס צו פאַרטראַכטן זיך, צו איבערלייגן זיך, האָט ער גענומען גיין, און געגאַנגען גלייך אַהיים.

ערשט ווען ער איז שוין געשטאַנען ביים פאָטער אויפן הויף און דערזען דאָרט שטיין אַן אויסגעשפּאַנטע דראָזשקע — האָט ער זיך דער־מאָנט אין דעם, וואָס נעכטן איז דאָ געווען, ביי וואָס מ׳האָט אים געכאַפּט...

אַ גרויסע פאַרביטערונג האָט מנשהן מיט אַמאָל אַרומגעכאַפּט, און ווי פּטור צו ווערן פון אַן אומגעזעענעם נוגש, וואָס מאַטערט און יאָגט אים שוין פון נעכטן אָן, גיט אים נישט קיין רו — האָט מנשה טעמפּ אַ טראַכט געטאָן: „איך וועל מיך אויפהענגען, וועל איך זיי אַלע פּטור ווערן".

ער האָט אַ טאַפּ געטאָן דאָס רימענדל און גלייך — מיט דער זעל־בער זאָרגלאָזיקייט, ווי ר'איז נעכטן אריינגעקראָכן נעכטיקן אין קיאָסק, גענומען זוכן מיט די אויגן אַ פּאַסיקן אָרט, ווו ער זאָל קאָנען אויספירן זיין באַשלוס — זיך אויפהענגען.

הינטער דעם פאָדער־הויז, וואָס פירט אַרויף צו זייער קיך, שטייט אַ הינער־שטייג. אין דער הויף, איבער דער הינער־שטייג, אין דער ברעטער־וואַנט, שטעקט אַ האָק, אויף וועלכן דער סטרוזש פלעגט הענגען די לייטער; מנשה האָט דאָרט אויך געפונען אַ קלעצל, וואָס דער סטרוזש האָקט דערויף האָלץ. ער האָט דאָס קלעצל אַרויפגענומען אויף דער הי־נער־שטייג, זיך אַרויפגעשטעלט, און גענומען אָנבינדן אַן עק פון רימען צום האָק.

עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער וועט צום האָק נישט דערלאַנגען — ער וועט זיין צו נידעריק. אַז ער האָט דעם האָק אָבער יאָ דערגרייכט און גענומען אָנבינדן דעם רימען, האָט אים מיטאַמאָל אַ ווייטיק אַרומגע־נומען, אַ רחמנות צו זיך, דאָס האַרץ איז אים ווייך געוואָרן ווי פּוטער.

מיט אַ געמיט ווי אַ צום טויט פאַרמשפּטער; ווי נישט ער אליין, נאָר אַן אַנדערער וואָלט דאָס אים געטאָן — האָט מנשה געענדיקט פאַר־פעסטיקן דעם רימען, גענומען מאַכן אַ שלייף זיך אויפן האַלדז אַרומצו־לייגן, און פּלוצלינג האָט ער באַנומען, וואָס ער גייט דאָ טאָן. ס'איז אים מיט אַמאָל אין קאָפּ אויפגעגאַנגען אַ שטאַרקע קעלט, אַ פראָסט איז אים דעם גאַנצן קערפּער אַדורך, אַדורך אַלע אברים און איז אים געבליבן שטעקן אין די האָר פון קאָפּ, געמאַכט אים פרירן די האָר־וואָרצלען, אַזש אין די אויגן האָט ער געפילט דעם פראָסט. ס'האָט אים אַלע אברים געליימט... און פון ערגעץ ווייט האָט זיך אים געדאַכט אין דער טונקע־לער פאַרנאַכט־שטילקייט צו פאַרנעמען אַ רעדן, אָדער זינגען. נאָר ניין, דאָס איז געווען בלויז אַ רעדן. עטלעכע קולות צוזאַמען האָבן גערעדט און ס'האָט עפּעס אַ שייכות געהאַט צו דער שטאַרקער קעלט, וואָס האָט איצט אין אים גערוט... דאָס רעדן האָט אויסטערליש קלאָר און אויסטער־ליש ריין אַריינגעדרונגען אין מנשהס אויערן... ער האָט נאָך אַלץ גע־

בונדן דעם שלייף, די פינגער זענען אים געווען האַלב־טויט, פּאַרשטאַרט, קוים זיך באַוועגט און די שטימען פון ערגעץ האָבן אַלץ געקלונגען אין זיינע אויערן. ער האָט נישט באַנומען וואָס מ׳רעדט. ער האָט נאָר אויפ־גענומען מעכאַניש, ווי עפּעס וואָס אַקאָמפּאַנירט דאָס וואָס ער טוט דאָ... און פּלוצלינג — אונטן אין דער הינער־שטייג האָט אַ הון אַ פּאַרשלאָ־פענעם קוואָקע־געטאָן. איר האָבן גלייך צוגעהאָלפן די איבעריקע הינער: אַלע האָבן זיך הייזעריקלעך צעקראַקעט, ווי פאַרן איינשלאָפן.

— קריי, קריי... — האָבן די הינער געמיטלעך געזונגען. מנשה האָט אַ ציטער געטאָן, זיך ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט. באַלד איז ער צו זיך געקומען. ער האָט ראַפּטעם אַראָפּגעכאַפּט דעם רימען פונעם האַק, אים אַ וואָרף געטאָן ווייט. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון קלעצל, און ווי איינער וואָס האָט זיך די סאַמע לעצטע מינוט דורך אַ צופאַל געראַטע־וועט פון אַ שרעקלעכער סכנה, האָט ער גענומען לויפן אַרויס פון הויז, צו זיין וואָס ווייטער פון דעם אָרט.

***

מנשה איז געלאָפן איבער די גאַסן, ווי אַ דולער, טרערן זענען אים געפלאָסן פון די אויגן. ער האָט מער נישט געפילט דעם הונגער, וואָס האָט אים אַ גאַנצן טאָג געמוטשעט — און טרויעריק איז ער אויך נישט געווען מער. אַ פרייד, אַ וואַרעמע פרייד האָט אין האַרצן אים געפלאַטערט. ער האָט זיך איצט געפילט ווי ניי־געבוירן און האָט געזוכט מענטשן, מיט וועמען ער זאָל קענען טיילן זיין זעלטענע, זיין ניי־געבוירענע קינדישע פרייד.

ער האָט געאײַלט צו דער מומע חיה־רבקה. נעבן הויז האָט ער באַ־געגנט בנימינען אַרויסגיין אין גאַס.

מנשה איז אויף אים אַרויפגעפאַלן און אים גענומען קושן איבערן פּנים.

— בנימין, — האָט מנשה געהעשעט און טרערן זענען אים געפלאָסן איבער די באַקן — יומע, ברודער מיינער! כ׳ווייס, כ׳בין נישט קיין לייט געווען. אָבער מנשה וועט אַנדערש ווערן. שוין אַצינד איז ער אַנ־דערש, ׳עסט זעען, בנימין!... — און לאָזנדיק שטיין בנימינען אַ פאַר־וווּנדערטן, איז מנשה ווייטער געלאָפן אַרויף צו דער מומע חיה־רבקה, איר ברענגען די בשורה פון זיין באַנייונג, פון זיין ניי געבוירן ווערן.

כז

די „אַרבעטער־זאַך“ — די לערע, וואָס בנימין האָט באַקומען פון פאָנטשערן אין פּאַרק אויף דער איינזאַמער באַנק, אָדער אין פאַבריק, אויב זיי פלעגט געלונגען אַמאָל אין אָוונט איבערצובלייבן די לעצטע אין זאַל — די דאָזיקע לערע האָט בנימינען די אויגן געעפנט. ער האָט איצט שוין גאָר אַנדערש געקוקט אויף אַלץ וואָס קומט פאָר אַרום אים.

ס'איז געווען גוט צו טראַכטן, אַז איך, בנימין — און אָט די אַרום מיר, די אונטערדריקטע, עקספּלואַטירטע שטיקערס, זענען נישט סתם הפקר פאַרן בלוטזייגער דעם פאַבריקאַנט, הפקר ווי די בלעטער פון בוים פאַרן בייזן האַרבסט־ווינט; ס'איז געווען גוט צו לעבן מיטן באַוווסטזיין, אַז מיר אַלע, וואָס אַרבעטן און ליידן, געהערן זיך אָן ברידער מיטן אַל־וועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט, אָן חילוק פון נאַציע און ראַסע — די אינטער־נאַציאָנאַלע אַרבעטער־אַרמיי, וואָס אַז עס וועט קומען די צייט, וועט זי זיך דערהייבן קעגן די אונטערדריקערס, איבערנעמען די מאַכט אין איר האַנט און משפטן די פּאַראַזיטן.

ס'איז געווען גוט אין די לאַנגע, אומענדלעך לאַנגע נאַכט־שעהן, ווען די קאָלבע פאַלט פון די מידע הענט און די בליי־שווערע הייטלעך איבער די אויגן לעכצן נאָך שלאָף — דעמאָלט איז גוט געווען צו טרוימען, אַז אויף די אַלע טאָג־טעגלעכע עוולות און אומרעכטן, וואָס ווערן באַגאַנ־גען קעגן דעם שוצלאָזן אַרבעטער, איז דאָ אַ האַנט, וואָס פאַרשרייבט זיי, און אַ פויסט וואָס וועט זיך נוקם זיין. און ס'איז געווען גוט צו גלייבן, אַז כאָטש די קעגנוואַרט איז שלעכט, איז אָבער דעם אַרבעטערס צוקונפט העל און גאָלדיק. די מאַכט וועלן האָבן מיר, די וואָס שאַפן.

און טיילמאָל איז אַזוי קינדיש פריילעך געווען אויף דער נשמה, אַזש ס'האָט זיך געוואָלט צוגיין און טרייסטן אַ באַעוולטן אַרבעטער, וואָס איז געשטאַנען טרויעריק און געציילט די „ווונדן“ נאָך דער אויסצאָלונג.

— זאָרג נישט, — האָט זיך געוואָלט אים זאָגן — נישט אייביק וועלן זיי אויף אונדז הוליען. זייער סוף איז באַענט.

צום עלנטן בעטלער, דעם קאַליקע, וואָס פרירט און ווערט דורכגע־נעצט אין גאַס, בעטלענדיק אַ גראָשן ביי די רייכע, האָט זיך געוואָלט צוגיין מיט דער ליכטיקער בשורה:

— פּאַרצייפּל נישט, ברודער...

בנימין האָט שוין אַ סך געוווּסט און פֿאַרשטאַנען. נאָר רעדן, ווייסט ער, טאָר מען נישט, מ׳מוז זיין פֿאַרזיכטיק. די אַרבעטער אַליין, זיינע שכנים די פֿינצטערע, וואָלטן אים אַזעלכע רייד נישט פֿאַרשוויגן.

און נישט נאָר דאָס אַליין. נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן, וועלכע געהערן לפֿנים נישט צו דער „אַרבעטער־זאַך", האָט בנימין געלערנט פֿון פֿאָנ־טשערן. ער האָט אַבאָנירט אַ צייטונג, און די האַרבע פּאָליטישע אַרטיקלען האָט אים פֿאָנטשער קלאָר געמאַכט מיט אייגענע קאָמענטאַרן, פֿאַר־שטייט זיך.

נאָר דאָס ליבסטע, דאָס טייערסטע זענען געווען יענע פֿאַרבאָטענע ביכלעך מיט די דינינטשקע פּליס־פּאַפּיר־בלעטלעך און דריבנע, דריבנע אותיותלעך, וואָס פֿון זיי האָט דער ליכטיקער אמת קלאָר אַרויסגעשיינט. מען האָט זיך געמוזט מיט זיי היטן און לייענען זיי, נאָר ווען אַלע אין דער היים זענען שוין געשלאָפֿן...

...פֿון עטלען און אויך פֿון איר פֿאָטער, דעם אַלטן פּראָפּער, איז בנימין איצט אינגאַנצן פֿון דערוויטן; דאָס גרויסע געשלעג דעמאָלט, פֿון וואָס בנימין איז געלעגן קראַנק, האָט זיי באַרויקט, אָפּגעוויקלט זייערע פּרעטענזיעס צו בנימינען. איצט זענען זיי זיך פֿרעמד, ווי זיי וואָלטן זיך גאָר קיינמאָל נישט געקענט.

אויך פֿון טעמערלען איז בנימין איצט ווייט. בנימין ווייסט שוין איצט, אַז טעמערל איז אַ בורזשואַזע טאָכטער, איר פֿאָטער איז דער אַר־בעטער־שונא. בנימין האָט טעמערלען שוין לאַנג נישט געזען, אפֿילו צופֿעליק אין גאַס זי נישט געטראָפֿן; מעגלעך, אַז זי איז טאַקע נישט הי.

אָפּטמאָל האָט זיך אים געבענקט נאָך איר, שטאַרק געבענקט, און איינמאָל, ווען די בענקעניש אין האַרץ איז געווען צו שווער, האָט בנימין אין דער אָוונט־שטילקייט אין פּאַרק דאָס פּאַרטרויט פֿאָנטשערן. ער האָט אַרויפֿגעבערענגט אויף אַ שמועס וועגן זיך. אין אָנהייב, באַלד ווען ער איז געוואָרן שטיקער, איז ער נישט געווען קיין לייט, געגאַנגען מיט גראָבע אומוויסנדיקע חברים, פֿאַרברענגט די שבתים ביי יענטל קאָזאַק... און אַזוי לאַנגזאַם, איינציקווייז, האָט אים בנימין פֿאַרטרויט וועגן טעמער־לען, ווי ער איז נאָך איר אויסגעגאַנגען, געבענקט (אַז ער בענקט נאָך איצט אויך, האָט ער נישט דערציילט).

— כ׳ווייס, — ענדיקט בנימין מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל, ווי אַ

יונגער בעל־תשובה, ווען ער רעדט פון זיינע אַמאָליקע זינד — איצט ווייס איך, כ׳פאַרשטיי, אַז זי איז אַ בורזשווס טאָכטער, נאָר דעמאָלט בין איך נאָך געווען נישט באַוווסטזיניק. — און ער קוקט אָן פאַנטשערן, וואָסער איינדרוק אויף אים מאַכט דער דאָזיקער אַנטפּלעקטער חטא.

פאַנטשער אָבער שמייכלט, שמייכלט גוטמוטיק, ווי פון אַ יינגל. לסוף זאָגט ער:

— נו, מילא — זי קען אַמאָל זיין אַ גאַנץ ווויל מיידל.

— און זי איז עס טאַקע! — שרייט בנימין אויס מיט היץ.

און איז זי דען נישט אַ ווויל מיידל, אַט די ליכטיקע טעמערל?

עס דערמאָנט זיך אים איינער אַ סוף־ווינטערדיקער אָוונט... ער האָט טעמערלען אָפּגעפירט אַהיים נאָך דער לעקציע, ווי געוויינטלעך. ס׳איז געווען לינד. טעמערל איז געגאַנגען, און ער לעבן איר. דער שניי איז צעגאַנגען אונטער די טריט, און פון ערגעץ האָבן אין דער אָנגענעמער שטילקייט אָפּגעהילכט ווייטע טענער. עס האָט זיך געפילט, אַז באַלד וועט זיין וואַרעם, זוניק, די פרייע פסח־טעג... טעמערל האָט געטראָגן דאָס גראָע מענטעלע מיטן פוטער־קראַגנדל, און אַז דאָס שטילע ווינטל האָט אַ וויי געטון, איז צו זיין נאָז דערגאַנגען אַ ריח פון טעמערלס האָר, אַזאַ איידל שמעקעדיקער ריח...

די „אַרבעטער־זאַך" און טעמערל — צוויי פלאַמען רוען אין בנ־ ימינס האַרץ. נאָר אין דער צייט, ווען דער ערשטער נר־תמיד — דער סאָציאַליזם — וואַרעמט און גלעט דאָס געמיט מיט זיין ליכטיקער צו־ קונפט, איז דער צווייטער — טעמערל — נישט אַזוי: עס טוט אָפּט וויי און עס ציט, ס׳ציט די נשמה, און ער בענקט נאָך איר...

...טעמערל איז אפנים טאַקע נישט היי: אַנומעלטן האָט מלכה דער־ ציילט דער מאַמען: — די מומע העניע קען זיך שוין נישט דערוואַרטן, זי בענקט נאָכן יינגסטן טעכטערל... דערנאָך האָט מלכה עפּעס גערעדט וועגן מנשהן, אַז ער פירט זיך אויף אַלץ ערגער. דעם פעטער לייב־חיים האָט געקאָסט אַ היפּשע סומע, דער דראָזשקאַזש זאָל נישט גיין צום פּראָ־ קוראָר מיט אַן אָנקלאָג קעגן מנשהן... איצט האָט מנשה ווידער אָנגעטון דעם פאָטער אַ „נחת". ער איז אַוועק און אָנגענומען אַ פּאָסטן, אַלס מוסטער־צייכנער ביי קופערן אין קאַנטאָר...

— און נאָך דערצו, — ענדיקט מלכה — ביי קופערן, וואָס האָט אַליין

ערשט פאַר אַ פּאָר יאָר געאַרבעט ביים פעטער לייב־חיים אין פאַבריק אַלס שטיקער.

און מיט דעם דאָזיקן מנשה האָט בנימין מיט אַ שטיקל צייט צוריק געהאָט אַ טשעקאַווע צופאַל:

מ׳האָט געהאַט געברענגט מיט דער באַן אַ פּאַרטיע פּאָליטישע (פּאָנ־טשער זאָגט, זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן אין לאָדזש בעת אַ דעמאָנ־סטראַציע...). ווען מ׳האָט זיי געפירט איבער דער שטאָט צו דער טורמע, איז געוואָרן אַ געפּאַק, אַרויס נייגעריקע פון אַלע הייזער און פאַבריקן. ס׳איז געווען אַ גרעסערע פּאַרטיע. זיי זענען געגאַנגען צו צוויי אין אַ ריי, באַוואַכט פון זעלנער מיט ביקסן. אין דער לעצטער ריי זענען געגאַנגען צוויי פרויען מיט פאַבריק־קענדלעך אין די הענט; אַזעלכע קענדלעך, ווי עס ברענגען מיט זיך די שטיקערס מיט קאַווע אויף אָנבייסן. בנימין איז זיי נאָכגעגאַנגען אַ שפּאַר שטיקל וועג, און ס׳האַרץ האָט אים געבלוטיקט, ווי עס ווערן געפּייניקט די קעמפער פאַר דער „אַרבעטער־זאַך״, דערפאַר וואָס זיי שטרעבן צו ברענגען גליק פאַר אַלעמען.

דערנאָך, ווען מ׳האָט די אַרעסטירטע געהאַט אַריינגעפירט אין צע־עפנטן טורמע־טויער און דער עולם־נייגעריקע האָט גענומען זיך צעגיין, איז פּלוצלינג אונטערגעקומען מנשה. פון דער העלער הויט האָט ער אַ פרעג געטון:

— בנימין, דו האַלטסט מיט זיי? — און געוויזן מיטן קאָפּ צו דער תפיסה, וווּ מ׳האָט אַריינגעפירט די אַרעסטירטע. און אַז בנימין האָט אים געגלאָצט אין פּנים אַריין מיט שטומער פאַרווונדערונג, האָט מנשה, ווי זיין שטייגער, ווילעריש הויך אַ זאָג געטון:

— און איך האַלט מיט זיי! זעסטו, איך האַלט דווקא מיט זיי, ווייל איך ווייס, וואָס זיי ווילן, צו וואָס זיי שטרעבן.

אַזוי האָט ער גערעדט, מנשה.

כח

דאָס, פאַר וואָס אַלע האָבן זיך געשראָקן, איז געקומען: דאָס, פון וועלכן מ׳האָט גערעדט מיט אַנגסטן, איז ענדלעך מקוים געוואָרן: דער פאַבריקאַנט אַראָנסאָן האָט געברענגט מאַשינען. זיי וועלן זיך באַוועגן

נישט מיט דער הילף פון אַ קאָלבע, וועלכע ווערט געטריבן פון אַ מענטשלעכער האַנט. און שעמלען, וואָס ווערן געקערעוועט פון מענטש־לעכע פיס — נאָר מאַשינען, וואָס באַוועגן זיך מיט אַ מאָטאָר און טראַנס־מיסיעס.

אַ פינצטערע אימה האָט אַרומגענומען אַלע גאַסן און געסלעך, וואָס זענען באַווינט פון אַרבעטער. דער גאַנצער אַרבעטער־קוואַרטאַל האָט געציטערט אָנצוווערן דאָס שטיקל ברויט, און נישט נאָר שטיקערס און פעדלערס האָבן געלעבט אין פחד, נאָר אויך די היימישע מאָנטירערן, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט מאָנטירן מאַשינען נישט ערגעץ אין זאַקסן אָדער אין דער שווייץ, נאָר אינדערהיים: קאַליע געמאַכט איין מאַשין און נאָך איינע, ביז מ׳האָט „געכאַפּט" דעם פאָרטל. אפילו זיידל, דער הויפּט־מאָנ־טיער, איז אַרומגעגאַנגען פאַרמרהשחורהט, ער האָט אָנגעזאָגט, שמועסט מען, דעם ווייב, זי זאָל אַביסל שפּאָרן אין דער באַלעבאַטישקייט, נישט רודערן אַזוי מיטן גרויסן קאָכלעפל...

און אַז מ׳איז געוואָר געוואָרן, אַז ביי אַראָנסאָנען אין דער נייער געביידע זענען שוין דאָ די קראַפט־מאַשינען און זיי ווערן שוין צוזאַמענ־געשטעלט, און ס׳איז אויך מיטגעקומען אַ גאַנצע מחנה דייטשע מאָנטירערן, שטיקערס און אויך געהילפן — פעדלערס און אַ ליאַדע וואָך וועלן די מאַשינען שוין אָנהייבן צו אַרבעטן, איז די יללה צווישן אַרבעטער געווען מוראדיק. אין אַלע שטובן האָט מען רק געאָכצט און געקרעכצט. די שטי־קער־ווייבער, צוזאַמענטרעפנדיק זיך אין די געוועלבלעך, האָבן פון עפּעס אַנדערש נישט גערעדט, נאָר פון דעם פינצטערן וואָלקן, וואָס קלייבט זיך זיי אויף די קעפּ אַראָפּצולאָזן, אָט באַלד וועלן זייערע מענער בלייבן אָן אַרבעט, ס׳וועט נישט זיין קיין ביסן ברויט צו געבן די קינדער.

די קרעמער, הערנדיק פון די שטיקערס אומזיכערער לאַגע, האָבן זיי שוין באַצייטנס זיך אָפּגעזאָגט צו געבן אויף באָרג. דורך דעם איז די נאָך וויטלעכע צרה געוואָרן נאָענט, מ׳האָט שוין דערשפּירט דעם חלף אויפן האַלדז.

די סכנה פון קראַפט־מאַשינען איז געווען דער הויפּט־שמועס אומע־טום. ביי בנימינען אין דער היים, פאַרשטייט זיך, אויך ווי אומעטום. די מאַמע האָט געציטערט פאַר די אָנקומענדיקע טעג, פאַר די פאַרע־מאַשי־נען, און די דייטשן, וואָס קלייבן זיך אַרויסצורייסן דעם ביסן ברויט פון

מויל. זי פלעגט נאָכאַנאַנד קרעכצן, און אָפטער ווי פריִער גיין צו איר ברודער לייב־חיים, אַ שמעק־טון וואָס מ׳רעדט דאָרט וועגן דעם.

ס׳איז אַמאָל אויסגעקומען אַ שמועס, האָט בנימין געזאָגט, אַז קראַפּט־מאַשינען, וועלכע דערפילן אַ פונקציע פון אַ מענטשלעכער האַנט, זענען נישט צום שאָדן פון די אַרבעטער, נאָר צום נוצן, נישט מער, מען מוז צום בעסערן צופּאַסן די אַרבעטס־באַדינגונגען, לויט דעם נוצן, וואָס מען האָט פון דער מאַשין.

ישראל־נח ווידער האָט געטענהט, אַז קראַפּט־מאַשינען זענען אַן אומגליק פאַרן אַרבעטער: זיי פאַרגרעסערן די אַרבעטסלאָזיקייט און דעם נוצן פון די מאַשינען האָבן בלויז די פאַבריקאַנטן, דעריבער מוז מען מיט כוח צעשטערן די דאָזיקע משחיתים, די קראַפּט־מאַשינען.

— ווערט מען ברענגען אַנדערע — זאָגט בנימין.

— ווערט מען פון די אַנדערע אויך אַ תל מאַכן, אַזוי לאַנג ביז די ברענגערס וועלן מיד ווערן צו ברענגען.

ישראל־נח דערמאָנט אַ מעשה: ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין יינגל האָט ביי זיי אין שטעטל דער בעל־עגלה משה אָקס געפלעגט פון ערגעץ מיטצוברענגען מיסיאָנערישע ביכלעך... איינמאָל און נאָך אַמאָל. מ׳האָט מיט אים געטענהט, ער זאָל נישט ברענגען, ער אָבער — „וואָס ווייס איך, מ׳באַצאָלט מיר, ברענג איך“. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, מ׳האָט אים אַמאָל אָפּגעוואַרט הינטער דער שטאָט, אָפּגעשטעלט דעם וואָגן, גאָר אָרנטלעך אים מקיים פּסק געווען, האָט ער אויפגעהערט צו ברענגען די „סחורה“.

— אַזוי איז עס אויך מיט די מאַשינען — פירט אויס ישראל־נח — אַז מ׳קען נישט אַנדערש, מוז מען גיין מיט דער פויסט.

און אַבאַ, וואָס זיצט גראָד ביי דעם שמועס, איז מסכים מיט ישראל־נחן:

— נאָר אַזוי, — שטימט אבאַ צו — צעברעכן די מאַשינען און די דייטשן אָנרייבן אַ מאָרדע, וועלן זיי פון הי אַנטלויפן.

בנימין איז נישט מסכים מיט ישראל־נחן, בשום אופן נישט איינשטימיק. די מאַמע איז יאָ נוטה מסכים צו זיין מיט ישראל־נחן, נישט מער:

— צום ערשט דאַרף מען אָנהייבן מיטן גוטן, גיין צו אַראָנסאָנען, אים געבן צו פאַרשטיין, סאַראַ אומגליק ער ברענגט מיט זיינע ניי־מאָדישע

מאַשינען, ערשט אַז מיטן גוטן וועט מען נישט פועלן, זאָל מען גיין מיט כּוח.

...שבת אין די ביר־שענקען איז נאָר וועגן דעם גערעדט געוואָרן. אין ביר־הייזל ביי נטע מאַקאָווער, וועלכער איז אַמאָל אַליין געווען אַ שטי־קער און ער האָט געמוזט אַוועקלייגן די אַרבעט צוליב זיין שוואַכן געזונט, געמוזט זיך מאַכן אַ בלינד ביר־שענקל אין זיין איינציקן שטיבל — איז דעם שבת נאָכן מיטיק פאָרגעקומען אַ מין נישט־אָפיציעלע באַראַטונג.

די באַראַטונג איז נישט צוזאַמענגערופן געוואָרן, זי איז פּשוט פון זיך אַליין זיך צוזאַמענגעקומען. יעדער האָט געפילט פאַר נייטיק די זאַך אַרומצורעדן; יעדער איז געקומען מיט אַ פול האַרץ און שווערן מוח; און אַזוי ווי מאַקאָווערס באַזוכער זענען ס'רוב עלטערע שטיקערס, גוטע פּאַכ־לייט און מענטשן מיט אַ נאָמען צווישן אַרבעטערס, האָט די באַראַטונג פון זיך אַליין אָנגענומען דאָס אויסזען פון אַן אָפיציעלער באַראַטונג, באַ־טראַכט מיטלען קעגן דער סכּנה פון די קראַפט־מאַשינען.

יואל פאָנטשער, וואָס איז אויך געקומען טרינקען אַ גלאָז ביר, האָט געזאָגט דאָ דאָס זעלבע, וואָס בנימין אינדערהיים — אַז נישט אין די קראַפט־מאַשינען שטעקט די סכּנה, נאָר גאָר אין אַן אַנדער אָרט און טאַקע אין די אַרבעטער אַליין. דערפון איז געוואָרן אַ טומל. די סאָלידע אַלטע אַרבעטערס מיטן אויסזען פון אַלטע אָפּגעאַרבעטע שקאַפּעס האָבן זיך אַזוי אויפגערעגט אויף פאָנטשערן, אַז עס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז אים דראָעט אַ סכּנה צו באַקומען דאָ געבראָכן די ביינער.

כּאַסקל פּימס, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע פּאַכלייט, און פונדעסטוועגן האָט ער נישט געהאַט אויף זיך קיין אָרנטלעך שטיקל מלבוש און די קינדער זיינע האָט ער געשיקט לערנען אין תּלמוד־תּורה, דער כּאַסקל פּימס האָט פאָנטשערן דאָס מויל פאַרמאַכט:

— וואָס, — האָט ער זיך דעם גאָרגל געריסן — דער קייזער גע־פעלט דיר אפשר נישט, דו וואָלסט בעסער געווירטשאַפט?

און קריידע, וואָס אַרבעט אין וואָלבערגס פאַבריק, — אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט שוואַרצראַנדיקע אויגן און מיט אַ שטיל קולעכל ווי אַ קאַץ — האָט פּלוצלינג, ווער ווייסט צוליב וואָס, גענומען אויפוויינן, אַז די ערגסטע היינט זענען די פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט. אַלע איבעריקע האָבן געפילדערט, יעדער האָט גערעדט, וואָס ער האָט געוואָלט, אַלע האָבן גערעדט צוזאַמען, זיך געבייזערט, רויק געוואָרן און באַלד

ווידער זיך גענומען קאָכן. איינער האָט נישט געהערט, וואָס דער אַנדע־רער רעדט.

פאָנטשערן האָט מען דאָס מויל פאַרמאַכט און ער האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן. ווען ס׳איז אַביסל רויִקער געוואָרן, האָט עמעץ אַ שטיקערל מיט אַ שוואַרץ־גראָלעך בערדל, — מ׳רופט אים מאיר קאַלב — פאָרגע־לייגט, מ׳זאָל טאַקע גרינדן אַ שטיקער־חברה, ווי פאָנטשער וויל, נאָר מ׳זאָל אַהין אַריינשטעלן אַ ספר־תורה, מ׳זאָל דאָרט דאַווענען, און יעדן שבת נאָכמיטיק זאָל אַ מלמד לערנען מיטן עולם אַ פרשה חומש.

אַביסל שפּעטער איז אַרויפגעקומען אין ביר־שענקל פעלדבערג, דער אויפזעער אין וואָלבערגס פאַבריק; דערבליקנדיק פעלדבערגן, האָט זיך דער אַלטער פּראָפּער אומבאַמערקט אָפּגעטראָגן (פעלדבערג זאָל נישט האָבן צו דערציילן אין קאָנטאָר אַז אים, פּראָפּערן, בלייבט נאָך פון פאַר־דינסט אויף ביר...). קריידע האָט זיך אויך גענומען פילן עפּעס אומהיימ־לעך. דער עולם שטיקערס איז געבליבן שטיל.

אַראָפּגייענדיק פון ביר־שענקל האָט מען זיך אָפּגעשמועסט, אַז ס׳איז נייטיק צוזאַמענצורופן אַ פאַרזאַמלונג אין אַן עפנטלעך אָרט, למשל אין אַ בית־מדרש, און מאַקאָווער מיטן מאַגערן בערדל און די ברילן מיט די משונה־גראָבע גלעזער איבער די אָפּגעשטאַנענע אויערן, האָט פאַר־געלייגט, מ׳זאָל גיין צום רב בעטן, ער זאָל שיקן נאָך אַראָנסאָנען און אים איבעררעדן, ער זאָל די דייטשן און די קראַפּט־מאַשינען צוריק־שיקן אַהין פון וואַנען ער האָט זיי געברענגט; ער זאָל אַ שטאָט מיט אַרבעטער נישט צונעמען דאָס ברויט.

נאָר אויב אויף אָט דער „באַראַטונג״ צווישן די עלטערע אַרבעטער האָט מען גאָרנישט באַשלאָסן און יוצא געווען מיט אַביסל אַרומאַמפּערן זיך, האָט מען אויף אַ צווייט אָרט, צווישן יינגוואַרג, אפנים מער באַ־שלאָסן. נישט אַוועק עטלעכע טעג און די דייטשן, בעת זיי זענען אַ מאָל אַן אויפּדערנאַכט אַהיימגעגאַנגען פון דער געביידע, ווו זיי שטעלן אויף די קראַפּט־מאַשינען, זענען באַפאַלן געוואָרן. מ׳האָט זיי גאָר אָרנטלעך מקיים פסק געווען.

מ׳האָט די דייטשן טאַקע גוט צעשלאָגן, אָבער צומאָרגנס האָט מען פון אַלע פאַבריקן געפירט שטיקערס צום פּאָליציימייסטער.

פּאָליציי איז געגאַנגען איבער די פאַבריקן און ווו נאָר ס׳איז גע־

ווען אַ יונג מיט אַ ווױלעריש פּנים, האָט מען זיי צוזאַמענגעבראַכט אויף איין אָרט און באַוואַכטערהייט זיי אָפּגעפירט אין אַרעסט.

אַ שרעק האָט אַלעמען אַרומגענומען. פּנימער זענען בלאַס געווען און די הערצער האָבן געפּלאַטערט, אַזוי ווי עס פלאַטערן בלעטלעך אויף די ביימער אין ווינט... גימפּל דעם געשטופּלטנס מוטער, די עפּל־זיצער־קע, איז מיט אַ יאָמער געקומען צולויפן אין קאַנטאָר, אַז ראָזנבלום זאָל זיך באַמיִען און איר פאַרדינער אַרויסראַטעווען פון דער פּאָליציי. אויך טעוול קנאָפּ איז פאַרהאַלטן געוואָרן, מחמת איינער פון די סטראַזשניקעס האָט אים געדענקט פון אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען דער אמתער טעוועלע.

אָן אימה האָט געשוועבט איבער די פאַבריקן. קיינער איז נישט זיכער געווען, צי מ׳וועט נישט קומען אים נעמען. אָנהייבן מיט דער פּאָליציי איז נישט קיין קאַטאָוועס. „נאָר נישט פאַרטשעפּען זיך מיטן „רויטן קאָלנער״, גייט אַרום אַ ווערטל, און דער עלטערער דור אַרבע־טער, די באַזוכער פון מאַקאָווערס ביר־שענקל, כדי זיך אָפּצוגרענעצן פון די יונגעץ, צו ווייזן, אַז זיי זענען נישט איינשטימיק מיט די מעשים פון די יונגעץ די שקצים, — האָבן זיי זיך עטלעכע צוזאַמענגענומען און אַרויפגעגאַנגען צום הער אַראָנסאָן אַראָפּרעדן זיך זייערע צעשראָ־קענע הערצער און בעטן, ער זאָל רחמנות האָבן און צוריקשיקן די קראַפּט־מאַשינען.

אַראָנסאָן — האָבן זיי דערנאָך דערציילט — האָט זיי אויפגענומען אין קאָרידאָר, ער האָט זיי אָנגערופן אידיאָטן און מתרה געווען, זיי זאָלן נאָכאַמאָל זיין פאַרזיכטיקער און נישט אָנפאַלן אויף די דייטשן. און וואָס שייך זייער שרעק, אַז די דייטשן וועלן זיי אַוועקנעמען די אַרבעט, איז עס נישט מער ווי צו לאַכן, וואָרום יעדער איינער וועט זיך קענען אויסלערנען אַרבעטן אויף אַ קראַפּט־מאַשין. די דייטשן מיינט ער גאָר־נישט צו האַלטן אויף שטענדיק, בלויז אויף דערווייל, ביז היימישע אַר־בעטער וועלן זיך אויסלערנען, וועלן זיי איבערנעמען די מאַשינען און די דייטשן וועלן צוריק אַוועקפאָרן; איבערהויפּט וועלן די דאַמף־מאַ־שינען גאָרנישט אַרבעטן דאָס זעלבע וואָס די האַנט־מאַשינען... זיי וועלן גאָר אַרבעטן אויף טיול און אַפּליקאַציע... נאָר איבערהויפּט — האָט הער אַראָנסאָן געענדיקט דעם שמועס — איז עס דאָך „וואַרער איזדיאָ־טיזמוס״ זיך קעגנצושטעלן דער אַנטוויקלונג פון דער מעכאַניק...

אין די פאַבריקן האָט מען אויסגעהערט דעם באַריכט פון די, וואָס זענען געווען ביי אַראַנסאַנען. מ'האָט נישט קלאָר פאַרשטאַנען אַלץ וואָס ער האָט דאָרט גערעדט, און נישט געוווּסט, צי מ'דאַרף זיין צופרידן, אָדער גאָר טרויעריק ווערן. נאָר ווי נישט ווי, מ'איז געווויינט געוואָרן מיט דער נייער צרה, אַז ס'זענען דאָ קראַפט־מאַשינען, מער זיך באַרויקט און נישט געטראַכט שוין פון נקמה.

כט

בנימין האָט אין גאַס אומגעריכט געטראָפן טעמערלען.

דאָס איז געווען אין אַ פרייען טאָג, אָבער עס איז אויך נישט געווען קיין יום־טוב־טאָג. אין אַ חול־המועד איז עס געווען.

ביי דעם האַנט־שטיקער פאַך, ביי דער דאָזיקער אוממענטשלעכער פראַצע, ביי וועלכער דעם מענטשנס האַנט האָט געמוזט ברענגען אין באַוועגונג אַ מאַשין די גרויס פון אַ הויז, און די פיס און די צווייטע האַנט האָבן אויך געמוזט האַרעווען; ביי אָט דעם ביטערן יאָך, האָבן זיך די אַרבעטער אָנגעכאַפּט אין אַ ליאַדע־וואָס, אַבי צו האָבן אַ פרייען טאָג. פאַרשטייט זיך, אַז חול־המועד איז געווען אַ גאָר אָנגעלייגטער און גרוי־סער יום־טוב, און חול־המועד סוכות, וואָס באַלד דערנאָך באַגראָבט מען זיך אין דער פאַבריק אויף אַ גאַנצן ווינטער, נישט אָנזעענדיק כמעט די טאָג־שיין, — איז אוודאי און אוודאי געווען יום־טוב. אין איינעם פון אָט די חול־המועד טעג, ווען בנימין האָט נאָכמיטיק געאיילט אין פאַרק זיך צו טרעפן מיט פאַנטשערן — האָט ער אויפן וועג באַגעגנט טעמערלען.

אין דער אַרבעטער־געגנט זענען די גאַסן געווען פול. שטיקערס אין די יום־טוב מלבושים האָבן געשפּאַצירט גרופּעסווייז, געקנאַקט באַ־ניעקערן, שפּייענדיק די שאָלעכץ און געפירט אויף אַ קול ווילדערישע בחורישע שמועסן; עלטערע שטיקערס, אָנגעטון יידיש־באַלעבאַטיש, ס'רוב אין לאַנגע מלבושים, מיט טוכענע און אויך סאַמעטענע היטלעך, זענען געשטאַנען אין קופּקעלעך און שטיל, געלאַסן געשמועסט צווישן זיך. סתם שטיקערס, וואָס האָבן זיך נאָך נישט צוזאַמענגעשאַפט דעם קאָמפּלעט פעדלערס אויף נאָך יום־טוב, האָבן זיך געדרייט אַרום די

בינטלעך מיידלעך — פעדלערקעס, וואָס זענען דאָ אויך געווען היפּש־לעך פאַרזאַמלט.

די מיידלעך, וואָס די מאַמעס האָבן זיי מן־הסתם געטריבן פון דער היים גייען זיך שאַפן אַ „שטעל" אויף נאָך יום־טוב, זיי האָבן זיך גע־דרייט אַרום די בחורים שטיקערס. כלומרשט איז מען גאָרנישט אויסן, אין אמתן אָבער, האָט איין צד שטאַרק געדאגהט וועגן קומען אין אַ דערנענטערונג מיטן צווייטן צד. וואָרום נאָך צוויי, דריי טעג און מ׳וועט זיך נעמען צוריק צו דער אַרבעט...

און סוף כל סוף האָט מען זיך טאַקע דערנענטערט: יעדער שטיקער האָט זיך אָפּגעזוכט אַ פּעדלערין, דורכגעשמועסט זיך מכוח דער אַרבעט, שכירות, צייט... אַביסל געאַמפּערט זיך, דערנאָך דורכגעקומען און אַוועק פון דער שטיקער־בערזע.

לייכט איז דאָס שאַפן פּעדלערס אָנגעקומען די בחורים און שווע־רער — די באַלעבאַטים, די חתונה־געהאַטע. וואָרום אַזוי איז דאָס שוין: אַ מיידל וועט גיכער עפּעס אָפּלאָזן פון איר געבאָטענעם פּרייז, איינגיין אויף האַרבערע באַדינגונגען, אַבי נאָר צו אַרבעטן ביי אַ בחור; צו אַ באַלעבאָס ווילט זיך אַ מיידל נישט איבעריק גיין אַרבעטן, זי ברענט און ציט אָן אַ זויער שנעבעלע, דערהערנדיק אַז דער וואָס וויל זי דינגען איז אַ באַלעבאָס, אַ שוין חתונה געהאַטער.

בנימין האָט אויף דער שטיקער־בערזע נישט געהאַט וואָס צו טון. קיין פּעדלערס האָט ער נישט געדאַרפט — זיי זענען ביי אים פון פאַר יום־טוב. די „בערזע" איז ער סתם דורכגעגאַנגען מיט דער נייגעריקייט פון אַ סוחר אָנצוקוקן, ווי די פּעדלערס און שטיקערס שטייען ווי אַ „סחורה" אויפן מאַרק. אָן זיך אָפּצושטעלן איז ער דורכגעגאַנגען דעם שטיקער־ און פּעדלער־יאַריד; דעם מאַשין־מעקלער מיטן שטעקעלע אין האַנט, וואָס איז צוגעקומען אים פרעגן, צי ער דאַרף נישט אַמאָל אַ מאַ־שין, האָט ער געענטפערט מיט אַ האַנט־מאַך: ניין. דער מעקלער האָט זיך אָפּגעטראָגן, געאיילט צו אַ צווייטן שטיקער פּרווון גליק. בנימין איז אַראָפּ פון דער בערזע, אַרויס פון אַרבעטער־קוואַרטאַל, דורכגעגאַנ־גען אַ שטיקל וועג, און אַריין אין דער פּאַרק־גאַס.

און אָט אין דער שטילער פּאַרק־גאַס, ווען בנימין איז געגאַנגען צום פּאַרק, האָט זיך אים געדאַכט, אַז עמעץ הינטער אים האָט נישט הויך אָנגערופן זיין נאָמען. ווען ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער זיך

באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט טעמערלען, וועלכער ער איז, מוז זיין, פאַרבייגעגאַנגען און זי נישט באַמערקט.

— גוט־מאָרגן — האָט זי געזאָגט, אים אָנגעקוקט פריינטלעך און אויסגעשטרעקט אים איר האַנט.

— גוט־מאָרגן, — האָט בנימין געענטפערט אַביסל צעטומלט, אָנ־גענומען איר האַנט און געשטאַנען אין פאַרלעגנהייט.

— נו, וואָס מאַכסטו, בנימין, ווי גייט עס דיר? — פרעגט זי, קוקנדיק אים אין פּנים.

— אָט, אַזוי זיך — ענטפערט ער אַלץ נאָך אין דער פאַרלעגנהייט — אַ דאַנק פאַרן נאָכפרעגן, נישקשה.

— און... — הויבט זי אָן און בלייבט שטיין ביים ערשטן וואָרט און רעדט נישט מער, נאָר שמייכלט, אַזוי אַז אים דאַכט זיך, אַז זי וויל אים פרעגן וועגן דעמאָלט. וועגן דעם אָנפאַל אויף אים מיט חדשים צוריק — צי ער איז שוין געזונט פון יענע קלעפּ. זי פאַרקערעוועט אָבער דעם אָנ־געהויבענעם „און” אין אַן אַנדער ריכטונג:

— און די מאַמע און אַלע אין דער היים, וואָס מאַכן?

— אַ דאַנק, זאָגט ער ווידער, און אַ ווייל שווייגן זיי, שטייען אין שווייגן.

— דו איילסט זיך אין פּאַרק אַרייַן? — פרעגט זי.

— איך אייל מיך נישט, — זאָגט ער — איך גיי סתם אַ ביסל.

זי קוקט אים אָן. ער באַמערקט מיט אַמאָל, אַז אין די עטלעכע חדשים, וואָס ער האָט זי נישט געזען, איז זי אויסגעוואַקסן, שענער געוואָרן, בכלל מער אַרויס פון די קינדער־שיכלעך. פאַר אים שטייט אַ יונג־פרוי.

אַ לייכטע פרייד לויפט בנימינען אַריבער אונטער דער הויט.

— דאַרפסט זיך מיט עמעצן דאָרט טרעפן? — פרעגט טעמערל כלומרשט לייכט און זייטיק.

— יאָ, — זאָגט ער פראָסט און אומגעטראַכט — איך דאַרף זיך אין פּאַרק מיט עמעצן טרעפן. נאָר אַז זי שווייגט מיט אַזאַ ערנסט שווייגן, גיט ער צו גלאַט אַזוי.

— מיט אַ באַקאַנטן האָב איך אָפּגעשמועסט זיך צוטרעפן.

דאָ גיט זי עפּעס ווי מיט אַ נצחון אַ זאָג אַרויס:

— און אויף מיר וואַרט מען שוין אַוודאי דאָרט, אַ באַקאַנטער — באַטאָנענדיק דאָס וואָרט „באַקאַנטער“.

בנימין גיט פלוצלינג אויף איר אַ קוק און כמעט דערשראָקן. אירע פלוצלינג אויפגעלעבטע אויגן האָבן נאָכן אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „באַ־קאַנטער“, — אים אַ ביסל צעטומלט. ער ווערט רויט, אָבער זי גיט גלייך צו רויקער, ווי אַ ביסל צו איבערבעטן אים.

— עפּעס אַ שטיקל באַקאַנטער.

און באַלד צווייפלט זי צי יענער וואַרט נאָך. וואָרום פון דער צייט, וואָס זיי האָבן זיך געזאָלט טרעפן, איז שוין מער ווי צוויי שעה אַריבער.

און צוזאַמען זענען זיי אַריין אין פּאַרק.

אין פּאַרק איז געווען שיין. דער מילד ליכטיקער פרי־האַרבסט האָט געשמייכלט אין גאָלד און רויט, און די אַראָפּפאַלנדיקע בלעטער פון די ביימער — שאַרלעך רויטע און געלע — האָבן ווי זומער־פייגל גע־פלאַטערט איידער זיי זענען געפאַלן צו דער ערד.

בנימין און טעמערל זענען געגאַנגען אויפן „וואל“. ס'זענען זיי אַקעגנגעקומען פאַרשידענע מענטשן, פּאָרלעך און איינצלנע, יונגע און אַלטע, און בנימינס צעשטראַלטע אויגן האָבן אַלעמען באַקוקט מיט אַן אויפגעלעבטן בליק. אויף אַ נישט ווייטן שטעגל איז דורכגעגאַנגען ישראל־נח מיט חברים. זיי האָבן הויך גערעדט, געאַמפּערט זיך וועגן ציוניסטישע ענינים, עפּעס ווו דער פאַרשטייענדיקער קאָנגרעס דאַרף פאָרקומען...

בנימין האָט זיי באַלד געהאַט הינטער זיך און — נישט געטראַכט פון זיי.

דעם „באַקאַנטן“ האָט טעמערל נישט געטראָפן. זיי זענען געגאַנגען דאָ און דאָרט, כלומרשט געזוכט און אין ערגעץ נישט באַגעגנט. טע־מערל האָט זיך אָנגערופן:

— איך האָב טאַקע געמיינט אים נישט צו טרעפן, דעריבער האָב איך זיך אומישנע פאַרשפּעטיקט — און ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

בנימין איז געגאַנגען נעבן טעמערלען און דאָס האַרץ זיינס איז אים פאָרויסגעלאָפן, געפלאַטערט און באַרוישט געווען פון פרייד, ווי אַ פייגעלע פון דער פרימאָרגן־זון.

זיי האָבן געשפּאַצירט ווי צוויי גוטע באַקאַנטע. דער שמועס האָט זיך געקייטלט, לייכט און פריי. בנימינס באַקאַנטע פון פאַבריק, וואָס זענען

אים אַקעגנגעקומען און געזען, מיט וועמען ער שפּאַצירט, האָבן אויף דעם פּאָרל אָפּגעשטעלט פאַרוווּנדערטע בליקן. בנימין איז געווען צופּיל פאַר־טון מיט זיך כדי דאָס צו באַמערקן — נאָר טעמערל מוז זיין, האָט יאָ באַמערקט די פאַרבייגייערס פאַרוווּנדערטע בליקן: זי האָט אים לייכט אָנגענומען ביי דער האַנט און אַזוי, פאַר אים אומבאַמערקט, אַראָפּגע־קערעוועט פון „וואַל" אַראָפּ. זיי זענען אַוועק צום ברייטן וועג, וואָס פון דאָרט צעלויפן זיך אומצייליקע שטעגלעך אין אַלע זייטן פּאַרק.

פאַרבייגייענדיק די באַקאַנטע באַנק האָט בנימין פון דער ווייטנס באַמערקט, ווי פאַנטשער האָט זיך אויפגעהויבן, אַריינגעלייגט דאָס העפטל, וואָס ער האָט געלייענט, אין בוזעם, און גענומען גיין געלאַסן אים אַקעגן. פאַרבייגייענדיק נעבן אים מיט טעמערלען, האָט ער פאַר זיי געצויגן דאָס היטל.

בנימין און טעמערל האָבן געענטפערט אויף דעם גרוס. זי האָט אָנ־געקוקט בנימינען, ווי זי וואָלט אים געפרעגט מיט די אויגן, צי דער איז זיינס אַ באַקאַנטער. בנימין איז בשעת־מעשה אַ ביסל רויט געוואָרן, און אים וואָס האָט שוין פון אַ צייט געטראָגן קורצע מלבושים, איז פּלוצלינג געוואָרן אַ בושה, וואָס פאַנטשער גייט נאָך אין לאַנגע מלבושים און טראָגט אַ בערדל.

...און אָט דער טאָג, איז דאַכט זיך, ווי אַלע טעג געקומען אויף דער וועלט פון דער אייביקייט, און וועט באַלד צוריקקערן אין דער אייבי־קייט. דאָך, ניין! דאָס איז געווען גאָר, גאָר אַן אַנדער טאָג. דאָס איז געווען אַ וווּנדערלעכער טאָג, אַ טאָג אַ פּירשט איבער אַלע אַנדערע טעג, אַ טאָג אין אַ קיניגלעכער קרוין מיט אַ סצעפּטער. טעמערל האָט פון דעם טאָג געמאַכט דאָס, וואָס ער איז געוואָרן. איר כשוף־חן האָט איבער־געמאַכט אָט דעם טאָג.

און לאַנג, לאַנג דערנאָך האָט בנימין, ווי אַ טייערן אוצר געהיט אין האַרץ דאָס געדעכעניש פון דעם טאָג, געהיט אין יענעם באַהאַלטענעם קדשי־קדשים פון האַרץ, וואָס אַהין לאָזט זיך דאָס געמיט אַראָפּ, כדי פון דאָרט מוט און שטאַרקייט צו שעפּן אין די שווערע מינוטן, וואָס טרעפן אין גראָען אַרבעטער־לעבן.

טעמערל האָט אָפן און אויף אַ נישט באַליידיקנדיקן אופן געפרעגט בנימינען, וואָס עס איז געווען דעמאָלט מיטן געשלעג, ווען מ'האָט אים געפונען אין גאַס אַ פאַרחלשטן. בנימין האָט איר אַלץ דערציילט, נישט

דערמאָנענדיק פונדעסטוועגן איר, טעמערלס, נאָמען, אַז זי איז געווען די עיקר־סיבה, וואָס האָט אים געגעבן דעם ערשטן שטויס אַוועקצוּוואַרפן דאָס מגושמדיקע לעבן און אָנצוהייבן פירן אַ ריינערס.

ער האָט איר אַלץ דערציילט. טעמערל האָט אים אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, אָפט אים געשטעלט פראַגן, און ער האָט גע־ענטפערט ערלעך, זעלטן זיך פאַרהאַקט און רויט געוואָרן.

ווען ער האָט געהאַט געענדיקט דאָס דערציילן, איז שוין געווען פאַר־נאַכט, און טעמערל האָט געוואָלט אַהיימגיין.

די גאַנצע הערלעכקייט פון די דאָזיקע זעלטענע שעהן איז נאָך פונדעסטוועגן נישט געווען געענדיקט. ער האָט זי אָפּגעפירט אַהיים איבער די געסלעך. ווען ער האָט זיך מיט איר אָפּגעשטעלט נישט ווייט פון איר היים האָט זי זיך אָנגערופן, אַז עס פרייט איר, וואָס בנימין האָט זיך אויך ביי איר נישט הי זיין ווייטער געלערנט. עס פרייט איר טאָפּלט: ווי זיין... (דאָ האָט זי זיך אַ ביסל פאַרהאַקט) באַקאַנטע און טאַקע ווי די קרובה אויך, און ווייל זי איז געווען די, וואָס האָט אים אַריינגעפירט אין דעם לערנען. צום סוף האָט זי נאָך געזאָגט: — ווען דו וועסט דאַרפן עפּעס צו פרעגן ביי מיר אָדער וועסט דאַרפן אַ בוך, וועל איך מיט פאַר־געניגן דיר זיין בייהילפיק. יעדן שבת־צונאַכט, אָנהייב אָוונט וועסטו מיך דאָ אָפּוואַרטן, אָדער מיר וועלן באַשטימען, ווו זיך צוטרעפן.

טעמערל האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ וואַרעמען בליק, אַ שאָקל געטון מיטן מלכותדיקן קעפל און אַוועקגעגאַנגען מיט אייליקע טריט.

***

נאָכדעם האָט בנימין לאַנג נאָך געשפּאַנט איבער די גאַסן. אין דער ייִדישער געגנט איז געווען רוישיק ווי אויף אַ יאַריד. ייִדישע ווייבער האָבן זיך געאיילט איינצוקויפן אויף די צווייטע טעג סוכות, וועלכע הייבן זיך אָן מאָרגן אין אָוונט. בנימין איז געגאַנגען און אין האַרצן האָט אים געזונגען אַ ניגון אָן ווערטער. דאָס האָט די נשמה געזונגען אין אים. ער האָט קיין הונגער נישט געפילט, כאָטש ס'איז שוין געווען אַ סך, אַ סך שעהן נאָכן מיטיק. ער איז לייכט געגאַנגען צווישן טומלדיקן עולם ווייבער מיט די אָנגעפּאַקטע קוישן: ער איז געגאַנגען ווי אין אַ בית־המקדש; אין האַרץ ביי זיך האָט ער געטראָגן דעם בית־מקדש און דער כהן־גדול

איז ער אַליין געווען. און ווי אַ קינדער־שפּיל איז געווען דאָס, וואָס קומט פּאָר דאָ צווישן די טומלדיקע ווייבער. בלויז נאָר כּדי אים צו ווײלן אַ ביסל, די ליכטיקע שטילקייט אין זיין האַרץ צו מאַכן נאָך טיפער — איז זייער טומל און די קולות אים ליב און לייכט אין די אויערן אַריינ־געדרונגען און ער איז געגאַנגען און קינדיש יונג געשמייכלט.

ל

ווייזט אויס, די פירמע „וואָלבערג־ראָזנבלום“, איז אויך ווייטער גע־שטאַנען נישט פויגלדיק, נישט געקענט בייקומען די קאָנקורענץ פון די אויפגעקומענע יונגע, רירעוודיקע פירמעס, און ס'האָט זיך אַ שיט געטון אַ האָגל נגישות אויף די אַרבעטער. פעלדבערג האָט געקריגן די גאַנצע מאַכט איבער די שטיקערס און פאַר אַ ליאַדע־וואָס האָט מען געליטן אַ געלט־שטראָף.

און טאָמער איז דאָס נאָך געווען ווייניק, איז פּלוצלינג אַרויס פון קאָנטאָר אַ גזירה, אַזאַ אויסטערלישע, וואָס האָט צערודערט נישט נאָר די דאָיקע אַרבעטערס, נאָר די גאַנצע שטאָט שטיקערס, פון אַלע פאַבריקן.

ביי וואָלבערגן איז אין איינעם אַ טאָג איינגעפירט געוואָרן, אַז ביים אַהיימגיין פון דער אַרבעט, און אַפילו אין מיטן טאָג, ווען עמעץ האָט געדאַרפט אַרויסגיין אין גאַס, זענען אַלע באַזוכט געוואָרן אין די קע־שענעס...

אין קעמערל, וואָס מ'מוז אַדורכגיין, כדי אַרויסצוקומען אויף דער גאַס, איז געשטאַנען פעלדבערג (אין מיטן טאָג, — דער סטרוזש), און דער אַרויסגייער איז באַטאַפּט געוואָרן אין אַלע קעשענעס און הינטערן וועסטל: גאָרן האָט מען געזוכט.

ס'איז געווען נישט אַזוי ווייט די חרפּה פון באַזוכן מענטשן ווי אַרעסטאַנטן אין די גאָלד גרובנס — ווי די פאָלגן, וואָס דאָס באַזוכן האָט מיט זיך געבראַכט; באַזוכן אַליין — באַטאַפּן, אויסשאָקלען די קעשענעס און לאָזן ווייטער גיין, וואָלט די אַרבעטער, און בפרט די עלטערע, נישט אַזוי שטאַרק אויפגערעגט. די עלטערע שטיקערס זענען אין זייער לעבן שוין אַדורכגעגאַנגען פאַרשידענע דערנידערונגען; זיי זענען שוין געווען אַזוי פאַרשטיינערט און די רוקנס זייערע אַזוי געבויגן, אַז דער באַגריף

„בושה״, האָט שוין ביי זיי אינגאַנצן נישט עקזיסטירט. פאַר זיי איז געווען דאָס ערגסטע נישט דאָס באַזוכן גופא, ווי דאָס, וואָס ביי וועמען פעלד־בערג האָט געוואָלט געפונען געגנבעטן גאַרן, ביי דעם האָט ער „געפו־נען״. יענער האָט געמעגט זיין דער ערלעכסטער; אָפּלייקענען, אויפווייזן, האָט גאָרנישט געהאָלפן. אין קאָנטאָר האָט מען געגלייבט נאָר פעלדבערגן, און אַז פעלדבערג האָט צוויסן געטון, ביי וועמען ער האָט געפונען, האָט מען יענעם אָפּגעזאָגט די אַרבעט.

דער סוף פון דעם קינדיקן פלעגט כמעט שטענדיק זיין דער איי־גענער: דער אָפּגעזאָגטער האָט אין ערגעץ שוין נישט געקענט קריגן קיין אַרבעט, ווייל מען האָט נישט געוואָלט געבן פון קאָנטאָר קיין „רע־קאָמענדאַציע״ (ער איז דאָך אַ גנב!), ער איז סוף כל סוף געקומען בעטן, מ׳זאָל אים צוריקנעמען. נאָך לאַנגע בקשות האָט אים ראָזנבלום צוליב געטון, צוריק אַריינגענומען אין פאַבריק, נאָר שוין אויף אַ קלענערן פרייז; פאַרשטייט זיך, נאָר אויף אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס ראָזנבלום האָט דיקטירט.

און אַז די אַרבעטער האָבן געשיקט אין קאָנטאָר דריי פון די עלטסטע שטיקערס מיט אַ בקשה, מ׳זאָל אָפּשאַפן דאָס זוכן אַלע אין די קעשע־נעס אַ חוץ די, וואָס אויף זיי איז פאַראַן אַ חשד, האָט ראָזנבלום זיי קורץ און גראָב געענטפערט:

— אייך אַלע בין איך חושד! — און דאָס רעווידירן איז נאָך שטרענ־גער געוואָרן.

אַ שווערע אָנגעכמורעטקייט, אָנגעפילט מיט איינגעהאַלטענע זיפצן און דערשטיקטע קללות האָט זיך צעלייגט איבער דער פאַבריק; די לופט איז געוואָרן אָנגעשטרענגט, שטיל, פול מיט חשדים און אומצוטרוי; אַלטע באַקאַנטע, גוטע פריינט אַפילו, האָבן מורא געקריגן איינער פאַרן צווייטן, צי יענער שפּיאָנירט נישט אַמאָל פאַרן קאָנטאָר, פאַר פעלדבערגן; אַן איבעריק וואָרט אַרויסצורעדן האָט מען זיך געהיט. און האָט איינער גע־פרעגט דעם צווייטן, וויפל גאַרן דאָס מוסטער דאַרף צו האָבן, האָט דער געפרעגטער מורא געהאַט אויסצוזאָגן, יענער זאָל דאָס נישט איבערגעבן אין קאָנטאָר און דערנאָך וועט מען אים כאַפּן אויף דער ווענטקע, פאַר־לאַנגען חשבון...

די פאַבריק איז געוואָרן ווי אַ תפיסה און די קאָנטאָר־לייט — ווי די תפיסה־וועכטערס. פאַר פעלדבערגן האָט מען געציטערט מער ווי פאַר

ראָזנבלומען אַליין, און נישט נאָר אין פאַבריק, בשעת דער אַרבעט, נאָר אויך אין גאַס. אַפילו שבת, אַז מ'האָט געטראָפן פעלדבערגן, איז די מנוחה שוין געווען געשטערט.

ראָזנבלומען האָבן די שטיקערס געזוכט אויסצומיידן, נישט צו קומען אים אונטער די אויגן: „בעסער — האָט מען זיך געזאָגט — זאָל ער אין מיר אַ ביסל פאַרגעסן".

דערפאַר אָבער אין גאַס אַמאָל, אַז עס איז שוין צו שפּעט געווען אַריינצולויפן אין אַ הויז, צו באַהאַלטן זיך פון ראָזנבלומס אויגן: מ'האָט אים שוין נישט געקענט אויסמיידן, איז דער פאַרשטיינערטער דרך־ארץ און פאָרכט פאַר אים געווען אין לשער: דער כאַפּ אַראָפּ דאָס היטל, די פאַרגליווערטע אויסגעצויגנקייט, און באַלד דער טיפער בויג דעם קאָפּ! עס האָט שטאַרק דערמאָנט הינטישע קריכערישקייט: אַ הונט פויזעט, קריכט אויפן בויך פאַרן בייזן באַלעבאָס צוליב אַ ברעקל ברויט, צוליב אַן אָפּ־געגריזשעטן ביין, באַהאַלטנדיק זיינע שאַרפע ציין, און אָנשטאָט זיי ווייזט ער די נאַסע, אונטערטעניקע, נאָך אַ פּרעס לעכצדיקע מאָרדע.

אַפילו דער בחור פּיוול, וואָס האָט זיך איצט שוין גערופן פעליקס — פעליקס וואָלבערג — און איז געזעסן אין קאָנטאָר איבער די געשעפטס־ביכער און נאָכגעקוקט די מיידלעך פעדלערקעס — אַפילו פאַר אים האָבן שוין די עלטערע שטיקערס אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן זייער פאָרכט. באַגעגנדיק זיך מיט אים אין פאַבריק־קאָרידאָר, אָדער אויף די שטיגן, — אים אונטערגעטראָגן דעם גרויסאַרטיקן „גוט־מאָרגן" און מיט רעספּעקט אים אָפּגעטראָטן דעם וועג.

אַז ס'איז געקומען דער טאָג פון אויסצאָלונג, דער סטרוזש גייט אַרום איבער די מאַשינען נאָך די אַרבעטס־ביכלעך און טראָגט זיי אין קאָנטאָר אַריין צום איינשרייבן די רעכנונגען, זענען אַלע אַרבעטערס געווען נער־וועז. מיט אַ גרויל האָט מען געוואַרט אויפן סטרוזשס גלעקל — אַריינצוגיין נאָכן געלט.

און אַז מ'איז צוריקגעקומען מיטן ביכל און מיטן געלט, האָט מען אויסגעזען, ווי מ'קומט פון אַ שרעקלעכער סכנה. אונטן, פאַרן טויער האָבן געוואַרט ווייבער און מאַמעס. אַז עמעץ אַ שטיקער איז אַרויסגעקומען פון פאַבריק־טירל איילנדיק אין געוועלבל אַריין קויפן אַ פּעקל פּאַפּי־ראָסן — זענען אים באַפאַלן די פרויען מיט האַרצפלאַטערדיקע פראַגן:

— און מיינער, מיינער, ווי האָט היינט אָפּגעשניטן?

נאָר באַקומענדיק דעם אַלגעמיינעם ענטפער: ס׳האָט קיינער נישט גוט אָפּגעשניטן, האָבן די ווייבער גענומען זיך ווישן די אויגן און שעלטן פעלדבערגן.

אָט אין דער דאָזיקער אָנגעשטרענגטער לופט, אָנגעזאָפּט מיט אומ־מעכטיקן האַס פון איבער פופציק שטיקערס, וואָס האָט זיך געלייגט ווי טרוקן גראָז, וואָס האָט געגוג איין פונק, בלויז אַ קליינעם פונק, כדי זיך אָנצוצינדן — אין אַזאַ לופט איז אָנגעשוווּמען אַ טאָג; אַ פרייטיק איז עס געווען, פאַרנאַכט, ווען די אַרבעטער זענען אין אַ גרעסערער צאָל אַהיימגעגאַנגען צוזאַמען. אין קעמערל, ביים אַרויסגיין, האָט זיי פעלדבערג באַזוכט. באַטאַפּט פון אויבן ביז אַראָפּ, און נאַטירלעך גאָרנישט געפונען. ווען זיי האָבן זיך געריכט, אָט וועט מען עפענען דאָס טירל צו דער גאַס און זיי וועלן אַהיימגיין, אַלע זענען געווען אומגעדולדיק, געפּאָדערט, איגנאַצי דער סטרוזש זאָל שוין אַמאָל עפענען, — דעמאָלט האָט זיך פעלדבערג אין גרויסן געדרענג איינגעבויגן צו דער שטיינערנער דיל און אַ דערהייב געטון אַ פעקל גאָרן, אַ צעטראַטעוועטס מיט די שטיוול. ער האָט דאָס פעקל גאָרן אַ ווייל געהאַלטן אין דער הויך, אין דער אויפ־געהויבענער האַנט, אַז אַלע זאָלן דאָס זען — און באַלד גענומען זיך טשעפּען צום רויקסטן און שטילסטן, — צו משה בינשטאָק, באשר ער האָט דאָס פעקל גאָרן אַרויסגעוואָרפן פון קעשענע, מחמת מורא, אַז מ׳וועט דאָס ביי אים געפונען...

— פאַרוואָס פונקט איך? — פרעגט בינשטאָק, ווי זיין שטייגער, רויק.

— ווייל דו האָסט עס אונטערגעוואָרפן! — שרייט שוין פעלדבערג מיט זיין אויפגערייסענעם חוצפהדיקן פיסק.

ס׳איז אויסגעבראָכן אַ העפטיק געטענהעכץ. בינשטאָק האָט בשום אופן זיך נישט געוואָלט באַקענען צום געפונענעם פעקל גאָרן. ער האָט אָפן געזאָגט, אַז דאָס האָט פעלדבערג אַליין עס אונטערגעוואָרפן, כדי ער זאָל האָבן וואָס צו געפונען. פעלדבערג האָט געפּאָדערט, בינשטאָק זאָל מיט אים אַרויפגיין אין קאַנטאָר, בינשטאָק האָט נישט געוואָלט. די איבע־ריקע אַרבעטערס האָבן תחילת געשוויגן, נאָר זעענדיק, אַז פעלדבערג וויל קיינעם נישט אַרויסלאָזן פון קעמערל, כדי בינשטאָק זאָל נישט מיט־אַרויס־לויפן — זענען זיי אומגעדולדיק געוואָרן. און אַזוי ווי בינשטאָק האָט נישט געשריגן, נישט צוריקגעזידלט, נאָר רויק און פעסט איבערגעחזרט, אַז

דער גאַרן איז נישט פון אים, זענען אַלע איינציקווייז אַריבער אויף זיין זייט, קעגן פעלדבערגן. זיי האָבן אויך געטענהט, אַז אַנדערש קען עס נישט זיין: אַז פעלדבערג האָט אומישנע אונטערגעוואָרפן דעם גאַרן, כדי ער זאָל אין קאַנטאָר באַווייזן זיין אויסטויגן זיך.

ווען בנימין איז אַראָפּגעקומען, איז דער סטרוזש נישט געווען אונטן; אויף פעלדבערגס באַפעל איז ער אַרויפגעגאַנגען אין קאַנטאָר מעלדן ראָזנבלומען, וואָס אונטן קומט פאָר. אַז בנימין איז אַראָפּגעקומען, האָט די מחנה שטיקערס מיט כוח געהאַלטן פעלדבערגן צוגעשפּאַרט אין אַ ווינקל, איינגעפּרעסט צווישן צוויי ווענט, געזוכט ביי אים דעם שליסל פון טירל, און אַז מ'האָט ביי אים דעם שליסל נישט געפונען, — דער סטרוזש האָט אים געהאַט ביי זיך — האָבן אַנדערע — אַ צען פאָר הענט — מיט געפילדער אויפגעריסן דאָס טירל, און מיט דער פריילעכקייט פון פאַרשפּאַרטע אַרעסטאַנטן, אַרויס אין גאַס מיט אַ האַסטיקייט און גענומען אייליק לויפן. יעדער איז אַוועק אין זיין געגנט. —

דאָס איז געווען פרייטיק פאַרנאַכט. נאָר נאָך שבת, ווען די אַרבעטער זענען ווי געוויינלעך געקומען אין פאַבריק און זיך געזעצט אַרבעטן, איז אין דער צייט פון אָנבייסן אַרומגעגאַנגען איגנאַצי דער סטרוזש, און אויף אַלע שטאָקן ביי די מאַשינען פאַרלאַנגט פון יעדן דאָס אַרבעטער־ביכל. מיטן צוזאַמענגעקליבענעם פּעקל ביכלעך אין די הענט איז ער אַוועק אין קאַנטאָר אַריין.

באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אין קאַנטאָר ווערט איצט אַלעמען געקינדיקט, דערפאַר האָט מען עס געשיקט נאָך די ביכלעך.

ס'איז געוואָרן אַ בהלהדיק געלויף אַרויף אין קאַנטאָר; תחילת די על־טערע אַרבעטער, אָבער די איבעריקע האָבן אויך שוין נישט געהאַט קיין געדולד צו זיצן און וואַרטן (ס'האָט זיך זיי געחלומט, אַז די אַלטע פאַר־האַנדלען אויבן אויף זייער חשבון), זיי האָבן אויך גענומען פּאַקן זיך אַרויף אין קאַנטאָר, זיך דערוויסן, וואָס דאָ קומט פאָר.

אין קאַנטאָר האָבן זיי געטראָפן זייערע חברים שטאַרק צערודערט. זיי האָבן תחנונימדיק איינגעטענהט מיט ראָזנבלומען...

ראָזנבלום האָט איבערגעחזרט איינס און דאָס זעלבע: אַזוי ווי פרייטיק פאַרנאַכט האָבן די אַרבעטער עובר געווען די פאַבריק־פאַרשריפטן: נישט געלאָזט זיך באַזוכן, פאַרטיידיקט אַ גנב, ביי וועלכן מ'האָט געפונען געגנ־בעטן גאַרן, געשלאָגן דעם אויפזעער, דעם אָנגעשטעלטן פון קאַנטאָר.

און געטון האָט דאָס נישט איינער אָדער צוויי, נאָר אַלע צוזאַמען — דערפאַר ווערט אַלעמען געקינדיקט אויף פערצן טעג.

— און דערנאָך, נאָך די פערצן טעג, וועט זיין די ברירה ביי מיר, וועמען איך וועל וועלן, וועל איך צוריקנעמען אַרבעטן, און וועמען נישט וועל איך נישט צוריקנעמען, האָט ראָזנבלום געלאָסן געפּערלט די ווערטער, וואָס האָבן ווי טעמפּע שפּיזן געבויערט ווונדן אין די הערצער.

אַרויס פון קאַנטאָר, אין די הענט די ביכלעך, זענען די פינף צענדליגג שטיקערס געגאַנגען מיט בייזע, פאַרמרה־שחורהטע פּנימער. זיי זענען נישט צוריקגעגאַנגען אין די זאַלן צו זייערע מאַשינען, נאָר געשטאַנען בינטלעכווייז אויף די שטיגן, אין קאָרידאָר און שטיל געשמועסט צווישן זיך...

אַ גרעסער בינטל אַרבעטער איז פאַרקראָכן אין נאָענטסטן זאַל, אין שכנות פון קאַנטאָר. איינציקווייז זענען אַהין צוגעקומען די פון די שטיגן און פון קאָרידאָר... ס'איז דאָרטן געוואָרן פול: אַרבעטער מיט אַרויפגעשאַרצטע העמד־אַרבל און פאַרביסענע פּנימער; פעדלערס און פעדלערקעס זענען אויך דאָ געווען. דערשפּירנדיק אַ פרייע מינוט, זענען זיי געשטאַנען די הענט אונטער די באַקעס, לײדיקגייעריש, און זיך גע־ווונטשן, דאָס זאָל וואָס לענגער געדויערן.

דעם אַלטן פּראָפּער, וואָס האָט אויפגעוויזן, אַז קודם זאָל מען נישט באַלאַמוטשען, נאָר זעצן זיך אַרבעטן, האָט קיינער נישט געהערט. אַן אַנ־דער פּלאַן, אַז מ'זאָל גיין זיך באַקלאָגן צום אינספּעקטאָר, איז תחילת גינסטיק אויפגענומען געוואָרן, נאָר דערנאָך האָט מען אים אָפּגעוואָרפן מיט דער איבערצייגונג, אַז דער אינספּעקטאָר האַלט שטענדיק נאָר דעם פאַבריקאַנטס צד. דער טויטער אַברהם האָט דעם און יענעם אָפּגע־שטעקט אַ סוד אין אויער, צי ס'וואָלט נישט געווען אַ פּלאַן צו באַנוצן זיך מיט געדונגענע שלעגערס...

אויף איינס זענען אַלע געווען איינשטימיק, אַז ווייטער אַזוי אַרבעטן קען מען נישט, און וואָס עס זאָל זיין אין צוויי וואָכן, קען שוין איצט געשען.

דער עולם האָט זיך גאָר פאַרגעסן, אַז זיי געפינען זיך דאָ נעבן קאַנטאָר, אָפּגעטיילט קוים דורך אַ וואַנט. מ'האָט זיך צערעדט. אַלץ וואָס איז געלעגן אויפן האַרץ, האָט זיך אַרויסגעריסן אויף די ליפּן. קיינער האָט גאָרנישט געוואָלט, דער צווייטער זאָל אים הערן. מ'האָט

גערעדט פאַר זיך, יעדער פאַר זיין אייגענעם געהער. און דער גערויש איז געווען אַזוי גרויס, אַזש אין דרויסן, אויף די שטיגן אָדער אונטן הינטער די פענצטער האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז אויבן אין דעם זאַל הודזשעט אַ מאַשין, אַזאַ ברומענדיקע און פילדערנדיקע מאַשין...

אין מיטן בעסטן האָט זיך צווישן הודזשעדיקן, רעדנדיקן און זיך באַקלאָגנדיקן עולם באַוויזן ער, סאַמועל ראָזנבלום, מיטן פאַרשוירן בערדל, ווי ניקאָלאַי דער צווייטער, נאָר מיט רויטערע בעקלעך אַ ביסל און מיטן גראָבן בויך און גאָלדענער קייט, וואָס שלענגלט זיך איבער דער פלושע־נער וועסט פון טעשל רעכטס צום טעשל לינקס.

ראָזנבלום איז אַ ווייל געשטאַנען פון דער ווייטנס, אָנגעקוקט דעם צעפילדערטן עולם, ווען ער איז געווינט צו זען אונטערטעניק. זעענ־דיק, אַז זיין אַריינקומען אַהער איז נאָכנישט באַמערקט געוואָרן, האָט ער אַ געשריי געטון:

— וואָסער קנייפּע איז דאָס דאָ! יעדער צו זיין מאַשין, זאָפאָרט!

פּראָפער האָט זיך איינגעהויקערט און געגומען גיין דווקא פאַרביי ראָזנבלומען, ער זאָל זען, ווער עס האָרכט אים דער ערשטער.

ראָזנבלום האָט נאָכאַמאָל אַ געשריי געטון:

— די מינוט — יעדער צו זיין מאַשין!

אַלע זענען געשטאַנען ווי פאַרגליווערט, מיט אָפענע מיילער און בלאַסע, געלע דערשראָקענע פּנימער; געשטאַנען ווער אַנטשלאָסענער און ווער שוואַכער, וואַקלדיקער, מיט אַ צעציטערט האַרץ און מיט פּיס, וואָס האָבן קענטיק געחלשט צו פאָלגן דעם באַפעל — נאָר גערירט פון אָרט האָט זיך נישט קיינער.

ראָזנבלום, האָט אַ רוף געטון:

— איגנאַצי!

און נאָכאַמאָל אויף פּויליש:

— זאָל איגנאַצי שוין קומען!

ס'האָט זיך דערהערט עמעצנס גיין אויף די שטיגן — קריידע האָט זיך אַ ריר געטון, מיט אַ ווונק אַ רוף געטון זיינע פעדלערס, און מיט די פעדלערס הינטער זיך, ערנסט און געהאָרכזאַם געשפּרייזט מיט די לאַנגע פּיס — געגאַנגען אַרויף צו זיין מאַשין אַרבעטן.

די איבעריקע זענען נאָך געשטאַנען און נישט גערירט זיך.

איגנאַצי איז נישט געקומען. פעליקס וואָלבערג, דער בוכהאַלטער,

איז אַריינגעקומען און געמאָלדן ראָזנבלומען, אַז דער סטרוזש איז נישטאָ. ער וועט באַלד קומען.

ראָזנבלום האָט שטום און שטרענג געקוקט אויף די אָנגעזאַמלטע אַרבעטער. זיי זענען געשטאַנען נישט אַנטשלאָסן, מיט אַראָפּהענגענדיקע קעפּ, די בליקן איינגעגראָבן אין דער ערד, און נישט גערירט זיך פון אָרט ווי פאַרעקשנטע חדר־ייִנגלעך.

שטיל איז געווען — שאַ! פּופּציק הערצער האָבן דעם אָטעם איינגעהאַלטן, אַ פליג וואָלט מען געהערט זשומען. אין דער שטילקייט האָט זיך ערגעץ אויף אַ העכערן שטאָק געהערט דאָס קלאַפּן פון אַ מאַשין, און פון אַן אַנדערן עק אויף נאָך אַ העכערן שטאָק האָט איר געענטפערט אַ צווייטע מאַשין, ווי אַ ווידער־קול; דאָס איז געווען פראָפער און קריידע. זיי האָבן געפּאָלגט ראָזנבלומען און זיך געזעצט אַרבעטן.

— וואָס איז דאָס דאָ? — פרעגט פעליקס מיטן מיידלשן פנימל און קוקט זיך אַרום פאַרחידושט.

— זיי זענען משוגע געוואָרן, — זאָגט ראָזנבלום מיט פאַראַכטונג.

און אומגעדולדיקער פרעגט ער:

— וואָס פאָרט ווילט איר? זאָל איינער רעדן!

אויף פעליקס וואָלבערג ליאַלעוואַטע פנימל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ שמייכל, ווי אין דערוואַרטונג פון אַ ספּעקטאַקל. ער האָט באַמערקט צווישן עולם בנימינען און אים אָנגעקוקט איראָניש:

„שפּילסט אויך מיט זיי מיט"...

און — צוליב פעליקס קוק אפשר — דעמאָלט אין דער שטילסטער שטילקייט און אָטעם פאַרכאַפּנדיקער האַרצקלאַפּעניש האָט בנימין זיך אָנגערופן:

— מיר פאַרלאַנגען, איר זאָלט אויסשטרייכן דאָס קינדיקן.

ביידע, ראָזנבלום און פעליקס, האָבן אָנגעקוקט בנימינען — ראָזנבלום, ווי פאַרחידושט און אַ קאָפּעטשקעלע דערשראָקן פון זיין דרייסטקייט — פעליקס ווידער, ווי עס וואָלט אים הנאה געטון, וואָס אין בנימין איז אַ ביסל אַנדערש, ווי אָט־די אַלע דאָ.

ראָזנבלום האָט נאָכאַמאָל בנימינען אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק פול פאַראַכטונג און געפרעגט, נישט קוקנדיק גאָר צו בנימינען, ווי ער וואָלט ערשט גאָרנישט גערעדט. —

— אַלזאָ, פאַרוואָס גייט איר נישט אַרבעטן?

פון אַ באַהאַלטענעם ווינקל, פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט אַ מוסטער־ברעט פון אַ מאַשין, האָט זיך געהערט דעם טויטן אַברהמס קול, מיט אַ משונהדיקן קלאַנג, ווי פון אַ פּאַס אַרויס:

— אָפּשאָפן פעלדבערגן און דאָס באַזוכן...

פאַנטשערס קול האָט זיך נישט געהערט גאַרנישט. בנימינען האָט דאָס געחידושט. ער האָט אים געזוכט מיט די אויגן און אין ערגעץ אים נישט געזען.

און אָט נאָכן טויטן אַברהמס קול, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געפּילדער, ווי אַלע וואָלטן אין איין רגע דאָס לשון צוריקגעקריגן; נאָר יעדער וואָס האָט עפּעס גערעדט, האָט זיך באַמיט מ'זאָל אים נישט זען.

— נישט מאַכן קיין אָפּצוגן!

— געבן בעסערע מוסטערן!

— נישט נאָכרעכענען דעם גאַרן!

— —

ראָזנבלום האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי אַ גענדז־טרייבער מיט דער בייטש, ווען ער שטייט צווישן דער פּילדערנדיקער מחנה גענדז און ער פאַרשטייט, אַז פּרווון זיי איינשטילן איז אוממעגלעך. אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: „פאַראַן דאָ מיט וועמען צו טענהן". ער און פעליקס זענען אַרויסגעגאַנגען. דער סטרוזש האָט גע־נומען פאַרשליסן די זאַלן. באַלד איז ער אויך אַהער אַריינגעקומען מיטן פּאַק שליסלען. דער עולם האָט תחילת נישט קיין חשק געהאַט אים צו פאָלגן, אָפּצורוימען דעם זאַל, נאָר אַז ראָזנבלום האָט זיך באַוויזן, האָט דער עולם גענומען אַרויסגיין.

אין דעם גאַנצן הויכן הויז זענען געגאַנגען נאָר צוויי מאַשינען: דעם אַלטן פּראָפּערס און קריידעס דעם חונפניקס. ווייטער איז געווען שטיל און טויט.

לא

נאָכמיטיק זענען די שטיקערס אויך נישט געגאַנגען צו דער אַר־בעט. די ווייבער אין דער היים האָבן געפונען פאַר גערעכט דאָס נישט וועלן אַרבעטן אונטער פעלדבערגס אויפזיכט. די ווייבער און מאַמעס האָבן זיך דעם ערשטן טאָג אַרויסגעוויזן פאַר גרויסע איינשטעלערינס;

אויסדריקלעך פאַרלאַנגט, מ׳זאָל עטלעכע טעג גאָרנישט אַרבעטן און נישט פאַרדינען, אַבי נאָר דערנאָך עפּעס אויסצונעמען:

— סיי ווי הונגערט מען צו — האָבן זיי געהעצט די מאַנצבילן.

בנימין האָט אַרומגעזוכט פאָנטשערן, און אַז ער האָט אים אין ערגעץ נישט געפונען, איז ער צו אים אַהיימגעגאַנגען.

פאָנטשער האָט שוין עטלעכע טעג נישט געקענט גיין אין פאַבריק אַריין, אַ פּוס האָט אים ווי געטון. ער האָט זיך געחידושט, וואָס בנימין קומט צו אים אין מיטן טאָג, אין סאַמע אַרבעטס־צייט. דערהערנדיק וואָס עס איז פאָרגעקומען, די שטיקערס האָבן אַליין געוואָרפן די אַרבעט, האָט דאָס פאָנטשערן אַזאַ נעם געטון, אַז ער האָט שוין מער נישט קיין געדולד געהאַט צו זיצן אין דער היים. ער האָט אַרויפגעשלעפּט אויפן געשוואָלענעם פוס עפּעס אַן אַלטן קאַלאָש, און נישט אומקוקנדיק זיך גאָר אויפן ווייבס טענות, אַז אַזוי וועט זיך דער פוס קיינמאָל נישט אויס־היילן — איז ער צוזאַמען מיט בנימינען אַראָפּ אין גאַס, טרעפן עמעצן פון פאַבריק און זיך דערוויסן, ווי די זאַך האַלט.

אין אָוונט איז ביי פאָנטשערן אינעם נידעריקן דאַכשטיבל פאָרגע־קומען אַ פאַרזאַמלונג פון אַ טייל שטיקערס. פאָנטשער האָט דורך בנימינען יעדן פון זיי באַזונדער געלאָזט רופן צוקומען צו אים. ס׳האָט געהייסן, ווייל פאָנטשערן טוט ווי אַ פוס און עס איז אים שווער צו גיין, האָט ער געבעטן אים, בנימינען, ער זאָל אַלע צו וויסן טון, מ׳זאָל אַרויפקומען צו אים.

פאָנטשער האָט די פאַרזאַמלטע געגעבן צו פאַרשטיין, אַז „וואָרפן די אַרבעט״ איז דאָס איינציקע געווער, וואָס דער אַרבעטער פאַרמאָגט קעגן פאַבריקאַנט. דעם אַרבעטער איז נישט קיין גרויסער חילוק. ער קען דערביי ווייניק וואָס פאַרלירן. ער הונגערט סיי ווי — אַנדערש איז מיטן פאַבריקאַנט. דער פאַבריקאַנט, אַז די פאַבריק שטייט אים נאָר איין טאָג, ליידט שוין דערפון זיין געשעפט.

די קליינע פאַרזאַמלונג איז צוגעגאַנגען ערנסט, שטיל. מ׳האָט זיך נישט סתם געטאַמפּערט. צו שטאַרק האָט יעטוועדער געפילט אויף זיך דאָס אַחריות פון דעם, וואָס איז היינט פאָרגעקומען: אין דער היים האָט יעדער איינציקער געהאַט עמעצן, וואָס קוקט אַרויס אויף זיין פאַר־דינסט — אַן אַלטע מאַמע, אַ ווייב מיט קינדער... און מ׳האָט געשפּירט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

פּאָנטשער האָט נאָך געפונען פּאַר נייטיק אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז עס קען געמאָלט זיין, אַז מ׳וועט פון קאָנטאָר צווויסן טון דעם פּאָליי־ציימייסטער און מ׳וועט רופן אין פּאָליציי, האָט ער געעצהט, זיי זאָלן טענהן נאָר איינס, אַז די אַרבעט האָבן זיי געוואָרפן, ווייל מען פּאַרדינט נישט אויפן עסן. מיט אַ הונגעריקן מאָגן איז מען נישט אימשטאַנד צו אַרבעטן.

נאָך די חברימס אַוועקגיין, אַז בנימין האָט זיך צוריקגעקערט צו פּאָנטשערן, איז שוין געווען נישט ווייט פאַר האַלבער נאַכט. דאָס ווייב איז שוין געשלאָפן. פּאָנטשער האָט בנימינען געוויזן אַ בריוו, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרייבן. דער בריוו איז געווען אַדרעסירט צו זייערס אַ חבר אין לאָדזש, טאַקע צו יענעם, וואָס שיקט אַהער די דיניטשקע פּליס־פּאַפּיר־ביכלעך, די שטרענג אומלעגאַלע. אין אָט דעם בריוו האָט פּאָנטשער צווויסן געטון דעם חבר פון דעם „ערשטן רעוואָלוציאָנערן אַקט, וואָס איז אויסגעבראָכן אין שטיקער־פּאַך". ער האָט מודה געווען, אַז דער „אַקט" איז נישט קיין באַוווסטזיניק אָרגאַניזירטער, נאָר איז סטיכיש אויס־געבראָכן, די אַרבעטער האָלטן זיך מוטיק, העלדיש און זענען גרייט אויף קרבנות, אַבי עפּעס אויסצוקעמפן.

געענדיקט האָט זיך דער בריוו מיט „עס לעבע די רעוואָלוציאָן" און מיט אַ סך אויסרוף־צייכנס.

אָבער שוין אויף צומאָרגנס איז די „מוטיק־העלדישע" האַלטונג פון די אַרבעטערס געווען מער נישט ווי אַ חוזק. ראָזנבלום האָט געמאַכט אַ קונצ־שטיק: ער האָט פּראָפּערן און קריידען אויך מער נישט צוגעלאָזט אַרבעטן. אין דער פרי, ווען זיי זענען געקומען אַרבעטן, האָט מען זיי צווויסן געטון פון קאָנטאָר, אַז בלויז צוליב זיי צוויי לוינט נישט אָפן צו האַלטן די פּאַבריק.

האָבן קריידע און פּראָפּער אויפגעזוכט די חברים און אין זיי אַזאַ שרעק איינגעפלאַנצט; זיי פּאַרגעזאָגט סיביר און קאַטאָרגע, ווי אַמאָל, מיט יאָרן צוריק ביי מייזנערן אין פּאַבריק, וואָס נאָך אַזאַ ענלעכער מעשה פון נישט וועלן אַרבעטן (אַ מאָנטיער פון דייטשלאַנד האָט זיי דעמאָלט אויפגעבונטעוועט), האָבן אַרבעטער געפוילט חדשים לאַנג אין תפיסה... און פּאַרקערט, אויב אַלע וועלן שוין צוריקגיין צו דער אַרבעט, איז ראָזנבלום גרייט צו פּאַרבעסערן זיי די לאַגע און וועגן דעם קינדיקן איז ער אויך גרייט אַדורכצוקומען.

אָט דאָס נייעס האָט אינגאַנצן צעדרייט די אַרבעטער... פּאָנטשערן

איז קוים געלונגען זיי אָפּצוהאַלטן דעם איינעם טאָג פון צוריקגיין אַר־בעטן, איינרעדנדיק זיי, אַז ראָזנבלום וועט נאָך היינט קומען און אַלץ נאָכגעבן. אין אָוונט איז ווידער געווען אַ פאַרזאַמלונג ביי פאָנטשערן אין שטיבל. דאָס מאָל איז זי שוין נישט צוגעגאַנגען אַזוי רויק ווי נעכטן. פאָנטשער האָט געעצהט צו וואַרטן כאָטש נאָך איין טאָג, האָט אים דער טויטער אַברהם מיט איינגעהאַלטענעם כעס אַ זאָג געטון:

— אַדרבה, גיב דו אונדז פּרנסה, וועט מען דיך אַלצדינג פאָלגן.

און קריידע מיט דער בלאַסער נאָז, לאַנג און קרום, ווי אַ שיפער דאַך פון אַ דאָרפישער סטאַדאָלע, האָט מיט זיין געלאַסענעם להכעיס־קולכל געזאָגט, אַז דאָס וואָס פאָנטשער וויל מ׳זאָל נאָכנישט גיין אַרבעטן, איז אפשר נאָר דערפאַר, ווייל אים אַליין טוט ווי אַ פוס און ר׳קען נאָך נישט אַרבעטן. ער האָט גאָרנישט צו פאַרלירן.

דעם אָוונט איז די פאַרזאַמלונג געווען גרעסער ווי נעכטן.

דאָס שטיבל איז געווען פול און אַ סך שטעכיקע אָנצוהערענישן איז אויסגעקומען פאָנטשערן אויסצוהערן. און אַז דאָס ווייב פאָנטשערס, אַ ניי־דעריק שוואַרץ איינגעדאַרט ייִדענעלע, האָט זיך געוואָלט אָננעמען דעם מאַנס כבוד, איז שיער געקומען צו מחלוקת. פאָנטשערן איז קוים גע־לונגען זי איינצושטילן.

אַז בנימין האָט געפּרוווט צו רעדן, מ׳זאָל טון ווי פאָנטשער הייסט, וואַרטן נאָך אַ טאָג, האָט מען אים פּראָסט געהייסן דאָס מויל פאַרמאַכן; פּראָפּער האָט געזאָגט, אַז בנימינען אַרט גאָרנישט, אויב ער וועט אַפילו נישט אַרבעטן, דער רייכער פּעטער וואָלבערג וועט סיי ווי נישט לאָזן הונגערן זייער שטוב.

פּראָפּערס רייד האָבן אָנגעצונדן ישראל־נחן, וועלכער איז אויך דאָ געווען, ווי אַ שטיקער פון דער פאַבריק. ישראל־נח האָט זיך ווייניק אַריינגעמישט. אין דער היים צווישן די זייניקע האָט ער אַפילו געזאָגט זיין מיינונג, אַז מ׳וועט סיי ווי גאָרנישט אויספירן, נאָר פּראָפּערס אָנגריף האָט ישראל־נחן אַרויסגעברענגט פון די כלים. ער האָט פּראָפּערן געזאָגט אַ פּאָר האַרבע ווערטער און עס איז ווידער שיער אויסגעבראָכן אַ גע־קריגעריי.

צווישן די פאַבריק־שותּפים, וואָלבערג און ראָזנבלום, איז צוליב דעם פּלוצלינגדיקן קינדיקן די אַרבעטער אויך אויסגעבראָכן אַ גרויסער סכסוך. לייב־חיים וואָלבערג מיט דער פּעך־שוואַרצער באָרד און נאַזווע

אויגן (ער, וואָס האָט בטבע פיינט רייסערייען, און וואָס ער האָט אַ הויץ דער שותפותדיקער שטיקעריי־פאַבריק נאָך אַ געזיכערטן קאָמיסיאָנער־פּאָסטן ביי פידלערן אין דער גאַרבעריי) האָט פאַרגעוואָרפן ראָזנבלומען, אַז אין דעם גאַנצן געשעעניש איז שולדיק נאָר ער, ראָזנבלום מיט זיין גראָשנדיקער גייציקייט... און דוד פישמאַן, וואָלבערגס איידעם, וואָס פירט שוין אַ פאַבריקאַציע אויף אייגענער האַנט און האָט שטאַרק חשק אָפּצורייסן דעם שווער פון ראָזנבלומען און אים צוצושפּאַנען צו זיין אייגענעם „רייט־וואָגן", ער האָט איצט דאָ געפונען אַ גאָלדענע געלעגנהייט צו העצן דעם שווער קעגן ראָזנבלומען.

לייב־חיים וואָלבערג, וואָס איז באַקאַנט אין שטאָט מיט זיין סאָלידקייט און ווייבערישער פרומקייט, האָט געציטערט, זיין פירמע זאָל זיך נישט קאָמפּראָמיטירן, ווייל ראָזנבלום באַהאַנדלט שלעכט די אַרבעטער, און זיין קעגנשטעלן זיך איז געווען די איינציקע מניעה, וואָס האָט צוריקגעהאַלטן ראָזנבלומען פון איבערגעבן דער פּאָליציי, באשר די אַרבעטער האָבן זיך צעבונטעוועט. וואָלבערג האָט קורץ און שאַרף צוויסן געטון ראָזנבלומען, אַז מאָרגן זאָלן די אַרבעטער צוריק זיצן און אַרבעטן און ראָזנבלום האָט געענטפערט:

— איך אַליין וויל אויך נישט, די מאַשינען זאָלן מיר שטיין, — פונדעסטוועגן בעטן זיך ביי זיי וועל איך נישט.

און צומאָרגנס, אַז די פאַבריק איז נאָך אַלץ געשטאַנען און די צוויי וואָס האָבן נעכטן יאָ געאַרבעט, האָבן היינט שוין אויך נישט געאַרבעט, האָט דאָס וואָלבערגן אַזוי אין כעס אַריינגעברענגט, אַז ס׳האָט שיער געהאַלטן אַז די שותפים זאָלן זיך סעפּאַרירן. נאָר מאָריץ וואָלבערג, וואָס איז אויך געווען גערופן צו דער זיצונג, האָט אַ ביסל געלינדערט דעם ברודערס אָנגעגליטקייט, אַז דאָס וואָס די פאַבריק אַרבעט היינט נאָך נישט, איז גאָר נישט ראָזנבלומס שולד:

— סאַמועל טוט אַלץ וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך, זיי זאָלן צוריקגיין אַר־בעטן — האָט מאָריץ געזאָגט.

— פאַרוואָס דען שטייט אויך היינט די פאַבריק? — דערמאָנט זיך לייב־חיים ווידער.

— פרעגט זיי, כ׳בעט אייך, פאַרוואָס ס׳גליסט זיך זיי נאָכנישט צו גיין אַרבעטן — זאָגט ראָזנבלום אויך שוין אַ ביסל אָנגעכמורעט, וויסנדיק, אַז מאָריץ איז אויף זיין זייט.

— אַזוי קלוג זענען זיי שוין? — פרעגט דער נישט פּיפּיקער לייב־חיים וואָלבערג.

— פאַראַנען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס מאַכן זיי קלוג, בונטעווען — זאָגט ראָזנבלום.

און אַז וואָלבערג קוקט אים אָן, גלייך ווי ער וואָלט אים אַ שטייגער דערציילט, אַז גענדז קענען רעדן, רופט זיך אָן מאָריץ וואָלבערג מיט שטילן גיפט:

— חיה רבקהס זונדל, דער בחור, איז אויך איינער פון זייערע חכמים...

— יאָ, — באַשטעטיקט ראָזנבלום — ער טאַקע איז דאָס געווען דער ערשטער, וואָס האָט קעגן מיר געעפנט אַ מויל, אַרויסגעשטעלט פאָדע־רונגען...

און ער גיט צו:

— ווען נישט ער, וואָלט אפשר צו דעם אַלעם נישט געקומען, די אַרבעט וואָלט נישט איבערגעריסן געוואָרן.

דאָ געפינט מאָריץ אַ געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין אָן דער שטיפ־שוועסטער — בנימינס מוטער — מיט וועלכער ער האָט אַלטע ירושה־חשבונות נאָך פון מיידלווייז. ער גיט אַ „שמיד דאָס אייזן, ווי לאַנג ס׳איז הייס״.

— „ער״ האָט אין וועמען צו געראָטן, דער תנא באַרטעק — מיינט מאָריץ בנימינען.

לייב־חיים פאַרבייסט אַ ליפּ.

עס איז געבליבן, אויב די אַרבעטער וועלן נאָר קומען, זאָל מען זיי צולאָזן אַרבעטן.

אינדערפרי דעם דריטן טאָג, ווען די אַרבעטער זענען געקומען אין פאַבריק און געוואָלט זיך זעצן אַרבעטן, האָט זיי דער סטרוזש געהייסן אַרויפגיין אין קאַנטאָר, און דאָרטן האָט זיי פעלדבערג צוּוויסן געטון, אַז נעכטן ביז פאַרנאַכט האָבן זיי געהאַט צייט צו קומען אַרבעטן — היינט איז שוין נאָכן טערמין, ער האָט אַ באַפעל נישט צו לאָזן עפענען די פאַבריק. איבעריקנס, זאָלן זיי וואַרטן ביז הער ראָזנבלום וועט קומען.

דער הער ראָזנבלום איז זייער שפּעט געקומען אין קאַנטאָר אַריין. ס׳זענען געווען פאַרזאַמלט אַלע שטיקערס מיט די פעדלערס. זיי זענען גע־זעסן אין קאָרידאָר, לעבן קאַנטאָר, אויף די שטיגן, נאָכאַנאַנד געקוקט

אויף פעלדבערגן מיט תחנונים אין די אויגן, ער זאָל פאַר זייערטוועגן רעדן אַ גוט וואָרט... קריידע און דער אַלטער פּראָפּער האָבן דערווייל צייט געהאַט צו דערמאָנען, אַז נעכטן וואָלט מען זיי יאָ צוגעלאָזט צו דער אַרבעט און ראָזנבלום האָט נאָך געהאַט צוגעזאָגט עפּעס נאָכצוגעבן אויך. אין דעם, וואָס זיי זענען נעכטן נישט געקומען אַרבעטן, איז שולדיק נאָר יואל פּאָנטשער. ער מיטן קראַנקן פוס — ער קען נאָך סיי ווי נישט אַרבעטן, וואָס אַרט דאָס אים? וואָלט ער געוואָלט, אַנדערע זאָלן אויך נאָכנישט אַרבעטן...

קריידע האָט ספּעציעל אויסגערעדט אויף פּאָנטשערן, פּראָפּער ווי־דער — נאָר אויף בנימינען...

נישט אַזוי לייכט איז עס אָנגעקומען, מ׳זאָל זיי אַריינלאָזן אַרבעטן. קריידע און פּראָפּער, וואָס האָבן זיך געפילט אַ ביסל תקיף, ווייל זיי זענען געווען די איינציקע, וואָס האָבן נישט איבערגעריסן די אַרבעט, זיי זענען עס געווען די שתדלנים... אַלע האָבן זיך פאַרענטפערט; יעדער באַזונדער האָט איבערגעחזרט: ער איז נישט שולדיק און דעם גאַנצן „בייגל" אַרויפ־געוואָרפן אויף פּאָנטשערן. און אַז פּראָפּער האָט דערמאָנט אויך בנימינס נאָמען (בנימין איז נאָך נישט דאָ געווען), איז ער אין דער מינוט איינ־שטימיק אויך צוגערעכנט געוואָרן צו די העצערס.

ביים צוריק צונעמען די אַרבעטער איז אין קאָנטאָר לעבן ראָזנבלומען געזעסן מאָריץ וואָלבערג אין די טונקעלע ברילן: אים, מאָריצן, האָט לייב־חיים אַהערגעשיקט, כדי ער זאָל זיין ביים פאַרטראָגן זיך מיט די אַרבעטער, אַז עס זאָל צוגיין מיט יושר.

ראָזנבלום האָט אונטערגעהאַנדלט מיט יעדן שטיקער באַזונדער. איינ־ציקווייז אַריינגערופן איינעם נאָך איינעם אין אַ באַזונדער חדר. ער מיט מאָריצן זענען געזעסן ביים טיש ווי צוויי ריכטער, וואָס אין זייער האַנט ליגט לעבן און טויט.

קיין גרויסע אָמפּערייען האָט ראָזנבלום מיט קיינעם נישט געהאַט. יעדער באַזונדער איז איינגעגאַנגען אויף ראָזנבלומס שפּאָגל נייע באַדינ־גונגען, אַבי מ׳זאָל אים שוין צוריקלאָזן צו דער מאַשין. ס׳האָט זיך שוין געבענקט נאָך דעם דרייען די קאָלבע; מ׳האָט ליב געהאַט דעם יאָך, ווי אַ הונט אַ צוגעוווינטער צום פּלאָקן האָט שוין ליב די קייט.

סוף כל סוף זענען נאָך דעם זעלבן טאָג די מאַשינען ווידער געגאַנ־

גען. די פאַבריק האָט ווידער אויפגעלעבט, די מאַשינען — גערוישט, געטומלט און געבראַזגעט ווי יענע וואָך און פאַר יענער וואָך.

אָבער נישט אַלע מאַשינען זענען ווידער געגאַנגען. אַ קלענער טייל שטיקערס זענען מער נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו דער אַרבעט: בינשטאָק, וואָס צוליב אים האָט זיך די גאַנצע „חתונה" אָנגעהויבן, צוליב זיין „גע־גנבעט" פּעקל גאַרן; פאָנטשער און בנימין זענען אויך נישט צוריק גענומען געוואָרן, — זיי זענען די בונטאָווטשיקעס...

אַזוי איז אַלץ איינגעשטילט געוואָרן, שטיל און רויק, אַלץ לויט ראָזנבלומס פּלאַן, און אָן דער פּאָליציי, ווי לייב־חיים האָט פאַרלאַנגט:

— „נאָר אָן סקאַנדאַלן".

לב

אַ וואָך און אַ וואָך איז אַוועק. בנימין האָט זיך אַרומגעדרייט ליידיק. ער האָט נישט געקריגן אין ערגעץ קיין אַרבעט. מ'האָט אים נישט געוואָלט אַרויסגעבן אין קאָנטאָר די „רעקאָמענדאַציע", וועלכע מען מוז האָבן, כדי צו קענען קריגן ערגעץ אַ מאַשין.

און נישט אַרויסגעקריגן די „רעקאָמענדאַציע" האָט ער, ווייל ראָזנבלום האָט אים געהייסן נאָך דאַנקען גאָט, וואָס ער איז נישט איבערגעגעבן געוואָרן אין דער פּאָליצייס הענט.

בנימין איז דעם ווינטער שוין געווען פריי פון מיליטער. הגם ווי אַן עלטסטער זון, וואָס דערנערט די מוטער, האָט אים געגאָלטן אַ „לגאָטע" און אים איז לייכט אָנגעקומען דאָס באַפרייט ווערן — האָט פונדעסטוועגן די מאַמע נאָכאַנאַנד געקרעכצט, אַז דאָס באַפרייען אים האָט זי געקאָסט, איצט איז נישטאָ אַ פּרוטה אין שטוב; מלכהן רעדט מען שידוכים און ער, בנימין, גייט גאָר אַרום ליידיק.

פאָנטשערן איז עפּעס יאָ געלונגען צו באַקומען אַרבעט. אויך ער האָט נישט געקריגן פון ראָזנבלומען קיין „רעקאָמענדאַציע". אים איז טאַקע דאָס באַקומען אַרבעט אָנגעקומען מיט גרינגע ווערים; נישט געקענט אָנקומען אין קיין לייטישער פאַבריק, און לסוף — אַ דאַנק דער ייִדענע זיינער, וואָס איז אַהינגעגאַנגען ווייַנען — זיך געפּילט גליקלעך, וואָס ר'איז אַריינ־געפאַלן אין יאַנקל גינגאָלדס פאַבריק, וואָס אַזוי די מאַשינען ווי די אויס־צאָלונגען זענען דאָרט נישט רעיעל; ווינטער פרירן די שטיקערס ביי

די מאַשינען, און די גאַנצע פירונג דאָרט ליגט אין די הענט פון גינגאָלדס ווייב, וואָס טראָגט אַ קופּקע ווי אַ רביצין, איז פרום ווי אַ בעסטיע און די פאַבריק ווערט אָנגערופן אויף איר כשרן נאָמען:

— פעסע די ראַצערינס פאַבריק — אַזוי רופט מען זי.

איצט, אַז פאַנטשער האָט שוין באַקומען אַרבעט — האָט זיך בנימין אַרומגעדרייט איינער אַליין; זיצן אין דער היים האָט ער נישט געהאַט קיין געדולד; ס׳איז געווען איבער די כוחות זיך צו צוהערן צו דער מאַמעס קרעכצן:

— שיין דערלעבט, נעבעך...

אָדער אַז מלכה איז אַמאָל נישט געווען אין דער היים, האָט די מאַמע צוזאַמענגעבונדן בנימינס נישט קענען אַרבעטן מיטן נישט קענען קריגן אַ חתן פאַר מלכהן:

— נאָר איבער דיר וועט דיין שוועסטער פאַרזיצן ביז אין גראָען צאָפּ אַריין...

און אָט, בלויז כדי נישט צו הערן דער מאַמעס אָכצעניש און קרעכ־צעניש, האָט זיך בנימין גאַנצע טעג, ביז האַלבער נאַכט, אַרומגעדרייט אין די גאַסן.

ס׳איז געווען אינמיטן ווינטער, דער פראָסט האָט גענומען מיט יעדן טאָג שטאַרקער און ברענענדיקער, די שיך זענען אים געוואָרן צעריסן און ער האָט נישט געהאַט קיין געלט צו לאָזן זיי פאַרריכטן. פון פעטער לייב־חיים איז די מאַמע שטענדיק אַהיימגעקומען אָנגעלאָדן אויף בנימינען, אַז ער האָט אים די פאַבריק צעבונטעוועט. מ׳האָט אים געמוזט אָפּשאַפן. ווען נישט דער פעטער לייב־חיים וואָס האָט צוריקגעהאַלטן ראָזנבלומען, וואָלט ער היינט געזעסן אין תפיסה. אָדער גאָר געווען אויפן וועג קיין סיביר און ס׳וואָלט געווען אַ נחת פאַר דער גאַנצער משפחה, און פאַר זיין שוועסטער. ביי איר „גרויסן" נדן משטיינס געזאָגט, וואָלט אוודאי געווען אַ מעלה צו האָבן אַ ברודער אַ תפיסהניק...

בנימינען איז געווען אַזוי אויפן געמיט, אַז ער וואָלט שוין בעסער גע־וואָלט זיצן אין תפיסה איידער אויסצוהערן דער מאַמעס קלאָג.

ישראל־נח, מוז זיין, האָט נישט גערעדט אויף בנימינען קיין שלעכטס. ער איז צו אים געווען, ווי פריער, קאַלט, נאָר פאָרט פריינטלעך. מוסר געזאָגט בנימינען האָט די מאַמע כמעט קיינמאָל נישט אין ישראל־נחס קעגנוואַרט.

עסנדיק טאָג ביי טאָג אין דער היים אומזיסט ברויט, וואָס איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז, אַרומגעדרייט זיך אין די גאַסן אויף דער ביטערער פראָסט, איז בנימין פאַר קעלט און לאַנגווייליקייט איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט פאַרקראָכן אין שטאָטישן בית־המדרש. ס'איז געווען צווישן „מנחה־מעריב". אין בית־המדרש איז געווען וואַרעם און ליכטיק. ביי די טישן זענען געזעסן באַלעבאַטים און געלערנט, גאַר ווי אַמאָל אין שטעטל. בנימינען האָט דאָס געחידושט און עפּעס האָט זיך אין אים אינעווייניק פאַרבענקט נאָך יענער צייט...

ער איז געזעסן אויף אַ באַנק, פאַררוקט אין אַ ווינקל. די וואַרעמקייט האָט אים אַדורכגענומען די ביינער און ס'האָט זיך אים געוואָלט איינ־דרימלען. דורך די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן־לעפּלעך האָט ער צווישן דעם עולם לערנערס דערבליקט הערש קופּערס פאָטער. ער האָט גוט אויס־געזען, דער אַלטער, כמעט יינגער ווי דעמאָלט, און בכלל האָט ער שוין מער נישט אויסגעזען ווי דעמאָלט יענער שוויגנדיקער פאַר מרה־שחורהטער ייִד, וואָס פלעגט ברענגען דעם זון דאָס טעפּל קאַווע אין פאַבריק אַריין און די פעדלערס האָבן פון אים אָפּגעלאַכט, רופנדיק אים „גוטער־ייִד". — פון וואָס — האָט בנימין געטראַכט — איז עס דעם ייִד פּלוצלינג גוט געוואָרן? מן הסתם פון דעם זונס רייכקייט פאַלט אים אויך עפּעס צו; דער זון לאָזט נישט פאַלן דעם אַלטן טאַטן און ער, וואָס האָט זיין מוטער די אַלמנה פון אים — וואָס האָט זי, אַ חוץ טרערן און זיפצן? ווי אַן אויסגעטראַכטער שיינער חלום האָט אין עלנט זיינעם אים אויסגעזען די ליכטיקע לערע פון די ביכלעך מיט די דינטשיקע פּליס־פּאַפּיר בלעטלעך, אין וועלכע ער האָט אַזוי הייליק געגלויבט. זיינע חברים, די אַרבעטער, וועמענס טובה ער האָט געמיינט צוזאַמען מיט זיין אייגע־נער טובה, זיי האָבן אים פאַרראַטן.

און איצט — צו וואָסער שטאַנד ער איז געקומען!...

און טאָג האָט זיך געררוקט נאָך טאָג, וואָך — נאָך וואָך. ער האָט אין דער היים ווייטער געגעסן אומזיסטיק ברויט; נישט געוואָלט אויסזאָגן, אַז די שיך זענען אים צעריסן... ער האָט געטראַכט פון איבערגעבן זיך פריי־וויליק דעם מיליטער, מ'זאָל אים צונעמען פאַר אַ זעלנער, און פון זעלבסט־מאָרד האָט ער געטראַכט. ער איז עטלעכע מאָל שוין געווען גאָר־גאָר נאָענט דאָס אויסצופירן, נאָר עפּעס אין אים אינעווייניק האָט שטענדיק צוריק געהאַלטן פון וואַרפן זיך אין טייך אַריין.

איין מאָל אין אַ פֿאַרנאַכט — אַ שניי האָט געפּלאַטערט אין דער לופֿט, דער שניי איז געפֿאַלן אויפֿן פּנים און צעגאַנגען פֿון דער פֿאַרע, — איז בנימין אַרומגעקראָכן ביים אַריינגאַנג צום פּאַרק נעבן דעם נישט לאַנג צוריק אויסגעבויטן שטאָטישן טעאַטער און אים איז אָנגעקומען אַקעגן טעמערל מיט אַ פֿיינגעקליידטן יונגנמאַן. ס׳איז געווען אַזוי אומגעריכט דאָס באַגעגעניש, אַז נישט ער — בנימין — האָט צייט געהאַט צו גריסן און נישט זי האָט אים גאָר באַמערקט.

בנימין האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זיי נאָכגעקוקט. דאָס טע־אַטער איז געווען באַלויכטן, יענע זענען אַהין אַריינגעגאַנגען אין דער אָפֿענער טיר. דער וואָס איז מיט איר געגאַנגען האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער איינגאַנג־טיר, זי פֿריִער אַריינגעלאָזט.

בנימין איז אַוועק ווייטער. ער האָט זיך נישט געוואָלט געבן די מי צו טראַכטן, צי דער וואָס איז איצט אַריינגעגאַנגען מיט טעמערלען אין טעאַטער איז נישט אַמאָל איר אייגענער ברודער פּייוול, אָדער ווי ער רופֿט זיך איצט — פֿעליקס? ניין, ער האָט דערפֿון נישט געטראַכט. ס׳איז אים לפּנים געווען גלייכגילטיק. ער איז אַריין אין פּאַרק. ס׳איז שוין גאָר טונקל. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און שטיל זענען אים גערונען טרערן פֿון די אויגן, גערונען איבער די באַקן. זיי זענען געווען וואַרעם, די טרערן און האָבן געהאַט אַ געזאַל־צענעם טעם.

פֿון יענעם אָוונט אָן איז בנימין געוואָרן נאָך אומעטיקער. דער ווײ פֿון זיין האַרץ האָט זיך אים אויפֿן פּנים געלייגט, און דער צער האָט אים אַרויסגעקוקט פֿון די אויגן.

ער האָט נישט געטראַכט פֿון טעמערלען. ער האָט בלויז עפּעס איינ־מאָל זיך דערמאָנט, אַז מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט זי אים צוגעזאָגט צו טרעפֿן זיך מיט אים יעדן שבת־צונאַכט, ער האָט זי איין אָדער צוויי־מאָל אָפּגעוואַרט, זי איז נישט געקומען און דערנאָך, — דערנאָך האָט זיך געמאַכט דער „שטרייק" אין דער פֿאַבריק, און זיין לעבן איז פֿאַר־דרייט געוואָרן. ער האָט נישט געטראַכט פֿון איר. ער האָט בכלל פֿון גאָר־נישט געטראַכט. ער האָט נאָר געפֿילט אַז אויב צו זיין ליידיק־גיין וועט נישט גיך אַ סוף נעמען — גייט ער אונטער.

די מאַמע האָט אים מער נישט געזאָגט קיין מוסר, נישט געקרעכצט אויף זיין נישט אַרבעטן. איצט האָט זי אים גאָר געטרייסט, אַז ס'איז נאָך נישט סוף־וועלט. ער וועט נאָך קריגן אַרבעט, און וואָס צו עסן איז נאָך אויך ברוך־השם אין שטוב פאַראַנען.

ער איז אָבער געווען אינגאַנצן אויסגעשעפּט. קיין פרייע מינע האָט זיך מער נישט געוויזן אויף זיין פּנים.

איינמאָל — נאָך אַן ערך פיר חדשים ליידיקגיין — איז בנימין אַמאָל אין אָוונט אַהיימגעקומען און די מאַמע (אין דער היים איז ישראל־נח גע־זעסן ביים נאַכט־עסן און אַבאַ איז אויך געווען) האָט מיט אַ שיינענ־דיק פּנים אים דערלאַנגט אַ פּאַפּירל. דאָס איז געווען אַ „רעקאָמענדאַציע" פון וואָלבערגס פאַבריק, אויסגעשריבן אויף בנימינס נאָמען.

— נישט לייכט איז איר אָנגעקומען אַרויסצוקריגן פון ראָזנבלומען דעם דאָזיקן רעקאָמענדאַציע־בריוו. זי האָט דערמאָנט מיט אַ זיפץ איר שטיף־ברודער מאָריץ. איין גאָט זאָל איר צו הילף זיין, וואָס פאַרא שנאת־חינם דער מענטש טראָגט אויף איר.

אַלע זענען שטיל געוואָרן, און ס'איז זיך געווען משער צו זיין, אַז געגוג טרערן האָט די מאַמע דאָרט געמוזט פאַרגיסן ביז זי האָט אַרויס־געקריגן דעם צעטל.

פאַרזיכטיק ווי אַן אוצר האָט די מאַמע געהאַלטן אין האַנט דאָס גוטע פּאַפּירל, און זיך אָנגערופן:

— קינדער מיינע, ס'איז פאָרט גוט צו האָבן אַ ברודער, אַן אָנגע־זעענעם מענטש, ווי לייב־חיים למשל... אַבאַ האָט אויך אָנגעקוקט דעם ווייסן בויגן פּאַפּיר אויבן מיט דער פירמע „וואָלבערג און ראָזנבלום" און אונטן צום סוף דעם פירמע־שטעמפּל. ער האָט געזאָגט:

— נו, דאַרפסט שוין נישט זאָרגן, בנימין. ערשט וועסטו אומעטום קריגן אַרבעט.

אַזוי איז טאַקע געווען. איינער פון די גרעסטע פאַבריקאַנטן — אַראָנ־סאָן — האָט אין ניי־צוגעבויטן פליגל פון דער געביידע, וואָס אין איר קעלער שטייען די דאַמף־מאַשינען און אַרבעטן אויס טייל־שפּיצן און אַפּליקאַציע, געלאָזט ברענגען עטלעכע האַנט־מאַשינען. בנימין איז אַהינ־געגאַנגען, פאַרגעשטעלט זיין רעקאָמענדאַציע פון וואָלבערגס פאַבריק, און

ער איז צוגענומען געוואָרן אַלס שטיקער צו איינער פון די נייע מאַשינען, וואָס ווערן איצט אויפגעשטעלט.

באַלד ווי די מאַשין איז צוגעגרייט געוואָרן, האָט בנימין זיך געזעצט אַרבעטן און ס׳לעבן איז אַוועק ווי פריער: פול אַרבעט און צוריק־גע־ווונענעם יוגנט־מוט.

(סוף פון ערשטן טייל)

צווייטער טייל

א

דעם לעצטן שבת־צונאַכט, וואָס פאַר פורים, קומט פאָר דער טראַדי־ציאָנעלער שטיקער־באַל. יעדער פאַבריקאַנט מאַכט דעמאָלט פאַר זיינע אַרבעטער אַ באַל; ווער אין קאַנטאָר, וואָס ווערט דערצו אויסגערוימט, ווער אין אַ געדונגענעם טאַנץ־זאַל. אַ קליין פאַבריקאַנטל מאַכט עס ביי זיך אין שטוב.

אַראָנסאָן האָט דעם באַל פאַר זיינע שטיקערס געלאָזט איינאָרדענען אין גרויסן פלעט־חדר, דאָרט ווו אין די וואָכן־טעג זיצן שיקסעס אין ווייסע פאַרטוכער און פרעסן די אויסגעציקלטע שטיקעריי־שטרייפן אָדער פאַרפּאַקן די שטרייפן־שפּיצן און איינזאַצן מיט שפּילקעלעך און קלעפּן־אויף דעם באַנדעראָל פון דער פירמע. אָנטיילגענומען אין דעם באַל האָבן נישט נאָר שטיקערס אַליין, נאָר פון די מיידלעך־פעדלערקעס ביז — ביז אַדאָלף קאַרלין, אַראָנסאָנס געשעפטס־פירער. אויף דעם באַל האָט דער הער אַראָנסאָן געהאַלטן פאַר די אַרבעטער אַ רעדע, אַ זייער בילדלעכע רעדע, אין וועלכער ער האָט סך־הכל געזאָגט, אַז די פאַבריק דאָס איז זיין קאַטש, די שטיקערס — פערד, קאַרלין דער געשעפטס־פירער — דער אָנטרייבער. דער פריץ, וואָס זיצט אין קאַטש און ווערט געשלעפּט פון די פערד — איז ער אַליין... מאַקסימיליאַן אַראָנסאָן.

די שטיקערס האָבן דעם פאַבריקאַנט, אין דאַנק פאַרן באַל, נאָך דער רעדע געהויבן אין דער הייך און געשריגן ״הורא״.

אַז ס׳איז געוואָרן שפּעט ביינאַכט, האָט הער אַראָנסאָן אָנגעטון דאָס פוטער און אַהיימגעגאַנגען, איבערגעלאָזט די אַרבעטער אַליין זיך ווילן. נאָר אין קעשענע פון פוטער האָט דער הער אַראָנסאָן געפונען ליגן אַ פּאַפּירל וואָס עמעץ האָט אַהין אַריינגעלייגט, ווען דער פוטער איז גע־האָנגען אין דער פלעט־שטוב. אין דעם פּאַפּירל איז געווען אָנגעשריבן מיט בלייפעדער אויף יידיש אָט וואָס:

„הער אַראָנסאָן! אייערע שטיקערס זענען נישט קיין פערד — אַ פערד זענט איר אַליין, אַן אומנוצלעך קאַפּריזנע פערד זענט איר...״

דעם הער אַראָנסאָן האָט דאָס אונטערגעוואָרפענע בריוול אַ סך בייז בלוט פאַרשאַפט. אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך דער דאָזיקער אינהאַלט אים געבאָמבלט אין קאָפּ, און אין דער פרי, ביים ערשטן פרישטיק, וואָס ווערט אָפּגעהאַלטן אין בעט, האָט ער אַזש דער פרוי דערציילט:

— לעאָנאָראַ, — האָט ער געזאָגט — מיינע לויטע די זינד שאָן צו פרעך.

ביי דעם הער אַראָנסאָן איז אויסגעקומען, אַז דאָס בריוול איז די ערשטע שוואַלב, וואָס זאָגט אָן דעם בונט, וואָס וועט מאָרגן־איבערמאָרגן אויסברעכן ביי אים אין פאַבריק, און זיין פרוי, די יופּקע פון האַמבורג, האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם מאַנס שלעכטע נביאות. האַלטנדיק די האַנט אויפן פלאַטערדיקן האַרץ, האָט זי געשטאַמלט:

— אָבער מאַקס, דאָס איזט דאָך אונמעגליך...

און נאָך דעם זעלבן טאָג האָט אַראָנסאָן געלאָזט צוזאַמענרופן אַלע זיינע אַרבעטער און זיי אויפגעפאָדערט אַרויסצוגעבן דעם „פרעכן שורקע״, וואָס האָט אַזאַ שמוציקן אַנאָנים אונטערגעוואָרפן אין קעשענע פון זיין פוטער.

די אַרבעטער האָבן געשוויגן, נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער פאַבריקאַנט וויל פון זיי. זיי האָבן געהאָרכט, וואָס ער האָט צו זיי גערעדט, גע־צויגן די פּלייצעס און צוריקגעגאַנגען אַרבעטן, יעדער צו זיין מאַשין. נאָר דער עלטערער פון די צוויי ברידער כאַשקעס — הערש לייב — וועלכער געהערט צו אַ געהיים קרייזל פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַר־טיי — ער אַפּנים האָט יאָ אַ שייכות געהאַט צו דעם דאָזיקן אַנאָנימען בריוול. וואָרום ווען זיי, די צוויי ברידער, זענען צוזאַמען מיט די איבעריקע שטי־קערס צוריקגעגאַנגען פון קאַנטאָר, האָט דער יינגערער — מאָטל — אַ צופּ געטון דעם עלטערן ביים אַרבל און אַ מורמל געטון:

— אָבער ווי די פּאָר ווערטער באַדזשען אים.

און דערויף דער עלטערער מיט אַ שמייכל:

— זאָל עס אים קרענקען, דעם בלוט־זייגער.

— און די האַנטשריפט, וועט כאַטש קיינער נישט דערקענען? — פרעגט דער יינגערער אַ ביסל אומרויִק.

— אָ, ניין — ענטפערט דער עלטערער — קיינער דאָ האָט מיך נאָך נישט געזען שרייבן...

***

אין אַראָנסאָנס פאַבריק איז די אַרבעטס־צייט אַ ביסל מער נאָרמירט, ווי ערגעץ אַנדערש. דאָ אַרבעט מען נישט אין אָוונט ווי לאַנג איינער וויל, נאָר באַשטימטע שעהן — פון זעקס אין דער פרי ביז אַכט אין אָוונט, און הגם שטיקערס אַרבעטן נישט אויפן טאָג, נאָר פון „שטיק״, און זיי וואָלטן געדאַרפט זיין צופרידן, — איז עס אָבער נישט אַזוי; וואָלט מען זיי געלאָזט אַרבעטן ווי לאַנג איינער וויל, וואָלטן זיי טאַקע געאַרבעט, ווי אומעטום — ביז האַלבער נאַכט און נאָך לענגער. אַזוי אָבער ווי אַ פערטל אויף ניין מוז די פאַבריק שוין זיין געשלאָסן — זענען די שטי־קערס אויך צופרידן; מען איז צופרידן, וואָס מ׳גייט אַהיים, ווען די גע־וועלבער זענען נאָך אָפן און אין די גאַסן איז נאָך די געוויינלעכע באַווע־גונג, אָדער ווי מ׳רופט דאָס אויף פאַבריק־לשון: „ווען גאָט שלאָפט נאָך נישט״.

מיט פאָנטשערן טרעפט זיך בנימין אויך ווייטער. ביי פאָנטשערן אין פאַבריק קומט זיך צוזאַמען עטלעכע מאָל אין וואָך דאָס קרייזל, צו וועלכן בנימין געהערט אויך.

דאָס קרייזל האָט די מעגלעכקייט זיך צוזאַמענצוקומען ערשט שפּעט אין אָוונט, ווען מ׳דאַרף שוין נישט מורא צו האָבן פאַר אַ פרעמד אויג...

אין גאַנצן זאַל איז דעמאָלט שוין פינצטער. בלויז ביי פאָנטשערס מאַשין ברענען נאָך פעסע דער ראַצערינס רויכערדיקע לאָמפּן און זיי לאָזן אַרויס פליִענדיקע סאַזשע, ווי שוואַרצע שניי־גרייפּעלעך, אַזש דער אויסגעאַרבעטער שטאָף, די שטיקעריי־שטרייפן, וואָס זענען פייכט פון דער שיטערער זייף, קלעפּן אין זיך אָן די פליִענדיקע סאַזשע־פלאָקנס; דערפון ווערן די אויסגעאַרבעטע בלעטלעך, „ראָזעטן״ און פיין־געלע־כערטע „שטעגלס״ איינגעריסט שוואַרץ, ווי טרויער־לענטעס. נאָר שאָדן שאָדט דאָס נישט: אין קאָכעדיקן קעסל, ווען די „פלאַכטעס״ ווערן גע־קאָכט, כדי פון זיי די נאַטירלעכע רויע געלקייט אַרויסצוציִען — דאָרט ווערט אַלץ ריין, ווייס; בלויז די „יויך״ וואָס בלייבט אין קעסל, ווערט פון די פאַרריסטע „שטרייפן״ אַ ביסל טריבער און די דינסטן וואָס קויפן דאָס

שאַרפֿע וואַסער די דילן צו שאַרעווען, ווילן דאָס טונקעלע וואַסער נישט געבן קויפֿן.

ווען דאָס קרייזל קומט זיך צונויף, זיצט נאָך פֿאָנטשער און אַרבעט געשמאַק און די פּעדלערס זיינע ציִען נאָך איין פּעדעם. די קרייזל־חברים, עטלעכע שטיקערס פֿון פֿאַרשידענע פֿאַבריקן — אַלץ בחורים — פֿאַר־דריסט, וואָס פֿאָנטשער לאָזט זיי אַזוי לאַנג וואַרטן. זיי שושקען זיך מיט פֿאַראיבל, אַז דעם גאַנצן טאָג, ווען מ׳דאַרף אַרבעטן און די צייט איז צו אַרבעטן — דרייט זיך פֿאָנטשער אַרום ליידיק, און ביינאַכט, ווען אַלע גייען אַהיים, הייבט זיך ביי אים ערשט אָן דער אַרבעטס־טאָג.

סוף כל סוף שיקט פֿאָנטשער אַהיים די פּעדלערס, לעשט אויס אַלע לאָמפּן, איבערלאָזנדיק ברענען נאָר דעם איינעם אויפֿן פּעדל־טיש. אַלע זעצן זיך אַרום און פֿאָנטשער נעמט מיט זיי לערנען. ער לייענט זיי פֿאַר אומלעגאַלע בראָשורן, רעדט פֿאַר זיי וועגן סאָציאַליזם און קלערט זיי אויף, פֿאַרטיפֿט אין זיי דאָס קלאַסן־באַוווּסטזיין.

בנימין רעכנט זיך פֿאַרן ערשטן אין קרייזל. אַ סך מאָל האָט ער שוין פֿאַרטרעטן פֿאָנטשערן, ווען יענער האָט נישט געקענט בלייבן ביז שפּעט אין דער נאַכט ביים קרייזל.

בנימין ווייסט שוין איצט, וואָס עס איז אַזוינס סאָציאַליזם, און פֿאַר־וואָס די פּרעדיקער פֿון דער קאָמונע זענען דורכגעפֿאַלן מיט זייער קאָ־מוניזם־אידעע, ווייל דאָס איז אַן אוטאָפּיע... אויך באַקונינס טעאָריע קען נישט אויסגעפֿירט ווערן, ווייל זי באַזירט זיך נישט אויפֿן היסטאָרישן מאַ־טעריאַליזם. די פּאַריזער קאָמונע איז פֿון ערשטן טאָג אָן געווען פֿאַרמשפּט, און וואָלט נישט די בעסטיע טיער זי אומגעברענגט, וואָלט זי אויך נישט געקענט עקזיסטירן, הגם די קאָמונאַרן זענען געווען מוטיקע און איידעלע קעמפּער.

און ראָבערט אָווען און סען סימאָן און פֿוריע און פּרודאָן — זיי אַלע זענען געווען אוטאָפּיסטן... און עקאָנאָמישער קאַמף אָן פּאָליטישן, קען גאָרנישט געמאָלט זיין. דער אַרבעטער־קלאַס, דער שאַפֿער פֿון אַלץ־דינג, מוז קריגן די דעה איבער דעם לעבן; דער אַרבעטער־קלאַס איז דער פּראָדוצירער, אָן אים „שטייען אַלע רעדער שטיל“ — ווי עס זינגט זיך אי־נעם אַרבעטער־ליד:

— וואָס וואָלט די וועלט געווען אָן אַרבעטער? — אַ וויסטעניש, אַ מדבר.

בנימינס קרייזל האָט צום ערשט געהערט צו דער „פוילישער סאָציאַ־ליסטישער פאַרטיי״; וואָס אייגנטלעך די דאָזיקע פאַרטיי וויל, וואָס איר פּראָגראַם איז — האָט קיינער פון זיי נישט געגוי געוווּסט. פּאַנטשער אַליין אויך נישט. אַמאָל איז געקומען צו פּאָרן איינער אַ פרעמדער בחור, אַ ליט־וואַק אין אַ שוואַרץ העמדל. האָט ער בייגעוויזנט אַ קרייזל־זיצונג און דער־קלערט דאָס פּראָגראַם פון דער „פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי״. אַז זי פאַרקריכט אַזש אין דער סאַמע געדיכטער טיפעניש פון פוילישן נאַציאָנאַליזם. דערנאָך האָט ער ברייט אַנטוויקלט דאָס פּראָגראַם פון דער פאַרטיי, צו וועלכער ער געהערט. דאָס איז אַ פאַראייניקונג פון די ייִדישע אַרבעטער פון רוסלאַנד, ליטע און פוילן, אונטער דער פאָן פון אַ ייִדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע. און כאָטש דער צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט זיך נאָך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע — לעבט זי פאָרט, עקזיסטירט, אַנטוויקלט זיך, און נעמט אַרונטער אונטער אירע פליגל אַלץ גרעסערע מאַסן אַרבעטערס, ייִדישע אַרבעטערס.

בנימין ווייסט שוין, צו וועלכער פאַרטיי ער געהערט, וואָס איר פּראָגראַם איז, און אַז קאַרל מאַרקס איז דער באַגרינדער, דער טעאָרעטי־קער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, אַז דעם סאָציאַליזם קען מען נישט דערנענטערן מיט קיין גוואַלט־מיטלען, מיט טעראָר, נאָר ווען די צייט וועט קומען — ביי דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, אַדאַנק דער אַנט־וויקלונג פון דער טעכניק — וועט דער סאָציאַליזם אָנקומען. ווי אַ זו־מערדיקער פרימאָרגן וועט ער אָנקומען! נאָר קודם מוזן די אַרבעטער זיין גרייט אים אויפצונעמען, מוזן זיין באַוווּסטזיניק, און דערווייל זיך אויס־קעמפן דעם מינימום — אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעט־טאָג און בעסערע באַדינגונגען.

דער איינציקער פון גאַנצן קרייזל, וואָס איז אויך ווייטער געבליבן ביי דער „פוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי״, איז גדליה שעראַדזער — אַ קליינער, דאַרער בחור און אַ גרויסער העזהניק — ער אַרבעט אין שכנות פון בנימינען. דער דאָזיקער גדליה שעראַדזשער אַטאַקירט שטענ־דיק בנימינען מיט זיינע חברים: „נאַציאָנאַליסטן״ רופט ער זיי, קרומע מוחות, „שאָוויניסטן״ און ער, גדליה, איז זיינע פריערדיקע חברים אַ שונא אויף ס׳לעבן. ער ווייסט אַפילו, ווו זייער קרייזל קומט זיך צוזאַמען, און ער קלייבט זיך אַרויסצורופן פּאַנטשערן אויף אַ דיספּוט. פּאַנטשער

לאַכט דערפון, ער רופט אים: מינדעריעריק יינגל, וואָס ווייסט נאָך אפילו נישט דעם אלף־בית פון סאָציאַליזם.

אין גינגאָלדס פאַבריק, ווו פאַנטשער אַרבעט, איז אין גאַנצן נישטאָ קיין פאַבריק־סטרוזש. עפּעס איז יאָ דאָ אַ סטרוזש, נאָר ער האָט צו טון בלויז מיטן מיסטקאַסטן און רינשטאָק. צו דער פאַבריק האָט ער קיין שום אָנגעהער נישט; קומט אויס, אַז ווער פון די שטיקערס עס גייט אַהיים דער לעצטער — דער שליסט צו און נעמט מיט זיך מיט דעם שליסל. איז דערפאַר טאָקע זייער באַקוועם דאָרט אָפּצוהאַלטן די קרייזלעך און קיינער זאָל גאָרנישט וויסן.

אַז מ׳גייט אַהיים פון „קרייזל״, איז שוין שפּעט ביינאַכט. אין עק גאַס גייט אַרויף און אַראָפּ דער „סטראַזשניק״, אַ באַוואָפנטער מיט שווערד און רעוואָלווער ביי דער זייט; צי קאָן ער גאָר וויסן, אַט דער צאַרישער דינער, אַז דאָ, הינטער זיין נאָז, ווערט געשאַפן אַ געווער קעגן צאַריזם, קעגן דער זעלבסטהערשונג, וועלכע ער באַשיצט? ניין, דאָס ווייסט ע ר נישט. צי קאָן אים גאָר איינפאַלן, אַז אָט די עטלעכע יידישע אַרבעטער, וואָס גייען פאַרביי אים פון אַ פאַבריק — זענען סאָציאַליסטן, אונטער־גראָבער פון זעלבסטהערשעריש טראָן?... און דערפאַר, וואָס ער ווייסט דאָס נישט, פילסטו אַזאַ היימלעכקייט אין האַרץ, אַזש אַ פריילעכקייט און ס׳וואָלט זיך דיר געוואָלט לאַכן אויפן קול — נאָר קיינער טוט דאָס נישט. מ׳גייט פאַרביי געלאַסן, ווי עס פאַסט פאַר באַוווסטזיניקע אַרבעטער.

ווען מ׳צעשיידט זיך, גיט מען זיך די הענט מיט אַ שטומען פעסטן דריק און יעדער גייט זיך זיין וועג.

***

ישראל־נח איז שוין אויך אַביסל אַנדערש, ווי ער איז געווען. ער אינ־טערעסירט זיך שוין אויך אַביסל מיט אַרבעטער־פראַגן, לייענט אַ מאָל אַ דורך אַ בראָשור אָדער אַ פּראָקלאַמאַציע, דאָך האַלט ער זיך נאָך ביי דאָס זייניקע, אַז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק ליידט מער, ווי דער אַרבעטער־קלאַס. אין דער אויסלייזונג פון פאָלק ליגט שוין אויך די אויסלייזונג פון יידישן אַרבעטער.

אין ארץ־ישראל — זאָגט ישראל־נח — וועט קיין מאָל נישט הערשן אַזאַ פינצטערע רעאַקציע, ווי אין רוסלאַנד. יידן זענען נישט קיין קאַ־

צאַפּעס און די ייִדישע בורזשואַזיע, אַפילו דער ייִדישער קלער זענען נישט אַזוי קאַמפּלוסטיק, ווי די גויִים...

בנימין שמייכלט. „די ייִדישע בורזשואַזיע און דער ייִדישער קלער זע־נען נישט קאַמפּלוסטיק" — אַז זיי ליגן געפּענטעט און קאַרטשען זיך אונטער דער בייטש פון דעספּאָטיזם, זענען זיי געוויס נישט קאַמפּלוסטיק. זאָל מען זיי נאָר אַביסל לויז לאָזן פון די קייטן פון צאַריזם, אָ, האָ! זיי וועלן באַלד באַווייזן זייערע ציין און נעגל, גאַרנישט אַנדערש ווי ביי אַנ־דערע פעלקער.

אין דער היים פירט זיך אַלץ ווי געוועזן. מלכהן רעדט מען שידוכים, און זי וואָלט שוין לאַנג אַ כלה געוואָרן, נאָר די מאַמע קאָן נישט צוזאָגן קיין נדן, ווייל... זי ווייסט נישט פון וואַנען זי וועט האָבן צו סילוקן.

די מאַמע האָט אַ גרונט מורא צו האָבן. איצט, ווען איר רייכער ברודער לייב־חיים איז ברוגז אויף איר, ווייל איר זון, בנימין, האָט ביי אים צעבונטעוועט די פאַבריק, וועט ער זיך מער נישט וועלן „צובייגן", אַז מלכה זאָל קענען אַ כלה ווערן.

אַנומלט, ווען בנימין איז אַהיימגעקומען מיטיק עסן, האָט אים די מאַמע געבעטן היינט אַביסל פריִער אַהיימצוקומען פון דער ארבעט, וואָ־רום עמעץ וועט קומען „אָנקוקן" מלכהן.

אין אָוונט איז טאַקע געקומען אַ מוטער מיט אַ זון. דאָס איז געווען אַ בחור אין לאַנגע מלבושים און מיט אַ העל פלאַקס־בערדל — אַ שטיקער, אַ נישט גוטער בעל־מלאכה. בנימין קען אים פון דער ווייטנס. ער ווייסט, אַז ער אַרבעט ביי פּעסע די ראָצערין אין פאַבריק, אַ שטאָק העכער פון פאָנטשערן, ער הייסט זעליק, און מ'רופט אים „דער משוגענער זעליק", צוליב זיינע מאָדנע גרימאַסן און ווייל ער רעדט כאַפּעדיק, נישט קלאָר.

מלכה איז אפנים זיי אָנגעשטאַנען. דעם בחורס מוטער האָט צו איר גערעדט פריינדלעך, זי טיטולירט „טאָכטערלע" און געווונקען צום זון, ער זאָל אויך עפּעס רעדן. נאָר אַז ס'איז געקומען צו אַ שמועס מכוח נדן און די מאַמע האָט גערעדט עפּעס האַלבע ווערטער, נישט אַהין, נישט אַהער — זענען די ייִדענע מיטן זון מיט אַ מאָל געוואָרן קאַלט און קאַרג אויף אַ וואָרט. זיי האָבן זיך גיך געזעגנט, צוזאָגנדיק — פאַר יוצא וועגן — נאָך אַ מאָל צו קומען, און דער מאַמעס האָפענונג איז ווידער צערונען געוואָרן.

דערנאָך, עטלעכע וואָכן נאָך דעם, איז עפּעס אַ באַלעבאַטיש זונדל,

וואָס די מוטער זיינע האָט עטלעכע מאַשינען, געוואָרן אַן איינגייער אין שטוב. תחילת זוכט ער כלומרשט ווען אַהיימצוגעבן „פלאַכטעס" צום פאַרריכטן, און שפּעטער שוין גלאַט אַזוי, אַביסל שמועסן... ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס קומט ער צוליבן מלכהן, און די מאַמע האָט ווידער גענומען האָפן.

דער דאָזיקער בחור איז אַ צייט געקומען עטלעכע מאָל אין וואָך, טיילמאָל אויך טעגלעך, יעדן אָוונט, געוואָרן אין שטוב אַלץ היימישער, און די מאַמע האָט דערלויבט ער זאָל מיט מלכהן אַראָפּגיין אַביסל שפּאַצירן.

נאָר איין מאָל אין אָוונט איז מלכה צוריקגעקומען פון אַזאַ שפּאַציר רויט און צעפּלאָמט, האָט געהאַט טרערן אין די אויגן, און פאַרטרויט דער מאַמען, אַז יענער האָט זי באַליידיקט, זיך באַגאַנגען מיט איר, ווי מיט אַ שיקסע פון גאַס. ער האָט דווקא חשק געהאַט, זי זאָל מיט אים גיין איצט אין אָוונט אינעם וועלדל, וואָס נעבן פּאַרק... ס'האָט שוין אַזוי געהאַלטן, אַז זי האָט אים איבערגעלאָזט און איז אַנטלאָפן.

בנימין האָט פון דעם אַלעם גאָרנישט געוווּסט. עטלעכע אָוונטן שפּעטער, אין אַ שבת-צו-נאַכט, ווען דאָס געזינד איז געזעסן אַרום טיש ביי נאַכטעסן, איז דער דאָזיקער פּאַצעט ווידער אַריינגעקומען, ווי זיין שטייגער, מיט אַ האַלב-היימישן „גוטנאָוונט". דעמאָלט האָט ישראל-נח — ער האָט אַפּנים געוווּסט — זיך דערהויבן פון טיש, צוגעגאַנגען, געעפנט די טיר און אַן צערעמאָניעס יענעם באַפוילן זיך אָפּצוטראָגן, נאָר גיך, שויןן!

די מאַמע איז נאָך דעם געזעסן ביים טיש שטום, ווי די וואַנט, און זי האָט נישט געוווּסט, צי עס דאַרף איר הנאה טון, אָדער זי דאַרף באַדויערן. נאָר גיכער איז זי נוטה געווען צו האָבן עגמת-נפש, פאַרוואָס ישראל-נח האָט יענעם פאַרטריבן פון שטוב. איר פאַראומערט, פאַרשוויגן פּנים האָט עס דערציילט.

ב

הגם בנימין האָט שוין גוט געקענט די שאָטן-זייטן פון דער אַרבעט האָט ער פון דעסטוועגן געוווּסט נאָר דאָס, אַז די אַרבעט ווערט שלעכט באַצאָלט און די פאַבריקאַנטן באַרייסן מיט אָפּצוגן. דעריבער מוז מען אַרבעטן אַ לאַנגן אַרבעט-טאָג. אַז די דאָזיקע קאַטאָרגע נאָגט אויס דאָס בלוט פונעם מענטשן און יאָר-יערלעך פאַלט אָוועק אַ גרויסער פּראָצענט

שטיקערס פון שווינדזוכט און בלוט־שטורצן — דאָס האָט בנימין געוווּסט בלויז פון הערן. אין דעם סאָציאַליסטישן קרייזל האָט ער דאָס אַזוי נאָכ־געררעדט, אַלס באַווייז פון דער שלעכטער לאַגע פון די אַרבעטער — לשם פּראָפּאַגאַנדע פאַרן סאָציאַליזם. — זעען מיט די אייגענע אויגן אַן אַוועק־געפאַלענעם פון אַ בלוט־שטורץ איז בנימינען דאָס ערשטע מאָל אויס־געקומען ביי אַראַנסאָנען אין פאַבריק. גראָד אין דער פאַבריק, ווו די ריינלעכקייט, גערוימקייט און הויכקייט פון די חדרים איז געווען אַ ביסל בעסער, ווי אַנדערשוווּ, און דער אַרבעט־טאָג איז אויך נישט געווען אַ בעסערער.

אָט דאָ, אין אַראַנסאָנס פאַבריק, איז בנימינען באַלד די ערשטע פּאָר וואָכן אויסגעקומען בייצוווינען דאָס שווידערלעכע. דער קרבן איז געווען אפשר אַ ניינצן־יעריק בחורל — אַ שטיקער מיט אַ קלאָר פּנים, מיט רויטע בעקלעך און גראָע אָפענע אויגן. ער האָט געאַרבעט אויף איינער פון די נייע מאַשינען אין שכנותדיקן זאַל פון בנימינען. געאַרבעט האָט ער שטיל און אין פאַבריק האָט נאָך קיינער נישט געוווּסט, ווי ער הייסט; זעלטן ווער עס האָט געוווּסט, אַז ער איז אַ יתום, אַן אַ פאָטער, געקומען אַהער פון אַ שטעטל, אַז די וואָס פעדלען ביי אים זענען זיינע אייגענע ברידער און שוועסטער און ער איז ביי דער מוטער דער אלמנה — דער עלטסטער זון, דער פּרנסה־געבער.

ס׳איז געווען אַרום האַלבן טאָג, די לעצטע וואָך פאַר פּסח. אַלע מאַ־שינען זענען געגאַנגען, יעדער האָט געאַרבעט מיט התמדה, און דאָס איבערשרייען זיך אויף אַ קול צווישן שכנים איז אויך נישט געווען צו הערן.

ס׳איז די לעצטע טעג פון „זמן“. שטיקערס זענען להוט אַריינצו־כאַפּן נאָך אַ „שפּאַן“, פאַרדינען נאָך עטלעכע רובל אויף יום־טוב. דער קאָפּ קאָמבינירט, טראַכט, רעכנט, ווי אַזוי אויסצושפּאַנען וואָס פריִער און נאָכאַמאָל אויפשפּאַנען — „אַריינכאַפּן“ נאָך אַ שפּאַן, כאָטש אַ קליינעם שפּאַן, שיטערע מוסטערן, וויניק שטיק, אַבי האָבן נאָך איין שפּאַן צו דער אויסצאָלונג.

ווידער די פעדלערינס, האָט זיך אויך יעדע אירע זאָרגן פון פאַר פּסח: צי וועט די מאָדיסטקע דאָס זומער־היטעלע מאַכן, און די שניידערין זאָל נישט „פאַרפירן“, איבערלאָזן ס׳פּאַרטיק מאַכן דאָס קליידל אויף נאָך

יום־טוב — איטלעכער אין פאַבריק האָט זיך דעמאָלט זיין זאָרג. און יעדער איז געזעסן שטיל און געאַרבעט.

אין דרויסן איז געווען אַ זוניק וואַרעמער טאָג, ווי עס טרעפט פאַר פסח — ביי טייל מאַשינען זענען געווען אָפן די פענצטער. די זון האָט זיך אַהין אַריינגעריסן מיט איר גאַנצער לייטזעליקייט; ביי טייל ווידער — זענען געווען אַראָפּגעלאָזט די ראָלעטן פון גראָבער זאַק־לייוונט — די שטראַלן זאָלן חלילה נישט אַריינדרינגען; פאַראַנען אַזעלכע, וואָס קענען נישט פאַרטראָגן די זון, די שטראַלן שאָדן צו די אויגן, מאַכן קאַליע די ראיה, שטעכן אין פנים, — פאַריאָגט מען זיי, די מילדע פרילינג־שטראַלן, מ׳גיט זיי נישט קיין צוטריט דורך די אַראָפּגעלאָזטע גראָבע ראָלעטן; מ׳האָט ליב דאָס זיצן אין דער טונקל. עס אַרבעט זיך געשמאַקער.

עס איז געווען אַ שיינער פאַר פסח. ס׳האָט זיך געפילט דער נאָענ־טער יום־טוב. ס׳איז געווען שטיל, און מער ווי דעם ריטמישן טעמפּ פון די בראַזגעדיקע מאַשינען האָט מען נישט געהערט; ס׳האָט געקענט זיין אַ זייגער צוועלף צי אפשר האַלב איינס און מיט אַמאָל האָבן זיך דער־טראָגן יאָמער־קולות, אַ געוויין, ווי מ׳באַקלאָגט עמעצן ביי יציאת־נשמה. עס איז געוואָרן אַ געלויף, שטיקערס, פעדלערס האָבן גיך פאַרלאָזט די מאַשינען און פעדל־טישלעך, געלאָפן אַ קוק טון, וואָס עס איז געשען.

בנימין האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר — אַ חוץ דעם מיידל איז קיינער נישט געווען צו זען. ער האָט זי מיט אויפגעריסענע אויגן אָנגעקוקט. דערווייל האָט דער עולם פאַרביי געאיילט דעם יאָמערדיקן מיידל און אַריין אין דער אָפענער טיר פונעם שכנותדיקן מאַשינען־חדר. ער איז אויך אַריין אַהין. אַרום איין מאַשין זענען אַלע שטיין געבליבן און זיך געדריקט איינס אויף ס׳אַנדערע, געפּרוווט זיך מאַכן אַ רינג מיט די עלעבויגנס. האָט מען זיך ענדלעך דורכגעקריגן האָט מען דערזען ליגן אויף דער ערד אַ בחור מיט אַרויפגעשאַרצטע אַרבל, ווי ביי דער אַרבעט. ער איז געלעגן מיט אַ געל פנים און פאַרמאַכטע אויגן, די רויטע פלאַמען אויף די באַקן מיט בלוילעכן אָפּגלאַנץ האָבן דערמאָנט אָן דער מערב־רויט־קייט אויפן האָריזאָנט אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט. פון מויל האָט זיך אים נאָך געצויגן אַ שנירל בלוט.

מיט אַ ווילדן אימפּעט איז געקומען צו לויפן אַ ייִדענע — די מוטער. אַן אַראָפּגעפאַלן טיכל האָט זיך איר נאָכגעשלעפּט פון אַקסל. נאָך איר עטלעכע קינדער, קליינע און גרעסערע, אַלע מיט געשרייען און געוויין.

דער עולם אַרום האָט זיך צעטיילט, געמאַכט אַ פרייען דורכגאַנג פאַר דער משפחה. ס׳זענען געקומען אָנצולויפן אַלץ מער מענטשן. אויף די געוואַלדן איז פון קאַנטאָר אָנגעקומען קאַרלין דער געשעפטס־פירער, לייזעראָוויטש דער בוכהאַלטער און קיווקע, דעם פאַבריקאַנטס אַ קרוב און געהילפס־בוכהאַלטער. און אַז אַלע אַרום זענען געשטאַנען און שווייגנדיק צוגעהערט דער מוטערס און די קינדערס האַרצרייסנדיקע געשרייען און קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, האָט מען הויך אַ זאָג געטון:

— שטייען אַרום און קוקן, ווי די בהמות, לאָזן אַ מענטשן אויסגיין און ראַטעווען נישט!

האָבן זיך עטלעכע אַ לאָז געטון אַראָפּ אויפן הויף מיט די קאַווע־קענדלעך נאָך וואַסער צום פּלומפּ, אַנדערע האָבן דעם פאַרחלשטן דער־הויבן פון דער ערד. דער עולם אַרום איז אָפּגעטרעטן, זיך צערוקט. מ׳האָט דעם אַוועקגעפאַלענעם גענומען אויף די הענט, אַרויסגעטראָגן אין הויז, און אַז מען איז געקומען אַ שטאָק נידעריקער, האָט מען אים גענומען אַריינטראָגן אין קאַנטאָר, כדי דער דאָקטאָר, נאָך וועלכן מ׳האָט געשיקט, זאָל אים דאָרט דערראַטעווען. דערנאָך וועט מען אים אַוועקנעמען אַהיים אָדער אין שפּיטאָל אַריין.

אין דער געעפנטער קאַנטאָר־טיר, ווו מ׳האָט אָנגעהויבן אַריינטראָגן די אומהיימלעכע משא, איז געשטאַנען דער פאַבריקאַנט אַראָנסאָן מיט די אויסגעשטעלטע ביסטרע אויגן. ער האָט נישט דערלויבט אַהין אַריינטראָגן:

— היער ניכט!

מיטן פאַרחלשטן אויף די הענט איז דער עולם שטיין געבליבן.

קיווקע, וועלכער איז קענטיק געווען גערירט פון דעם געשעעניש, האָט זיך נישט דרייסט אָנגערופן:

— אָנקל, נאָר אויף אַ פּאָר מינוט, דער דאָקטאָר וועט נאָר אונטער־זוכן, וועלן זיי אים אַוועקטראָגן.

— היער ניכט — האָט אַראָנסאָן איבערגעחזרט, — דאָ איז נישט קיין קראַנקן־הויז. — און ער איז אַריינגעגאַנגען און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

אין דער פלעט־שטוב אפשר? — האָט לייזעראָוויטש דער בוכהאַלטער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט און אָנגעקוקט קאַרלינען, צי ער איז מסכים.

קאַרלין האָט בלויז אַ צי געטון מיט די פּלייצעס, גאַרנישט געזאָגט, און אַלע דריי זענען צוריק אַריינגעגאַנגען אין קאַנטאָר.

איצט, אַז די קאַנטאָר־לייט זענען שוין נישט געווען, האָבן שוין אַלע געפּלוידערט:

— אין דער פּלעט־שטוב...

— אין דער פּלעט־שטוב לאָמיר אים אַראָפּטראָגן...

דער עולם, וואָס איז נאָך געשטאַנען פאַרגליווערט פון אַראָנסאָנס אָפּזאָג, האָט זיך אַ ריר געטון, גענומען אַראָפּגיין; דאָס קליינוואַרג, פעד־לערס, איז געלאָפן פאָרויס. פאַר זיי איז דאָס קודם־כל געווען אַ שטיקל געטועכץ, אַן איבעררייס אין דעם מאָנאָטאָנעם פאַבריק־לעבן. די מוטער, די ברידערלעך און שוועסטער האָבן זיך פריש צעלאָזט אין אַ געוויין און מ׳איז געגאַנגען אַראָפּ פון די שטיגן.

אָבער אין דער פּלעט־שטוב האָבן די שיקסעס נישט געהאַט קיין חשק צו לאָזן אַריינטראָגן דעם געהלשטן. דאָ זענען די שטיקערס שוין נישט געווען אַזעלכע שטילע, געוואָלט מיט כוח זיך אַריינרייסן, אָבער די שיק־סעס זענען אַלע אַרויסגעקומען, פאַרשליסנדיק הינטער זיך די טיר. זיי האָבן זיך פאַרענטפערט, אַז זיי קענען נישט אַריינלאָזן, דרינען ליגט אַ סך סחורה צום פּלעטן. אויב עס וועט דערנאָך עפּעס פעלן אָדער נאָר בלויז פאַרשמוצט ווערן, זענען זיי, די פּלעטערינס פאַראַנטוואָרטלעך.

מ׳האָט קוים געפּועלט אַרויסצוקריגן אַ קויבער אַ גרויסן, וואָס דערין טראָגט מען אין קאַנטאָר אַריין די פאַרטיקע סחורה, די געפּלעטע און פאַרפּאַקטע; אַ געררוימער פירקאַנטיקער קויבער, ווי אַ קאַסטן, מיט אויערן איןביידע זייטן. מ׳האָט פאָרזיכטיק אהין אַריינגעלייגט דעם קראַנקן, וואָס פון מויל האָט זיך אים ווידער אָנגעהויבן ציִען אַ רויט שנירל בלוט. צוויי האָבן אָנגענומען ביי די אויערן, אַנדערע צוויי זענען געגאַנגען פון ביידע זייטן — און אַזוי איז מען שטילשווייגנדיק אַוועק מיטן קראַנקן איבער די באַלעבטע גאַסן, צום ייִדישן שפּיטאָל.

די זון, די פאַר־פּסחדיקע וואַרעמע זון, איז פאַרשוווּנדן, זיך באַ־האַלטן הינטער אַ כמאַרע, ווי זי וואָלט זיך געשעמט צו באַלייכטן אָט די טרויעריקע פּראָצעסיע... פאָרזיכטיק האָט מען געטראָגן דעם קויבער, נידעריק צו דער ערד, זיך געהיט נישט אַ טרייסל צו טון. די נאָכגייערס זענען געווען שטיל, מיט פאַרמרהשחורהטע פּנימער.

בנימין איז געגאַנגען צווישן אַלע. ערשט האָט ער ריכטיק דערפילט דעם תהום פון בלוט און טרערן, אין וועלכן ער געפינט זיך. ער מיט אָט די אַלע, וואָס גייען לעבן אים. דאָ איז שוין נישט געווען עפּעס אַרויס־

געלייענטס פון אַ ביכל, נאָר דאָס סאַמע נאַקעטע, גרויזאַמע. זיי, די פאַ־בריקאַנטן, פאַר זיי איז די פאַבריק אַ גאָלד־גראָבן, אַ שמאַלץ־גרוב, פון וואָס זיי ווערן יאָר־יערלעך רייכער, און פאַר אונדז, אַרבעטער, איז די פאַבריק דער מולך, דער אָפּגאָט, צו וועמען מיר זענען מקריב אונדזערע לייבער, פאַר די מאָגערע ברעקלעך ברויט, וואָס ער וואַרפט אונדז צו; ער, דער „מולך", פרעסט אונדזערע לונגען און זויפט אונדזער בלוט.

און אַ טיפער האַס האָט אין אים זיך געשלענגלט, אַ האַס צו יענע, וואָס פּראָפּיטירן פון מענטשלעך בלוט, וואָס טוען זיך אָן וווילטאָג, פּוצן אויס זייערע ווייבער און טעכטער מיט די טראָפּנס מענטשן־בלוט.

און געווען איז דאָס אַ האַס וואָס איז פון אויבן פאַרדעקט מיט אַ שטילער רויִקייט, פּונקט אַזאַ ווי די לאַווע, וואָס זיצט אין בויך פון דער ערד, אין דער טיפסטער טיף. אַז זי וועט — און זי וועט זיכער — אַמאָל אויסברעכן, וועט זי פאַרציקן אַלץ, אָן שום רחמנות, זיך נוקם זיין פאַר אַלע דורות אומשולדיקע קרבנות, קרבנות פון מענטשנס אומרעכט.

ג

די רעוואָלוציאָנערע אידייען זענען אַלץ טיפער אַריינגעדרונגען צווישן די מענטשן; דאָ און דאָרט האָבן זיי זיך באַוויזן ביי אַזעלכע, וואָס ס'איז גאָר אוממעגלעך געווען צו פאַרשטיין, ווי דאָס קומט צו זיי; פּונקט ווי אַ קוואַל, וואָס באַווייזט זיך פּלוצלינג אויף אַן אָרט, וווּ מ'ריכט זיך גאָרנישט, אָדער ווי די ערב פרילינג־גרעזלעך, וואָס שפּראָצן אַרויס אַפילו פון שפּאַלטן צווישן שטיינער. אין פאַבריק, וווּ אַלע נייעסן פון שטאָט דרינגען אַריין בליצשנעל, האָט מען דערציילט, אַז ביים באַנקיר ליליענ־טאַלס טאָכטער, צוריקקומענדיק פון דער שווייץ, וווּ זי שטודירט, האָט מען אויף דער גרענעץ צווישן באַגאַזש געפונען רעוואָלוציאָנערע ליטע־ראַטור. מען האָט זי איינגעזעצט אין טורמע, און קובאַ דער גימנאַזיסט, וואָס האָט סטאַנציע ביי דער מאַמעס אַ קרובה, האָט אָנגעהויבן זיך טרעפן מיט בנימינען און כלומרשט דורך סתם שמועסן, אים געגומען אָנרעדן צו אומלעגאַלער אַרבעט, נישט דערמאָנענדיק גאָר, אַז בנימין ווייסט, אַז עס עקזיסטירט אַ געהיים שילער־קרייזל.

מ'האָט באַשיימפּערלעך געזען, ווי די רעוואָלוציאָנערע רייען וואַקסן.

די אַרבעטער־באַוועגונג איז דעמאָלט שוין מער וויניקער אַרויס פון די „מויזנלעכער". ס׳האָבן עקזיסטירט עטלעכע קרייזלעך, און ס׳זענען צוגעקומען נאָך.

אַראַנסאָנס פאַבריק איז געווען די פעסטונג פון דער „פוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי". מיט זיי האָבן אָנגעפירט די ברידער כאַשקעס און גדליה שעראַדזער. בנימין, ווידער, האָט אָנגעפירט מיט אַ „קרייז" אין וואָלבערגס פאַבריק, ווייל דאָרט האָט ער געהאַט אָנהענגער פון דער צייט, ווען ער האָט דאָרט געאַרבעט. צוזאַמען מיט פאַנטשערן האָבן זיי אַנטוויקלט אַ שטאַרקע טעטיקייט.

אין שטאָט האָט מען שוין נישט גערעדט מיט אַזאַ צאָרן און שרעק פון די „אחדות־יונגען"; ס׳האָבן זיך שוין געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט „זיי" צו פאַרטיידיקן, אַז אַלץ וואָלט געווען גוט, אויב זיי וואָלטן זיך נאָר נישט פאַרטשעפּעט מיטן קייסער...

מנשה וואָלבערג האָט זיך אויך שוין געהאַלטן פאַר אַ רעוואָלוציאָנער. ער האָט נאָך נישט געהערט צו קיין פאַרטיי. אָבער ער האָט אַ סך גע־פּלוידערט, געשיט מיט כלומרשט רעוואָלוציאָנערע פלאַפּלערייען... איין מאָל, שבתביים טיש, איז צוליב מנשהן געקומען צו אַ סקאַנדאַל. מנשה האָט געכאַפּט פון פאָטער די אָרנטלעכע פּאַר פּעטש, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז גאָט און דער קייסער זענען צוויי נישט נייטיקע פערזענלעכקייטן, אָן וועלכע מ׳קען זיך גאַנץ גוט באַגיין — און דער שבת־טיש איז געווען אַ געשטערטער.

אָבער דערנאָך, ווען מנשה איז אַריין אין אַ קרייזל פון דער „פּויליי־שער סאָציאַליסטישער פאַרטיי", האָט ער אַ ביסל אויפגעהערט צו פּלוישן; ער איז אַרומגעגאַנגען אין איין כעס און געזוכט צו פאַרטשעפּען די, וואָס זענען נישט מיט אים אין איין פאַרטיי.

די קרייזלעך, אַזוי פון דער „פּוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי" ווי פון דער „יידישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע", האָבן די גרעסטע מי געלייגט אויף אַגיטאַציע, געזוכט זי אויסצופּרייטן, צוצוקריגן אַלץ מער חברים. האָט זיך איין מאָל געטראָפן, אַז צווישן די „אויפגעשטיפטע" האָט זיך געפונען אויך אַבאַ, בנימינס קרוב, און דורך אָט דעם אַבאַ תּם איז שיער אַרויסגעקומען אַ צרה.

אַבאַ איז אַ פּראָסטער נפש, „אַזוי ווי דו קוקסט אים אָן, אַזוי איז ער". אַז מ׳האָט אָנגעהויבן מיט אים איינצוקנעלן דאָס, וואָס עס דאַרף

זיין דער „אַלף בית״ פון יעדן באַוווסטזיניקן אַרבעטער, האָט אַבאָ דאָס אויפגענומען אויף זיין פשוטן שטייגער, און אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען פונעם קרייזל, איז דעם ערשטן בעסטן באַקאַנטן, צי אַפילו נישט באַקאַנטן שטיקער, וואָס ער האָט באַגעגנט, האָט ער פאַר אים אַרויסגעשיט די תורה, וואָס מ׳האָט אָקערשט אין אים אַריינגעקנעלט: אַז די פאַבריקאַנטן זענען בלוטזייגערס און אַז די רבנים זענען נאָר כדי צו פאַרפינצטערן דעם קלאַסן־באַוווסטזיין פון אַרבעטער.

יענער, געווייינטלעך, איז אויך נישט שטום. זעענדיק אַז דעם יונג פירט מען אַראָפּ פון גוטן וועג, האָט ער גענומען אַבאָן אויפווייזן, אַז דער רמב״ם איז נאָך אפשר אויך געווען אַזוי קלוג, ווי די יונגען די לאָבוסעס, און פון דעסטוועגן איז ער געווען אַ ייִד...

— הע, — האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף אַבאָן — דער רמב״ם איז, דאַכט זיך, געווען אַ שטיקל ייִד, כ׳מיין עפּעס אַזוי? כאָטש ר׳איז געווען שני־למלך, און משה מאָנטעפיאָרע און דער באַראָן הירש, זיי אַלע זענען אויך נישט געווען אַזעלכע פּראָסטע נאַראָנים, און פאָרט זענען זיי געווען פרומע ייִדן...

און ער האָט נאָך אַבאָן גוט אויסגעשייגעצט, פאַרוואָס ער פלוידערט נאָך אַזעלכע מעשיות.

דערהערט אַזעלכע דבורים, איז אַבאָ מיט אָט דעם פּזמון געקומען צולויפן צו בנימינען, געטענהט אַז ער פירט אים אַראָפּ פון רעכטפאַרטיקן וועג. בנימין האָט ווידער געמוזט זיך אַוועקזעצן אויפסניי קנעלן מיט אַבאָן, אים קלאָר מאַכן, אַז פון רמב״ם ביז היינט זענען שוין אַוועק שיינע הונדערטער יאָרן, און פון דעמאָלט אָן איז די וועלט שוין היפּשלעך געגאַנגען פאָרויס... און נאָך האָט ער גערעדט, גרינטלעך אָפּגעשלאָגן יענעמס אַרגומענטן, און אין אַבאָן צוריק איינגעפלאַנצט אַ קערנדל קלאַסן־באַוווסטזיין.

אַבאָ אָבער איז ווידער געלאָפן אין גאַס און ווידער פאַר עמעצן, ווי אַ גראַמאָפאָן, אַרויסגעבעבעט אַלץ וואָס ער האָט אָקערשט געהערט. האָט מען אים ווידער אָפּגעווענדט, איז אַבאָ פון ס׳ביי געקומען צו בנימינען מיט אַ באַרג בייזע פּרעטענזיעס.

ס׳איז אַזוי ווייט געקומען, אַז שלמה, אַבאָס שוועסטערס מאַן, אויך אַ שטיקער, וואָס האָט ליב געהאַט דעם טרונק און מ׳האָט אים דערפאַר

גערופן „נעפּער״, האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט בנימינען איבערגעבן צו דער פּאָליציי. מ׳האָט דערפאַר געמוזט אָפּהאַקן מיט אַבאָן.

*****

דער פעטער לייב־חיים איז געווען שרעקלעך אין כעס. ער האָט געגלויבט, אַז די גאַנצע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין שטאָט שטאַמט נאָר פון בנימינען, נאָר פון אים. בנימין האָט הי פאַרזייט דעם שרעקלעכן זאָמען, די רעוואָלוציע. ווען נישט ער, וואָלט הי געווען אַ גאָטס־פאָרכטיקע יִידישע שטאָט, פול מיט דרך־ארץ און יִידישקייט, ווי אַמאָל...

צוליב בנימינען איז דער פעטער לייב־חיים אין כעס אויך אויף זיין שוועסטער, בנימינס מוטער, וואָס זי האָט דערצויגן אַזאַ זון. מחמת דעם איז שוין אויך געקומען צו אַ געווערטל צווישן דער אָרעמער שוועסטער און דעם רייכן ברודער.

זי, די מאַמע, וויפל זי באַפאַלט נישט די קינדער ביי זיך אין דער היים, ווערט זי אָבער שרעקלעך אויפגעבראַכט, ווען אַן אַנדערער דערוועגט זיך צו באַליידיקן אירס אַ קינד. האָט אַ מאָל לייב־חיים אַ זאָג געטון:

— איך שעם זיך אויסצוזאָגן, אַז דיין בנאָק איז גאָר מיינער אַ קרוב; צו האָבן אַזאַ יונג אין דער משפחה איז אַ חרפּה און אַ בושה.

— שעמסט דיך נאָך מער, ווי מיט אַ משומד? — פרעגט די מאַמע פאַרביסן, מיט דעם באַהאַלטענעם שטאָך, אַז דעם משומד לעאָפּאָלד עפּראָס, וואָס רעכנט זיך מיט איר און מיט לייב־חיימען שטיקלעך קרובים, אים מיידט לייב־חיים גאָרנישט אויס און איז מיט אים אין גוטע באַציִונגען.

— יאָ! — שרייט לייב־חיים אויס — נאָך מער ווי מיט אַ משומד שעם איך זיך מיט אים! אַ משומד איז בלויז קעגן גאָט, און אַחדות־יונגעען זענען קעגן קייסער אויך.

און אַז די מאַמע שווייגט פאַרביסן און קוקט אים אין די אויגן אַריין, גיט ער צו אויפגערעגט:

— לעאָפּאָלד האָט זיך געשמדט נישט מיטן גוטן ווילן. מ׳האָט אים כמעט געצוונגען צו שמדן זיך — ער איז אַן אָרנטלעכער, רעיעלער מענטש און אין גאָט גלייבט ער פאָרט; איז אויף אַן אַנדער אַרט... און דער וואָס גלייבט אין גאַנצן נישט, איז גלייך צו אַ בהמה, ערגער פון אַ געצנדינער. אַזוי ווייט האָט געגרייכט לייב־חיימס האַס צו די „אַחדות־יונגען״,

אַז ער האָט אַזש פאַרטיידיקט דעם משומד עפראָס, וועלכער איז פון שטענדיק אָן געווען דער פלעק אין דער משפחה.

און לויט ווי די מאַמע האָט דערנאָך דערציילט אין דער היים, האָט עס איר אַזוי געקרענקט, אַז זי האָט בשעת מעשה אין זינען געהאַט: „קענסטו נאָך פון מנשהן אויך דערלעבן אַזאַ נחת, ווי דו האָסט פון עפראָסן".

און ס'איז דערנאָך געווען אַ מעשה, וואָס האָט די גאַנצע משפחה פאַרוווּנדערט: ווען לעאָפּאָלד עפראָסעס טאָכטער האָט זיך דאָס לעבן גענומען, דורך סם, ווייל ליליענטאַלס זון האָט מיט איר, אַלס קריסטין, נישט געוואָלט חתונה האָבן — האָט דער פעטער לייב־חיים דערלויבט זיין טאָכטער טעמערל מיטצוגיין אויף דעם „פּאָגזשעב",ביי וועלכן מ'האָט געטראָגן דעם צלם...

און פאַרוואָס דער שטאַרק פרומער לייב־חיים וואָלבערג האָט דאָס דערלויבט, איז געווען נישט צו פאַרשטיין. ס'איז געווען אַ חידוש ביי דער גאַנצער משפחה. מ'האָט לאַנג גערעדט דערפון.

די מאַמע האָט אויסגעטייטשט, אַז דאָס האָט ער געטון נאָר איר להכעיס, צו ווייזן, אַז אים איז טאַקע אַ משומד נעענטער, ווי אַן אַחדות־יונג.

נאָר אויב די גאַנצע משפחה האָט געהאַסט בנימינען, איז אָבער טעמערל געווען אַן אויסנאַם: דווקא איצט האָט זי גענומען זיך טרעפן מיט בנימינען. איר האָט געפירט צו אים אַן ענין.

דאָס איז געווען נישט גאָר קיין געוויינטלעכער ענין: טעמערל און אַ טייל פון אירע חברטעס, מיידלעך פון איר שטאַנד, האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַ ביבליאָטעק פאַר אַרבעטער...

פון גרינדן אַן עפנטלעכע ביבליאָטעק האָט נישט געקענט זיין קיין רייד. דאָ האָט געקענט זיין אַ רייד וועגן עפענען ערגעץ אַ געהיים ביבליאָ־טעקל. און הגם בנימין און זיינע חברים האָבן געהאַלטן, אַז סתם לייענען ביכער דאַרף דעם אַרבעטער איצט נישט אַזוי שטאַרק אינטערעסירן: די קנאַפּע צייט וואָס אים בלייבט דאַרף ער קודם פאַרווענדן אויף צו לייענען וועגן זיינע קלאַסן־אינטערעסן, האָט בנימין פון דעסטוועגן נישט אין גאַנצן אָוועקגעמאַכט דעם ענין. דערפאַר האָט ער זיך עטלעכע מאָל גע־טראָפן מיט טעמערלען.

די טרעפונגען זענען געווען ריין זאַכלעכע און גערעדט האָט מען

הויפּטזאַכלעך וועגן דער ביבליאָטעק: וואָס פֿאַר אַ ביכער צו קויפֿן און ווי אַזוי זיי איינצואָרדענען, נישט צו ציִען אויף זיך דעם פֿאַרדאַכט מצד דער פּאָליציי. נאָר פֿון דעסטוועגן איז אַ פּאָר מאָל אויך באַרירט געוואָרן דער אַזוי פּאָפּולערער ענין — די אַרבעטער־פֿראַגע. טעמערל איז כמעט אין אַלעם געווען איינשטימיק מיט בנימינען, און ס׳האָט באַלד זיך געמאַכט אַזוי, אַז די ביבליאָטעק איז ווי אַ ביסל אָפּגערוקט געוואָרן, און די טרעפֿונגען האָבן אָנגענומען דעם כאַראַקטער פֿון פּראָפּאַגאַנדע־שמועסן...

...איין מאָל, בשעת אַ שמועס וועגן די מענטשן פֿון איר קלאַס, איז טעמערל געווען איינשטימיק, אַז זיי זענען פּאַראַזיטן. זי וויל אילוסטרירן זייער פֿאַרדאָרבנקייט און זי דערציילט, ווי איר שוואָגער דוד פֿישמאַן, דער פֿאַרטאַראַראַמטער סוחר, מאַכט אָפּט מיט איר אַזעלכע נישט שיינע חכמות... אַנומלטן איז זי אַהיינגעקומען און די שוועסטער — פֿישמאַנס ווייב — נישט געטראָפֿן אין דער היים, איז ער תחילת געווען צו איר מאָדנע פֿוטערדיק ווייך, נאָר באַלד האָט ער זיך אַזוי גראָב צוגעטשעפּעט צו איר, אַז זי האָט באַלד אויף אַן אמת מורא געקריגן...

טעמערל האָט אפשר די דאָזיקע מעשה גלאַט אַזוי דערציילט. אין דער פֿינצטער איז אַפֿילו נישט געווען צו באַמערקן, צי זי איז דערביי רויט געוואָרן. זיי זענען דעמאָלט געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ אין דער אַלייע, די פֿלעמלעך פֿון די גאַסן־לאָמפּן האָבן שוואַך צוגעלויכטן, אָבער בנימינען האָט די דערציילונג אַרויסגעבראַנגט פֿון דער רויִקייט, אין וועלכער ער פֿלעגט זיך האַלטן אין טעמערלס קעגנוואַרט.

די גאַנצע נאַכט דערנאָך איז ער שלעכט געשלאָפֿן און געזען משונה־דיקע חלומות.

אַזוי האָבן זיי זיך אַ צייט לאַנג געטראָפֿן צו צוויי און דריי מאָל אין דער וואָך. בנימין האָט זיך געהאַלטן שטרענג זאַכלעך; פֿאַרטריבן פֿון זיין האַרץ יעדעס אַנדערע געפֿיל און געקוקט אויף איר ווי אויף אַ מענטש, אַ חבר, און נישט מער, אָבער אין דער טיף פֿון זיין האַרץ האָט אַלץ נאָך געוואַכט צו איר דאָס געפֿיל, וואָס ער האָט זיך באַמיט צו דערדריקן. וויפֿל ער האָט נישט געקעמפֿט מיט זיך אַליין איינצורעדן זיך, אַז ס׳איז אַ בושה פֿאַר אַ באַוווסטזיניקן אַרבעטער נאָכצוקומען דעם ראָמאַנטישן סענטימענט און קוקן אויף אַ מיידל אַנדערש ווי אויף יעדן אַנדערן מענטש. אָבער דאָס געפֿיל פֿון האַרץ האָט זיך אים נישט איינגעגעבן צו פֿאַרטרייבן.

און קענטיק, אַז אויך זי, טעמערל, איז נישט געווען אינערלעך און אויסערלעך גלייך. דערפאַר אפשר האָט אַזוי אָפט געטראָפן, אַז זיי זענען געווען אויפגערעגט און כמעט להכעיסדיק איינער צום אַנדערן.

די להכעיסדיקייט האָט זיך צום מיינסטן אַרויסגעוויזן בעתן אַרומרעדן דעם ביבליאָטעק־ענין, וואָסערע ביכער ס׳זענען צום וויכטיקסטן...

טעמערל האָט געהאַלטן, אַז דאָס וויכטיקסטע זענען פּוילישע און רוסישע ביכער, יידישע — האָט זי בלויז טאָלערירט ווי איינער גיט נאָך, כאָטש ער האַלט, אַז דאָס איז נישט אַזוי וויכטיק.

בנימין האָט געזאָגט:

— דו, טעמערל, ווי אויך דיינע חברטעס, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אין דער פּרעמד־שפּראַכיקער שול און געוווינט געוואָרן מיט דער אומנאָרמאַלקייט פון אין דער היים: אין שול — רוסיש און אין גאַס צווישן זיך — פּויליש. זיי, די דאָזיקע מיידלעך, זענען אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט די שפּראַכן, ווי אַ שראַנק, וואָס איז אָנגעשטעלט מיט סאַמע ליידיקע פּודעלעך. ביי זיי איז אַ שפּראַך בלויז נאָר אַ מיטל זיך די צונג צו שאַרפן, מער גאָרנישט — אָט זיי קענען לייכט מוותר זיין אויף אַזעלכע זאַכן, ווי די יידישע שפּראַך. אַנדערש אָבער דער יידישער אַרבעטער, וואָס האָט באַקומען זיין דערציִונג אין יידיש, וואָס דער מאַמעס וויג־ליד האָט אים געקלינגען אין יידיש און וואָס באַקומט זיין אַנטוויקלונג אויך אין יידיש— ביי אים איז די שפּראַך נישט עפּעס אַ מיידלשע פּאָזע אָדער קאַפּריז, נאָר ביין פון זיין ביין און פלייש פון זיין פלייש — אָט וואָס זיין שפּראַך איז ביי אים!

ס׳איז געווען אַ העפטיקער שמועס, און דער סוף פון דעם שמועס איז געווען אַז טעמערל האָט אָנגעהויבן לייענען יידישע ביכער.

און נאָך דעם מאָל האָבן זיי זיך מער נישט איבערגעווערטלט. די ביבליאָטעק איז טאַקע נישט צושטאַנד געקומען, אָבער דערפאַר איז טעמערל געוואָרן אַ הייסע לייענערין פון אומלעגאַלע ביכלעך. מיט דער צייט איז זי אַריין אין אַ קרייזל, און שפּעטער, אַליין געגרינדעט אַ קרייזל צווישן אירע חברטעס.

**
*

אין איינעם פון יענע אָוונטן, ווען בנימין איז צוריקגעגאַנגען פון אַ טרעפונג מיט טעמערלען, ווען ער איז צוגעקומען צו זייער וווינונג, האָט

ער באַמערקט ווי עמעץ דרייט זיך הינטער זייערע פענצטער. בנימין האָט געוואָלט וויסן, ווער דאָס איז, און ווען ער איז נעענטער צוגעקומען, האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן, ווי די אויגן פון אַ בייזן הונט אין דער פינצטער. זיי זענען אויף אים אָנגעשטעלט געווען, די אויגן, אים דורכגעשפּיזט אין דער אָוונטשטילקייט, אַזש בנימינען איז אַן אומ־היימלעכקייט אַדורך איבער די ביינער. ווען יענער איז אָפּגעגאַנגען, האָט בנימין ערשט דערקענט אין אים — אַ זשאַנדאַרם, איינגעהילט אין אַ רעגנ־מאַנטל.

מ׳האָט בנימינען נאָכגעשפּירט.

ד

דאָס טון אין דער באַוועגונג האָט בנימינען אַ סך צייט צוגענומען. בנימין, דער שטענדיק פלייסיקער אַרבעטער, איז געוואָרן אָפּגעלאָזן, די מאַשין איז אים טייל מאָל געשטאַנען ליידיק גאַנצע שעהן, אַ מאָל האַלבע טעג, ווייל ער האָט געדאַרפט זיין אין גאַס צוליב אַלגעמיינע אינטערעסן; אין קאַנטאָר האָט מען אים שוין עטלעכע מאָל געוואָרנט, אַז אויב ער וועט זיך נישט נעמען פלייסיק צו דער אַרבעט, וועט מען אים אָפּזאָגן, וואָרום ער ליפערט צו ווייניק „שטיק״. דאָס וואָס מ׳האָט אים פאָרט נאָך נישט געקינדיקט, איז געווען אפשר דערפאַר, ווייל ער איז אַ גוטער אַרבעטער, ליפערט רעיעלע סחורה און מ׳קען אים אָנפאַרטרויען אַזעלכע מוסטערן, וואָס נישט יעדער איינער וועט זיי מאַכן.

בנימינס פאַרדינסטן זענען געווען גאָר, גאָר קליינע. ס׳האָט זיך געמאַכט: ישראל־נח האָט זיך צעקאַלטשעט אַ האַנט ביי דער מאַשין. ער האָט עטלעכע וואָכן נישט געקענט אַרבעטן און ס׳האָבן נאָך געקאָסט „וויזיטן״ ביים דאָקטער און פעלדשער... מלכהס פאַרדינסטן פון אויס־בעסערן „פּלאַכטעס״ זענען אויך געווען קליין; האָט אין שטוב ווידער אַריינגעקוקט נויט, די אמתע נויט.

אין יענער צייט האָט אַ מאָל געטראָפן, ווען מ׳איז אַהיימגעקומען מיטיק־עסן, איז נישט געווען וואָס אויפצוגעבן; די מאַמע האָט נישט גע־האַט פאַר וואָס צו קויפן — אַלע זענען געזעסן אַרום טיש הונגעריקע און ס׳איז נישט געווען וואָס צו דערלאַנגען.

דער מאַמען האָט דאָס אַזוי אָנגענומען ביים האַרץ, אַז זי האָט באַ־קומען ספּאַזמעס, הויך קוויטשיק געלאַכט און געוויינט. און ווייל דאָס איז נישט געווען דער מאַמעס נאַטור, האָבן זיך די קינדער דערשראָקן און אָנגעהויבן וויינען און שרייען. אויף די געשרייען זענען געקומען אָנצו־לויפן שכנטעס; משער זייענדיק זיך, וואָס עס איז די סיבה פון דער מאַ־מעס ספּאַזמעס — האָט איין שכנטע אַריינגעבראַנגט אַן אָנגעהויבן לעבל ברויט און עס אַנידערגעלייגט אויפן טיש.

זייער שלעכטע וואָכן זענען דעמאָלט געווען.

ישראל־נח, אַרומדרייענדיק זיך מיט אַ באַנדאַזשירטער האַנט, האָט געליטן צוקוקנדיק דער מאַמעס קוואַל, דאָס נישט פאַרגינען זיך צו עסן אַ שטיקל ברויט, געווען פאַרזאָרגט, אַז עס וועט פעלן די קינדער. און אַזוי ווי העלפן האָט ער איצט פאָרט נישט געקענט — איז אים דאָס פּנים גע־וואָרן גראָ, ווי אַש, און די אויגן אויך פאַרצערט ווי ביי אַ קראַנקן פויגל.

ער איז ס׳מערסטע געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ אין שטוב און גע־שוויגן, נישט געזיפצט, נישט געקרעכצט, נישט געמוסרט בנימינען, פאַר־וואָס ער פאַרדינט אַזוי ווייניק. שווייגנדיק איז ער געגאַנגען און געברומט אַ ניגונדל אָן ווערטער.

און סימעלע האָט עפּטערס „פאַרגעסן" אין דער היים די צוויי שטיק־לעך ברויט, וואָס מ׳האָט פאַר אירעטוועגן אָנגעגרייט מיטצונעמען אין שול, כדי די מאַמע זאָל אויפעסן דאָס ברויט. די מאַמע האָט אָבער די שטיק־לעך ברויט נישט געגעסן, נאָר זיי אַוועקגעטראָגן סימעלען אין שול.

ס׳האָט זיך געצויגן אַ וואָך נאָך אַ וואָך. און ישראל־נח האָט אַלץ נישט געקענט אַרבעטן. יעדעס מאָל האָט מען געמיינט, אַז אָט אָט גייט ער אַרבעטן, ס׳האָט זיך אָבער נישט געהיילט און ער האָט אַלץ נישט גע־אַרבעט, — און בנימין האָט ווייניק פאַרדינט.

צוזעענדיק די נויט, האָט בנימין זיך אָפטערס פאַרגענומען אַוועק־צולייגן אויף אַ צייט אַלע אַנדערע אינטערעסן און זיך אַ נעם טון פלייסיק צו דער אַרבעט. ער האָט זיך טאַקע נישט איין מאָל אַ נעם געטון, מיט ברען אָפּגעאַרבעט אַ האַלבן טאָג, אַ טאָג און טייל מאָל — מער. אָבער סוף כל סוף זענען דאָך די כלל־ענינים אויך אַזוי וויכטיק, ווי די היימישע. דאָ ליידט נויט איין משפחה, אָבער אין דער גרויסער וועלט און אַפילו דאָ אין שטאָט זענען פאַראַנען צענדליקער, אפשר הונדערטער משפחות, וואָס לעבן אין נויט...

בכלל איז דאָך די נויט פון זיין היים אויך נאָר אַ פּראָדוקט פונעם אַרבעטערס רעכטלאָזיקייט; אַז אַן אַרבעטער קען אַ מאָל נישט אַרבעטן עטלעכע וואָכן, ווייל ער האָט זיך פאַרוווּנדעט די האַנט ביי די פאַר־זשאַווערטע „בויערערס" — דאַרף ער דערפאַר הונגערן? עס איז דאָך איין רינג פון דער קייט אומרעכטן, קעגן וועלכע מיר קעמפן. אָט אַזוי האָט זיך געטראַכט בנימין, און אַ חוץ דעם איז גלאַט געווען שווער אַלץ פון זיך אָפּצורוקן, און אויף וועמען איבערצולאָזן די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז נישטאָ. פאַנטשערן איז צו פּראַקטישער אַרבעט עפּעס גאָר־נישט צו געברויכן.

און גראָד דעמאָלט, ווען דער מאַמעס האַרץ איז געווען אַזוי פאַר־פינצטערט, האָט זיך פּלוצלינג, פּונקט ווי אַ זון־שטראַל אין אַ גראָען טאָג, באַוויזן אַ האָפענונג.

ס'האָט זיך דערטראָגן אַ נייעס פון יענעם שטעטל, ווו בנימינס על־טערן האָבן אַמאָל געוווינט, אַז צווישן אַלטע פּאַפּירן, וואָס עמעץ האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט, זענען געפונען געוואָרן וועקסלען אויף אַ היפּשער סומע, וואָס בנימינס פאָטער האָט געבאָרגט אַ יידן פון זלאָטשעוו און די מאַמע האָט גאָרנישט געוווּסט פון דעם.

פּונקט ווי אַ היימלעכע שטוב, אַ וואַרעמער טרונק און אַ ווייך בעט פאַר אַ האַלב־פאַרפרוירענעם עלנטן אורח, וועלכער האָט זיך שוין מיאש געווען צוצוקומען צו אַ מענטשלעכן ישוב, אָט אַזוי איז די בשורה געווען פאַר דער מאַמעס געמיט; ווי פרישער טוי אויף אַ פאַרטריקנט פעלד, איז זי אויף איר האַרץ געפאַלן, ווי אַ באַלזאַם. די מאַמע האָט נישט גע־זוימט און גלייך וועגן דעם בריוולעך אָנגעפרעגט ביים פעטער יאָסל, וואָס וווינט אין שטעטל, און וואָס זיין ווייב חנה איז דעם פאַרשטאָרבענעם טאַטנס שוועסטער.

ס'האָט אַ ביסל געדויערט און עס איז אָנגעקומען אַן ענטפער פונעם פעטער יאָסל, אַז דאָס נייעס וועגן די געפונענע וועקסלען איז טאַקע אמת; דער וואָס איז אויף זיי אונטערגעשריבן לעבט און איז פאַרמעגלעך און די וועקסלען געפינען זיך אין זיכערע הענט — ביים שטעטלדיקן רב.

גיך האָט זיך צעטראָגן דאָס נייעס וועגן חיה־רבקהס אויפריכטעניש איבער דער גאַנצער גרויסער משפחה... ס'זענען געקומען ווייטע עלטער־מומעס און פאַרגעסענע גלידגעשוועסטער־קינדער, זיך נאָכפרעגן צי ס'איז טאַקע אמת, און זיי האָבן געווינטשן מזל־טוב...

די מאַמע האָט אויפגעלעבט ווי אַ פּאַרטריקנטע פלאַנץ פון אַ שלאַקס־רעגן: די קנייטשן אויף איר פּאַר דער צייט געעלטערטן פּנים האָבן זיך אַ ביסל אויסגעגלעט, די אויגן האָבן באַקומען אַ רויקן, גוטמוטיקן גלאַנץ. זי האָט אָנגעהויבן מער צו קוקן אויף מלכהס הילוך; זיכער געווען, אַז איצט וועט איר קינד שוין ענדלעך קומען צו אַ שידוך. די מאַמע האָט געחלומט אויף דער וואָר, און נאָר זעלטן האָט זיך געהערט אירס אַ דער־לייכטערונג־קרעכצל, ווי פון איינעם וואָס האָט אַ שווערע, שווערע משא פון די פּלייצעס אַ ביסל אַראָפּגעקריגן.

— האַא!

דער רייכער פעטער לייב־חיים איז אויך צוריק שלום געוואָרן מיט דער שוועסטער. ער האָט מיט אַ מאָל פאַרגעסן, אַז „חיה רבקהס זונדל" האָט צעבונטעוועט די אַרבעטער פון זיין פאַבריק — ער איז אַרויסגעקומען געוואויר ווערן, צי ס'איז אמת דאָס נייעס, און די מאַמע האָט מיט אַ שיינענדיק פּנים געזאָגט, אַז יאָ, ס'איז טאַקע אמת. אים איז ליכטיק גע־וואָרן די צורה: „הייסט עס דאָך — האָט מען פון זיין פּנים געקענט אַראָפּלייענען — אַז מלכה וועט שוין האָבן אַ נדן, אַן דעם, איך זאָל גאָר דאַרפן אַן עפּן טון דעם טייסטער".

אָבער וואָס לענגער עס האָט געדויערט און קיין ווייטערדיקע ידיעות וועגן דעם וועקסל־ענין האָבן זיך נישט געלאָזט הערן, איז די מאַמע ווידער געוואָרן נערוועז, אַ גרויס אומגעדולד האָט זי אַרומגעכאַפּט. זי האָט גע־שריבן עטלעכע בריוו מיט אָנפראַגעס צום שוואָגער יאָסל און אַז זי האָט אַזוי גיך נישט באַקומען קיין תשובה, האָט דאָס זי אַריינגעוואָרפן אין אַ געפערלעכער אומרויקייט. ביינאַכט האָט זי נישט געקענט קיין אויג צוטון און נישט איינליגן אין בעט. שטענדיק האָבן איר געפלאַמט די שפּיץ־באַקן, בייטאָג האָט זי זיך אַרומגעדרייט אַ פאַרחושטע.

ענדלעך, אַ מאָל אין אַ פאַרמיטאָג, איז דער פעטער יאָסל געקומען צופאָרן. די מאַמע האָט זיך גאָרנישט געריכט אויף אים. דערזען אים אַריינקומען, האָט איר אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן, נאָר אין חלשות צו פאַלן. געקומען אַ ביסל צו זיך, האָט זי מיט אַנגסטן געקוקט אים אין מויל, וואָס ער וועט זאָגן. איר האַרץ נעבעך האָט געפילט אַז עפּעס איז דאָ נישט ביים גלייכן. ער אָבער, דער פעטער יאָסל מיטן קאָזע־בערדל, האָט קודם אַרויסגענומען פון דער וואַליזקע דעם טלית־זאַק און אַוועק אין בית־מדרש דאַווענען.

נאָכן דאַוונען און אָנבייסן האָט דער פעטער יאָסל גענומען אויס־פרעגן, ווי עס גייט מיט פּרנסה און צי די קינדער פירן זיך בדרך־הישר; ישראל־נחן, וואָס האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט מיט דער באַנדאַזשירטער האַנט, האָט דער פעטער יאָסל דערוויַיל אָוועקגעלייגט אַ פּאַרציע מוסר, אַז אויב מ׳איז שוין אַפילו געשטראָפט צו זיין אַ בעל־מלאכה, איז נאָך נישט געדרונגען, אַז מ׳דאַרף זיין אַ הפקר־יונג, מ׳קען למשל יעדן אָוונט אַריינקוקן אין אַ ספר, און שבת — אַוודאי; דערויף טאַקע איז דאָך דער שבת! און קען מען נישט קיין לשון־קודש, איז מען יוצא אויך מיט עברי־טייטש, פאַראַנען אַ „קו־הישר״, אַ „חיי־אדם״ און אַ טייטש־חומש איז אויך נישט קיין טריפה־פסול.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן אָנבייסן און מוסר־זאָגן — און וועגן די וועקסלען נישט קיין וואָרט נאָך — האָט דער פעטער געענוי זיך דערקיב־דיקט, ווו עס וווינט דער פעטער לייב־חיים וואַלבערג. ער איז אַהין אַוועק, זיך דאָרט היפשלעך געזוימט, צוריקגעקומען איז ער צוזאַמען מיטן פעטער לייב־חיים און ערשט איצט, איז די מאַמע געוווירר געוואָרן דעם גאַנצן סוד פון די געפונענע וועקסלען און אויך פאַרוואָס דער פעטער יאָסל האָט זיך מטריח געווען אַזאַ מהלך צו קומען צו פאָרן.

לויט דעם פעטער יאָסלס רייד קומט אויס, אַז די וועקסלען זענען טאַקע כשרע וועקסלען — נאָר וואָס דען? לויט ווי מ׳איז דערגאַנגען, זע־נען דאָס נישט קיין הלוואה־וועקסלען, אויף וועלכע שמואל עליו השלום — בנימינס, ישראל־נחס, מלכהס און סימעלעס פאָטער — האָט געבאָרגט געלט, נאָר טובה־וועקסלען: דער אונטערגעשריבענער האָט שמואלן אַ טובה געטון, געגעבן אים זיין אונטערשריפט, כדי ער, עליו השלום, זאָל די וועקסלען קענען דיסקאָנטירן און קריגן געלט.

איי, ווי קומען ווידער די וועקסלען צו דעם, ביי וועמען זיי זענען געפונען געוואָרן? — איז ווידער עפּעס אַ מעשה מיט אַ שלישית...

נישט אַזוי לייכט איז די דאָזיקע שפּאָגל־נייע מעשה אַריינגעדרונגען אין דער מאַמעס אויערן, נישט אַזוי גיך איז די מאַמע באַשטאַנען, אַז אַזוי איז עס טאַקע. אַ גאַנצן טאָג האָט געדויערט דער מאַמעס קעגנשטעלן זיך, אַזש דער פעטער לייב־חיים, וואָס האָט געקוקט יאָסלען אין מויל אַריין און ווי אַ ייִדענע איבער דער הייליקער תחינה צוגעשאָקלט צו זיין יעדן וואָרט — האָט זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן און זיך אָנגערופן מיט אַ פּאַראיבל:

— איך הייב שוין גאָרנישט אָן דיך צו דערקענען, חיה־רבקה — וואָלסט טאַקע געוואָלט פון יענעם מוציא זיין געלט, וואָס דיר קומט נישט?

לסוף איז געבליבן, מ׳זאָל טעלעגראַפירן נאָך יענעם, וואָס איז אונ־טערגעשריבן אויף די וועקסלען, ער זאָל קומען — די מאַמע וויל מיט אים אַליין רעדן.

צוויי טעג זענען אַוועק ביז עס איז געקומען אַ ייִד מיט אַ גראָער ברייטער באָרד, אַ געלאַסענער, מיט רויִקע באַוועגונגען, און מיטן אָנבליק פון אַ פאַרמעגלעכן ייִדן, נישט קיין בטלן.

אַ גאַנצן טאָג האָט דער ייִד דאָ פאַרברענגט. צום ערשט האָט דער פעטער לייב־חיים אַליין גערעדט מיט אים, דערנאָך איז דער ייִד געזעסן אין שטוב מיטביידע פעטערס און מיט דער מאַמען. דער ייִד האָט דער־ציילט פאַרשידענע וועלט־נייעסן, פון ביסמאַרקן און פון דייטשן קייסער, דעם חכם מחכם, פון דער מלכה וויקטאָריאַ און פון מאַנטעפיאָרען, אַז ווען די ענגלישע מלכה האָט געשיקט נאָך אים די גאָלדענע קאַטש, ער זאָל קומען צו פאָרן צו אַ מלוכה־באַראַטונג, אויב עס איז געווען שבת, האָט ער אין קאַטש בלויז זיין שווערד אַריינגעלייגט. ער אַליין איז גע־גאַנגען צופוס, נישט געוואָלט מחלל שבת זיין. און פון בערלינער זאָאָלאָ־גישן גאָרטן האָט ער דערציילט, פון די פאַרשידענע מינים חיות, וואָס געפינען זיך דאָרט.

וואָס שייך די וועקסלען, איז נישט קיין סך דערפון גערעדט געוואָרן. די מאַמע האָט געזען, אַז זי האָט דאָ צו טון מיט אַן ערלעכן מענטש, אַ פאַרמעגלעכן, וועלכער וועט זיך בשום אופן נישט אונטערשטעלן צו באַרויבן אַן אַלמנה מיט יתומים; זי האָט אים געגלויבט, אַז דאָס איז בלויז טובה־וועקסלען, און זי האָט זיך אונטערגעשריבן...

אין אָוונט האָט זיך דער ייִד געזעגנט און צוזאַמען מיטן פעטער יאָסל אַוועק צו דער באַן.

נאָך דערנאָך, דעם זעלבן אָוונט — בנימין איז שפּעט אַהיימגעקומען — ווען ער האָט זיך, ווי תמיד, געלייגט שלאָפן אין פאָדער־חדר צוזאַמען מיט ישראל־נחן, איז ער פלוצלינג פאַרציטערט געוואָרן פון אַ געוויין, וואָס האָט זיך געטראָגן פון צווייטן חדר, ווו די מאַמע שלאָפט.

דאָס געוויין איז געווען אַ שטילס, אַ דערדריקטס, אַ געוויין, וואָס קומט פון דער סאַמע האַרץ־טיפעניש.

לאַנג, לאַנג האָט זיך דאָס געוויין געהערט אין דער נאַכט־פינצטער־

ניש, ביז בנימין האָט באַנומען, פון וועמען דאָס געוויין קומט. און אַז ער האָט ענדלעך באַנומען, ווער עס וויינט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס באַווייִנט די מאַמע די האָפענונג, וואָס האָט איר די לעצטע צייט צוגע־לויכטן. איצט איז מיט איין מאָל אַלץ אויסגעלאָשן געוואָרן, ווי אַ ליכטל, לאָזנדיק זי אין דער האָפענונגסלאָזער פינצטערניש...

ה

כאָטש גינגאָלדס פאַבריק איז היפּשלעך גרויס — אַ סך מאַשינען — איז דאָרט קיין אָרדענונג נישטאָ, לחלוטין נישט קיין אָרדענונג.

די אייגנטלעכע פירערין פון דער פאַבריק איז גינגאָלדס ווייב פּעסע, פּעסע די ראָצערין — אַ ייִדענע אַ קורצזיכטיקע און מיט אַ פעלער פון די קינדער־יאָרן — אַ שניפּן מיט דער נאָז.

די אייגענע האָר טראָגט זי נישט, פּעסע, חלילה! אַפילו נישט קיין שייטל, נאָר אַ קופּקעלע אַזעלכעס, אַ קופּקעלע מיט קרעלעכלעך און ציטער־שפּילקעס זיצט איר אויפן קעפּל.

און פרום איז דאָס — ממש גאָט אַליין! נאָר ערלעך, זעט איר, נישט דווקא. אַז מ׳קומט אין קאַנטאָר וועגן געלט, וועט פּעסע הונדערט מאָל אָנרופן דעם אַרבעטער „זונעלע" און „קרוינעלע", איידער איין מאָל אַ ריר טון מיטן דאַמען־פינגער, באַצאָלן וואָס עס קומט.

אין גאָס, אַז די דאָזיקע פאַבריקאַנטקע טראָגט זיך פאַרביי, איילט ערגעץ ווו, שלעפּט זיך איר נאָך דער איילן־לאַנגער „שלעפּ" פון אָפּגע־טראָגענעם, נישט איבעריק ריינעם קלייד. ציט ער זיך, דער שלעפּ, און קערט דעם שטויב פון ברוק.

מ׳דערציילט, אַז איין מאָל אַ תּחילת־ווינטער, דער פראָסט האָט גראָד גענומען, האָט זיך פּעסע גינגאָלד געשטעלט שמועסן מיט עמעצן אין גאָס און אַזוי שטייענדיק איז איר דער שטענדיק נאַסער שלומפּער פון קלייד געפרוירן געוואָרן, נישט פון אָרט אַוועק צורירן זיך! כאָטש שטיי דאָ אַזוי לאַנג, ביז דער פראָסט וועט נאָכלאָזן.

איר מאַן יאַנקל — אַ ייִד מיט אַ בויך, מיט אַ גראָער חסידישער באָרד און אויגן אָן ברעמען — איז אַ שלעכטער ייִד, אַ נישט־פאַרגינער. די אַר־בעטער גלויבן, אַז ווען זיי נעמען געלט און ער איז דערביי, קוקט מיט

זיינע קאַלביקע אויגן, גייט זיי דאָס געלט נישט גוט אויס. אין פאַבריק רופט מען אים „דער רשע" און די שטיקערס דאַנקען גאָט, וואָס ער מישט זיך ווייניק, האָט אַ דעה ביי זיין ווייב, דער טויגערקע, בלויז נאָר איבער דעם קידוש־בעכער און איבער דער שבת־צונאַכטיקער בשמים־ביקס.

צווישן פאַבריקאַנטן דערציילט מען זיך אָן פון יאַנקל גינגאָלד קאָמי־שע מעשיות: ווי אַזוי ער רעדט צום דירעקטאָר פון דער באַנק, זוען ער קומט צאָלן אַ וועקסל און ס'איז פונקט אַ פאָר מינוט נאָך דער באַנק־צייט, ווי אַזוי ר' יאַנקל גיט דעם דירעקטאָר צו פאַרשטיין, אַז ער מעג נאָך צונעמען פון אים דאָס געלט, וועט ער אַ פאָר מינוט שפּעטער אַהיימ־גיין עסן מיטיק. כ'לעבן, מ'וועט'ן דאָרט אין זינען האָבן, אים איבערלאָזן זיין חלק מיטיק, חלילה נישט פאַרטיילן..."

מאָריץ וואָלבערג דערציילט ביי יעדער געלעגנהייט, אַז אין ניזשני אויפן יאַריד האָט ר' יאַנקל גינגאָלד אין אַ פּרייטיק נאָכמיטיק אָנגעטראָפן אין אַ הינטער־גאַס אַ קאַצאַפּ מיט אַ גרויסער באָרד, האָט ער אים אָנגענומען פאַר אַ ייִד, זיך צוגעטשעפּעט דווקא, ער זאָל אים ווייזן, ווו דאָ געפינט זיך די מקווה...

אַזעלכע זענען עס פעסע די ראָצערין און איר מאַן יאַנקל גינגאָלד.

און אָט אַזוי, אין פאַרשלומפּערטן קלייד און מיט איר מאַן יאַנקל אינעם יום־טובדיקן סאַמעט־היטל ביי דער זייט, פירט זיך פעסע די שניפּערין איר פאַבריק, גאָרנישט היינט מאָדיש (זי האָט פיינט היינטוועלטישקייט!), נאָר אַדרבה — פאַרצייטיש, גאָר פאַרצייטיש, נאָך ווי אַמאָל אין מלך סאָ־ביעסקיס צייטן. און אָפּנים, אַז וואָס צו באַקלאָגן זיך האָט זי נישט: אירע צוויי אויסגעגעבענע טעכטער —ביילע די שיינבערגן און עלקע די פישל־זאָן — ייִדענעס אין שייטלען, זענען שוין ברוך־השם אויך פאַבריקאַנטקעס. און דער בן־יחיד וועלוול טראָגט זיך שוין אַ ביסל היינט־וועלטיק: אַ גע־פּאַסט שניטרעקל, אַ קראַגן, שניפּס, איז חבר מיט פעליקס וואָלבערג, און האָט בשתיקה עסקים מיט מיידלעך.

אַזוי לעבט זיך פעסע די ראָצערין, געניסט זיך אירע שטיקער עולם־הזה און האָפט אויף אַ פעט חלקל עולם־הבא. די איינציקע בקשה, וואָס פעסע האָט צום רבונו של עולם און להבדיל צו אירע טעכטער, איז זיי זאָלן קינדלען, האָבן קינדער; גרויסע דורות דאַרף זי — אַ סך פאַבריקאַנטן זאָל פון איר יאַנקלס דיך אַרויסקומען, פון יאַנקלען מיט איר בשותפות, פאַרשטייט זיך.

ס׳האָט זיך געמאַכט, די אַרבעטער דאָרט האָבן אַ לאַנגע צייט נישט געקריגן אויסגעצאָלט; ס׳איז אָנגעשוווּמען יום־טוב, דער זומערדיקער יום־טוב שבועות — ר׳ יאַנקל גינגאָלד איז נישט הי, געפאָרן צום רבין; געגנוי פון נאָך פסח אָן איז נאָך נישט געווען קיין אויסצאָלונג.

ערב שבועות נאָכמיטיק, נאָך דער אַרבעט, זענען די אַרבעטער אַרויפ־געגאַנגען אין קאַנטאָר וועגן געלט. אויבן האָט זיי פּעסע מיט אַזאַ פריינד־לעך שמייכעלע געגעבן אַ צוזאָג אויף עולם־הבא:

— קינדערלעך — האָט זי זיי אָקעגנגעשמייכלט — נישטאָ קיין געלט היינט — באַלד נאָך יום־טוב מערטשעם, ס׳וועט ענק דעמאָלט אויך צוניץ קומען די פּאָר רובל, כ׳לעבן...

אָבער די מענטשן זענען היינט נישט אַזוי ווייך ווי געוויינטלעך: דאָס ווייב אין דער היים וואַרט מיטן איינקויפן אויף יום־טוב... שטייען זיי, די אַרבעטער מיט פאַרמרוקעוואַטע בייזע פּנימער, ברומען...

די שטיקערס — אין קאַנטאָר, די פעדלערס — אין דרויסן, הינטער דער טיר. מ׳וואַרט, מ׳וואַרט, אפשר וועט זיך פּאָרט מאַכן עפּעס געלט. מ׳טענהט איין מיט דער פאַבריקאַנטקע, אַז אין גאַנצן אָן געלט קען מען נישט אַוועקגיין, דאָס ווייב וועט איבער דער שוועל נישט לאָזן, זי אָבער מיטן נאַז־שניפּל און מיט איר געמלאכהטע פּיסקל: — קינדערלעך, וואָס דרייט עך מיר אַ קאָפּ, גייטס געזונטערהייט, באַלד נאָך יום־טוב וועט זיין געלט.

געזען, ס׳איז נישט צומאַכן, האָבן די שטיקערס גענומען זיך צעגיין מיט גאָרנישט. אין דרויסן האָבן זיי ערשט געקריגן דעם גרויסן „ברוך־הבא", יעדער פון זיינע פעדלערס פאָרן נישט אויסצאָלן זיי, און מיט דעם גוטן צוזאָג, אַז נאָך יום־טוב וועט קיין איין פעדלער נישט קומען אַרבעטן, ווי לאַנג ס׳וועט נישט זיין קיין געלט.

אַלע זענען געווען אָנגעלאָדן, בייז. מ׳איז געווען פאַרביטערט, וואָס מ׳גייט אַהיים פּראַווען יום־טוב אָן אַ פּרוטה ביי דער נשמה, און דאָ טראָגן זיך ריחות פון קיך, אַזעלכע מעדנימדיקע ריחות אַזש עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

פאַרבייגייענדיק די אָפענע קיך־טיר, האָט מען זיך אַ ביסל אָפּגע־שטעלט, און אַהין אַריינגעקוקט...

דרינען אויפן טיש, ביים אויפגעפּראַלטן פענצטער, שטייען די געקאָכ־טע פיש אויסגעלייגט אויפן פּולמיסעק; דער קעז־קוכן שוין אָן אָפּגע־באַקענער, אָנגעצייכנט אין פיר קאַנטיקע חלקימלעך און די ראָזשינקעס

קוקן אַרויס פון די איבערגעפּאַקטע זיס־פּעטע בייכלעך — — — מיט
אַרויפגעשאַרצטע אַרבל שטייט די קעכין ביי דער גליִענדיקער קיך, פאַר־
טון אין פאַרטיק מאַכן פרישע געקעכצן.

און דאָ שטייען עטלעכע צענדליק ייִנגלעך פּעדלערס מיט הונגעריקע
מאָגנס, מיט בורטשענדיקע געדערים, זיי שטייען מיט סלינע אין מויל
און באַטראַכטן די אַפּעטיטלעכע געריכטסן אויפן קיך־טיש און אין אָפּע־
נעם קרעדענץ דאָרט... איז דאָך פאַרשטענדלעך, אַז איידער די דינסט
האָט זיך רעכט אומגעקוקט האָבן שוין געפעלט אַ פּאָר שטיק פון קאַרפּ,
און דער קעזקוכן און די אַנדערע גוטע זאַכן זענען אויך נישט געבליבן
אומבאַרירט.

די קעכין האָט באַלד אויפגעהויבן אַ גוואַלד אויף די „ראַבושניקעס".
אויף איר גערודער זענען געקומען אָנצולויפן די איבעריקע פּעדלערס און
שטיקערס, זיך דערוויסן, וואָס עס איז פאָרגעקומען. אַזוי ווי אַלע זענען
געווען אויפגערעגט, פאַרביטערט, בייז, האָט די קעכין ביים אָנגעלויף
נאָך אַ סך ערגער אָפּגעשניטן — ס'איז כמעט אַלץ צעכאַפּט געוואָרן.

נאָר קיין גרויס געברויך איז אין קאָנטאָר פון דעם נישט געמאַכט
געוואָרן. נאָך יום־טוב זענען אַלע געקומען אַרבעטן ווי קיין מאָל גאָרנישט.

פּאָנטשער האָט, ווייזט אויס, אַ טעות געהאַט מיט זיין מורא, אַז
צוליב דעם צעכאַפּן דער פאַבריקאַנטקעס אָנגעגרייטעכץ, וועט נאָך יום־
טוב פאָרקומען דאָס אייגענע, וואָס אין וואָלבערגס פאַבריק, נאָך יענעם
פרייטיק פאַרנאַכט, ווען מ'האָט אַלעמען געקינדיקט און ער האָט די אַר־
בעט אָנגעווירן. דאָ איז אַזוי נישט געווען.

עטלעכע וואָכן שפּעטער איז יאָ עפּעס פאָרגעקומען אַזוינס וואָס האָט
געדאַרפט ברענגען נאָך זיך קאָנסעקווענצן, אָבער דאָס איז געווען שוין
גאָר עפּעס אַנדערש. די סכנה אָנצוווערן די אַרבעט האָט געדראָעט גאָר
פּאָנטשערן. און געווען איז דאָס לפּנים נישט צוליב עקאָנאָמישע טעמים,
ווי צוליב ריין־רעליגיעזע: פּעסע די ראָצערין און איר מאַן יאַנקל האָבן
זיך אָנגענומען דעם שוכן שחקימס „קזשיוודע". זיי האָבן איינגעפונען, אַז
דער ייִדישער גאָט איז דורך פּאָנטשערן באַעוולהט געוואָרן און ער דאַרף
באַקומען אַ פאַרגיטיקונג.

נאָר לאָמיר דערציילן כסדר:

אין לאַנדסבערגס „בלייך", ווו מען רייניקט די שטיקעריי „פּלאַכטעס"

פון דער רויער געלקייט, איז אַ קריסטלעכער אַרבעטער דערהרגעט געוואָרן: אַריינגעפאַלן אין קעסל און אָפּגעקאָכט געוואָרן אויף טויט...

דאָס געשעעניש האָט אין שטאָט געמאַכט אַ רושם. אַזוי ווי ס׳האָבן דעמאָלט שוין עקזיסטירט אַ צאָל „קרייזלעך״ פון אַרבעטער, יידישע און פוילישע, איז געבליבן, מ׳זאָל דעם אומגעקומענעם באַצייכענען פאַר אַ קרבן פון קאַפּיטאַליזם און אויף דעם געהעריק רעאַגירן.

מ׳האָט זיך ווי עס איז דורכגערעדט מיט די „קרייזלעך״ פון דער פּ. פּ. ס., און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן זיך צו פאַראייניקן ביז איבער דער לויה, צוזאַמען מיטגיין אין געשלאָסענע רייען נאָכן אָרון.

און ס׳איז געווען אַ לויה גאָר אויף חידושים... פון אַלע געוועלבער און פון אַלע פענצטער, ווו נאָר די לויה איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט מען נאָכגעקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן, ווי יידישע יונגען גייען מיט אָפּגעדעקטע קעפּ, הינטערן גלח, נאָך אַ טרומנע מיט אַ צלם פאָרויס.

ייִדן און ווייבער האָבן געשאָקלט די קעפּ און נאָכגעקוקט דאָס בייזע וווּנדער: ווי יואל פאָנטשער, וואָס האָט זיך מער פון אַלע געוואָרפן אין די אויגן צוליב זיין לאַנגן ראָק און צעלייגט שוואַרץ בערדל ווי ביי אַ קעסט־יונגנמאַן, גייט צוזאַמען מיט נאָך יונגאַטשעס נאָך אַ גוייִשן „פּאָגזשעב״. און נאָך איידער די לויה איז אָנגעקומען אויפן „צמענטאַזש״, האָט מען שוין צו בנימינס מוטער אָפּגעטראָגן די „פּאָטשט״, אַז איר זון איז נישט נאָר נאָכגעגאַנגען אָן אַ היטל, נאָר ער האָט נאָך געהאָלפן טראָגן דעם „פּגר״ אין דער טרומנע...

דער פעטער לייב־חיים האָט געהאַט צו שאָקלען פאַריאושט מיטן קאָפּ, אַז דאָס וואָס זיין מנשה איז מיטגעגאַנגען, איז אויך נאָר בנימינס שולד, ער, בנימין האָט אים מיטגעשלעפּט:

— אַלץ דיין זינדל — האָט ער באַטריבט אַ זאָג געטון צו דער מאַמען. און יואל פאָנטשער?

באַלד נאָך אָט דער מעשה איז פּעסע די ראָצערין אַליין אַראָפּגעקומען צו פאָנטשערס מאַשין, ער זאָל שוין די מינוט אַרויפקומען אין קאַנטאָר. אויבן האָט זי אים צווויסן געטון, אַז אַזוי ווי מ׳שמועסט, אַז ער, פאָנטשער מיט נאָך אַ חברה יונגען האַלטן ביים שמדן זיך, שוין געטראָגן פאַרן גלח דעם צלם — זאָל ער וויסן זיין אַז קיין משומדים וועט זי אין פאַבריק נישט האַלטן. זי וויל אים שוין באַצאָלן פאַר פערצן טעג, זאָל ער שוין גיין פון איר הויז.

פּאַנטשערס ווייב איז געקומען בעטן, מ׳זאָל איר מאַן נישט אָפּזאָגן פון דער אַרבעט. זי האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן און שווערן, אַז „אירער״ איז דאָ גאָרנישט שולדיק: ער האָט נישט געוואָלט מיטגיין אויפן באַגרעבעניש, נאָר די יונגען האָבן אים מיט געוואַלד מיטגעשלעפּט.

די ייִדענע האָט גערעדט און גערעדט, געוויינט און געבעטן. פּאַנ־טשער איז לסוף ווייטער געבליבן אַרבעטן. נאָר נאָך אָט די צוויי נסיונות, וואָס פּאַנטשער האָט שוין געהאַט — פּאַראַיאָרן אין וואָלבערגס פאַבריק און איצט דאָ, ווו ער האָט שיער נישט אָנגעווירן די אַרבעט (צוגעהערט דעם ווייבס וויינען אויף איר בייזן גורל, און אויפן געוויין איבער זיין ייִנגעלע, וואָס ווערט באַלד צוויי יאָר), האָט פּאַנטשער גענומען צו ביסלעך זיך אָפּרוקן פון דער „באַוועגונג״. ער איז געבליבן נאָר ביים לייענען בי־כער, ביז ער האָט זיך אין גאַנצן אָפּגערוקט — לאָזנדיק די קרייזלעך אַליין זיך שלעפּן אין זייער דערנער־וועג באַרג אַרויף.

ו

„אָט די טעמערל, — טראַכט אָפּט בנימין — זי איז נאַיוו און כיט־רע, קלוג און מיידלש פלאַך; ווען איר דאַכט זיך, אַז זי האָט פיינט דאָס באַלעבאַטישע לעבן, שטעקט זי אין אמתן ביז איבערן קאָפּ אין בירגער־לעכן געמויזעכץ״.

אַ סך מאָל איז טעמערל פאַר בנימינען אַ רעטעניש. הגם זי געהער זיך אָן מיט אים קרובים, איז זי אָבער נישט אַזוי פּראָסט, ווי די מיידלעך פון זיין סביבה. יענע פאַרשטייט ער — טעמערל איז נישט אַזוי באַ־גרײַפלעך פאַר אים. און טייל מאָל, ווען זיין שכל בלייבט שטיין פאַר אַ רעטעניש פון איר כאַראַקטער און ער קען דאָס נישט באַנעמען, ווערט ער אין כעס אויף איר. דעמאָלט איז ער גרייט אָפּצופּסקענען מיט אַ לייכט האַרץ, אַז דאָס וואָס זי גיט זיך איצט אָפּ מיט דער אַרבעטער־זאַך, איז סתם פון נישט האָבן וואָס אַנדערש צו טון, און סוף כל סוף וועט דאָס איר נימאס ווערן, זי וועט צוריקלויפן צו איר סביבה, צו איר קלאַס. אַז בנימין נעמט זיך דעמאָלט אַ גריבל טון אין טעמערלס כאַראַקטער, באַ־שליסט ער אין זיך, אַז די שוועסטער פון אַ הענעכל וואָלבערג, וועלכער איז כמעט אַן אַפּעריסט, פון פעליקס דעם ווייבערניק און אַפילו פון

מנשהן, וואָס איז איצט כלומרשט אַ פאַרברענטער פּאַרטיי־מאַן, אַזאַ מוז סוף כל סוף אין זיך האָבן עפּעס פון די ברידערס פאַרדאַרבענע נייגונגען.

אָבער ווען בנימין איז שוין פאַרטיק מיטן פּסק אויף טעמערלען און איר חנעוודיקע נאַיוקייט, איז ער גרייט דאָס צו צושרייבן אויפן חשבון פון איר פּלעגמאַטישער מוטער און אויפן אַ ביסל תמעוואַטן פאָטער; נאָר מחמת איר מיידלשער פרישקייט איז דאָס ביי איר אין אַ באַחנטער פאַ־רעם, — איז געגעוג, בנימין זאָל זי דערזען, און זיין גאַנצער אָקערשט אויפגעבויטער טורעם צעפליט ווי אַ בערגל פעדערלעך אויפן ווינט און ער מוז גלייך שטאַרק קעמפן מיט זיך כדי נישט אַרויסצווייזן, ווי זיין האַרץ ליגט אין איר האַנט.

*****

די „נאַכט פון הייליקן יאַן" איז געווען אַ שיינער אָוונט. אין פּאַרק האָבן געשפּילט צוויי אָרקעסטערס; די פייערלעשערס און „רודערער" האָבן געשאָסן מיט קאַלירטע פייערווערק, געלאָזן בליציקע ראַקעטעס. די באַ־וועגונג פון די שפּאַצירערס איז געווען גרויס, נישט דורכצוקריגן זיך.

אויף די שטילע פּאַרק־שטעגלעך און אין די אָפּגעלעגענע פּאַרק־ווינקלען, אומעטום — פּאָרלעך און פּאָרלעך; זיי האָבן זיך געקושט כמעט פאַר אַלעמען אין די אויגן, געהאַלדזט. די האַניק־זיסע זומער־נאַכט האָט די מענטשן באַפרייט פון די צביעותדיקע מאָראַל־בענדער: אויף די ווייטע בענק, באַהאַלטענע צווישן ביימער, זענען געזעסן פּאַרטוליעטע, צוזאַמענ־געוואַקסענע אין דער נישט גאָר טונקעלער נאַכט. נאָר זייער ליידנשאַפט־לעכער שעפּטש האָט אויסגעגעבן, אַז דאָ זיצן לעבעדיקע מענטשן.

בנימין האָט דעם אָוונט געשפּאַצירט מיט טעמערלען. דאָס באַגע־געניש איז נישט געווען אין גאַנצן צופעליק: פאַרנאַכט, אַנטרעפנדיק מנשהן, האָט יענער אין פאַרבייגיין צווויסן געטון בנימינען: „מיין שוועסטער דאַרף דיך עפּעס"... בנימין האָט געוואָלט וויסן, צו וואָס זי דאַרף אים. מנשה האָט אָבער מער נישט געוווסט: טעמערל האָט אים געבעטן, אַז טאָמער זעט ער בנימינען, זאָל ער אים זאָגן, אַז זי דאַרף אים. ער קען זי טרעפן אין דער „שמאָלער אַלייע".

דאָרט האָט בנימין זי נישט געטראָפן, וואָרום נאָך איידער ער איז אַהין אַוועק, איז זי אים געקומען אַנטקעגן.

זיי זענען געגאַנגען מיטן ברעג טייך, זיך דערוויטערט פונעם באַ־

לעבטן פּלאַץ, ווו מוזיק האָט געשפּילט, זיך דערוווייטערט פון פאַרשידנ־פאַרביקן עולם און אַרויסגעקומען קעגן איבער דעם וועלדל אויף דער פּאַרק־לאַנקע, אויפן וועג צו שטשעלניץ — דאָס פאַרגעניגן־דערפל, וואָס אַהין פירט אַ שיינער אַלייען־וועג, ווי אויך דאָס דאַמף־שיפל, וואָס קור־סירט אַהין און צוריק אויפן טייך, וועלכער שניידט אַדורך די שטאָט.

זיי זענען געגאַנגען כמעט שווייגנדיק. די נאַכט איז געווען ווייך און טיף ווי סאַמעט. דער הימל געוועלבט און טונקל, קוים האָט זיך געזען אַ שטערן; אויפן וואַסער האָבן קינדער געלאָזט אָנגעצונדענע ליכטלעך, צוגעקלעפּטע צו ברעטלעך; פון פּאַרק, וועלכער איז איצט אויסגעקומען זיי פון הינטן, האָט זיך געהערט די מוזיק ווי אַ ווידער־קול, און דאָס ווינטל האָט אָנגעבראַכט אומבאַשטימטע פעלד־ און לאַנקע־ריחות, וואָס מאַכן טרוימענדיק דאָס געמיט און איינציייטיק היצן זיי אויף דאָס בלוט.

טעמערל איז געווען מער ווי אַן אַנדער מאָל שווייגנדיק. זי האָט געהאַלטן איר האַנט אין בנימינס אָרעם. שטיל, ווי איבערגעלאָדנט מיט עפּעס, וואָס זיי טראָגן אין בלוט, זענען זיי געגאַנגען מיטן ברעג טייך אין דער מילדער נאַכט אַריין.

— בנימין, — פרעגט טעמערל פּלוצלינג מיט אַ געהאַמעוועט קול — ווער איז די, מיט וועלכער כ׳האָב דיך אַנומלטן געטראָפן גיין?

— ווו האָסטו מיך דען געטראָפן?

— אַנומלט פאַרנאַכט, נישט ווייט פון דענקמאָל...

ער האָט זיך דערמאָנט, און אויב עס וואָלט איצט געווען בייטאָג, וואָלט טעמערל געוועזן דערקענט, אַז ער איז אַ ביסל רויט געוואָרן.

— אַ מיידל אַן אַרבעטערין.

— אַזוי? — זאָגט טעמערל — ווייסט, זי זעט גאָרנישט אויס ווי אַ פאַבריק־מיידל.

— יאָ, — באַשטעטיקט ער — זי שטאַמט, זאָגט מען, פון אַ יורדישער משפּחה.

—און זי איז אַ שיינע.

— דאָס זעט, דאַכט זיך, יעדער — זאָגט ער מיט אַ קאַפּיטשקע להכעיס.

אַ ווייל שווייגן זיי. טעמערלס האַנט ליגט אין זיין אָרעם. פון הינטער איר בלוזקעלע אָטעמט אים אַ דופּל אין פּנים אַריין און די נאָז זיינע

נעמט אויף דעם אָנגענעמען ריח, און אין גאַנצן גייט זי נעבן אים כמעט אָנגעלענט.

און שטיל איז אַרום. בוים־לאָנקע־ און טייך־שטילקייט. טיף אַראָפּ צום וועלדל פליִען גלי־ווערעמלעך, ווי קליינינטשקע פונקען, און אַזוי גייענ־דיק, ווילט זיך גאָר נישט עפענען די ליפּן, נאָר גיין, שווייגן און חלומען. אין געמיט וועבט זיך אַלץ אָן געשטאַלט, אָן געדאַנק — הויל לופטיקס און דאָך נאָענטס און אָנגענעמס, אַזוינס וואָס רוט אין געמיט נאָר אין אַזאַ נאַכט בעת די יונגע בחור־יאָרן ווען ביי דער זייט איז אַזאַ זעלטן מיידל.

— בנימין... — פרעגט טעמערל ווידער, און איר קול לויפט ווי אַ פלאַטערל און עס קלינגט אויפריכטיק און אַ ביסל נאַיִוו. — בנימין, דו ביסט מיט יענעם מיידל נאָענט?

און שטילער גיט זי צו מיט דער זעלבער נאַיִווקייט:

— אינטים מיין איך?...

אומבאַוווסט פאַר זיך אַליין און אָן זיין ווילן האָט זיך אין איין רגע פון אים אָפּגעטון די פאַרטרוימטקייט. ס'האָט זיך אין אים אַ דער־וועק געטון דער מאַנצביל. ער רופט זיך אָן:

— דעם אמת געזאָגט, ווייס איך נישט, וואָס צו ענטפערן — זאָגט ער מיט פאַרלעגנהייט — עס איז מיר שווער צו זאָגן דעם אמת, לייקע־נען... קען איך אָבער אויך נישט...

— אַה! — מאַכט זי שטיל, ווי מיט אַ זיפץ, און ווי איינער זאָגט: „דאַרפסט מיר שוין מער גאָרנישט דערציילן".

אַרום איז שטיל. פון ווייטן ווינקען צו פייערלעך פון האַלב־דאָרפישע פענצטערלעך, די זומער־נאַכט שוועבט און דעקט אַלץ צו, אין גיין פילט זיך גראָז. זיי זענען שוין ווייט אויף דער לאָנקע, די געגנט אַרום איז כמעט אַ דאָרפישע. טעמערל רופט זיך אָן:

— עס איז נישט צו פאַרשטיין, בנימין, ווי לאַנג גאָר קענסטו זיך מיט יענער, און שוין — נאָענט, שוין אינטים. מיט מיר, דאַכט זיך, ביסטו שוין נעענטער באַקאַנט, און — גיט זי צו פאַמיליאַר, מיט אַזאַ חנדלדיקער קאָקעטישקייט — בין איך אפשר נישט קיין שיין מיידל? און זי קוקט אים אָן מיט די טונקעלע אויגן, הייסע פייכטע אויגן, ווי מיט אַ נעפּל פאַר־צויגן — און איר האַנט, וואָס ליגט אין זיין אָרעם, גיט אים איבער אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט.

בנימין אָבער איז דאָס מאָל מאָדנע רויִק און ביי־זיך.

און טרעט ווידער איין אַ שטילקייט, זאָגט טעמערל מיט אַן אומ־באַשטימטן טאָן.

— אויב דו ווילסט, בנימין, דערלויב איך דיר צו טראַכטן, אַז מיין היינטיק דאַרפן דיך איז געווען אין אמתן בלויז נאָר כדי אַ ביסל מיט דיר צו שפּאַצירן און... — אין מיטן האָט זי אָפּגעהאַקט און זיך צעלאַכט פון פאַרלעגנהייט.

בנימין רופט זיך אָן:

— אמת, טעמערל, מיר זענען שוין לענגער באַקאַנט, אָבער דו דאַרפסט דאָך פאַרשטיין, מיר זענען טאַקע קרובים, אָבער פּאָרט געהערן מיר אָן צו צוויי פיינדלעכע קלאַסן, צווישן אונדז שטייט אַ וואַנט...

— אויב אַזוי — זאָגט זי מיט אַזאַ ענערגישן קאָפּשאָקל — וועל איך מיט איין מאָל די וואַנט צעברעכן, איינוואַרפן די וואַנט, וואָס שטייט צווישן אונדז. דו זעסט, בנימין, ווי פאַרשייט איך בין! — און זי נעמט אַן מיט ביידע הענט זיין קאָפּ און קושט אים צוויי מאָל אין פּנים.

אַ כוואַליע איז בנימינען אַדורך. אַ רגע האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן פון הייסער איבערראַשונג. איר שמעקנדיקער ריח האָט אים דאָס האַרץ פאַרשכורט. נאָר פּאָרט איז ער געבליבן כלומרשט רויק. און טעמערל זאָגט מיט אַ קאַטאָוועסדיקן פּאַראַיבל:

— נו, בנימין, דו דאַרפסט מיר דאָך צוריקצאָלן, אָדער אפשר געפעל איך דיר סתם נישט?

זי בייגט צו איר פּנים צו זיינעם, און זאָגט מיטן זעלבן קאַטאָוועס טאָן:

— ווי איך זע, בנימין, האָב איך אין דיר אַ טעות געהאַט: צעבונטע־ווען אַ פאַבריק, ווען קיינער וואָלט זיך נישט געוואַגט דאָס צו טון, האָסטו געהאַט מוט, אַזש מיך האָט דיין מוט אַנטציקט, קושן אָבער טוסטו אַזוי שוואַך, ווי מ׳וואָלט דיך דערצו געצייט....

ערשט איצט האָט זיך אין בנימינען דערוועקט דאָס, וואָס ער האָט געטראָגן אין האַרץ צו טעמערלען די גאַנצע יאָרן. ס׳האָט זיך דערוועקט ווי אַ שרפה, וואָס הייבט זיך אָן פון אַ פונק און צעפלאַקערט זיך שטאַרקער און שטאַרקער.

ס׳איז געווען יענצמאָל אַ מאָדנע זומער־נאַכט, און נאָך בנימינס ערשטן קאַלטלעכן קוש, האָט זיך טעמערל איבערצייגט, אַז בנימין פאַרמאָגט אין זיך געגנוג הייסקייט און צערטלעכקייט, פייער און ווינטל־גלעט...

**
*

דאָס איז נישט קיין חלום, ניין, און נישט קיין פּראָדוקט פון בני־מינס פאַנטאַזיע. עס איז אַ פאַקט אַ געשעענער. און פאַרגעקומען איז דאָס טאַקע אין דער „נאַכט פון הייליקן יאַן". בנימין און טעמערל האָבן זיך געצערטלט, און ווען בנימין איז דערנאָך אַהיימגעגאַנגען, האָט ער דאָס פאַרגעקומענע געטראָגן אין האַרץ ווי אַ ליכטיקן אוצר, און דער אָוונט האָט אָנגערעגט צו האָפן, אַז די צוקונפט וועט אָט דעם צויבער־טרוים ווייטער שפּינען.

געווען איז אָבער נישט אַזוי. נישט צומאָרגנס, נישט די נאָכקומענדיקע וואָך, און קיין מאָל נישט האָט זיך דאָס מער שוין נישט איבער־געחזרט, ווי דער זעלטנסטער חלום, וואָס פאַרפליט.

אַז בנימין האָט זי דערנאָך אַמאָל געטראָפן אין גאַס מיט אַ חברטע, צי אַפילו אייגנע אַליין, און ער האָט זי געגריסט, האָט זי בלויז קאַלט געענטפערט אויף זיין גרוס, ווי זי וואָלט קיין מאָל מיט אים נישט גע־ווען נאָענט; אַפילו אַז זי רעדט אַ מאָל מיט אים, איז עס בלויז וועגן אַלגעמיינע זאַכן: וועגן ליטעראַטור פאַר איר קרייזל...

און פאַרט איז זי דעמאָלט, אין יענעם אומפאַרגעסלעכן אָוונט, ווייט פון מענטשנס אויגן, מיט אים געווען נאָענט; אים געקושט. זי, טעמערל — זי — אים האָט די ערשטע געקושט.

אין בנימינס געמיט ברענט איצט אַ פלאַם צו טעמערלען. זי האָט אין אים אַ פייער צעצונדן, איצט פלאַקערט עס אין אים אָן אויפהער, און זי — זי פילט דאָס, מן הסתם קוקט זי זיך צו מיט אַ קאַלט געמיט, ווי עס האָט גאָרנישט קיין שייכות צו איר.

צו וואָס אייגנטלעך האָט זי יענעם אָוונט אַזוי צוטרוילעך און הייס אים זיך איבערגעגעבן; צו וואָס האָט זי דאָס געטון? זי, די נאַיווע, כיטרע, קלוג־פלאַכע טעמערל, וואָס אַז זי גייט מיט אירע חברטעס, די צעבאַלע־וועטע מיידלעך אָדער בחורים פון איר שטאַנד, — שענקט זי אים צו מאָל נישט קיין איבעריקן בליק?

און טייל מאָל רעגט אים אויף איר גלייכגילטיקע אויפפירונג, רעגט אים אַזוי אויף, נאָר צוצוגיין, אין קעגנוואַרט פון אירע חברטעס, און טראַציק אַ זאָג טון:

— געדענקסט נאָך, טעמערל, ווי דו האָסט מיך געקושט, מיך, צו וועמען דו באַציסט זיך איצט אַזוי קאַלט?

ער וועט דאָס נישט טון, בנימין. דאָס איז נישט אין זיין כאַראַקטער.

ער ליידט און שווייגט. נאָר אָפּט, גאָר אָפּט עגבערט אין מוח דאָס רע־טעניש:

— צי האָט זי דעמאָלט מיך געקושט באַלד מיט דער כוונה, כדי גלייך דערנאָך צו מיר קאַלט צו ווערן, מיך אַוועקצוואַרפן אין מינוט שפּעטער, ווי עפּעס אומנוציקס?

ווער ווייס?

ז

ס׳איז געווען עטלעכע טעג נאָך סוכות — די טריבע צייט, ווען די אַרבעט אין פאַבריק פאַלט באַזונדער שווער. אין די פענצטער קוקט אַ גראָער האַרבסט־טאָג, נאַס און ברודיק ווי אַ שמאַטע, וואָס וואַלגערט זיך אין מיסטקאַסטן; אין געמיט פּלאָנטערט זיך נאָך דער אָפּשיין פון די אָקערשט פאַרגאַנגענע יום־טוב־טעג, וואָס אין זייער צייט זענען זיי גאָר־נישט אַזוי אָנגענעם געווען, נאָר איצט בענקט זיך נאָך זיי ווי נאָך אַ פאַר־לוירענעם גן־עדן. אין אַן אָוונט, ווען בנימין איז אַהיימגעקומען צום נאַכט־עסן און זיך געריכט צו טרעפן אין שטוב די געוויינטלעכע האַלב־מרה־שחורהדיקע שטימונג פון אַ נאָך־סוכותדיקן אָוונט, ווען די אָנגעגרייטע שפּייז האָט דער לאַנגער יום־טוב אויסגעליידיקט און קיין פּרוטה געלט איז אויך נישטאָ — האָט ער צו זיין איבערראַשונג אָנגעטראָפן געסט, משפּחה־לייט. אויפן טיש, וועלכער איז עפּעס פּלוצלינג געווען צוגעדעקט מיט אַ ווייס טישטוך, איז געשטאַנען אַ העל־אָנגעצונדענער לאָמפּ, ס׳איז אויך געשטאַנען אַ טעלער איבערבלייבעכץ פון כיבוד און גלעזער פון אויסגעטרונקענער טיי.

די מאַמע איז געווען אָנגעטון אין שבתדיקן שייטל און אין אַ בעסער קלייד, און מלכה מיט אַ רויט, אַ ביסל פאַרשעמט פּנים, איז געזעסן אויף דער אָפּגעטראָגענער סאָפע, וועלכע איז איצט געווען איבערגעצויגן מיטן פאַראַדנעם טישטוך, וואָס איז גרין דורכגעוועבט מיט שוואַרצע און גאָלד־פעדעם און מיט טראָלדן.

אין שטוב איז געווען באַזונדערס הימלעך, וואָס אַזוי איז שוין נישט געווען זינט דעם טאַטנס טויט; דער פעטער לייב־חיים איז געווען גאָר אויפגעלייגט. ער האָט, ווי זיין שטייגער, הויך אויף אַ קול געהאַלטן אין אָפּלויבן עמעצן, אַז יענער איז אַ גביר עצום און אַן אָנגעזעענער מענטש... אויף בנימינען האָט דער פעטער לייב־חיים אַזש פריינדלעך אַ קוק געטון,

ווי ער וואָלט אים געהאַט צו דערציילן אַ פריילעכע נייעס. די מומע הענע, וואָס איז אויך דאָ געווען, האָט זיך אָנגערופן:

— קום נאָר אַהער, בנימין, וועסטו טרינקען לחיים.

דער פעטער לייב־חיים האָט אָנגעגאָסן אַ גלעזל ליקער פאַר בנימינען, און די מאַמע האָט אים צוגערוקט דעם גלעזערנעם טעלער מיט זיסקייט צום פאַרבייסן.

שפּעטער איז בנימין געזעסן אין פעדער־חדר און געגעסן וועטשערע, און אין צווייטן חדר איז נאָך אַלץ געשמועסט געוואָרן. מלכה האָט אַפּנים עפּעס איינגערוימט דער מאַמען אין אויער. דער פעטער לייב־חיים האָט זיך פאַראינטערעסירט, וואָס זי האָט איינגערוימט. ער האָט זיך אָנגערופן:

— שעם דיך נישט, מלכה, זאָג הויך.

האָט די מאַמע אָנגעהויבן:

—זי זאָגט, אַז ער זעט אויס מיט דער באָרד, ווי אַן אַלטער.

דערויף האָט זיך לייב־חיים אָנגערופן מיט היץ:

— כ'קען דיר שווערן, אַז דער יונגערמאַן האָט נאָך נישט קיין דריי־סיק יאָר אַפילו, זיין פּנים דערציילט דאָס.

און אַז נאָך דעם דאָזיקן זאָג איז שטיל געוואָרן, קיינער האָט גאָר־נישט דערווידערט, נישט אויף יאָ און נישט אויף ניין, האָט ער מיט נאָך מער היץ צוגעגעבן:

— חיה־רבקה! אַזוי ווי דו קענסט מיך נישט פאַר קיין ליגנער, זאָג איך דיר באמנות, אַז ווי די זאַך זעט אויס, וואָלט איך אַזאַ שידוך פאַר מיין טאָכטער אויך נישט אָפּגעשטופּט.

— וואָס מיינסטו — האָט ער שוין גערעדט מיט התפּעלות, אין אַמע־ריקע וווינט ער, יענער? ווי ווייט איז עס דען פון הי, אַ צען מייל, צוועלף מייל. און זיין נאָמען, און זיין סחורה גייט ווייט און ברייט, לאָזט זיך הערן. פרעג, אַדרבה, דעם קלענסטן אָדער גרעסטן קרעמער הי אָדער אַנדערש ווו, ווייסט ער ווער עס איז מייעראָוויטש. ער וועט דיר גלייך זאָגן און באַלד ווייזן אַ שטיק זייף פון זיין פאַבריק. אַ ראַיעלע פירמע און גוטע סחורה... וואָס קלערסטו — רעדט ער שוין כלומרשט מיט פאַר־איבל — איך בין באַלד צוגעפאַלן צום שידוך, מיינסטו? אָ, ניין! כאָטש כ'האָב שוין אַ ביסל געוווּסט, האָב איך פון דעסטוועגן גוט און גענוי זיך נאָכגעפרעגט, כ'האָב נישט געשפּאָרט קיין מי און קיין צייט...

— ווילסטו אפשר וויסן — רעדט ער ווייטער מיט אַ געמאַכטער

געלאַסנקייט — וואָס כ׳בין געוויר געוואָרן? טאָ הער, חיה־רבקה, וואָס איך זאָג דיר: מאַך צו די אויגן און כאַפּ, זאָג איך דיר, פּרעג גאָרנישט, קוק גאָרנישט; אומגעפּרעגט כאַפּ, דאָס זאָג איך דיר נאָר, און — לאָמיר שוין כאָטש האַלטן אַ מינוט נאָכן שרייבן!...

אויף דעם פעטער לייב־חיימס דרשה האָט דער מאַמען געגומען קאַפּען טרערן פון די אויגן. דער פעטער לייב־חיים האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן:

— וואָסי, וואָס וויינסטו עפּעס, חיה־רבקה? — האָט ער פאַרוואונדערט אויסגעשריגן. ערשט האָט די מומע הענע אים באַרויקט, אַ שעפּטש טוענדיק:

— דאָס אָרעמע האַרץ איז נעבעך איבערפולט, פליסן די טרערן.

נאָך אָט דעם אויפדערנאַכט האָט מען אין שטוב געלעבט מיט אַ פריי־דיקן סוד אין האַרץ, אַ ציטערדיקן סוד, אַז אַ פרעמד אויער זאָל נישט דערהערן און ס׳זאָל נישט פאַרשאָדן, חלילה...

אָפּט, גאָר אָפּט איז געקומען דער פעטער לייב־חיים, אַריינגערופן די מאַמע אין צווייטן חדרל און דאָרט זענען זיי לאַנג געזעסן און געשמועסט. מיט מלכהן האָט די מאַמע אויך אָפּט זיך דורכגעשמועסט, שעפּטשענדיק. מלכה איז מיט איין מאָל געוואָרן די הויפּט־פּערזאָן אין שטוב... ישראל־נח האָט צו איר גערעדט מיט דרך־ארץ, און סימעלע איז פאַר אירעטוועגן געלאָפן אין געוועלבל ברענגען פאַסטע צו די שיך.

אין דער מאַמעס גרויסער משפחה, דאָ אין שטאָט, האָט מען שוין געגוי געוווסט, אַז מ׳רעדט חיה־רבקהס טאָכטער, מלכה, אַ שידוך מיט אַ רייכן גרויש, אַ גרויסן זייפנזידערס זון פון דער פּראָווינץ, און אַז ער, דער יונגער גרויש, האָט שוין אויך זיין אייגנס אַ זייף־פאַבריק, טאַקע דאָ אין שטאָט ערגעץ.

אַלצדינג האָט מען שוין געגוי געוווסט, און דאָס האָט מען צעטראָגן ווייט און ברייט און איידל פוּץ, דער מאַמעס געשוועסטערקינד, וואָס האָט אַ שטוב מיידן מיט געמאָלטע פּנימער, האָט אַזאַ קנאהדיקן צי געטון מיטן מאָגערן פּלייצעלע:

— אַכיבע יענער מוז זיין בלינד! אַז נישט וואָלט ער דאָך געוווסט, אַז ס׳איז הי פאַראַנען נאָך עפּעס שענערס פון מלכהלע סראָך.

**
*

מלכהלעס כלה־ווערן האָט זיך אַ ביסל פאַרשלעפּט. ס׳איז, ווייזט אויס, נישט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק. דער מאַמעס פּנים האָט, ווי די שיין אין חודש מערץ, אַלע ווײַלע געענדערט זײַן מינע. דאָ צוליב עפּעס אַ נישט־פריילעך ידיעהלע פון שדכן, איז עס געוואָרן גראָ פאַרזאָרגט, און באַלד צוליב אַ פאַרקערטער ידיעה, פריילעך און ליכטיק געוואָרן, עס האָט געשיינט.

ישראל־נח, וואָס איז געווען אויסגעקאָכט אין די שטוב־ענינים, האָט איין מאָל אָנגעטון די שענסטע מלבושים און אַוועק, כלומרשט איבערשפּאַצירן זיך, אין דער ווייטער פאַרשטאָט, כדי מיט די אייגענע אויגן דאָרט אָנצוקוקן דעם חתנס זייף־פאַבריק און — אים אַליין טאַקע אויך.

זענען אַזוי דורכגעגאַנגען עטלעכע וואָכן אין פיבערדיקן דערוואַרטן, דער שידוך זאָל שוין אַ מאָל צושטאַנדקומען. דער שדכן, אַ נידעריק ייִדל מיט אַ בערדל, וואָס האָט אויסגעזען ווי פאַרשטויבט, און מיט אויערן גע־דיכט באַוואַקסן מיט האָר און פאַרפּאַקט מיט ברודיקע שטיקלעך וואַטע, איז אָפט געלאָפן מיט צאַפּלדיקע ידיעות צו לייב־חיים וואָלבערג. לייב־חיים ווידער האָט די דאָזיקע ידיעות, אין אַ ביסל אַ געלייטערטער פאָרעם, געבערענגט צו דער מאַמען. זי ווידער, די מאַמע, איז פון די דאָזיקע פאַר־שידנאַרטיקע ידיעות און פון אומגעדולד אַז איר קינד זאָל שוין אַ מאָל אויפגעריכט ווערן, און פון מורא, מ׳זאָל איר חלילה דאָס גליק נישט אויס־כאַפּן, אַזוי צערודערט געוואָרן, אַז זי איז שיער קראַנק געוואָרן. זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אין פיבער, שטענדיק מיט צעפּלאָמטע שפּיץ־באַקן, און אַז די צעפּלאָמטקייט איז איר אויף אַ ווײַל אָפּגעפאַלן, האָט איר פּנים אויסגעזען אָפּגעמאַטערט און געל ווי וואַקס.

און אָט איז דער פעטער לייב־חיים ווידער געקומען און לאַנג געזעסן שווייגנדיק. דערנאָך האָט ער דער מאַמען פאַרטרויט זײַן מיינונג, אַז לויט ווי אים דאַכט זיך, אַרבעט עמעץ הינטן אַרום כדי נישט צוצולאָזן צום שידוך, אָדער, מיינט ער, דער יונגערמאַן האָט אויף דער האַנט נאָך עפּעס אַ שידוך...

די מאַמע האָט ביי דער ידיעה אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. זי האָט לאַנג און ביטער געוויינט, דערמאָנענדיק נאָכאַנאַנד: מיינע אָרעמע קינדער, מיינע וויסטע יתומים, נעבעך...

מלכה איז צוגעגאַנגען זי טרייסטן, געקושט איר דאַר פּנים און זיך געשווירן, אַז זי וואָלט יענעם סיי ווי נישט געוואָלט, ווייל ער האָט זיך

שוין מיט איין ווייב געגט, און לויט ווי מ׳זאָגט, אַ פּאָר וואָכן נאָך דער חתונה... די מאַמע האָט מלכהן אָפּגעשטופּט פון זיך און ווייטער געוויינט. דער פעטער לייב־חיים איז אַוועקגעגאַנגען פאַרמרה־שחורהט.

אָבער אַ צוויי, דריי טעג שפּעטער איז דער פעטער לייב־חיים ווידער געקומען הייטער אויפגעלייגט און אַריינגערופן די מאַמע אין צווייטן חדר, פאַרמאַכנדיק הינטער זיך די טיר. ס׳האָט זיך פון דאָרט באַלד געהערט דער מאַמעס אויסטערליש פריידיק קול:

— געלויבט דער אין הימל! נאָר שמואל עליו השלום האָט זיך געמיט פאַר זיין יתומה!...

דער מאַמעס קול איז איצט געווען אַזאַ יונגס אַז בנימין, וואָס איז געזעסן אין ערשטן חדר, האָט נישט גלייך דערקענט, וועמענס קול דאָס איז; עס איז געווען עפּעס ענלעך צו מלכהס קול, נאָר נאָך אַ סך קלינ־געגנדיקער און פריילעכער, אַזש בנימינען האָט געוווּנדערט, ווער נאָך קען דרינען זיך געפינען אַ חוץ דער מאַמען און דעם פעטער לייב־חיים, וואָרום ער האָט אַ חוץ זיי ביידע קיינעם מער נישט געזען אַהין אַריינגיין.

נאָך דעם פעטער לייב־חיימס איצטיקן באַזוך איז שוין די מאַמע דעם גאַנצן טאָג און אויך צומאָרגנס געווען גוטמוטיק געשטימט. אַ שמייכל האָט איר גערוט אויפן פּנים און זי איז אַרומגעגאַנגען ווי פאַרזינקען אין אַ הערלעכן חלום.

זי איז דעם טאָג אַפילו נישט איבעריק ברוגז געוואָרן, ווען בנימינס פעדלערין איז געקומען פרעגן, פאַרוואָס ער, איר שטיקער בנימין, איז פון נעכטן אָן נישט געקומען צו דער אַרבעט; אַפילו אָט דאָס נייעס, אַז בנימין אַרבעט שוין נישט דעם צווייטן טאָג, וואָס אַן אַנדער מאָל פלעגט די מאַמע דערפון האָבן גרויס עגמת נפש, האָט היינט איר כמעט נישט געאַרט.

איצט איז מלכהס שידוך שוין געגאַנגען אויפן גלייכן וועג; אָבער נישט אַזוי איז עס צוגעגאַנגען ביז איצט. אַ סך נעכט האָט די מאַמע פאַר־ברענגט אויף איר געלעגער אין זיפצן און קרעכצן. מער ווי איין מאָל, אין דער שטילער טיפער נאַכט אין פינצטערן חדר, האָבן דער מאַמעס באַטריבטע אויגן געבליקט ווייט אין חושך, איבער פעלדער און שטעט, אַהין אין יענעם שטעטל, אויפן בית־עולם צום מאַנס קבר. ער, שמואל עליו השלום, זאָל נישט רוען און אויסבעטן ביים כסא־הכבוד אַ באַשערטן פאַר זיין טאָכטער...

סוף כל סוף האָט דער שידוך שוין אַזוי ווייט געהאַלטן, אַז מאָרגן אין אָוונט זאָלן זיך צוזאַמענקומען ביידע צדדים ביי לייב־חיים וואָלבערג, שרייבן תנאים, ברעכן טעלער מיט מזל.

טאַקע צומאָרגנס ביים מיטיק־עסן האָט די מאַמע צוויסן געטון בני־מינען און ישראל־נחן, אַז היינט אין אָוונט, אם ירצה השם, וועט מלכה מיט מזל אַ כלה ווערן, אַז די תנאים־מאָלצייט וועט פאָרקומען ביים פעטער לייב־חיים אין שטוב.

די מאַמע האָט פאָרגעלייגט, די זין זאָלן היינט מער נישט צוריקגיין אין פאַבריק. נאָר ישראל־נח האָט נאָכמיטיק צו פאַרענדיקן אַ „שפּאַן" און אויב ער וועט נישט היינט „אויסשפּאַנען" און אָפּליפערן וועט ער די וואָך נישט קענען קריגן אויסגעצאָלט, האָט די מאַמע אים דערלויבט צוריקצוגיין אין פאַבריק. בנימין האָט באַלד נישט צוגעזאָגט צו קומען. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן דער מאַמעס רעדן און טענהן. ער האָט נישט געוואָלט גיין צום פעטער לייב־חיים אין שטוב, און וויפל די מאַמע האָט נישט גערעדט, האָט זי ביי אים גאָרנישט אויסגעפועלט.

בנימין האָט דעם נאָכמיטיק געאַרבעט ווי יעדן טאָג. ווען ער איז אין אָוונט אַהיימגעקומען, איז נאָך די טיר געווען פאַרשלאָסן, אין די פענצטער איז געווען פינצטער. ערשט נאָך האַלבער נאַכט זענען אַלע אַהיימגעקומען, אין דער באַגלייטונג פון דעם פעטער לייב־חיים, די מומע העניע און זייערע צוויי אויסגעגעבענע טעכטער.

אַריינקומענדיק האָבן זיך די פרויען אַרומגעכאַפּט אין אַ רעדל, געטאַנצט איידער מ'האָט געמאַכט ליכטיק. דער פעטער לייב־חיים מיטן אָנגעצונדענעם שוועבעלע אין האַנט האָט זיי צוגעלויכטן. באַלד האָט ער אַוועקגעשטעלט דאָס אָנגעצונדענע לעמפּל, און זעענדיק, ווי זיין ווייב און טעכטער טאַנצן, מיטשלעפּנדיק אין רעדל חיה־רבקהן און אויך די כלה, מלכהן, האָט ער גענומען צופּליעסקען מיט די הענט.

די עלטסטע טאָכטער לאה, די פישמאַנען, מיט די שוואַרצע גלאַנציקע אויגן און אַ נעזל מיט אַ הויקערל, האָט זיך אָנגערופן צו דער מומע חיה־רבקה:

— מומעשי קרוין, גענוג שוין געטרויערט און געוויינט, גענוג. איצט דאַרף מען פריילעך זיין, מלכה ווערט מיט גאָטס הילף אויפגעריכט. — און זי איז צוגעפאַלן דער מומען אויפן האַלדז. ביידע האָבן זיך געקושט און געוויינט, און דערנאָך האָט זי דאָס זעלבע איבערגעחזרט מיט מלכהן.

זיי זענען נישט באַלד אַהיימגעגאַנגען, דער פעטער מיט זיין משפחה. אַט אַזוי אָנגעטועגערהייט, אין די אויבער מלבושים האָבן זיי זיך צוגעזעצט, געגומען דערמאָנען די מחותנים פון חתנס צד, זייערע גדולות; באַטראַכטן די מתנות, וואָס מלכה האָט באַקומען „אונטערשרייב־געלט"... די מאַמע האָט אַלץ איבערגעחזרט אויף אַ קול, ווי איינער וואָס קען זיך נאָך נישט צוטרויען זיין גליק:

— מיט גאָטס הילף... ס'איז דאָך נישט קיין חלום, ניין, ס'איז דאָך אַ וואָרער אמת. ס'חלומט זיך מיר דאָך נישט... מיט גאָטס הילף, איצט וועל איך שוין קענען זאָרגן פאַר די איבעריקע קינדער, און פאַר דעם וואָרעם — האָט זי אָנגעוויזן מיטן בליק אויף סימעלען, וואָס האָט זיך איצט ווידער פאַרפאַקט די ביכער אויף צו גיין מאָרגן אין דער פרי אין שול אַריין.

זיי זענען אַזוי געזעסן און געפּלוידערט ביז כמעט פאַרטאָגס. ערשט ווען די מאַמע האָט פּלוצלינג און אומגעריכט אַ הייסן וויין אַרויסגע־געבן: — שמואל, נעבעך, האָט עס נישט דערלעבט... — זי איז זיך אַזוי הויך און הייס פאַרגאַנגען אין וויינען, אַזש מ'האָט זי געמוזט מונטערן מיט קאַלט וואַסער; ערשט דעמאָלט, די מאַמע האָט זיך געהאַט אַ ביסל באַרויִקט, האָט דער פעטער לייב־חיים מיט זיין הויזגעזינד זיך געזעגנט און אַהיימגעגאַנגען שלאָפן.

ח

— חיה־רבקהס הויז איז אַ ביסל אויפגעריכט געוואָרן — האָט מען געשמועסט ביים פעטער לייב־חיים און נישט נאָר ביים פעטער לייב־חיים אַליין. אין דער גאַנצער משפחה האָט מען דערפון גערעדט, פרעמדע אַפילו, שכנים און באַקאַנטע, האָבן באַשיימפערלעך געזען דער אַלמנהס אויפ־ריכטעניש צוליב דער טאָכטערס רייכן שידוך.

און אין אמתן טאָקע — די שטוב וואָס האָט זיך אַזוי לאַנג געקוועלט אין דחקות, האָט מיט אַ מאָל זיך דערפילט פריי, לייכטער אָפּגעאָטעמט, פונקט ווי עמעצער וואָס אַכזריותדיקע פינגער האָבן אים דעם האַלדז געוואָרגן, אַזש די אויגן זענען אים פון קאָפּ געקראָכן, און מיט אַ מאָל האָט מען אים לויז געלאָזט דעם האַלדז, ער קען פריי, לייכט אָפּעטעמען און צו די כוחות קומען.

און ס׳איז דען אַ וווּנדער, וואָס די מאַמע האָט זיך מיט אַמאָל דער־פילט אַזוי גוט, ווי זי וואָלט באַקומען פליגל צו פליִען, און דער רוקן האָט זיך איר אויסגעגלייכט, און אויפן פאַרמעט־געלן פּנים האָט זיך אויסגע־לייגט אַ רויִקע גוטמוטיקייט, פּונקט ווי דאָס פּנים וואָלט געווען באַ־גאָסן מיט אַ מילדן זונען־שטראַל.

ס׳איז דען אַ וווּנדער?

אַז אָט אין דער נויט געבויגענער שטוב, ווו דער מאַמעס לעצט שטיקל צירונג איז שוין אויך געווען פאַרקויפט און די רעשט איז געלעגן ביי פאַרשידענע פּראָצענטניקעס ווי אייביקע משכּנות פאַר גראָשנדיקע הלוואות, און אַפילו דער מאַמעס לעצט שטיקל ווערט־זאַך — דער מאַנטל מיטן פוטער־אונטערשלאַק, וואָס דער טאַטע האָט איר געלאָזט אויפנייען נאָכן אויפשטיין פון קימפעט מיט סימעלעך, איז שוין אויך נישט געווען. אין אָט דער שטוב האָט זיך ווידער גענומען ווייזן צירונג: מלכּהס רייכער חתן און זיין משפּחה, וואָס זענען אָפּט געקומען צופאָרן צו דער כּלה, האָבן זי באַשיט מיט מתּנות.

ס׳איז כּמעט נישט געווען די וואָך, מלכּה זאָל נישט קריגן עפּעס אַ פינגערל, אַ בראָשקע, אָדער אַ שפּילקע.

אַלע אין שטוב (אַ חוץ בנימין, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט איבער־ריק אינטערעסירט מיט דער היים) זענען מיט אַמאָל געוואָרן מבֿינים אויף איידל־שטיינער; זיי האָבן געוווּסט, ווי עס דאַרף אויסזען אַן אָפּאַל, אַ רובין, אַ שמאַראַגד... פאַר אַן עין־הרע האָט די מאַמע מורא געהאַט, און דאָס לעצטע מאָל ווען דער חתן איז געווען פאַרבעטן אויף שבת צום פעטער לייב־חיימס טיש און ער האָט דעמאָלט געשענקט דער כּלה אַ פינגערל מיט אַ ברילליאַנט, האָט דאָס די מאַמע אַפילו די קינדער נישט דערציילט, כּדי עס זאָל נישט ווייטער קומען. זי האָט מורא געהאַט פאַר אַ בייז אויג, פאַר אַ באַנעמעניש, אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן.

אין שטוב האָט גאָרנישט נישט געפעלט, און אַ מזומנער גראָשן איז אויך געווען. לייב־חיים וואָלבערג האָט איצט מטיב געווען מיט דער שוועס־טערס שטוב: ווי נאָך קיין מאָל ביז איצט — איז די מאַמע מיט מלכּהן נאָכאַנאַנד געגאַנגען איבער די שניט־קראָמען איינקויפן דעם אויסשטייער. טייל מאָל איז די מומע הענע אָדער אירס אַ טאָכטער אויך מיטגעגאַנגען, און מיט די שניידערס און וועש־ניייערס איז געווען געגנוג צו טון.

און ווייל די מאַמע און מלכּה זענען געווען פאַרנומען און ס׳רוב נישט

געווען אין דער היים, איז דאָס קאָכן מיטיק מערסטנס געפֿאַלן אויף סימע־לען, ווען זי איז אַהיימגעקומען פון שול... איז טאַקע מייסטנס, ווען בנימין און ישראל־נח זענען געקומען אויף מיטיק, איז נאָך נישט פֿאַרטיק געווען דאָס געקעכץ. און איז עס שוין פֿאַרטיק געוואָרן, האָט מען דאָס נישט געקענט נעמען אין מויל — אַזאַ געקעכץ איז דאָס געווען, אָן טעם און אָן ריח.

סימעלען האָט פֿאַרדראָסן אויב מ'האָט נישט געוואָלט עסן. זי האָט געלאָזט שטיין די פולע טעלערס אויפֿן טיש, נישט אַראָפּגערוימט זיי און אַליין זיך געשטעלט ביים קוימען וויינענ, און אַז די מאַמע איז נאָר איבער די שוועל געקומען, האָט זי זיך באַלד באַקלאָגט:

— די יונגען טוען מיר אויף צו' להכעיס און ווילן נישט עסן, וואָס איך קאָך...

האָט די מאַמע דערנאָך געמוסרט די זין:

— וואָס מאָרדעוועט עך מיר דעם יתום, דעם וואָרעם? איז זי נישט קיין פֿאַרטיקע קעכין, זאָל זי ליבערשט זיין עפּעס אַנדערש, איידער אַ גוטע קעכין.

און אָט ערשט איצט, ווען מלכה האָט אַ ביסל זיך אָפּגערוט פון בלענדן זיך די אויגן איבער די שטיקעריי „פּלאַכטעס" און איז געגאַנ־גען אַ ביסל אָרנטלעכער אָנגעטון, האָבן אַלע מיט אַמאָל אַ דערזע געטון, אַז מלכה איז טאַקע אַ זעלטן שיין, באַחנט מיידל. איר וווקס איז שוין און די הענט שלאַנקע, איידעלע מיט דינע פינגער, דאָס פּנים לענגלעך מיט ליכ־טיקע ביר־אויגן און זייד־ברוינע האָר, פֿאַרפלאָכטן הינטער די קליינע רויטלעכע אויערן.

זי איז געווען אַ שיין מיידל, מלכה, און די נאַיווע אומשולדיקייט, וואָס האָט איר פון די האַלב־קינדישע אויגן אַרויסגעקוקט — אַלץ צוזאַ־מען, האָט דערמאַנט אָן קאַליריקע האַלב־צייטיקע, שמעקעדיקע עפּל אין אַ פּריצישן סאָד, אַז מ'דערבליקט זיי אין אַ זוניקן סוף־זומער טאָג.

רוישיק און טומלדיק זענען אַדורכגעלאָפֿן די פּאָר וואָכן פון מלכהס תנאים ביז דער חתונה. ביים פעטער לייב־חיים האָבן זיך שוין געפּאַ־שעט עופות: הינער, גענדז און אינדיקעס. זיי האָבן רויִק געוואָרט אויף דעם באַשטימטן טאָג, ערב חתונה, אונטערצושטעלן זייערע העלדזער אונ־טער דעם שוחטס בליציקן חלף, זייער בלוט צו פֿאַרגיסן פֿאַר די מענטשנס

שמחה, אונטערצוטראָגן דעם צוגעפּראַוועטן גוף פֿאַר די פֿאַרבעטענע חתונה־געסט צו זעטיקן זייער מאָגן. דערווייל האָבן זיי נאָך געלעבט, די פֿאַרשידענע עופֿות, אַרומגעשפּאַצירט אין פֿאַרפֿאַרקאַנטן שטיקל הויף, וואָס איז ספּעציעל אָפּגעטיילט, כּדי דאָרט צו פֿאַשען עופֿות, געגעסן פֿון איין קאָריטקע, געטרינקען וואַסער פֿון איין פֿענדל, זיך געליבט, בּרוגז געוואָרן, געדזשאָבעט איינס ס'אַנדערע אוןווידער שלום געוואָרן, און נישט געקענט גאָר מיט זייער הינערישן מוח וויסן, אַז אַזוי דעם שוחטס חלף, ווי די גרויסע טעפּ און בראַט־פֿאַנען, זענען שוין גרייט און וואַרטן גערולדיק אויפֿצונעמען זייערע גופֿים.

ס'איז געווען אַ סך אַרבעט, און אַ צוויי וואָכן פֿאַר דער חתונה זענען אַלע נאָך מער געווען פֿאַרנומען. דעם חתנס דירה, אין דער בעסערער גאַס אייפּן ערשטן שטאָק, איז שוין געשטאַנען גרייט אויפֿצונעמען דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק. ס'איז געווען אַ גרויסאַרטיקע דירה — עטלעכע חדרים אַ חוץ דער קיך. גרויסע לופֿטיקע שטובן, די ווענט טאַפּעטירט, די דילן געשמירט, טייל טונקל־ברוין און טייל העל נוס־קאָליר און די טירן־פֿענצטער מיט גרויסע שפּיגלדיקע שויבן — ווייס און ווייס, ווי מילכגלאָז און מיט אַזאַ בלישטשל, אַזש בלוילעך. די מאַמע איז דעמאָלט געווען פֿאַרנומען מיט צוקלויבן פּאַסיקן מעבל. זי איז לויט דעם חתנס אָנוווייז געלאָפֿן איבער די געשעפֿטן, געזוכט מעבל נאָך איר גוסט נאָך, און אַלץ געקרימט מיט דער נאָז, אַז אַזעלכע מעבל ווי זי מיינט איז עפּעס גאָרנישט צו זען.

דעמאָלט, די לעצטע צוויי וואָכן פֿאַר מלכּהס חתונה, זענען שוין אַלע געווען פֿאַרטאַראַראַמט, פֿאַרנומען; אַפֿילו סימעלע אויך. דעמאָלט האָט שוין קיינער זיך נישט צייט גענומען מיטיק צו קאָכן; אַז די יונגען זענען געקומען פֿון פֿאַבריק, איז די פּליטע געווען קאַלט, צומאָל נישט אונטערגעהייצט. האָבן זיי זיך געמוזט באַגנוגענען מיט וואָס עס איז און צוריקלויפֿן צו דער אַרבעט; ביי דער פֿאַרטועניקייט האָט זיי אַפֿילו נישט געפּאַסט צו עמעצן צו האָבן אַ טענה.

אָט אַזוי איז אָנגעשוווּמען מלכּהס חתונה־טאָג. ס'איז געווען חנוכּה־צייט. אין דרויסן איז אָנגעפֿאַלן אַ היפּשער שניי. אַ ווייכער און ווייסער האָט ער צוגעדעקט די בלאָטיקע ערד, ווי מיט אַ זויבער זילבער־ווייסער קאָל־דרע. ס'איז געווען אַ לייטישע חתונה. ביים פֿעטער לייב־חיים זענען כּמעט אַלע חדרים געווען פֿול מיט געסט; קוים אַביסל אַ קלענערע חתונה, ווי ביים פֿעטערס טאָכטער. פֿון חתנס צד זענען געקומען מחותּנים און

מחותנתטעס, נגידישע, אויסגעפּאַשעטע; דער כלהס מוטער האָט קעגן זיי געהאַט אַ פּנים ווי אַ שאָטנדל עפּעס. דער הויפּט־מחותן, דעם חתנס פֿאָ־טער ר׳ יצחק־שאול מייעראָוויטש האָט אויסגעזען, ווי זיין בויך וואָלט געווען אויסגעבעט מיט אַ פּערענע. אַזאַ היפּשן בויך האָט ער פֿאַרמאָגט.

לייב־חיים וואַלבערג האָט געטענצלט אַרום די מחותנים. עס זאָל זיי גאָרנישט פֿעלן, זיי זאָלן זיך גוט און היימיש פֿילן... מ׳האָט זיך איבער־געגעבן, אַז ער, וואַלבערג, האָט אַן אויג געוואָרפֿן אויפֿן חתנס ייִנגערן ברודער, וואָס איז מיטגעקומען אויף דער חתונה. ער שטודירט כעמיע אין דער שווייץ. לייב־חיים האָט חשק אים צוכאַפּן פֿאַר זיין טאָכטערס וועגן, פֿאַר טעמערלען.

צי דאָס איז טאַקע אמת געווען, ווייסט קיינער נישט. דער פֿעטער לייב־חיים האָט דאָס פֿאַר קיינעם נישט פֿאַרטרויט. אין דער משפּחה האָט מען אַזוי גערעדט.

מ׳האָט אָפּגעטאַנצט די חתונה ביים פֿעטער לייב־חיים. די מאַמע מיטן הויזגעזינד זענען אַהינגעקומען אויף אַלעם גרייטן. מלכה איז ווידער באַשיט געוואָרן מיט מתנות, און באַלד נאָך דער חתונה איז זי — פֿרוי מייעראָוויטש — אַריבער ווינען מיטן מאַן אין איר גערוימער, אויסגעמע־בלירטער דירה, און די מאַמע האָט זיך געריכט צו שעפּן נחת מיטן פֿולן מויל און מיט ביידע הענט.

ט

מיטיק־צייט, אין פֿאַבריק, פּונקט ווען בנימין האָט געהאַט אַרויפֿגע־צויגן אויף דער טונקעלער אַרבעט־בלוזע דעם אויבעררעק, איז צו זיין מאַשין צוגעקומען אַ פֿרעמד ייִנגל, קענטיק אַ פּעדלערל, און אים אי־בערגעגעבן אַ שטיקל פּאַפּיר. בנימין האָט געעפֿנט דאָס צעקנייטשטע פּאַפּירל. ס׳איז געווען אַ בריוול מיט אַ בלייפֿעדער געשריבן, עטלעכע שו־רות, פֿון פּאָנטשערן. ער האָט בנימינען צוויסנגעטון, אַז צוליב אַ זייער וויכטיקן ענין דאַרף ער זיך מיט אים זען. ער באַשטימט, זיי זאָלן זיך טרעפֿן היינט פֿאַרנאַכט. צום סוף בריוול האָט פּאָנטשער אויפֿמערקזאַם געמאַכט בנימינען, אַז אין פֿאַבריק אַריין זאָל ער צו אים נישט קומען, נאָר — אויף דעם אָנגעוויזענעם אָרט אין פּאַרק.

פּאָנטשער האָט זיך שוין געהאַט איינגאַנצן דערווייטערט פֿון דער

באַוועגונג, און בנימין האָט זיך זעלטן ווען באַגעגנט מיט אים, און דורכ־געוואָרפן מיט אים עטלעכע ווערטער.

בנימין האָט נישט געקענט זיך דערטראַכטן וועגן וואָסער ענין דאָ קען זיך האַנדלען. דאָך האָט ער אין דער באַשטימטער שעה געלאָזט שטיין די מאַשין און אַוועק אין פּאַרק.

פּאָנטשער איז נאָך נישט געווען. בנימין איז לאַנג געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ אין דער אַלייע און געוואַרט, אָבער קיינער האָט זיך נישט געוויזן.

אין גראָען ווינטער־פּאַרנאַכט איז דער פּאַרק געווען פּוסט און טויט; דער אָוונט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, און אַלץ אַרום האָט אויסגעזען צו דרימלען פון איינזאַמקייט.

ס׳איז געווען קאַלט און אַ ווינט האָט געקלאַפּט מיט די צווייגן פון לערע געפּרוירענע ביימער. זעלטן האָט זיך פון אַ בוים אַראָפּגעלאָזט אַ לעצט פאַרפוילט בלעטל, זיך געדרייט אין דער לופט, שווער געפאַלן און שוין געבליבן ליגן.

ס׳איז געווען פּוסט און קאַלט. אַן עלטערע דאַמע אין טרויער־קליי־דער איז לאַנגזאַם געגאַנגען איבער דער אַלייע און מיטן שירעם וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט, געשאַרט צווישן די פאַרפוילטע בלעטער; אַ נאַנע איינגעהילט אין אַ טוך, האָט דורכשניידנדיק דעם פּאַרק, פאַרקירצט זיך דעם וועג צום קלויסטער. פון אַ נאַקעטן בוים ערגעץ האָט אַן איינ־ציקע קראָ געקראַקעט, אַנזאָגנדיק אויף שניי.

אַביסל שפּעטער, ווען אין דער אַלייע האָט דער פּאַרק־סטרוזש שוין אָנגעצונדן די שיטער־צעשטעלטע גאַז־לאָמפּן, איז אָנגעקומען פּאָנטשער, הינטער אים אַביסל אָפּגערוקט — איינער אַ פרעמדער, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט פון דער ווייטנס און קענטיק געוואַרט, מ׳זאָל אים צורופן.

פּאָנטשער האָט בנימינען אין דער גיך צוווויסנגעטון, אַז דער חבר — באָריס הייסט ער — איז צוגעשיקט געוואָרן אַהער, כדי דאָ אָנצופירן מיט דער באַוועגונג. ער האָט מיטגעבברענגט אַ בריוו אַדרעסירט צו אים, פּאָנטשערן. ס׳איז פון יענעם חבר וואָס שיקט אַהער ליטעראַטור.

פּאָנטשער האָט נאָך דערמאָנט, אַז מ׳מוז דעם חבר ערגעץ איינאָר־דענען, ווייל ער האָט נישט וווּ זיך אַהינצוטון. אָפּגעזאָגט דאָס אַלץ, איז

פֿאַנטשער גיך אַוועקגעגאַנגען, מיט אַ תירוץ, אַז ער איז פּונקט זייער פֿאַרנומען.

ס׳איז נישט שווער אָנגעקומען צו געפֿינען אַ חדרל פֿאַר דעם חברס וועגן. אין דער ייִדישער געגנט, אין די אָרימע געסלעך, זענען געווען גענוג בעלנים אָפּצוגעבן איינס פֿון זייערע שטיבלעך, אַבי דערפֿון עפּעס צו פֿאַרדינען.

שלעכט איז נאָר געווען, וואָס דער חבר באָריס רעדט אַזוי טיף ליטוויש און די אָרימע ווייבער דאָרט האָבן נישט קיין גרויסן צוטרוי צו אַזאַ איינעם, וואָס רעדט אַנדערש ווי זיי. אָבער אויך דערויף איז גע־ווען אַן עצה: אַ פּאָר קאָפּיקעס מער פֿאַרן שטיבל, און די באַלעבאָסטע און איר הויזגעזינד זענען געווען „טויב און בלינד״ צו אַלץ, וואָס אין שטיבל קומט פֿאָר. ס׳איז זיי שוין גאָרנישט אָנגעגאַנגען, וואָס זייער מיט־ווינער איז און וואָס איז זיין „טועכץ״...

און אַזוי ווי דער חבר באָריס האָט זיך נאָר געהאַט באַזעצט אין זיין שטיבל, האָט מען אים אַהערגעבראַכט זיין פּעקל, וואָס ער האָט דער־ווייל געהאַט ליגן ביי פֿאַנטשערן אין פֿאַבריק (פֿאַנטשער איז צוליב דעם פּעקל געווען אומרויִק), און ער האָט גענומען טון אין זיין שליחות.

***

כדי צוזאַמענצובינדן אַלע קרייזלעך אין איין קערפּער, איז אויס־געקליבן געוואָרן צו איין מיטגליד פֿון אַ קרייזל, און אָט די אויסגעקלי־בענע מיטן חבר באָריס אין דער שפּיץ, האָבן געבילדעט אַ מין לייטונג, וועלכע פֿלעגט זיך צוזאַמענגעקומען איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין וואָך, אין פּוסטע דירות, אין פֿאַבריקן נאָך דער אַרבעט, אָדער ביי איינעם פֿון די מיטגלידער אין דער היים — נאַטירלעך, ווען דאָרט איז קיינער נישט געווען. אין אַ לינד וועטער איז מען זיך צוזאַמענגעקומען אין פֿאַרק אין אַ ווייטן ווינקל.

צווישן די חברים האָט מען אָט די העכסטע אינסטאַנץ גערופֿן די „אָרגאַניזאַציע״. ווער עס געהערט צו דער „אָרגאַניזאַציע״ האָט קיינער נישט געדאַרפֿט וויסן; מ׳האָט זיך אפֿשר אָנגעשטויסן, ווער עס געהערט אַהין; יעדער ביי זיך, געהיים, האָט מסתמא געהאַט אַ חשד אויף דעם אָדער אויף יענעם, אַז ער זיצט אין דער „אָרגאַניזאַציע״; נאָר גערעדט

דערפון, פאַרן מויל געבערענגט, האָט מען דאָס נישט — דער „אלף־בית״ ביים אַריינטרעטן אין דער באַוועגונג איז געווען קאָנספּיראַציע — הערן, זען, שווייגן, און דאָס האָט מען אָפּגעהיט.

אין דער „אָרגאַניזאַציע״ האָט זיך אויך געפונען — בנימין, און פון אַ קרייזל אינטעליגענטע מיידלעך — טעמערל.

אויף די זיצונגען, אויף וועלכע ס'איז טיילמאָל באַהאַנדלט געוואָרן אַ חוץ אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען אויך פּאַר־פראַגן, איז איין מאָל אויסגעבראָכן אַ שאַרפער ווערטער־אויסטויש צווישן בנימינען און טעמערלען, אָדער ריכטיקער געזאָגט: בלויז פון טעמערלען אויף בנימינס חשבון.

אַ מאָדנע באַציִונג האָט איצט געהערשט צווישן בנימינען און טע־מערלען. ווער ווייסט, ווי טעמערל צו בנימינען, נאָר ער, ער האָט זי פיינט געהאַט, אָפּט שטאַרקער געהאַסט פאַר איר גלייכגילטיקייט צו אים, אָבער דאָס נאָר אַזוי לאַנג, ביז זי האָט צו אים אַ פריידנלעך וואָרט גערעדט; איין פריינדלעכע ווענדונג איז גענוג געווען אין איין רגע זיין פיינדשאַפט צו פאַרטרייבן, דעם גאַנצן האַס צונישט צו מאַכן.

און פאַרוואָס איז זי יעדעס מאָל אויף ס'ניי געווען קאַלט צו אים? ווער ווייסט! ווער קען זיי פאַרשטיין, אָט די אונטערגעוואַקסענע מייד־לעך? ווער קען ריכטיק פאַרשטיין צי זיי טוען דאָס פון כאַראַקטער־טיפ־קייט, צי פון מיידלשער נאַרישקייט? אַ פאַקט איז, אַז נאָך יעדן מאָל וואָס טעמערל האָט בנימינען אַרויסגעוויזן אַביסל פריינדשאַפט, האָט זי אים באַלד דערנאָך געגנומען אָפּצאָלן מיט גלייכגילטיקייט; אָט יענער מין גלייכגילטיקייט, וואָס ס'איז שווערער מוחל צו זיין, ווי די גרעסטע שנאה.

איין מאָל אויף אַזאַ זיצונג איז אַרומגערעדט געוואָרן די באַציִונג פון שטיקערס צו פעדלערס. אַרויפגעקומען אויף דעם שמועס איז מען דורך דעם, וואָס דער חבר באַריס האָט פאַרגעלייגט דעם יינגסטן פון די זיצערס — זכריהן, ער זאָל מאָרגן פאַרנאַכט קומען צו אים וועגן אַן ענין. זכריה אָבער, וועלכער אַרבעט אַלס פעדלער, האָט אים דאָס נישט געקענט צוזאָגן, ער ווייסט נישט, צי דער שטיקער וועט אים דערלויבן אַוועקצוגיין אין מיטן אַרבעטס־טאָג. אַזוי אַרום איז געקומען צו דעם שמועס וועגן שטיקער־פעדלער.

זכריה, אַ זיבעצניעריק בחורל מיט אַ רויטלעך פּנים און ברילן אויף קורצזיכטיקע אויגן — איז זייער אין כעס אויף עקספּלואַטאַטאָרס בכלל,

אויף שטיקערס בפרט, און אויף דעם שטיקער, ביי וועלכן ער אַרבעט איצט איז ער אַוודאי און אַוודאי בייז, געפּערלעך אין כעס. ער יאָגט אים ביי דער אַרבעט, טרייבט אים אונטער, ער זאָל פלינקער אַריינציִען דעם דרים אין דער נאָדל, מאַכן דאָס קניפּל, אַריינשטעלן אין אַ קלייען-קישעלע און זיך נעמען צו אַ צווייטער נאָדל; און ווייל דער שטיקער זיינער דערלויבט אים נישט אין דער פרייער צייט צו לייענען ביכער, נאָר ער זאָל בעסער זוכן נאָדלען אונטער דעם פעדל-טישל און אַרום דעם מאַשין, האָט זכריה איצט געפונען אַ גוטע געלעגנהייט צו שיטן פעך און שוועבל אויף אַלע שטיקערס, זיי שטעמפּלען ווי די מיאוסע בלוט-זייגערס, פּאַראַזיטן, וואָס זייער בעסט פאַרגעניגן איז צו מאַרדעווען פעדלערס.

בנימינען האָט נישט אַזוי ווייט געאַרט דעם בחורלס אומגערעכטער כעס קעגן די שטיקערס, וועלכע זענען צום מיינסטן אַזוי אָרעם ווי די פעדלערס און אַרבעטן אַ סך שווערער פון זיי, — נאָר בלויז כדי ריכטיק צו אינפאָרמירן דעם חבר באָריס, האָט ער געבעטן אַ וואָרט: די אָנגעשטרענגטע באַציִונגען נעמען זיך פון דער נישט נאָרמאַלער לאַגע, וואָס דער שטיקער אַרבעט אויף „שטיק". וואָס מער ער מאַכט פאַרטיק, מער פאַרדינט ער, דער פעדלער ווידער אַרבעט אויפן טאָג און אים איז נישט קיין חילוק וויפל דער שטיקער אַרבעט אויס, וויפל ער מאַכט פאַרטיק.

יעדער, אַפילו אַזוינער וואָס געהער נישט צו דעם פאַך, האָט געהאַט עפּעס צו דערציילן וועגן אוממאָראַלישע מעשים, וואָס טוען זיך אָפּ אין פאַבריק צווישן די שטיקערס מיט די פעדלערקעס. אין שטאָט זענען וועגן דעם לעבן אין פאַבריק אַרומגעגאַנגען פאַנטאַסטישע מעשיות, באשר די פאַבריק איז שיער נישט אַ שאַנד-הויז. אָט די מעשיות זענען איצט געקומען דאָ אויפן טיש אַרויף. חבר באָריס האָט אַ פּאָר אויגן געעפנט און פאַרצווייפלט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, נישט געפונען קיין ווערטער אויסצודריקן זיין צאָרן אויף אַזאַ לעבן, און בנימינען און נאָך עטלעכע, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען, האָט מען נישט געלאָזט דאָס מויל עפענען צו פאַרטיידיקן דאָס לעבן אין פאַבריק. מ'האָט זיי פאַרשריגן.

און ווען בנימינען איז ענדלעך געלונגען צו קריגן אַ וואָרט, ער האָט שוין אָנגעהויבן רעדן, האָט זיך אומגעריכט טעמערל געטון אַ רוף אָן:

— און דאָס ערגסטע איז — האָט זי געזאָגט מיט כעס צעהיצטע באַקן און הייסע אויגן — דאָס ערגסטע איז, וואָס אַפילו אַזעלכע, וואָס האַלטן זיך שוין פאַר באַוווסטזיניקע אַרבעטער, שטעלן זיך אויך נישט אָפּ

פון צו פאַרפירן פאַבריק־מיידלעך און טרייבן זיי אַזוי אַרום צו פּראָסטי־טוציע...

בנימין האָט אָנגענומען אַז דאָס מיינט זי אים.

מעגלעך, אַז טעמערלס ווערטער וואָלטן אַדורך אומבאַמערקט. נאָר אירע אויגן, שוואַרצע, צעבלישטשעטע זענען געווען ווי צוויי גלאַנציקע שפּיזלעך אָנגעשטעלט אויף בנימינען, און אַז בנימין האָט אַ קוק געטון און זיך באַגעגנט מיט אָט דעם בליק טעמערלס, איז ער געבליבן אָפּהענ־טיק. זיינע ווערטער זענען אים אָפּגעשטאָרבן אין מויל. אין קאָפּ האָט אים אַ קלאַפּ געטון איין איינציק וואָרט: „עטל". ער איז רויט געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט די אויגן. לויט דער שטילקייט אַרום האָט ער זיך משער געווען, אַז אַלע קוקן אים אָן, אַלע טראַכטן איצט פון אים, אין שייכות מיט דער מעשה עטל, צוליב וועלכער ער האָט אַמאָל ביי נאַכט געקריגן די ביינער געבראָכן.

אַ היפּשע ווייל איז געווען אָנגעשטרענגט שטיל. דערהויבן די אויגן, האָט בנימין זיך באַגעגנט מיטן חבר באָריסעס בליק. דעם חבר באָריס' גראָע שאַרפּבליקנדיקע אויגן האָבן פאַרשנדיק אים אָנגעקוקט אַזוי, אַז בנימין איז נאָך אַמאָל רויט געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. חבר באָריס האָט עפּעס אַ זיי געטון צווישן די ציין, אַלץ נאָך אָנקוקנדיק בנימינען, אַ שאָקל געטון דעם קאָפּ און געזאָגט ווי צו זיך אַליין: — אינטערעסאַנט... און באַלד ווידער געפרעגט מיטן געוויינטלעכן טאָן:

— איז ביי וואָס זענען מיר שטיין געבליבן? — און בנימינען האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ער האָט מער נישט געקוקט אין זיין זייט און דעם גאַנצן אָוונט שוין אויסגעמיטן צו רעדן צו אים.

און מערקווירדיק; בנימין האָט נישט געפילט קיין שום שנאה צו טעמערלען, פאַר איר אָנרופן זיך אויף זיין חשבון. ער האָט זי איצט אַ סך ווייניקער פיינט געהאַט, ווי ווען ער באַגעגנט זי אין גאַס און זי גייט אים פאַרביי מיט אַ גלייכגילטיקן ענטפער אויף זיין גרוס.

ער האָט זיך נאָר געפילט שטאַרק דערשלאָגן: „זי ווייסט פון עטלען בלויז"... און דערנאָך, ווען זיי זענען זיך צעגאַנגען פון דער זיצונג — איינציקווייז, כדי נישט צו דערוועקן קיין חשד — איז ער גרייט געווען מיט איר פריינדלעך צו רעדן. זי אָבער איז אַזוי קאַלט און שטייף אים פאַרבייגעגאַנגען, אַז עס האָט אים דעם חשק אָפּגענומען צו איר צוצוגיין.

אַ צען טעג שפּעטער איז ווידער עפּעס פּאַרגעקומען, אָבער דאָ האָט בנימין שוין אַנדערש געהאַנדלט.

י

בנימין האָט געדאַרפט זיין ביים חבר באַריס. ס׳איז געווען אַ וואָך, צי צען טעג נאָך דעם ווי טעמערל האָט אים געהאַט באַליידיקט אויף דער זיצונג.

ווי געוויינטלעך, צוליב קאָנספּיראַציע, איז אַזאַ באַזוך פאַרגעקומען אין אָוונט. מ׳איז געגאַנגען פאַרזיכטיק, דורך אַן אומוועג, אומבאַמערקט זיך אַרויפצוכאַפּן...

אויבן, אין פינצטערן פעדער־הייזל, אונטערן הוילן דאַך, וואָס אַז מען קומט אַהין אַרויף דורך וואַקלדיקע שטיגן, איז בנימין לאַנג געשטאַנען הינטער דער פאַרקייטלטער טיר; מ׳האָט אים נישט אַזוי גיך געעפנט.

ער האָט אָנגעגעבן דעם סימן: דריי מאָל אָנגעקלאַפּט מיט דעם פאַרבויגענעם פינגער און איין מאָל מיט דער פויסט, און ס׳האָט אַלץ געדויערט, ביז מ׳האָט געעפנט.

אין שטיבל, איז אַ חוץ דעם חבר באַריס (ער איז געזעסן איבער אַ טעפּל טיי און אַן אָפּגערוקטן אָפענעם רוסישן בוך) געווען אויך טעמערל וואַלבערג, אַן מאַנטל און אָן היטעלע, געזעסן געמיטלעך, כמעט היימיש.

בנימינען האָט עפּעס אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ ביים דערבליקן זי דאָ צוזאַמען מיט באַריסן. ביידע אין פאַרמאַכטן שטיבל. ער האָט אַ פרעג געטון דעם חבר באַריס, פאַרוואָס ער האָט אים נישט באַלד געעפנט די טיר (דערביי האָט בנימין שוין זיך נישט געקענט מער איינהאַלטן און זייטיק אַ בליק געוואָרפן אויף טעמערלען).

— איר האָט דאָך געדאַרפט דערקענען אין מיין קלאַפּן דעם סימן...

באַריס, אין סטודענטן־רעקל, אַ ביסל אויפגעקנעפּלט ביים האַלדז, האָט זיך אָנגערופן:

— איר זענט ווויל גערעכט, חבר, נאָר עפּעס האָב איך איצט נישט גלייך דערקענט אייער קלאַפּן... אפשר האָט איר צו האַסטיק געקלאַפּט.

בנימין האָט אַ צי געטון מיט די פּלייצעס, און אין אים האָט גענומען זידן אַ פאַרדראָס אויף טעמערלען, סתם פאַרוואָס זי איז איצט דאָ אַליין

מיט אַ דעם אינטעליגענט אין דער סטודענטן־קורטקע און מיטן קאַפּ געקרייזלטע האָר.

אין דעם אָוונט האָט בנימין מאָדנע זיך אויפגעפירט. ער איז כסדר געווען אויפגערעגט. ווען ער האָט גענומען דערליידיקן דאָס, צוליב וואָס ער איז געקומען, — אַרומגערעדט, ווי אַזוי בעסער צו אָרגאַניזירן דאָס פאַרשפּרייטן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, האָט בנימין פאָרגעלייגט, צו־דרינגלעך פאָרגעלייגט, נאָר אַז טעמערל זאָל אויף זיך נעמען צו פאַר־שפּרייטן ליטעראַטור אין איר פאָטערס פאַבריק. ער האָט מאָטיווירט דעם פאָרשלאָג מיט אַזעלכע טעמים, אין וועלכע ס׳האָט זיך זיכער געפונען אַ סך מער להכעיסדיקייט פון אַ נישט קאָנטראָלירטן בייזן ווילן, ווי ערנסטקייט.

טעמערל האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טון. עס איז פון דער ערשטער רגע פאַרמשפּט דורכצופאַלן. זי קען בעסער טון אַנדערע אַרבעט און מיט מער דערפאָלג. בנימין איז אָבער צוגעשטאַנען, אַז טעמערל זאָל דאָס אונטערנעמען, און חבר באָריס, ווי אַ פּרעמדער, האָט נישט געוווסט, מיט וועמען מסכים צו זיין.

נאָר ווען טעמערל האָט מיט אירע ראיות שוין געהאַט באָריסן אַרי־בערגעצויגן אויף איר זייט און האָט שוין געהאַלטן ביים נצחון, האָט בנימין זיך פּלוצלינג אָנגערופן גראָב, מיט אויפרעגונג, אָבער אויך מיט וויטיק:

— אָט די רייכע קינדער, זיי איז נאָר לייכט אָנצופאַלן אויף יענעם, פון ווילטאָג עמעצן צו באַליידיקן, פאַרוואַרפן אויסגעטראַכטע מיאוסקייטן. דאָס טוען זיי מיט הנאה... אַליין אָבער עסט מען דעם בורזשואַזן טאַטנס ברויט, מ׳ריכט זיך נישט איין די איידעלע הענטלעך, מ׳שפּאַצירט אַרום פּיין אָנגעטון און מ׳שפּילט זיך אין סאָציאַליזם. מ׳האַלט מיט די מאָדע...

נאָך האָט בנימין גערעדט און גערעדט, געשיט ווערטער, ווי הייסע קוילן. די אויגן האָבן אים געפלאַקערט... טעמערל איז בלאַס געוואָרן, און דער חבר באָריס האָט אויף אים אָנגעשטעלט דאָס קלוגע טונקל־הויי־טיקע פּנים מיט די טיפע שטערן־ווינקלען. ער האָט זיך צוגעהערט צו בנימינס רעדן, ווי ער וואַרפט פּעך און שוועבל אויף די פאַבריקאַנטן־קינדער, וואָס טוען כלומרשט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. ווען בנימינס רעדן האָט זיך ווידער איבערגעחזרט און נאָך הייסער און נאָך פאַרבי־טערטער, האָט חבר באָריס זיך אָנגעשטויסן, אַז מיט זיין רעדן איז בנימין אויסן צו טרעפן די חברטע טאַמאַראַ (אַזוי האָט מען זי דאָ גערופן), האָט

ער קוים אַ שמייכל געטון, אַנגענומען בנימינען פאַר דער האַנט, ער זאָל זיך באַרויקן.

טעמערל האָט זיך דערווייל אַנגעטון דעם מאַנטל און דאָס היטעלע און גענומען אַוועקגיין. דער חבר באַריס איז געגאַנגען זי באַגלייטן אַראָפּ פון די פינצטערע, וואַקלדיקע שטיגן, און גענומען מיט זיך די שוועבעלעך.

צוריק אַריינגעקומען, האָט באַריס זיך אַנגערופן צו בנימינען מיט אַ ביסל פאַראיבל:

— איר זענט נישט גערעכט, חבר — אייערע ווערטער זענען טאַקע ריכטיק קעגן אַ געוויסן טייל פון די רייכע זינדלעך, חברטע טאַמאַרען קען מען אָבער צו יענעם טייל נישט צורעכענען. זי זאָגט זיך נישט אָפּ פון קיין שום אַרבעט, אויך איצט איז זי אַרויפגעקומען אַהער וועגן אַזוינס, וואָס נישט יעדער וואָלט זיך אונטערגענומען דאָס אויסצופירן.

אַזוי ווי די לעצטע צייט איז דאָס ברענגען אַהער פראָקלאַמאַציעס געווען שלעכט אַוועקגעשטעלט, האָט בנימין זיך אַנגעשטויסן, אַז אפשר מיינט ער דאָס, דער חבר באַריס.

שפּעטער, בנימין האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָבן זיך מיט אַמאָל דערהערט עטלעכע קלעפּ אין טיר. באַריס האָט פאַרוווּנדערט און דערשראָקן אַ ביסל אַ קוק געטון דאָ אויף דער טיר, דאָ אויף בנימינען, ווי ער וואָלט אים שטום געפרעגט, ווער דאָס קען זיין. ער איז צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, אַ ביסל זיך צוגעהערט, צולייגנדיק דאָס אויער צום שליסל־לאָך, און געעפנט.

טעמערל איז עס געווען. אויפן חבר באַריסעס פאַרחידושטן קוק, האָט זי געזאָגט:

— איך האָב פאַרגעסן צו נעמען ביי אייך דעם אַדרעס יענעמס...

חבר באַריס האָט זיך אַנגעכמורעט:

— איך מוז אייך אויפמערקזאַם מאַכן, חברטע — האָט ער שטרענג גערעדט — אַז איר האָט איצט גאַרנישט ריכטיק געטון. איר האָט נישט געדאַרפט צוריקקומען, נישט געטאָרט צוריקקומען. איר מוזט וויסן, אַז דורך אַזאַ מין האַנדלונג קענען מיר לייכט פאַרשיט ווערן.

און ער האָט באַלד צוגעלייגט מיט אַ שטרענגן טאָן:

— איר ווילט אַבסאָלוט נישט וויסן פון קיין דיסציפּלין.

— און איך — האָט טעמערל געענטפערט — האַלט דעם ענין פאַר זייער דרינגענדיק, דעריבער... איך מוז דורכויס וויסן דעם אַדרעס. איך

מוז אָפּפאָרן אין דער באַשטימטער שעה און צוריקקומען אין דער באַ־שטימטער שעה דעם זעלבן טאָג, און איך דאַרף וויסן צו וועמען זיך דאָרט צו ווענדן.

דער חבר באָריס האָט גענומען מיט איר איינחזרן דעם אַדרעס.

— וואַרט צו, חבר — האָט ער זיך געווענדט צו בנימינען, וואָס האָט שוין גענומען אַוועקגיין — וואַרט צו אַ רגע, וועט איר אין איין וועגס צופירן די חברטע טאַמאַרע. איר זענט דאָך, דאַכט זיך, קרובים, וועט דאָס נישט דערוועקן קיין חשד.

אַראָפּקומענדיק פון חבר באָריסעס שטיבל, זענען זיי נישט גלייך אַהיימ־געגאַנגען, נאָר ווי דער שטייגער איז, אַז מ׳קומט פון אַ קאָנספּיראַטיווער וווינונג, זענען זיי אַוועק אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, נישט ווו זיי האָבן געדאַרפט, און גענומען שפּאַצירן אַ ביסל אין דער אַלייע, וועלכע איז איצט, צוליבן ווינטער, געוועןליידיקלעך.

זיי זענען געגאַנגען האַרט איינער לעבן צווייטן. טעמערלס עלנבויגן האָט גערוט לעבן זיין זייט. אים האָט זיך געדאַכט צו פאַרנעמען פון איר אַ וואַרעמקייט.

זיי זענען געגאַנגען אַרויף־צו, צו דער טעאַטער־געבײַדע. טעמערל, אָנגעטון גוט ווי אַ רייכע טאָכטער, און ער, געווייינטלעך, ווי אַן אַרבעטער פון דער מאַשין. געגאַנגען און געשוויגן.

ווען דער שאַרף־פּראַסטיקער ווינט האָט אַ ווייע געטון פון דער זייט, ווו עס ליגט דאָס וועלדל, האָט זיך טעמערל אָנגערופן:

— דיר איז אַוודאי קאַלט?

בנימין האָט בלויז אַ מאַך געטון מיטן קאָפּ, פּונקט ווי מ׳טרייבט פון זיך אָפּ אַ פליג.

באַלד האָט טעמערל ווידער געפּרוווט אָנצוהייבן אַ שמועס. זי האָט זיך פּלוצלינג אָנגערופן מיט אַ געלעכטער:

— מיר גייען דאָך עפּעס, ווי ברוגזע חתן־כלה.

בנימין האָט קוים די ליפּן אַ פאַרקרום געטון אויף אַ שמייכל און ווייטער געשוויגן.

דערנאָך, ווען זיי זענען אַ וויילן געשטאַנען ביים טייכל, וואָס איז געווען באַלויכטן פון גאַז־לאָמפּן, און זיי האָבן אָנגעהויבן פון דאָרט אַוועק־צוגיין אין דער שוואַך באַלויכטענער אַלייע, האָט זיך טעמערל אומגעריכט צערעדט פון דעם, וואָס בנימין האָט פּונקט געהאַט אין זין:

— ביסט נאָך אַלץ ברוגז פון מיין זאָג דעמאָלט אויף דער זיצונג?
גלייב מיר, בנימין, איך האָב דאָס גאָרנישט אַזוי געמיינט. ס'האָט זיך מיר גלאַט אַזאַ כאַפּ אַרויס געגעבן.

בנימין האָט זיך באַגעגנט מיט אירע אויגן, וואָס האָבן אים ליכטיק אַ פינקל געטון און אין איין רגע דעם גאַנצן האַס־אייז צעשמאָלצן אין זיין האַרץ און אַ וואַרעמקייט געשפּרייט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מאָרגן קלערט זי אונטערצונעמען אַזאַ געפערלעכע נסיעה, צו ברענגען אומלעגאַלע ליטעראַטור, און אים האָט באַנג געטון, וואָס ער האָט היינט אַזוי גערעדט אויף איר חשבון. נאָר געזאָגט האָט ער דאָס נישט, געזאָגט האָט ער גאָר אַזוינס, וואָס איז נישט געווען אמת:

— איך בין באַלד נישט ברוגז געווען.

אַזוי זענען זיי נאָך אַ ביסל געגאַנגען, געשמועסט און צעגאַנגען זיך יעדער זיין וועגס, און אויך נאָך דעם מאָל איז אַלץ געבליבן ווי פריִער. טעמערל איז נישט אַנדערש געוואָרן צו בנימינען. ער האָט ווייטער נישט געוווּסט, ווי ער האַלט מיט איר אין דער וועלט.

יא

— פאַרוואָס איך האָב מיך געגט מיטן ערשטן ווייב? — ווייל זי איז נישט שיין; פשוט: זי איז מיר נישט געפעלן, האָב איך זי אָפּגעגט.

דאָס זענען געווען די ערשטע ווערטער, וואָס בנימין האָט געהערט רעדן דער שוועסטערס מאַן צומאָרגנס נאָך דער חתונה, ווען ער איז געזעסן אין דער געזעלשאַפט פון דעם יונגן ווייבלס מוטער און איר ברודער לייב־חיים וואָלבערג. באַצויגן האָבן זיך די ווערטער אויף אַ שמועס, אין וועלכן די ניי געבאַקענע שוויגער האָט זיך דערדרייסט צו פרעגן דעם איידעם פאַרוואָס ער האָט זיך געגט מיטן ערשטן ווייב עטלעכע וואָכן נאָך דער חתונה.

— ווייל זי איז נישט שיין, זי איז מיר נישט געפעלן געוואָרן, — האָט דער איידעם געענטפערט קאַלט און מיט אַזאַ שמייכעלע, ווי ער וואָלט זיך דערביי געטראַכט: גלייבטס מיר יאָ, גלייבטס מיר נישט — אַן עסק האָב איך.

**
*

מלכהס מאַן, דער וואָס האָט זי אַריינגעפירט אינעם „שמאָלץ־גרוב“ און זי באַגליקט מיט זיין פאַמיליען־נאָמען מייעראָוויטש — הייסט אַנשל. ער איז אַ הויכער, ברייטפּלייצעדיקער, מיט אַ ביסל אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, טראָגט אַ קורץ־פאַרשוירן טונקל בערדל; נאָר דאָס משונהדיקסטע אין זיין פּנים זענען די אויגן, וועלכע זענען מאָדנע אַרויסגערוקט פון די אויגנלעכער, ווי זיי וואָלטן געוועזן נישט ריכטיק אַריינגעשטעלט און דאָס קול זיינס איז אויסטערליש היפּערדיק, אַזש עס איז שווער צו פאַרשטיין זיין רעדן.

צי ער איז אַ גוטער, צי ער איז אַ שלעכטער? — האָט נישט די מאַמע און נישט מלכה זיך געקענט קלאָר מאַכן; די מאַמע האָט גלאַט גאָרנישט מער געזען, ווי מלכהס שיינע וווינונג, די געפּוצטע שטובן און די דינסט, וואָס זיצט אין קיך און איז גרייט מלכהס מינדסטן באַפעל גלייך אויסצופירן.

די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ יום־טובדיק געמיט, רק געהאַלטן אין איין לויבן דעם טאַטן אין הימל, וואָס האָט אויף איר טאָכטער רחמנות געהאַט, זי אויפגעריכט — און נאָכאַנאַנד האָט די מאַמע געבעטן צו גאָט, אַז קיין ביז אויג זאָל מלכהן שולט זיין.

און אַז מלכה האָט זיך פאַר דער מאַמען גאָרנישט באַקלאָגט, גאָרנישט אַראָפּדערציילט, האָט די מאַמע אויך גאָרנישט געפרעגט. זי האָט געגלייבט, אַז דאָס פאָרפאָלק לעבט צווישן זיך ווי אַ פּאָר טויבן, און די מאַמע האָט געהאַלטן פאַר איר פליכט צו לערנען מלכהן, ווי אַזוי צו פירן די באַלע־באַטישקייט, ווי אַזוי אומצוגיין מיט דער דינסט, איר נישט צופיל דעם האַלדז אויפצורייסן, האַלטן זי אין דער צוים... די דאָזיקע פליכט אירע האָט די מאַמע ערלעך אויסגעפירט.

וואָס שייך מלכהן, וואָלט זי תחילת אין גאַנצן נישט געוועזן געוווסט צו זאָגן אַ מיינונג וועגן איר מאַן, צי ער איז אַ גוטער, צי נישט קיין גוטער. ער, אַנשל מייעראָוויטש, האָט נישט געהאַט די טבע הויך צו רעדן, זיך צו בייזערן, זיך אויפצורעגן, כאָטש ער האָט גערעדט היפּערדיק. גע־בייזערט האָט ער זיך קיין מאָל נישט, ער האָט גערעדט קאַלטבלוטיק, געלאַסן, מיט אַזאַ שמייכעלע, וואָס אים אַליין האָט דאָס אין גאַנצן נישט ווי געטון, נאָר דעם פאַר וועמען דאָס שמייכעלע איז געווען אָנגעגרייט, איז עס ביז דער זיבעטער ריפּ דערגאַנגען.

מלכה האָט געמיינט, אַז אַלע מאַנען זענען אַזוי. דעם פאָטער אירן

האָט זי ווייניק געקענט. ווען ער איז געשטאָרבן, איז זי נאָך געווען אַ קינד, און זי האָט שוין נישט געקענט געדענקען, ווי אַזוי ער פלעגט זיך פירן אין שטוב.

— „יעדער מאַן האָט זיין וואָלף־צאָן" — האָט די מאַמע אַמאָל אויפגעקלערט מלכהן.

און אַז אַנשל האָט פאַרלאַנגט, אַז דאָס יונגע ווייבל זאָל אים אין אַ מיטן וואָכן־טאָג שטעלן טשאָלנט מיט אַ שבתדיקן קוגל, האָט זי געטון ווי ער האָט פאַרלאַנגט. און אַז דאָס מיטיק האָט אַמאָל נישט אַזוי אויסגענומען ביי אַנשלס צעבאַלעוועטן לעקער און ער האָט אָן שום טענה־מענה געלאָזט ליגן דעם לעפל און אַוועק עסן אין אַ רעסטאָראַן, דאָס האָט מלכה אויך שווייגנדיק אַראָפּגעשלונגען.

און אַז אַנשל איז אין אינטימע מאַן־ווייב אַנגעלעגנהייטן אַמאָל צוגעשטאַנען צום יונגן ווייבל, געווען גראָב, געגעבן איר אַנצוהערן, אַז ער האָט זי גענומען אָן אַ פרוטה נדן, דאַרף זי אים תמיד נאָכגעבן, תמיד... האָט זי נאָכגעגעבן, און שאַ שטיל.

דער ערשטער ברוגז איז אַרויסגעקומען מיט עטלעכע חדשים שפּעטער.

מלכה האָט אָנגעהויבן באַמערקן, אַז איר שיקסע טענצלט עפּעס צופיל אַרום איר מאַן. די שיקסע אַ פולע און געזונטע, פלעגט שטענדיק אַרומגיין אין אַ רויט קאָפּ־טיכל, יצר־הרעדיק פאַרבונדן אַרום קאָפּ, מיט אַרויפגעשאַרצטע הענט, און צום פּאַן האָט זי זיך באַצויגן שיער ווי צו אירס אַ שייגעץ, מיט זייטיקע בליקלעך; כלומרשט אומגערן אָנרירן אים מיטן נאַקעטן אָרעם, און ער פּראָטעסטירט גאָרנישט קעגן איר אויפפירונג, אַדרבה, ער שמייכלט גאָר.

מלכה האָט דאָס באַמערקט, און אַז אָט די חנדלעך דער שיקסעס האָבן נישט נאָר נישט אויפגעהערט, נאָר זענען וואָס אַמאָל געוואָרן בולטער, האָט זי ערנסט אַ טראַכט געטון וועגן אָפּשאַפן די שיקסע פון שטוב אַרויס.

אָבער דעם טאָג ווען די שיקסע האָט שוין געדאַרפט נעמען איר פּעקל און גיין, האָט זיך ביים מיטיק אַנשל פלוצלינג אָנגערופן, ווי זיין שטייגער, געלאַסן, נאָר אַנטשלאָסן:

— וואָס עפּעס פעלט דיר איין אָפּצושאַפן די שיקסע? מ'דאַרף נישט, ס'איז אַ גאַנץ גוטע שיקסע, זאָשע, מ'דאַרף נישט אָפּשאַפן.

און, אפשר אין ענטפער אויף די טרערן, וואָס זענען דעם יונגן ווייבל געקומען אין די אויגן, האָט ער איבערגעחזרט:

— זאָלסט נישט אָפּשאַפן, איך הייס נישט, הערסט!

מלכה האָט געוווסט, וואָס דאָס הייסט זיין אַריינמישן זיך, און אַז זי דאַרף איצט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַרויסווייזן, אַז זי איז די באַלע־באָסטע און באַפעלערין אין שטוב. אָבער איר בושה איז געווען אַזוי גרויס און דאָס רחמנות צו דער מוטער אירער, וואָס זעט איצט אַ ביסל בעסער אויס, און גלייבט אין דער טאָכטערס צופרידנקייט, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט אויך איצט געשוויגן און די שיקסע איז ווייטער געבליבן אין שטוב.

ס׳איז אַזוי ווייטער אַוועק אַ פּאָר וואָכן, מלכה האָט אַ סך געליטן. זי האָט זיך באַמיט גאָרנישט צו זען, וואָס עס טוט זיך צווישן איר מאַן און דער דינסט. זי האָט זיך באַמיט גאָרנישט צו באַמערקן; וואָס נאָר ס׳האָט זיך איר נישט געוואָרפן אין די אויגן, האָט זי נישט געוואָלט גאָר זען. לויט דעם ווי דער מאַן איז געווען צו איר די ערשטע וואָכן נאָך דער חתונה און אַפילו אַ ביסל שפּעטער און ווי אַזוי ער האָט זיך געפירט מיט איר איצט, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז הינטער איר רוקן קומט פאָר עפּעס גאָר שרעקלעכס. זי האָט אָבער אַלץ געשוויגן, ווי אויף אירע ליפּן וואָלט געלעגן אַ שטיין...

די אָרעמע מלכה האָט געזען, ווי זאָשע ווערט אָפּטערס צווישן טאָג און נאַכט פאַרפאַלן פון שטוב, געהאַט אַ חשד, אַז דאָס באַזוכט זי איר מאַן אין זיין קאָנטאָר, לעבן דער זייף־פאַבריק. נאָר זי האָט גאָרנישט געפרעגט, כדי נישט צו באַקומען פון דער שיקסע קיין נישט אָנגענעמען ענטפער.

ס׳האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע, גלייך מ׳האָט אין שטוב אַ שווער קראַנקן אויף אַ נישט היילבאַרער קרענק און מ׳האָט מורא דערוועגן צו פרעגן דעם דאָקטאָר, כדי נישט צו דאַרפן הערן דעם שרעקלעכן אמת.

מלכה האָט זיך אַרומגעדרייט אין איר אייגענער שטוב, ווי איינער דרייט זיך אַרום אין אַן ענגער תפיסה־קאַמער; ניין, נישט ווי אין אַ תפיסה־קאַמער, נאָר ווי איינער, וואָס איז פאַרמשפּט צו ליגן לעבעדי־קערהייט אין אַ פינצטערן קבר, אָן ליכט און אָן אָטעם. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז אָט־אָט ווערט זי דערשטיקט אין דער דאָזיקער פאַרסמטער לופט... און די גראָבע הערשערישע באַציִונג צו איר, האָט איר שוין גאָר

די שיין פון טאָג פאַרפינצטערט, זי געמאַכט קוקן אויף די פאַרגאַנגענע מיידל־יאָרן אין דער מאַמעס שטוב, ווי אויף אַ פאַרלוירענעם גן־עדן.

— וואָס זעסטו מיר עפּעס אַזוי שלעכט אויס, מלכה? — פרעגט די מאַמע און קוקט איר פאַרשעריש אין די אויגן — פילסט זיך עפּעס נישט געזונט, חלילה, אָדער האָסט געהאַט עגמת נפש?

— גאָרנישט, מאַמעשי, כ׳זע דען שלעכט אויס? — פרעגט זי צוריק — כ׳ווייס גאָרנישט, איך פיל מיך, דאַכט זיך, גאַנץ נשקשה.

און לויט דעם ווי זי רויטלט זיך ביים ענטפערן, טראַכט די מאַמע, אַז ס׳איז חלילה גאָרנישט, נישט מער, אַ יונג פּאָרפאָלק, שמייכלט זי ווייך און פרעגט שוין גאָרנישט מער.

אָבער ווי זאָגט דאָס פאָלקסווערטל: „אַזוי לאַנג גייט דאָס קריגל צום וואַסער, ביז דאָס אויערל ברעכט זיך אָפּ". עס איז אָנגעקומען אַ טאָג, ווען ס׳איז מער שוין נישט מעגלעך געווען צו מאַכן זיך נישט זען און שווייגן. געקומען דער טאָג, ווען אַלץ איז אַרויפגעקומען אין דער הייך; ווען מלכה איז געצווונגען געווען אַרויסצוטרעטן פון איר פּאַסיווקייט.

די מעשים הינטער איר רוקן האָבן אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז עס איז אויסגעקומען עפּעס אַ געווערטלעכץ צווישן איר און דער דינסט. דעמאָלט האָט די שיקסע מיט חוצפּה איר דערקלערט, אַז זי איז דאָ פּונקט אַזוי פיל באַלעבאָסטע, ווי די פּאַני, אַז דער פּאַן געהערט איר אויך אַזוי פיל אָן, און ער האָט אפשר זי ליבער, ווי זיין געזעצלעך ווייב...

דעמאָלט איז צווישן מאַן און ווייב אויסגעבראָכן אַ מחלוקת; דאָס איז געווען מלכהס ערשטע מחלוקת מיטן מאַן. די שיקסע האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט אָפּטרעטן, פאַרלאָזן די שטוב.

אָט דער סקאַנדאַל האָט שוין נישט געקאָנט בלייבן גאָר שאַ־שטיל, אָפּשטאַרבן צווישן די פיר ווענט. צו דער מאַמען איז דאָס אויך דערגאַנגען, ווי נאָר זי איז געקומען צו זיך פון דער ערשטער איבעראַשונג און שרעק, האָט זי זיך באַלד גענומען באַמיִען, ווי צום גיכסטן די מחלוקה איינצושטילן און צוריקצושטעלן דעם שלום־בית.

— הער, מיין קינד — האָט די מאַמע אַריינגעשעפּטשעט אין מלכהן, ווען זיי זענען געבליבן אַליין — ביי קיינעם, מיין טאָכטער, איז דאָס לעבן נישט קיין אָפּגעמאָלטס; אומעטום, אין יעדער שטוב זענען פאַראַנען „סענקעס" און פון דעסטוועגן — מ׳לעבט, די וועלט גייט נישט אונטער.

מלכה איז פון דעם ערשטן קאַמף אַרויס די זיגעריןֿ, די דינסט האָט

געמוזט אָפּטרעטן, מ׳האָט געמוזט אַרויסרופן טעלעגראַפיש דעם מאַנס מוטער, און ער האָט צוגעזאָגט שוין אַנדערש זיך אויפצופירן. מלכה האָט אָבער מיט איר ערשט געעפנטן קלאָרן בליק באַנומען, אַז איר מאַן וועט שוין קיין מאָל נישט ווערן אַנדערש.

איז דאָך נישט געווען קיין אַנדערע עצה, ווי זיך צו גטן. נאָר אויך דאָס איז פאַר דער יונגער אָבער שוין האַלב־צעבראָכענער פרוי געווען שווער אויסצופירן.

זי האָט זיך געריכט צו ווערן אַ מוטער, און דאָ איז די שוויגער איר כמעט צו די פיס געפאַלן, זי באַשיט מיט מתנות, און אין דער היים איז אַ קראַנקע, פאַרפינצטערטע מאַמע, ישראל־נח דאַרף באַלד שטיין צום פּריזיוו, סימעלע דאַרף גיין אין שול, און די מאַמע אַליין, פאַר איר וועט דער טאָכטערס אַוועקגיין זיכער זיין אַ טויט־קלאַפּ... איז זי ווייטער גע־בליבן ביים מאַן און ווייטער געליטן און געשוויגן.

דעם ריס צווישן איר און דעם מאַן איז מער שוין נישט געווען מעג־לעך צו פאַרהיילן. קיין מאָל נישט! דער דאָזיקער ריס איז נאָר טייל־מאָל אַ ביסל פאַרצויגן געוואָרן פון אויבן ווי מיט אַ הייטל, אָבער אין גאַנצן פאַרהיילט — קיין מאָל נישט.

מלכה האָט איצט געלעבט נאָר פאַר דער מוטערס שטוב. זי האָט גע־זאָרגט, אַז סימעלע זאָל האָבן וואָס אָנצוטון, ס׳זאָל זיין צו צאָלן אין שול, און דער עיקרשט האָט זי איצט געלעבט פאַר די ברידער, און נישט אַזוי פיל פאַר די ברידער, ווי פאַר ישראל־נחן.

אין ישראל־נחן האָט זי געזען די ריינקייט און איידלקייט, וואָס אין איר מאַן האָט זי דאָס בחינם געזוכט און נישט געפונען.

ישראל־נח מיט דער ייִנגלשער אומשולד, וואָס האָט אים אַרויסגע־קוקט פון די אויגן, און מיט זיין מאַנצבילשן כאַראַקטער, וואָס האָט אים געטריבן פון דער סאַמע פריסטער יוגנט צו אַרבעטן פאַר דער שטוב און פאַרט געבליבן לעבנסלוסטיק, נישט פאַרטעמפּט, — ער איז ביי מלכהן געוואָרן דער סימבאָל, וואָס אַזוי דאַרף איר קינד דערצויגן ווערן, אַזוי ווי ישראל־נח דאַרף ער זיין.

...ווי עס איז האָט דער שלום־בית מלכהס צוריק זיך איינגעשטעלט.

יב

נאָך דעם גרויסן אויפריר האָט זיך אַלץ צוריק איינגערוּיקט. לפנים איז אין שטוב ווידער געווען רויִק, מלכה האָט איצט צוגענומען בלויז אַל־טע דינסטן, עלטערע קריסטינס; פון אויבנאויף האָט זיך אַלץ גענומען פירן לויטן געוויינלעכן שטייגער.

אינעווייניק אָבער, אין זיך, איז אַנשל געבליבן דער אייגענער, וואָס געווען. און געווען איז ער אַן עגאָיִסט נישט קיין געוויינטלעכער. איינער פון יענעם מין, וואָס באַטראַכטן די גאַנצע וועלט, ווי אַ זאַך וואָס דאַרף זיי פאַרשאַפן פאַרגעניגן, און דאָס וואָס קאָן זיי נישט פאַרשאַפן קיין פאַרגעניגן, דאַרף אין גאַנצן נישט צו עקזיסטירן; און פאַר זיי עקזיסטירט דאָס טאַקע נישט, זיי אָנערקענען נישט קיינעם קיין עקזיסטענץ־רעכט. פון דעם דאָזיקן סאָרט אַנשלס רעקרוטירט זיך אויך יענער מין זעלבסט־מערדער, וואָס אויב עס גייט אים נאָר נישט אַלץ אַזוי מיטן פולן מויל — טוט ער אַפּ דער וועלט, גייט אַרויף אויפן דריטן שטאָק און דורכן אויפגעפראַלטן פענצטער, אַראָפּגעוואָרפן זיך אויפן בלאָטיקן ברוק און געבליבן ליגן מיט אַן אָפענעם מוח און צעשמעטערטע אברים. זאָל די וועלט האָבן! זאָל זי זען, וואָס איר בן־יחידל האָט איר אָפּגעטון, ווייל זי האָט אויפגעהערט אים צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן.

דערווייל האָט אונדזער העלד נישט געהאַלטן ביים באַגיין זעלבסט־מאָרד, נאָך ווייט נישט. ער האָט נאָך דערווייל געזאָפּן פונעם לעבן: אַ ביסל מיטן ווייבס וויסן, און נאָך מער הינטער דעם ווייבס רוקן.

נאָך האָט ער איצט געקריגן אַ געוווינהייט — נאָכאַנאַנד צו דער־מאָנען זיין געגעט ווייב:

— יוכבד, — פלעגט ער דעם ווייב נישט זעלטן זאָגן ביים טיש — יוכבד האָט בעסער פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מיר צו „דאַגאָדזשען" — דער־ביי האָט ער הנאה געהאַט, וואָס מלכהן קרענקט צו הערן פון זיין מויל דעם נאָמען פון זיין ערשט ווייב.

אַזאַ איז געווען מלכהס „שמאַלץ־גרוב".

בנימין האָט תחילת נישט געוווּסט, צו וואָס פאַר אַ מאַן אין האַנט זיין שוועסטער איז אַריינגעפאַלן. ער פלעגט בלויז אַמאָל הערן, ווי די מאַמע און ישראל־נח וואַרפן איבער צווישן זיך אַ פּאָר ווערטער וועגן

מלכהן. געגויס האָט מען בנימינען נישט דערציילט און אַליין געפרעגט האָט ער נישט — האָט ער טאַקע כמעט גאָרנישט געוווּסט.

דערקאָנט אַ ביסל דעם „תכשיט", דעם שוואָגער זיינעם, האָט בנימין ערשט דורך אַ צופאַל. געווען איז עס אַזוי: בנימינס אַ בוך איז אַמאָל געבליבן ליגן ביי מלכהן אין שטוב; ער איז פונקט געווען אין יענער געגנט, ווייטלעך פון דער היים, און נאָך געדאַרפט ערגעץ גיין, האָט ער דאָס בוך דערוויילע אַריינגעלייגט צו דער שוועסטער אין שטוב, בעטנדיק, אַז טאָמער וועט דאָ קומען סימעלע, אָדער עמעץ אַנדערש, זאָל זי אים דאָס בוך אַהיימשיקן. ער האָט דאָס באַקומען געבאָרגט אויף עטלעכע טעג אויף אַדורכצולייענען.

מלכה, מוז זיין, האָט פאַרגעסן וועגן דעם בוך און עס נישט אַהיים־געשיקט; זי איז דעמאָלט געווען אין די הויכע חדשים, און איז כסדר גע־ווען שוואַך און געל אויפן פּנים.

מאַכט זיך: בנימין קומט אַריין און טרעפט אַנשלען זיצן ביים טיש ראָלן געלט. אויף פּאַפּיר צום איינראָלן דאָס מעטאַל־געלט ניצט ער בלע־טער פון יענעם בוך...

זיינע אייגענע אויגן האָט בנימין דאָס נישט געוואָלט גלייבן, און אַז ער האָט דערהויבן זיין קול, פּראָטעסטירט קעגן דער אָפּגעטוענער נבלה, האָט יענער מיט זיין להכעיס־שמייכעלע אים אָפּגעענטפערט:

— זע נאָר דאָס אומגליק א ביסל! וועט דיר צו דער חכמה פון ביכל צופעלן אַ בלעטל...

און אַז בנימין האָט, דערשטוינט פון שוואָגערס נידערטרעכטיקייט, אַ קוק געטון אויף דער שוועסטערס פּנים, האָט ער פון איר שטאַר־פאַר־גליווערטן האַלבן שמייכל, וואָס האָט אומעטיק געקלעפּט אָן אירע ליפּן, ראַפּטום באַנומען, וואָס דאָס ווייבל ליידט זיך אָן פון אָט דעם וואָס רופט זיך איר מאַן; אין דער איין־איינציקער רגע האָט בנימין מיט אַמאָל אַ הערפּיל געטון, וויפל בלוט און לעבן דער פאַרשווין צאַפּט אויס טאָג־טעגלעך פון זיין אומגליקלעכער שוועסטער. אָבער ער האָט מער שוין גאָרנישט גערעדט.

מלכה איז איצט אַרומגעגאַנגען בלויז מיט איין זאָרג, אַז דאָס קינד, וואָס זי טראָגט אונטער איר האַרץ זאָל נאָר נישט זיין געראָטן אין פאָטער.

— גאָט מיינער, — פלעגט זי טראַכטן און שלינגען די טרערן — אויב עס זאָל זיין געראָטן אין אים, וועט עס דאָך שוין זיין אומגליקלעך.

אָט די מורא האָט מלכהן געטריבן צו גיין פרעגן אַן עצה ביי איינעם פון די אָנגעזעענסטע דאָקטוירים אין שטאָט.

זי האָט פאַרן דאָקטער אַלץ אַראָפּדערציילט, די גאַנצע בושה אָוועק־געלייגט, און אַלצדינג וואָס צווישן איר און דעם מאַן דערציילט.

דער דאָקטער האָט גרויס מיטלייד געהאַט מיט דער אומגליקלעכער יונגער פרוי. ער האָט זי אויסגעהערט, איר געגעבן עצות, ווי אַזוי זיך צו פירן ביז צום האָבן, און מער־ווייניקער זי באַרויקט, אַז אַ סך, זייער אַ סך, כמעט דעם מענטשנס גאַנצער שפּעטערדיקער כאַראַקטער, הענגט אָפּ פון דער דערציִונג, וואָס מען קריגט פון דער סאַמע פריסטער קינד־הייט.

אין דער משפּחה האָט מען פון די מחלוקתן צווישן גליקלעכן פּאָר־פאָלק קנאַפּ וואָס געוווסט, און טעמערל איז נישט ווייניק איבערראַשט געוואָרן, הערנדיק אַמאָל פון מלכהן אַזאַ מין פרעג:

—דו אַרבעטסט, טעמערל, דו שטעלט איין דאָס לעבן, און אַלץ נאָר, כדי עס זאָל דעם אַרבעטער בעסער ווערן, און וואָס, כ׳בעט דיך, האָט איר פאַר דער פרוי, וואָס מאַטערט זיך נעבעך ביי אַ שלעכטן מאַן מיט קינ־דער, אָדער אפילו אַליין?

טעמערל האָט דאָס אויפגענומען ווי אַ נאַיִווע פראַגע, דאָך איז זי געווען פאַרוווּנדערט צו הערן פון איר אַזעלכע ווערטער, פון דער דאָזיקער מלכה, וואָס האָט אַזוי גליקלעך חתונה געהאַט.

— דער סאָציאַליזם — האָט זי איר געענטפערט — וועט ברענגען גליק פאַר אַלעמען. מיר שטרעבן צו אַזאַ אָרדענונג, אַז עס וועט קיין שום פאַרשקלאַפונג נישט מעגלעך זיין, נישט קיין אומרעכט קעגן אַרבעטער און נישט קיין אונטערדריקונג פון דער פרוי.

— אַזוי! — האָט מלכה אויסגערופן — אַזוי — האָט זי פאַרטראַכט איבערגעחזרט, האַלטנדיק דאָס קלענסטע פינגערל ביי דער ליפּ, ווי אַ קינד, ווען עס פאַרחלומט זיך, און זי האָט טעמערלען אָפּגעמאָסטן מיט אַ באַגייסטערטן בליק.

פון דעמאָלט אָן האָט מלכה גענומען שוין אַנדערש קוקן אויך אויף בנימינען. זי האָט אָנגעהויבן קוקן אויף אים מיט דרך־ארץ, און אַז די מאַמע פלעגט זיך באַקלאָגן אויף בנימינען אַז:

— דער יונג ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע נעכט, רק דער קייסער

שטייט אים נישט אָן, און גיי טו אים עפּעס — פּלעגט מלכה איצט פאַר־זיכטיק רעדן פאַר בנימינען אַ גוט וואָרט:

— מאַמע, — פּלעגט זי זאָגן — ער גייט דאָך נישט הולטייען, ער גייט דאָך נישט שיכורן. ער אַרבעט פאַר אַ גרויסער זאַך, מאַמע. ביז זיי וועלן דאָס אויסקעמפן, וועט נאָך אוודאי אַ סך בלוט און טרערן פאַרגאָסן ווערן. נאָכדעם אָבער, מאַמעשי, וועט פאַר אַלע מענטשן זיין גוט און ליכ־טיק אויף דער וועלט.

יג

טעמערל איז געפאָרן ברענגען ליטעראַטור פאַר דער באַוועגונג; איין מאָל געפאָרן, שפּעטער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און אַז ס'איז איר יעדעס מאָל געלונגען אַזוי, אַז ביסלעכווייז איז זי דערפון אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן, אַז ס'איז געוואָרן איר הויפּט־אַרבעט אין דער פּאַרטיי: די שטענדיקע לי־טעראַטור־ברענגערין.

אַ חוץ אַ שיין, שלאַנק ציגיינער־מיידל מיט האַלב־געקרייזלטע פּעך־שוואַרצע האָר און צווי אויגן, ווי די שטערן, וואָס שיינען אַרויס פונעם טונקל אַליוון־פּנים, איז טעמערל אויך אינטעליגענט און שאַרפזיניק. צום פאָרן פּוצט זי זיך אויס, ווי זי וואָלט געפאָרן אויף אַ באַל. נעמט מיט אויפן וועג שאָקאָלאַד, שמעק־וואַסער, און — אַ מיידלשן ראָמאַן, אַריינ־צוקוקן כלומרשט.

אין דעם ביכל, וואָס זי נעמט מיט, קומט איר מיינסטנס נישט אויס אריינצוקוקן. זי האָט שוין אַזוי אויסגעחשבונט, די פּיפּיקע טעמערל, אַז אויפן וועג האָט זי שטענדיק געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט עפּעס אַ פּוסטן, אויסגעפּוצטן בחור; דעם גאַנצן וועג האָט זי געפירט מיט אים זאָרגלאָזע שמועסלעך מיידל־בחורדיקע; הויך אויפן קול, נישט־ווו, נישט־וועקן מיט אַ לאַך אַרויס — אַזוי דעם גאַנצן וועג, אַז קיין זשאַנדאַר וואָלט גאָרנישט איינגעפאַלן אַ טראַכט צו טון, אַז אָט דאָס שיינע, לאַכנדיקע מיידל, וואָס איז, דאַכט זיך באַשאַפן געוואָרן בלויז צום פאַרברענגען און צום פלירט, זאָל גאָר האָבן אַפילו די וויטסטע שייכות צו רעוואָלוציאָנערער ליטעראַ־טור; אַז אין איר פיין לעדערן טשעמאָדאַנטשיקל ליגן נישט קיין באַטיס־טענע טאַשנטיכלעך, אָנזיכטס־קאַרטן און פּערפום, נאָר פאַרבאָטענע בראָ־שורן און פּראָקלאַמאַציעס.

זי האָט געהאַט אַ כוח, די טעמערל.

דאָס פירן ליטעראַטור איז איצט צוגעגאַנגען אין גרויסן מאַסשטאַב — אַהין און צוריק — אין ביידע זייטן: אַהין האָט זי געפירט „סחורה״, וואָס איז געקומען פון אויסלאַנד, געשמוגלט דורך דער גרענעץ, וואָס ליגט אין גאַנצן עטלעכע קילאָמעטער פון שטאָט; ווידער צוריק האָט זי גע־ברענגט ביכלעך און „בלעטלעך״ פאַרן אָרטיקן פּאַרטיי־געברויך.

זענען טעמערלען די געפערלעכע נסיעות שטענדיק גוט אָדורך. דער חבר באַריס האָט אויף איר געקוקט, ווי אויף אַ מלאך פון הימל, וואָס קאָן באַוויזן נסים ביים פירן און ברענגען ליטעראַטור.

— חברטע, — פלעגט ער איר זאָגן — ווען מיר וועלן זיגן, וועט מען אייך באַצירן מיט דעם מעדאַל פון דער רעוואָלוציע...

און טעמערל פלעגט ענטפערן מיט אַ באַגייסטערט בלישטשל אין די ליכטיקע אויגן:

— ניין, חבר — שוין דער זיג אַליין וועט זיין מיין מעדאַל.

אירע נסיעות האָבן אַזוי אָנגעהאַלטן פון מיטן ווינטער ביז טיף אין פרילינג. די פּאַרטיי האָט זיך געשטאַרקט, צוגעקריגן בלוט און כוחות. נאָר סוף מאַי, איין מאָל אין אַן אָוונט, ווען טעמערל איז צוריקגעקומען פון אַ נסיעה, און איז גלייך פון וואָקזאַל מיטן טשעמאָדאַנטשיקל אַרויף צום חבר באַריס, — זענען פּאָליציי, זשאַנדאַרמען און ציווילע, באַפאַלן דאָס שטיבל, געמאַכט אַ גענויע רעוויזיע, צוגענומען דאָס פּעקל ליטעראַטור און אַלע, וואָס אין שטיבל, אַוועקגעפירט מיט זיך.

זינט דעמאָלט איז חבר באַריס פאַרפאַלן געוואָרן פון האָריזאָנט, אַוועקגעקומען, ווי אַ שטיין אין וואַסער; אָפּגעזעסן אַ צייט אין דער שטאָ־טישער תפיסה, און דערנאָך פאַרשיקט געוואָרן ערגעץ. נאָר מיט טעמער־לען איז נישט געווען דער פאַל. דעם פאָטער אירן, דעם רייכן לייב־חיים וואָלבערג, איז באַלד געלונגען אָנצוקניפּן באַציִונגען מיט די „הויכע פענצטער״. ער איז גערופן געוואָרן צום אָדון צו פאַרענטפערן זיך, ווי אַזוי זיין טאָכטער האָט זיך געקאָנט געפינען דאָרט, אין יענעם שטיבל, ביי אַ נישט איינגעמאָלדענעם בונטאָווטשיק (אַז זי האָט געפירט פאַרבאָ־טענע ליטעראַטור, איז עפּעס גאָר פאַרגעסן געוואָרן).

וואָלבערג האָט שוין געפונען אַ תירוץ צו פאַרענטפערן זיין טאָכטער, צו באַווייזן איר אומשולדיקייט.

זיין פאַרענטפערונג איז גנאָדיק אויפגענומען געוואָרן. ער האָט נאָר

געדאַרפט נאָך אויסהערכן אַ פּאַרציע מוסר פון דעם אַדון מיט די שטערנדלעך: דער „זשאַנדאַרמסקע" האָט פאַרמאָגט אַ גראָע רבנישע באָרד און גערעדט האָט ער צו וואָלבערגן מכוח דערציִען קינדער, אַז אויף קינדער דאַרף מען היינטיקע צייטן גוט אַכטונג געבן, וואָרום די נעץ פון די בונטאָווטשיקעס איז אומעטום אויסגעשפּרייט, און צום מייני־סטן פאַרמעסטן זיי זיך צו פאַנגען יונגע אומדערפאַרענע מיידלעך...

לייב־חיים האָט דעם אָדונס דרשה אויסגעהערט שווייגנדיק, ער האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ; דאָס הייסט: „גאָלדענע ווערטער רעדסטו, געאַכפּערטער פּריץ".

און נאָך דעם זעלבן טאָג איז טעמערל שוין געווען אין דער היים.

אַהיימגעקומען פון דער תפיסה, האָט דער פאָטער זיין טעמערלען ערשט געמאַכט אַ גרויסן „קבלת־פּנים": אַ סקאַנדאַל מיט געשרייען, מיט אַ האַקן אָן דער ערד ס׳געשיר, געוואָרפן קללות און חרמות אויף אַלע בונטאָווטשיקעס בכלל און יידישע בפרט; און זיין טאָכטער — פאַר איר האָט ער שוין גאָרנישט פאַרמאָגט קיין ווערטער, נאָר בלויז גע־שרייען און געהאַקט אין דער ערד אַלץ וואָס איז אים נאָר געקומען אין די הענט.

אויפן חשבון פון די יידישע „אחדות־יונגען" האָט וואָלבערג געברומט מיט אַ דערשטיקט קול, מ׳זאָל דרויסן נישט הערן:

— יידן, ווי פרעמדע, איינגעבעטענע, טאָרן זיך נישט בונטעווען קעגן דעם באַלעבאָס, אַז אַן אורח בונטעווּעט זיך, ווייזט מען אים די טיר.

וואָלבערגן האָבן נישט אַזוי געקרענקט די הונדערטערס, וואָס ער האָט באַצאָלט פאַרן באַפרייען זיין טאָכטער; וועגן געלט וואָלט ער גאָר־נישט געמאַכט קיין סקאַנדאַלן — אים איז גלאַט געווען אַ בושה, וואָס זיין טאָכטער איז געזעסן אין תפיסה, ווו עס זיצן גזלנים און רוצחים, און דעם זשאַנדאַרמסקעס מוסר־דרשה האָט ער אויך נאָך געטראָגן אין האַרץ. און אַז ער האָט זיך נאָך אַ דערמאָן געטון, אַז זיין טאָכטער איז אונטערן חשד, זי גייט קעגן קייסער, האָט די הויט געציטערט אויף אים.

צומאָרגנס, אַז וואָלבערג האָט זיך שוין געהאַט א ביסל באַרויִקט, האָט ער איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעשאָפט פון שטוב אַרויס די יידישע צייטונג, וואָס לויט טעמערלס בקשה האָט ער זי געהאַט באַשטעלט. איצט האָט ער אָנגעזאָגט דעם בריוו־טרעגער, ער זאָל אים די צייטונג מער נישט ברענגען, כאָטש זי איז געקומען פון סאַמע פּעטערסבורג.

— וואַרף זי אַוועק, טו מיט איר וואָס דו ווילסט. מיר ברענג זי מער נישט, איך וויל דאָס מער נישט האָבן אין מיין שטוב.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט דער יידישער צייטונג, האָט לייב־חיים געטוי דורכגעפירט א רעוויזיע אין דער גאַנצער ווינונג און אַלע יידישע ביכער, וואָס ער האָט געפונען — אַריינגעוואָרפן אין אויוון, אונטערגעצונדן און פאַרברענט אויף אַש.

— אַלע צרות שטאַמען פון די זשאַרגאָן־ביכער, האָט לייב־חיים אונטערגעברומט.

יד

חבר באָריס איז געזעסן פאַרשפאַרט, טעמערל האָט זיך געמוזט אויף א שטיק צייט אַ ביסל אָפּרוקן פון דער אַרבעט. די באַוועגונג איז געבליבן אָן אַ פירער, איבערגעלעבט אַ קריזיס. מ'האָט געשמועסט פון אַרעסטן, וואָס דאַרפן נאָך פאָרקומען. שוואַך־האַרציקע האָבן אָנגעהויבן צו ביסלעך זיך אָפּרוקן — ס'איז געווען אַ ווייטיק צוצוקוקן ווי די יונגע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז דורך אַזוי פיל מי און מסירת־נפש אויפגעבויט געוואָרן, ווערט אַלץ שוואַכער. פונקט ווי אַ מאַמע, וואָס מוז צוקוקן, ווי איר איינציק קינד ליגט קראַנק: זי זיצט ביים בעטל, קוקט דאָס צו און העלפן קאָן זי נישט, סיידן געדולדיק וואַרטן, ביז דער קריזיס וועט אַריבערגיין און ס'קינד וועט ווידער קומען צו די כוחות.

די צווייטע פאַרטיי, די פּ. פּ. ס., האָט זיך דערווייל געשטאַרקט. זייער אַראָפּגעברענגטער פאָרשטייער — „פיליפּ" האָט ער געהייסן — וואָס רעדט יידיש ווי אַ גר — האָט געאַרבעט מעשים, אָפּצורייסן וואָס מער חברים און זיי אַריבערציִען צו זיך.

טייל חברים זענען שוין טאַקע אַריבערגעלאָפן. פון די ברידער כאַשקעס איז דער יינגערער, מאָטל, איבער אַ נאַכט צוריק געוואָרן אַ פאַרברענטער פּ. פּ. סניק, און גדליה שעראַדזער, וואָס רייסט אַרויס מיט גוטן און מיט בייזן די קונים פון באַלעבאָס' קאָנקורענט, שלעפּט זיי ביי די פּאָלעס צו זיך אין קרעמל.

זעענדיק, אַז באָריס איז אַרעסטירט און קיין צווייטער אויף זיין אָרט איז נאָך נישטאָ, האָט גדליה שעראַדזער סוף־כל־סוף אויסגעפירט, אז

אויף שבת נאָכמיטיק איז ערגעץ הינטער דער שטאָט פאַרגעקומען אַן עפנטלעכער דיספּוט.

ווייט פון שטאָט, נעבן אַ וואַלד האָט זיך אָנגעקליבן היפּשלעך חברים פוןביידע פּאַרטייען; יעדער איז זיך געקומען מיט אַ פּאַרטיקער מיינונג וועגן זיין פּאַרטיי און גרייט אויסצופייפן דעם רעדנער פון דער קעגנערי־שער פּאַרטיי. ס׳זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס זענען נישט גע־קומען מיטן גרייטן, נאָר מיט אַן אמתער כוונה צו דערגיין דאָ, וועלכע פּאַרטיי ס׳איז די סאַמע ריכטיקסטע — און אָט אויף דעם הייפל טאַקע האָבן זיך פאַרמאָסטן ביידע צדדים.

תחילת איז דער דיספּוט צוגעגאַנגען אין אָרדענונג. איינער האָט גערעדט, דערנאָך האָט אים אַ צווייטער פון דער קעגן־פּאַרטיי אָפּאָנירט, און דער עולם איז געשטאַנען און געהאָרכט. דערנאָך האָבן זיך די גע־מיטער צעקאָכט: איינער האָט גערעדט און די אַרומיקע האָבן געמאַכט צווישנרופן, אַריינגערעדט אין מיטן, ביז אַלע האָבן גענומען רעדן, שרייען און טענהן איינער קעגן צווייטן. ס׳איז געוואָרן אַ טומל. גדליה שראַ־דזער האָט זיך געכאַפּט שלאָגן זכריהן. זכריה ווידער האָט זיך געהאַט אָנגענומען פון די זייניקע. מנשה וואַלבערג האָט אויך עפּעס געאַרבעט מיטן מויל, סתם געפּלוידערט און געסטראַשעט מיט דער פויסט יעדן, וואָס איז נישט אין זיין פּאַרטיי. אין מיטן געטומל האָט עמעץ אַ געשריי געטון „פּאָליציי קומט״! און עס איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע. מ׳האָט אין איין רגע פאַרגעסן אַלע פּאַרטיי־חשבונות. גיך ווי אַ ווינט האָט זיך דער עולם אַ צעיאָג געטון איבער אַלע וועגן און שטעגן, מיט דער נשמה אויפן שפּיץ נאָז געלאָפן ווו נאָר די אויגן האָבן עמעצן געטראָגן.

אַזוי האָט זיך געענדיקט די „גרויסע״ דיסקוסיע, דער עולם איז זיך צעלאָפן און נאָך געדאַנקט גאָט, וואָס די שרעק איז געווען אַן אומזיסטע.

***

אַרום יענער צייט, סוף זומער, איז בנימינס שוועסטער מלכה גע־לעגן געוואָרן מיט אַ יינגל. די מאַמע האָט זיך זייער געפרייט מיטן ערשטן אייניקל, און די משפּחה האָט זיך געריכט אויף אַ גרויסער סעודה.

און די סעודה איז טאַקע געווען אַ ברייטע, געמאַכט מיט דער פולער האַנט. די גאַנצע גרויסע משפּחה איז געווען אויפן ברית, באַזונדערס

דעם פעטער לייב־חיימס הויז־געזינד. זיי האָבן זיך שטאַרק צעהוליעט. זיי האָבן זיך דאָ געשפּירט באַזונדערס נאָענט, ווייל אַזוי מלכהס כלה ווערן, ווי אויך די חתונה איז פאָרגעקומען אין פעטער לייב־חיימס שטוב און אַ דאַנק זיין מי און געלט.

האָבן זיי זיך טאַקע איצטער געפרייט.

מלכה, אַפּנים, איז נישט געווען אַזוי אַנטציקט פון דער טומלדיקער שמחה. זי האָט דערנאָך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד זיך באַקלאָגט, אַז די שמחה האָט איר דעם קאָפּ און די נערוון קראַנק געמאַכט. זי האָט דאָס געזאָגט מיט אַ טריב פּנים.

בנימין איז נישט געווען אויף דער סעודה. ווען ער איז געקומען פון דער אַרבעט אויף מיטיק און אין דער היים איז געווען פאַרשלאָסן, איז ער געצוווּנגען געווען גיין צו מלכהן נעמען ביי דער מוטער דעם שליסל פון דער שטוב. נו, האָט ער דאָרט אויפן הויף געהערט דעם טומל און דאָס פּלעסקען פון די סעודה־געסט, אַזש הינטער די פענצטער זענען געשטאַנען נייגעריקע און אַרויפגעקוקט.

שטייענדיק דאָ, האָט זיך בנימין דערמאָנט דעם פאַרשטאַרטן שמייכל אויף דער שוועסטערס פּנים, דעמאָלט, ווען איר מאַן האָט געראָלט די פּעקלעך געלט אין די אַרויסגעריסענע בלעטער פון זיין בוך — און אַן עקל האָט אים אָנגענומען צו די אַלע, וואָס הוליען איצט אויבן.

אין דער אָפענער טיר, ווען ער האָט געוואַרט אויף דעם שליסל, האָט בנימין דערבליקט די טיש־זיצערס... אַנשלס פּאָטער מיטן דריי גאָר־דיקן בויך, וואָס איז געקומען עקסטרע צופאָרן; דער רב אויבן אָן, דער־נעבן דער בעל־ברית, אָנגעטון האַלב־חסידיש...

עמעץ ביים טיש האָט באַמערקט בנימינען שטיין פון דער ווייטנס. דער פעטער לייב־חיים האָט אים פאַרווונדערט אָנגעקוקט, אין די אַרבעטס־בגדים און אַנשל האָט הויך אַ רוף געטון:

— וואָס שטייסטו דאָרט, בנימין? קום אַהער, זעץ דיך צום טיש!

און ער האָט גלייך אַ געשריי געטון, אַפּנים פאַר בנימינס וועגן:

— סאָרווער!...

ווידער אַמאָל האָט זיך פאַר בנימינען אַ שטעל געטון דער שוועס־טערס פּנים מיטן פאַרצאָגטן שמייכל און ער האָט זיך אָוועקגעדרייט; ס'איז אים בלויז געווען אַ חידוש ווי אַזוי ישראל־נח קען זיך דאָ געפינען.

טו

אין דעם עלטערן דור אַרבעטערס, צוקוקנדיק זיך, ווי די יונגע גייען אַוועק צו די „ציצעליסטן״ „מאַכן פּאַרטיעס״, טראָגן זיך אַרום מיט סודות און פאַרקאָכן אַ וועלט — האָט זיך אויך אַ דערוועק געטון אַ חשק עפּעס אויפצוטון; האָבן זיי זיך, די בערדיקע שטיקערס, מיט אַמאָל אַרומגעזען, אַז ס׳איז עפּעס נישט קיין תכלית זיך אַזוי צוצוקוקן, ווי שטיקערס פאַלן אַוועק ביי דער אַרבעט אויף בלוט-שטורצן, גייען אַרום און שפּייען אויס די לונגען ברעקלעכוויז, שטאַרבן אַוועק שאַ, שטיל.

— ניין, — האָבן זיי זיך געזאָגט — אַזוי קען ווייטער נישט גיין. מ׳מוז עפּעס אָנהייבן צו טון...

און אַ מאָל אין אַ שבת, צוזאַמענטרעפנדיק זיך ביים בעט פון אַ קראַנקן חבר, האָבן עטלעכע עלטערע אַרבעטער אויף דער גיך באַשלאָסן צו גרינדן אַ חברה מיט אַ הילפס-קאַסע.

איבערגעגעבן אויסצופירן אָט די זאַך האָט מען דעם אָנגעזעענסטן שטיקער — כאַסקל פּומס. אויף אַ שבת-צונאַכט זענען צו איינעם פון זיי פאַרבעטן געוואָרן אַלע אָנגעזעענע באַלעבאַטישע אַרבעטערס און אויך עטלעכע פאַבריקאַנטן. אָט-די האָט מען ספּעציעל פאַרבעטן בייצוווינען די גרינדונג פון דער חברה, אַז זיי זאָלן מיט זייערע טייסטערס לייגן דעם „גרונדשטיין״ פון דער הילפס-קאַסע.

די פאַרבעטענע פאַבריקאַנטן האָבן אָפּנים נישט געפונען פאַר נויטיק צו קומען, נאָר כדי פּאָרט צו וויסן, וואָס צווישן די אַרבעטערס איז גערעדט געוואָרן, איז אַהין געקומען — שוין אומגעבעטענערהייט — דער אויפזעער פון ראָזנבלומס פאַבריק, פעלדבערג, און דער דייטש העמפּל, דער אויפזעער פון אַראָנסאָנס פאַבריק.

יענעם שבת-צונאַכט איז טאַקע געגרינדעט געוואָרן די חברה „אחים רחמנים״, מיט אַ וואָכנטלעכן אָפּצאָל, וואָס יעדער פון די פאַרשריבענע מיטגלידער האָט זיך מתחייב געווען צו צאָלן.

ביים גרינדן איז פאָרגעקומען אַ ביסל מחלוקות, צוליב כבודים, ערן-אַמטן, אַדורכגעפירט געוואָרן איז עס אָבער פּאָרט; די חברה „אחים-רחמנים״ איז אין אַ מזלדיקער שעה געשאַפן געוואָרן. איבער דער וואָך האָט די חברה שוין געהאַט אַ דירה אויך; ס׳הייסט, נישט קיין גאַנצע דירה, נאָר

געדונגען ביי איינעם פון די מיטגלידער. יענער האָט זיך מתחייב געווען יעדן שבת אָפּצוטרעטן זיין שטוב פאַר דער חברה און אַליין דעם טאָג צו ווינען מיט בני־בית אין קעכל.

מ׳האָט אַהין אַריינגעשטעלט אַן אָרון־קודש, געקריגן ערגעץ געפּ־באָרגט אַ ספר־תורה, און שבת זענען די שטיקערס געקומען דאַוונען שוין אין זייער אייגענער רחבותדיקער באַלעבאַטישקייט: „די פּעטע״ עליות האָבן זיי אויפגענאַשט אַליין צווישן זיך: „דעם שבת — איך, דעם צווייטן — דו״... און שבת נאָכמיטיק איז מען זיך צוזאַמענגעקומען הערן אַ שטיקל חומש פון דעם ליטווישן מלמד מיט זיין פיינעם ניגון, און נאָך דעם, טרינקען אַ גלעזל ביר בחברותא.

דער צוועק, צוליב וועלכן די חברה איז געגרינדעט געוואָרן — די הילפס־קאָסע — איז אָבער נישט אין גאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. מ׳האָט געזעצט אַ גבאי, דער גבאי ווידער האָט זיך איינגעשאַפט אַן אינקאַסענט — אַ שווינדזיכטיקן שטיקער, אַן אינוואַליד; דער אינקאַסענט האָט געקריגן אין האַנט אַריין אַן אויסגעשריבן בוך מיט נעמען און גענומען גיין איבער די פאַבריקן איינקאַסירן געלט.

די ערשטע און צווייטע וואָך האָט יעדער מיט חשק געגעבן דעם זעקסער. די דריטע און פערטע וואָך האָט מען אויך נאָך געגעבן, די פינפטע און די זעקסטע — איז אויך נאָך איינגעפלאָסן עפּעס געלט, אָבער ווייטער אַריין — אַלץ ווייניקער. לסוף — האָט דער עולם אויפגעהערט צו וועלן צאָלן.

חיימל „טויט־שמעק״ — דער אינקאַסענט — איז וואָך ביי וואָך אַרומ־געגאַנגען איבער די פאַבריקן, צוגעקומען צו די מאַשינען און געמוזט אַוועקגיין מיט גאָרנישט. מ׳האָט זיך נישט אין גאַנצן אָפּגעזאָגט פון צאָלן — דאָס נישט: אַדרבה, מיט אַ גאַנץ ווייך וואָרט אים איבערגעבעטן:

— חיימשי קרוין, היינט נישט, כ׳בעט דיך, היינט האָב איך נישט. — אַזוי יעדע וואָך דאָס אייגענע, און ווי ווייך דער טאָן איז נישט געווען איז דערפון דעם אינקאַסענט אין זאַמל־פּאַטשיילע גאָרנישט צוגעקומען.

און געלט האָט די חברה „אחים־רחמנים״ געדאַרפט האָבן וואָס אַ מאָל מער: מ׳האָט געדאַרפט לאָזן שרייבן אַ ספר־תורה; מ׳קען דאָך נישט אייביק לעבן מיט אַ געבאָרגטער; מ׳האָט געדאַרפט צאָלן דעם מלמד דעם ליטוואַק; דירה־געלט האָט מען אויך געדאַרפט געבן; דער אינקאַסענט פאַר זיין

טרחה האָט אויך געמוזט עפּעס קריגן, און קיין פּרוטה איז נישטאָ. נישטאָ מיט וואָס אָנצוהייבן עפּעס.

האָט מען געטראַכט און געטראַכט אין דער וואָכנס ביי דער מאַשין, יעדער פאַר זיך, און שבת אין דער חברה — בחברותא... לסוף דער־טראַכט זיך, אַז קודם־כל זאָל מען לאָזן שרייבן די ספר־תורה, מאַכן אַ „התחלת־הספר" מיט פאַרקויפן אותיות: ס'וועט שוין אַריינקומען געלט אויף אַלעם, מ'דאַרף קודם אָנהייבן.

אויף „אָנהייבן" דאַרף מען אָבער אויך אַ ביסל געלט, און קיין געלט איז נישט געווען, גאָרנישט! האָט מען זיך ווידער עפּעס דערטראַכט: צוויי עלטערע שטיקערס האָבן זיך איבערגעטון אין די שבתדיקע איבערציִערס, באַלעבאַטיש די בערד אויסגעקעמט און גענומען גיין איבער די קאַנטאָרן, דער עיקרשט צו די פאַבריקאַנטן, וועלכע זענען אַמאָל אַליין געזעסן ביי דער מאַשין און געאַרבעט; אויף זיי האָט מען געלייגט גרויסע האָפענונגען, איבערהויפּט אויף הערש קופער.

— נו, אונדזער הערש וועט זיך דאָ זיכער אַ וויַיז געבן — האָט מען זיך געוואָרעמט, בפרט נאָך הערשס חברים, וואָס האָבן אַמאָל גע־אַרבעט מיט אים אין איין פאַבריק, אָדער אין שכנות.

נאָר קיין גרויס געלט איז פון דעסטוועגן נישט צוזאַמענגעקליבן גע־וואָרן — בחינם זיך די בערד אויסגעגלעט, בחינם זיך איבערגעטון אין די שבתדיקע בגדים און געפּטרט אַ האַלבן טאָג, און נישט פאַרדינט. פון דער האָפענונג אויף אַ „וואַזשנער סומע" איז מקוים געוואָרן קוים אַ קליין טאָרבעלע מינץ, אַזוי פיל וואָס אַ פעדלער פאַרדינט איבער דער וואָך...

און דאָס איז געווען אַלץ!

צו קבלת־שבת האָבן די צוויי אַרומגייערס אין דער חברה זיך באַ־קלאָגט, אַז מ'האָט זיי אין ערגעץ נישט צו פריינדלעך אויפגענומען, יעדער פון די געבערס האָט עס געטון אַבי יוצא צו זיין, מ'זאָל זיך אָפּטשעפּען. ווי מ'וואַרפט צו אַ הונט אַ ביין... הערש קופער האָט אויך נישט געגעבן מער, ווי אַן אַנדערער, און פריינדלעכער אויך נישט.

הערש קופער איז איצט שוין געווען אַן אָנגעזעענער פאַבריקאַנט, האָט געהאַלטן אין מויערן אַ גרויס הויז. ער האָט זיך שוין מער נישט געדאַרפט הנדלען צו די שטיקערס, אָנהאַלטן באַקאַנטשאַפט מיט די אַמאָליקע פאַך־חברים; האָט שוין אַוודאי געשעמט זיך, אַז ס'האָט אים עמעץ דערמאָנט זיין אַמאָליק אַרבעטן אין פאַבריק. ער האָט זיך שוין

נישט גערופן „הערש", נאָר הערמאַן, און די פירמע „הערמאַן קופּער" האָט געגאָלטן פאַר אַ סאָלידע פירמע.

און אַז די צוויי אַרבעטערס, די נדבות־קלייבער, האָבן איבערגעגעבן, אַז קופּער האָט זיי צומאָל נישט אויפגענומען אין קאַנטאָר, נאָר אַרויס־געשיקט זיי אין קאָרידאָר די פּאָר קאָפּיקעס, איז מיט אַ מאָל געבוירן געוואָרן צו אים אַ שנאה, אַ שטאַרקע שנאה. מ'האָט גענומען אָפּלאַכן פון זיין ענערגישן פּנים, וואָס זעט לעצטנס אויס אַ ביסל געל. מ'האָט דאָ אָפּגעפּסקנט, אַז דאָס וואָס קופּער זעט אויס געל, איז נאָר פון עגמת נפש און פון וואָס קען ער דאָס האָבן עגמת נפש וואָס זאָל זיך אים אַזש אָפּגעשלאָגן אויפן פּנים? איז דאָך נישט אַנדערש, ער שטייט שלעכט, האַלט שמאָל, גייט באַנקראָטירן. און ס'האָבן זיך שוין געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט דערוועגן עפּעס צו דערציילן...

קריידע למשל, איציק קריידע מיט דער לאַנגער בלאַסער נאָז, וועל־כער איז באַקאַנט פאַר אַ חניפהניק, האָט איצט דערציילט, אַז ער האָט עפּעס געהערט, אַז מיטן מויערן דאָס הויז האָט זיך קופּער מיאוס אַריינ־געלייגט... דאָס הויז האָט איצט אים, און נישט ער — דאָס הויז. ער האָט נישט קיין געלט אויסצופּאַרטיקן.

— האָט ער נישט געדאַרפט שפּרינגען צו הויך — האָט בערל פּ... (אַ מיאוסער צונאָמען) געזאָגט מיט נקמה, ווי גלייך קופּער וואָלט שוין טאַקע געווען באַנקראָטירט, און ער, בערל, מיטן אויסגעקראַכענעם געלן בערדל און רויטע אַרומגעלאָמעוועטע אויגן, האַלט ביים געבן אַ נדבה קופּערן.

און קלמן זשאַרלעק מיט די אַראָפּהענגנדיקע באַקן, ווי די ליידיקע טאָרבעס, האָט זיך אַ ווענד געטון צום איינגעדאַרטן שוואַרצבאַוואַקסענעם מאירל קאַלב:

— ער 'עט נאָך ווערן דיין מאַשין־שכן, קופּער. הע, מאירל, זאָג איך גוט?

און מאירל קאַלב האָט זיך געשמאַלצן פון נחת:

— יאָ, קאַלמע קרוין! און מיר'עט דער אייבערשטער העלפן, כ'על פּטור ווערן די פאַבריק. ס'קען נאָך געשען, ביי גאָט ברוך הוא איז אַלץ מעגלעך.

מען האָט זיך געקילט דאָס האַרץ אין דער חברה „אחים רחמנים" און

אָפּגעלאַכט פון קופּערן, אָפּגעלאַכט מיט גאַל, ווייל ער קערט זיך אָפּ פון די אַלטע קאַמעראַדן, וויל זיי מער נישט קענען.

דערפאַר אָבער איז דער „התחלת־הספר" מיט עטלעכע וואָכן שפּע־טער, אין אַ שבת־צונאַכטס, געווען מיטן גאַנצן קנאַק, מיט לעקעך און בראָנפן און מיט קלעזמאָרים און ס'איז געפאַלן געלט, נאָך מער ווי מ'האָט זיך געריכט.

אויף דעם „התחלת־הספר" זענען שוין יאָ געקומען די פאַבריקאַנטן. זיי האָבן זיך געלאָזט מכבד זיין מיט לעקעך און בראָנפן; האָבן געקויפט אותיות צו שרייבן, געקויפט און ווידער געקויפט, געטרונקען בראָנפן, געגעסן לעקעך, „געשריבן" אַן אות און געלאָזט זיך צושפּילן פון די קלעזמאָרים.

אויך הערש קופּער איז געקומען, געקויפט אַן אות צום שרייבן מיטן סופרס האַנט, געטרונקען צו אַלע לחיים און מנדר געווען היפּשע נדרים.

און כאָטש קופּער איז איצט שוין געווען קורץ געקליידעט, וואָס דאָס איז נישט לויטן גוסט פון די אַלטע בערדיקע אַרבעטער, אָבער ער האָט זיך נישט געלומפּט, האָט מען אים שוין אַלץ מוחל געווען; מ'האָט נאָר געזוכט מיטלען, ווי אַזוי אים דאָ וואָס לענגער אויפצוהאַלטן, ער זאָל די שמחה באַשיינען.

דער „התחלת־הספר" איז געווען אויפן ברייטן פוס. די קלעזמאָרים האָבן געאַרבעט מיט די אינסטרומענטן אויף וואָס די וועלט שטייט. די פענצטער זענען געווען אויפגעפּראַלט, די בליצלאָמפּן האָבן געפלאַקערט; די אָנגעצינדענע ליכט האָבן געשמאָלצן, די היץ איז געווען נישט צום אויסהאַלטן, און די הוראָס לכבוד די פאַבריקאַנטן און די געזאַנגען האָבן ווייט אָפּגעשאַלט. פאַרן הויז, וווּ דאָס איז פאָרגעקומען, ווי אויך הינטער די פענצטער איז געווען אַ גרויס געדראַנג. ס'זענען געווען אַ סך בעלנים צו הערן אַ ביסל מוזיק, ווייסע חברהניקעס האָבן „געטשאַטעט" זיך אַריינ־צוכאַפּן, כדי צו „צושניפּן" אַ שטיקל לעקעך. אויך אַזעלכע, וואָס זענען שוין געווען מיט איין פוס אין דער פּאַרטיי, האָבן אַ ביסל שעמעוודיק זיך אַריינגעגנבעט, געלעכצט, מ'זאָל זיי גוט אויפנעמען, און אין האַרץ מן־הסתם באַדויערט, פאַרוואָס זיי געהערן נישט צו אָט דער חברה. וואָרום דאָ איז פּאָרט פריילעכער, ווי אין דער פּאַרטיי, און ווייניקער סכנה איז אויך.

יאָ, אויף דעם „התחלת־הספר" איז געווען לעבעדיק און רוישיק.

טעוול קנאָפּ איז געווען פון די טאָן־געבערס, פון די כבוד דערלאַנגגערס, און גימפּל, דער געשטופּלטער גימפּל, איז געווען דער ממונה איבער דער טיר: אויף זיין באַפעל איז עמעץ געוואָרן אַריינגעלאָזט, אָדער צוריק אַרויס־געשטופּט.

די חברה „אחים־רחמנים" האָט זיך מיט אָט דער הולאַנקע אַ סך חברים איינגעשאַפט. דער „התחלת־הספר" האָט זיך געלאָזט הערן אין שטאָט, אַפילו אין נישט שטיקער־קרייזן — און דער אַלטער בערשטנביני־דער, דער פאָטער פון די צוויי ברידער כאַשקעס, וואָס איינער פון זיי איז איצט, נאָכן חבר באַריסעס אַרעסט, צוריקגעלאָפן צו די פּ.פּ.ס. — דער אַל־טער האָט זיינע זין אין דעם אָוונט אויפגעוויזן באַשיימפּערלעך, ווי זיי בלאָנדזשען און ווייסן אַליין נישט, וואָס פאַר זיי איז גוט.

— נו, הערש־לייב און מאָטל, זעט'ס אַליין: די אַלטע, וואָס עץ לאַכטס פון זיי אָפּ, מאַכן אַ באַל, פאַבריקאַנטן קומען זיך פרייען מיט זיי, און מ'טרינקט דאָס ביסל בראָנפן און מ'עסט לעקעך — און די „ברידער", די אַחדותניקעס, וואָס? אַז ס'וועט איינער פון ענק אין תפיסה פּגרן פון הונגער, וועלן זיי אים אַפילו קיין ברעקל ברויט נישט אַריינשיקן. זיי זענען דאָך פּענטאַקעס, האָבן נעבעך אַליין נישט וואָס אין מויל אַריינ־צולייגן...

⁂

אין יענעם זומער האָט עס געטראָפן, אַז בנימין איז אַריין אין אַ שטיקל פּלאָנטער; ס'איז אייגנטלעך נישט געווען קיין פּלאָנטער נאָר אַ גאַנץ געוויינטלעכע מעשה מיט אַ מיידל...

בנימין איז נישט געווען פון שטרוי, נאָר אַ מענטש פון בלוט און פלייש, נערוון און לעבן; אַ טעמפּעראַמענטפולער בחור, צוויי און צוואַנציק יאָר אַלט, און ס'איז גאָרנישט קיין אויסטערלישע סיבה, אַז ער האָט זיך פאַרדרייט. דאָס איז געווען יענץ מיידל, וועגן וועלכער טעמערל האָט דעמאָלט, אין דער „נאַכט פון הייליקן יאָן" באַמערקט בנימינען, אַז זי איז אַ שיינע.

זי איז אין דער אמתן אפשר גאָרנישט געווען אַזוי שיין, אָט דאָס מיידל פון דער יורדישער משפּחה. זי האָט זיך גערופן מיט דעם אויס־טערלישן נאָמען געניאַ; איר שיינקייט האָט זיך אפשר מער געהאַלטן מיט דער הילף פון די פאַרשידענע פּודעלעך פּרויען־קאָסמעטיק. אָבער איר

אויסגעפּוצטקייט און שיק איז געווען נישט צוגעפּאַסט צו איר פּעדלער־פּאַך. מ׳האָט דערציילט, אַז ווען דער פאַבריקאַנט אַראָנסאָן האָט זי אַ מאָל באַגעגנט אויף די שטיגן אַרויפגייען צו דער אַרבעט, האָט ער איר, מיט דעם גאַנצן ביסל גראַציע, וואָס איז אים נאָך געבליבן פון די יונגע יאָרן, דעם וועג אָפּטרעטן. ער איז נאָך געווען טשעקאַווע זיך נאָכצופרעגן, ווער זי איז און ווו זי גייט. ס׳איז אים געווען שווער צו גלייבן, אַז „דיזעס פרויליין" זיצט טאַקע ביי אַ טישל און פּעדלט.

בנימין איז איצט שוין טאַקע נישט געווען דער, וואָס מיט עטלעכע יאָר צוריק, פון יענטל קאָזאַקס טאַנץ־קעלער. ער איז אָבער געווען אַ בחור, אַ מאַנצביל, שוין נישט קיין ייִנגעלע, און־אַזוי־אַזוי... זיי זענען צווישן זיך געוואָרן נאָענט.

דאָס איז נישט געווען טעמערל, וואָס שפּילט מיט בנימינען קאַץ־מויז־שפּיל; דאָס איז אויך נישט געווען עטל, פּראָפעסר טאָכטער, וועלכע האָט געצילט אים אויסצוכאַפּן פאַר אַ מאַן אַ פאַרדינער. די־אָ האָט פון בנימינען גאָרנישט דערוואַרט און גאָרנישט פאַרלאַנגט; גאָרנישט מער — אַ ביסל נאָענטקייט צו איר; ווי דער הונט, וואָס איז געטריי זיין באַלעבאָס, וועלכער גיט אים אַפילו נישט צום עסן; אָט אַזעלכע איז זי געווען. זי האָט נאָר געדאַרפט וויסן, אַז ער איז איר אַ מאָל אַ ביסל נאָענט, הגם ער שפּאַצירט מיט איר זעלטן ווען. נאָר דאָס באַוווסטזיין אַז ס׳זענען פאַראַנען מינוטן, ווען ער איז יאָ אירער, פאַקטיש אירער, דאָס איז פאַר איר געווען גענוג.

די באַציִונגען צווישן בנימינען און דעם מיידל וואָלטן אפשר מיט דער צייט אויך אינערלעך נעענטער געוואָרן. עס זענען אָבער געווען סי־בות, וואָס האָבן נישט צוגעלאָזט צו דער דערנענטערונג; און נישט אַזוי וויַיט די אַרבעט אין דער באַוועגונג. און נישט אַזוי וויַיט טעמערל איז געווען די סיבה; — די סיבה איז געווען אַן אַנדערע: בנימין איז געוווּר געוואָרן, אַז די גענים, וואָס וווינט פאַר זיך אין אַ שטיבל (זי איז געווען אַ יתומה) שענקט אַ מאָל עמעצן איר ליבע, און דאָס האָט אים אָפּגעהאַלטן צו זיין נאָענט מיט איר.

און טאַקע נאָר איר, געניען, האָט בנימין אַזוי דרייסט געקענט אַ פרעג טון, צי ס׳איז אמת, דאָס וואָס מ׳רעדט וועגן איר... און ווידער — טאַקע נאָר זי, אָט די אַזוי אונטערטעניק איבערגעגעבענע, האָט זיך פאַר אים אָפּנהאַרציק מודה געווען, כאָטש גאָרנישט לייכט איז עס איר געווען.

— נאָר צייט איך האָב דיך דערקענט — שוין נישט מער... — האָט זי אַ שעפּטש געטון.

— און פריִער?... — האָט ער אין איר זיינע פאַרשערישע אויגן אַריינגעשטאָכן.

— פריִער... — האָט זי זיך מודה געווען מיט עכט צניעותדיק אַראָפּ־געלאָזטע אויגן... — פריִער, יאָ.

און דער „יאָ" האָט געקלעפּט אויף אירע ליפּן, נישט אים אַרויסצו־ברענגען, און אויך נישט צו דערשטיקן אים.

— טאָ איז צווישן אונדז אַלץ אויס — האָט בנימין אין זיך באַשלאָסן. זיין מינע איז געווען אַן ערנסטע און שטרענגע. ער האָט זיך באַמיט נישט צו באַמערקן אירע טרערנפולע אויגן און פאַרצאָגט געמיט.

נאָר „אַלץ אויס", ווי בנימין האָט באַשלאָסן די ערשטע מינוט, — אַלץ אויס — איז צווישן זיי געוואָרן נאָך נישט אַזוי גיך. נאָר אינערלעך באָענט — קיין מאָל נישט. צווישן זיי איז געשטאַנען אַ וואַנט. טעמערל!

טז

ס׳איז געשען אָט וואָס:

נאָכן אָנקומען פון אַ צוג האָט אויפן וואָקזאַל אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן אַ ייִד אַ פּאַסאַזשיר און אַ רוסישן זשאַנדאַרם. אַז דאָס געווערטלעכץ צווישן זיי איז געוואָרן אַלץ העפטיקער, האָט דער זשאַנדאַרם אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער, אויסגעשאָסן אין ייִד און אים אַוועקגעלייגט אויפן אָרט.

דער דערהרגעטער איז אַ פּאָר שעה געלעגן אויפן פּעראָן אין אַ קאַלו־זשע בלוט, שטייף, טויט. פון שטאָט האָבן געשטראָמט מאַסן מענטשן, ייִדן און קריסטן, אָנקוקן דאָס בייזע ווונדער, און די אויפרעגונג צווישן דער באַפעלקערונג איז געווען גרויס.

שושקענדיק האָט מען זיך וועגן דעם איבערגעגעבן; נישט הויך גע־רעדט, אַ זשאַנדאַרם אָדער אַ „שפּיצל" זאָל נישט דערהערן און מאַכן דערפון אַ געברויך. אויך אַזוי שטיל האָט דער הערער דאָס אויפגענומען, פאַר מורא אַפילו נישט הויך קיין קרעכץ געטון, נאָר אינעווייניק ביי יעדן איינציקן האָט דער אַכזריותדיקער מאָרד געקאָכט און געזידט אין די געבליטן און שטיל, נישט אָפּגעשמועסטערהייט האָט מען זיך געגרייט

אויסצודריקן קעגן די מערדערס דעם שטומען פּראָטעסט און צאָרן דורכ־איינאָרדענען דעם הרוג אַ לויה און באַגלייטן אים צו דער אייביקער רו.

אויך די רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך געגרייט אָנטיילצונעמען אין דער לויה פונעם אומשולדיקן קרבן, פונעם זעלבסטהערשערישן רעזשים... די פּאַרטיי, צו וועלכער בנימין געהערט, די ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, האָט יענעם אָוונט אָפּגעהאַלטן אַן עקסטרע זיצונג. איינשטימיק איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצו־שטעלן די מאַשינעס און אָנטיילצונעמען אין דער לויה. אַ מיינונגס־פאַר־שיידנהייט האָט נאָר אַרויסגערופן דער פֿאָרשלאָג, צי מ׳זאָל אויפן קבר אַרויסטרעטן מיט עטלעכע ווערטער צום עולם; טייל האָבן געזאָגט, אַז נישט: נישטאָ איצט די כוחות. באָריס זיצט, קיין צווייטער, וואָס זאָל אים פאַרטרעטן, איז נישטאָ. די פּאַרטיי הי לעבט איבער אַ קריזיס. און אַזאַ עפּנטלעכער אַרויסטריט וועט נאָר ברענגען צו אַרעסטן, די פּאַרטיי וועט דורך דעם נאָך מער אָפּגעשוואַכט ווערן.

די מערהייט אָבער, און אויך טעמערל, האָט צוליב די זעלבע טעמים געטענהט פאַרקערט: טאַקע דעריבער, וואָס מ׳האַלט די פּאַרטיי שוין באַלד פּאַר אָפּגעשטאָרבן, דאַרף זי יאָ אונטערנעמען עפּעס און ווייזן, אַז זי לעבט און עקזיסטירט.

פּאָנטשער, וועלכן מ׳האָט היינט ספּעציעל איינגעלאַדן אויף דער זי־צונג, האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט עפנטלעך צו רעדן אויף דער לויה. „איך — האָט ער געטענהט — בין נישט קיין מאַסן־רעדנער“... און בכלל פילט ער זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען... אַהין־אַהער, פּאָנטשער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו רעדן פאַרן עולם. ער איז אַפילו נישט אויסגעזעסן די גאַנצע צייט און איז אַוועקגעגאַנגען; טאַקע צוליב דעם וואָס ער פילט זיך נישט ווי ס׳געהער צו זיין.

— — — איז עס נישט אַנדערש, — רעדן זאָל בנימין, קיין אַנדער ברירה איז נישטאָ. בנימין דאַרף זיך „אונטערגאַרטלען“. דאָס הייסט: אַדורכטראַכטן פריִער, וואָס ער זאָל רעדן, און די חברים וועלן שוין זאָרגן דערפאַר, מ׳זאָל אים לאָזן רעדן.

— איך ווייס נישט, צי ס׳וועט מיר געלונגען רעדן פאַר אַ מאַסע, און נאָך פאַר אַזאַ מאַסע: ייִדן און ווייבער...

— איך וועל דיר זאָגן, — רופט זיך אָן טעמערל — דו דאַרפסט דיר

די זאַך נישט פאָרשטעלן אַזוי אומגעהייער, וועט עס דיר שוין געלונגען, — און זי נעמט אים אויפווייזן די פשוטקייט פון דער גאַנצער זאַך.

— אַן אומרעכט, — גיט אים טעמערל די זאַך צו פאַרשטיין — אַן אומרעכט איז דאָך געשען: אַ בחינמדיקע בלוט־פאַרגיסונג. און פאַרוואָס דערלויבן זיך די זשאַנדאַרן אויף אַזעלכעס? ווייל זיי זענען איבערצייגט, אַז עס וועט זיי אַדורכגיין אומבאַשטראָפט. נו, פרעג איך דיך, צי דאַרף עקזיסטירן אַ רעגירונג, וואָס אירע דינער פאַרגיסן מיט איר הסכמה דאָס בלוט פון דער רויִקער באַפעלקערונג? אָט דאָס וועסטו קלאָר מאַכן דעם עולם יידן און ווייבער.

— און פאַרוואָס טאַקע זאָלסטו נישט רעדן? — פרעגט בנימין צו־ריק — איך בין זיכער, אַז דו וועסט דאָס בעסער מאַכן פון מיר.

— איך, — זאָגט טעמערל רויִק, און ס'איז צו דערקענען, אַז זי האָט שוין אויך געטראַכט דערפון — איך איז אַזוי: ערשטנס, אַ מיידל זאָל רעדן אויף אַ לויה פאַר יידן מיט בערד, און צווייטנס — מ'קען מיך דאָ צופיל. די סענסאַציע וואָלט טאַקע געווען גרעסער, ווען איך וואָלט גע־רעדט, אָבער די ווירקונג וועט זיין גרעסער, ווען דו וועסט רעדן.

און דער וואַרשעווער סטאָליער וואָס איז אָנגעטון אין אַ שוואַרץ העמדל, פאַרבונדן מיט אַ טונקל געפלאָכטן שנירל, ווי אַ חסידישע גאַרטל: וואָס לויט ווי ער זאָגט, טראָגט ער שטענדיק ביי זיך אַ געלאָדענעם „שפּייער" — ער האָט עס די זכיה געהאַט אַריינגענומען צו ווערן אין דער „אָרגאַניזאַציע" נישט אין זיין אייגענעם זכות, נאָר ווייל ער האָט געבערענגט אַ בריוו פון די וואַרשעווער חברים, — ער גיט זיך אַ רוף אָן צו בנימינען אויף וואַרשעווער אַרט:

— יאָך וועל אייך זאָגן, חבר, איר זאָלט זיי אַ וואָליע אַנידערגעבן אַ רעדע, אַז אין די קישקעס זאָל עס זיי אַ דריי געבן; זאָלן זיי וויסן, די גראָבע בייכער, אַז אַ נאַש בראַט קען עפּענען אַ געמבע.

און אַז בנימין האָט זיך נאָך אַלץ געוואַקלט, האָט זכריה מיטן ערלעכן יינגלשן פּנים אויך אים צוגערעדט:

— איין מאָל מוז דאָך זיין „דאָס ערשטע מאָל", וועט דאָס איצטיקע מאָל זיין — מאָרגן.

און אַזוי איז באַשלאָסן געוואָרן.

**
*

דער קערפּער פון דעם דערהרגעטן ייִד איז פון וואָקזאַל איבערגעפירט געוואָרן אין מתים־שטיבל ביים שטאָטישן שפּיטאָל. דאָרט האָבן דאָקטוי־רים אין ווייסע קיטלען און מיט מעסערס אין די הענט זיך געפּאָרעט אי־בער דעם טויטן גוף... דערנאָך איז ער אַרויסגעגעבן געוואָרן דער ייִדי־שער קהילה צום באַגראָבן.

איז דאָס געווען אַ לויה, נו, נו!...

אומבאַפוילן, נישט צוזאַמענגערעדט, פון זיך אַליין זענען אַלע געוועל־בער, אַפילו קריסטלעכע, פאַרמאַכט געוואָרן, ווערקשטעלן האָבן גערוט, און די פאַבריקן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף איבער דער לויה.

דער גאַנצער דערדריקטער האַס צום דעספּאָטישן צאַר מיט זיינע משרתים האָט זיך אויסגעדריקט אין אָט דער ריזיקער לויה פון אומבאַ־קאַנטן הרוג. אַ שטומער פּראָטעסט האָט געפלאַטערט אין דער לופט. דער טויזנטקעפּיקער עולם ייִדן און קריסטן, ווייבער און קינדער, האָט זיך געשפּאַרט און געריזלט דורך אַלע גאַסן און פּלעצער, ווי דאָס וואַסער פון אַ טייך, וואָס איז אַרויס פון זיינע ברעגעס.

די עטלעכע סטראַזשניקעס, וואָס זענען מיטגעשיקט געוואָרן צו היטן די אָרדענונג, האָבן זיך אויפן בית־הקברות נישט געקענט קיין עצה געבן, איינצוצוימען אָט די ריזיקע מענטשן־מאַסע. מ'האָט זיך געשטופּט און געשפּאַרט; קינדער האָט מען קוים מיטן לעבן אַרויסגעשלעפּט פון אונטער די פיס; ווייבער און אַלטע, שוואַכע לייט האָט אין געדרענגעניש אָטעם פאַרפעלט, מ'האָט זיי פאַרחלשטערהייט מיט שוועריקייט אַרויסגעקריגן פון צווישן דער מאַסע.

— — — דער ערשטער האָט מספּיד געווען דער שטאָטישער דיין, אַ פרומער ייִד, נאָר אַ גרויסער בטלן, מיט ציטערנדיקע פּאות און מיט רויטלעכע אויגן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מאַמר חז"ל, אַז דער טויט פון צדיקים איז מכפּר אויף זייער דור... אַרום אָט דעם מאַמר האָט ער זיך נאָכאַנאַנד געדרייט, גערעדט, גערעדט, געבלאָנדזשעט אַ צייט אָן דעם מאַמר, ווידער אים צוריקגעכאַפּט, און ווידער ס'אייגענע, ווי אין אַ פאַרכשופטן ראָד, נישט געקענט זיך אַרויספּלאָנטערן.

„— — — דער טויט פון צדיקים איז מכפּר אויף זייער דור, און אַזוי ווי דער דאָזיקער פרעמדער ייִד איז געשטאָרבן אַ מיתת צדיקים, געהרגעט געוואָרן דורך אַ מענטשנס האַנט, אַוועקגעגאַנגען מיט אַ מיתה חטיפה, ווי די „עשרה הרוגי מלכות" און אַז ער איז נאָר אַוועקגעגאַנגען

מיט אַזאַ טויט, איז ער שוין במילא אַ צדיק. דער טויט אַליין האָט אים געלייטערט, געמאַכט אים פאַר אַ צדיק. — „על כן בעט איך דיך — האָט זיך דער דיין צעשאָקלט —‏ בעט איך דיך, זאָלסטו זיך מיִען פאַרן כלל־ישראל, ס׳זאָל זיין פון היינט אָן שלום און פרנסה, און יידישע קינדער זאָלן ניצול ווערן, און מ׳זאָל מער נישט הערן פון קיין שלעכטס״ — — —

דער עולם מאַנסלייט און ווייבער האָבן געוויינט, געיאָמערט, געשנייצט די נעז און געבעטן מחילה ביי דעם אומבאַקאַנטן הרוג.

נאָך דעם דיין האָט בנימין גלייך גענומען רעדן.

אין תחילת איז געוואָרן אַ שטיקל טומל. אַזוי ווי בנימין איז געווען איבערגעטון אין לאַנגע מלבושים — שפּיאָנען זאָלן אים נישט דערקענען — האָט מען געמיינט, אַז דאָס האָט זיך פאַרגלוסט עפּעס אַ בית־מדרשניק מספּיד צו זיין דעם הרוג, איז געוואָרן אַ געשריי, ווי צווישן אַ סטאַדע גענדז: „מ׳דאַרף נישט!... גענוג, גענוג, מ׳דאַרף שוין נישט״... — אַנדערע ווידער האָבן געשריגן פאַרקערט:

— לאָזט אים רעדן, שטערטס נישט...

אין אָנהייב האָט בנימין גערעדט שטייענדיק און צוליב דעם געטומל האָט מען נישט געהערט אַ וואָרט, — און ס׳איז פאַר אים געווען אַ גליק, וואָס מ׳האָט אים נישט געהערט, ווארום תחילת האָט ער טאַקע אַליין נישט געוווסט, וואָס ער רעדט. אַלץ וואָס ער האָט זיך אָנגעגרייט אין קאָפּ, איז אים אין איין רגע אַוועקגעקומען, פאַרלוירן געוואָרן, אויסגעטריקנט געוואָרן.

איינציקוויז איז אַרום שטיל געוואָרן, אַלע זענען געבליבן שטיין אויף די ערטער. עמעץ, אַ חבר מן־הסתם, האָט בנימינען אַ שעפּטשע געטון אין אויער אַריין: „זעץ דיך אַראָפּ אויף דר׳ערד, די שפּיאָנען זאָלן דיך נישט אַרויסזען״. — ער האָט אַזוי געטון. אַרום אים האָבן זיך געשטעלט די חברים און בנימין האָט שוין גערעדט קלאָר, און אַלץ דרייסטער...

— ...אומבאַקאַנטער הרוג, — האָט בנימין אַ ווייז געטון מיט דער האַנט צום אָרון, אין וועלכן ס׳איז געלעגן דער מת — קרבן פון אומגערעכטקייט און רציחה! קיין פרנסה זאָלסטו פאַר אונדז נישט אויסבעטן אין הימל, און נישט קיין בקשה־קוויטלעך שיקן מיר, יידישע אַרבעטער, מיט דיר מיט. מיר קוקן אויף דיין טויטן צעקאַלעטשעטן גוף און — נקמה שווערן מיר! נקמה נעמען פון דיינע מערדער! נישט איין איינציקער זשאַנדאַרם איז דיין מערדער, נאָר אַלע די צאַרישע משרתים, די סאַטראַפּן,

זייער אַלעמענס העגט האָבן דיך בלוט פאַרגאָסן. צו זייער אומבאַגרענעצ־טער ממשלה וועט אַ סוף קומען; אויך זייער סוף וועט אַזעלכער זיין.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו די אַרומיקע:

— נישט פון אייך, קרעמערלעך, קענען מיר פאַרלאַנגען, איר זאָלט זיך נוקם זיין פאַר דעם אומשולדיקן בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן פאַר אייערע אויגן, און פאַר דעם בלוט, וואָס ווערט טאָג־טעגלעך פאַרגאָסן אין גרויסן רוסלאַנד — איר, וואָס אייער קאָפּ און האַרץ איז אַזוי קליין, אַזוי אומדערבאַרעמדיק קליין און ענג, אַז מער ווי דאגות וועגן די גראָשנדיקע פדיונותלעך, געפינט זיך דאָרט גאָרנישט, — נישט איר זענט פעיִק צו טראַכטן פון נקמה! אָט וואָס מיר זאָגן אייך, מיר, יידישע אַרבעטער: זאָל נאָר אייער האַרץ אויף איין רגע כאָטש אַ ציטער טון פון דעם אומרעכט, פון דער רציחה, וואָס דאָ איז אָפּגעטון געוואָרן; פון אָט דער איין־מינוטי־קער אומצופרידנקייט וועט געבוירן ווערן דער, וואָס וועט פאַרמאָגן אַ הייס האַרץ, אַ שטאָלענעם ווילן און אַ פעסטע האַנט זיך נוקם צו זיין; פון צווישן אייערע קינדער וועט דער דאָזיקער אויפשטיין; אייערס אַ זון וועט דאָס זיין; ער וועט נקמה נעמען, און ער וועט זיגן.

— — — און זאָלן זיך אייערע ליפּן נישט פאַרקרימען אין אַ חוזק שמייכל: „אָט דער יונג, אָדער אַפילו טויזנטער יונגען פאַרמעסטן זיך אומצווואַרפן די זעלבסטהערשערישע פעסטונג?" — אויב איר טראַכט אַזוי, קען איך אייך נאָר באַדויערן: ווי קליין און ווי פאַרגרעבט איר זענט שוין!

— — — איר ווייסט, ווען אָט די „יונגען", ווי איר רופט אונדז, צי ווייסט איר, ווען מיר האָבן פאַר העלפערס אין אונדזער הייליקן קאַמף? ניין, איר ווייסט נישט? — טאָ הערט: מיליאָנען זענען מיר, און העלפערס האָבן מיר די געשיכטע פון דער ליידנדיקער מענטשהייט...

זאָגט מיר! ווו זענען זיי, די אַלע דעספּאָטן פון דער געשיכטע, וואָס זענען געשטאָרבן מיט דער זיכערקייט, אַז מיט זייער שווערד און פויסט האָבן זיי פאַר זייערע קינדס־קינדער אַן אייביקן בנין געשטעלט? ווו זענען זיי, די באַרימטע דעספּאָטן, ווו זענען זייערע אייביקע ווערק? זיי האָבן צו מיינסטן נאָך ביי זייער לעבן געזען די מפּלה, ווי זייער דורך בלוט, טרערן און רציחה געבויטע פעסטונג צעפאַלט, צעשיט זיך און באַגראָבט זיי אַליין אונטער אירע חורבות; די געשיכטע מיט איר שטרענגער גערעכ־טיקייט, די גערעכטיקייט, וואָס שלימערט אין יעדן מענטשנס געוויסן, האָט זיי פאַרמשפּט, און זיי גייען אונטער.

— — — יאָ, מיר, אויף טויט און אויף לעבן האָבן מיר געשווירן אַ קאַמף קעגן דער טיראַניי, דעם צאַר און זיינע משרתים. טויזנטער אונדזערע וועלן אומקומען, טויזנטער וועלן פאַרפוילט ווערן אין די תפיסות, אין די קאַזעמאַטן און אין סיביר, מיר ווייסן דאָס, און — פּאָרט רויִק שטעלן מיר אונטער אונדזער קאָפּ; נאָך אונדז וועלן קומען אַנדערע, און נאָך זיי — נאָך אַנדערע. מיר, די מחנה, וואָס איר רופט אונדז „מילבן" — מיר, די מילבן, וועלן דעם שווערן פעלדז אונטערגראָבן, און זיגן וועלן מיר!...

...בנימין האָט געזעדט איבערן קערפּער פונעם אומבאַקאַנטן הרוג.

יז

נאָך דער לויה זענען פאָרגעקומען אַרעסטן. בינטלעך סטראַזשניקעס און זשאַנדאַרן האָבן אָפּגעוואַרט די צוריקגייערס פון דער לויה, אַרויסגע־כאַפּט פון צווישן זיי די, וואָס האָבן אין זייערע אויגן אויסגעזען פאַרדעכ־טיק אין האָבן איינגעאָרדנט די רעוואָלוציאָנערע רעדע. די פאַרהאַלטענע האָט מען אַוועקגעפירט.

ווי געוויינטלעך האָבן געליטן בלויז אומשולדיקע, גראָד אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געוווּסט פון גאָרנישט צו זאָגן. בנימינען האָבן די חברים געעצהט, אַז ביז וואַנען ס'וועט נישט רויִק ווערן זאָל ער נישט ווייזן זיך אין גאַס און נישט אַהיימגיין שלאָפן עטלעכע נעכט.

אין קאַנטאָר האָט מען געזאָגט, אַז בנימין איז קראַנק, ער קען נישט קומען צו דער אַרבעט; אַהיים ווידער, דער מאַמען, האָט מען צוּוויסן גע־טון, אַז בנימין איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן אויף עטלעכע טעג...

בנימין האָט לאַנג געקלערט, ווו ער וועט זיך קענען געפינען צום זיכערסטן. נישט האָבנדיק קיין אַנדערע ברירה, איז ער אַוועק זיך אויפ־האַלטן עטלעכע טעג אינעם שטיבל פון דער אויסגעפוצטער פעדלערין געניע.

דאָס מיידל איז געווען אויפן זיבעטן הימל, וואָס בנימין האָט זיך צו איר אַריינגעצויגן אויף עטלעכע טעג. פאַרשטייענדיק פון זיך אַליין, אַז עס איז נישט לייטיש, זיי זאָלן ביידע נעכטיקן אין דעם איינציקן שטיבל, איז זי אין די אָוונטן געגאַנגען שלאָפן ערגעץ צו אירס אַ קרובה.

אָט דאָ, אין דעם שטיבל, וואָס האָט זיך געפונען אויפן העכסטן שטאָק

פון אַ גרויס, ענג־באַזעצט הויז, האָט בנימין געלעבט די פּאָר טעג אין שטילקייט און אַבסאָלוטער איינזאַמקייט. דאָס רוב טאָג געגאַנגען שווייגנדיק אַרויף און אַראָפּ און געטראַכט.

עס האָט זיך אים געטראַכט פון זיין שטיקל לעבן. ער איז איצט צוויי און צוואַנציק יאָר אַלט. כמעט אַ דריטל לעבן שוין אָפּגעפלאָסן. און מיט וואָס איז עס אַוועק? ער האָט גאָרנישט באַדויערט. ניין! און דאָס איצטיקע לעבן, די לעצטע עטלעכע יאָר — אַוודאי נישט. איצט האָט ער פּאָר זיך אַ ציל: קאַמף! אויב ער האָט יאָ אַ ביסל באַדויערט, איז עס — די ערשטע יאָרן, זיין חברן זיך מיט די ווילדע יונגען, מיט פּייניק דעם קצבס, מיטן פאַרפירן דינסטמיידלעך... איצט האָט ער קלאָר געזען, אַז ער איז דעמאָלט געווען אַוועק אויף אַ געפערלעך גליטשיקן וועג, און אויב דאָס וואָלט אַזוי אָנגעהאַלטן, וואָלט ער פאַרזונקען געוואָרן אין תהום.

און איצט, איצט איז ער שוין אין גאַנצן אַרויס פון דעם שמוץ? ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן שטיבל: די קליידער און מאַנטלען, די פאַרשידענע היט, וואָס געפינען זיך דאָ, פון אַלע סעזאָנען אין יאָר; די פלאַקאָנען פון פּערפום, ליידיקע און נאָך נישט ליידיקע; די פאַרשידענע קאָסטבאַרע צאַצקעס, צעשטעלטע אויפן טואַלעט־טישל — צי האָט דאָס מיידל געקויפט די אַלע זאַכן פונעם געלט, וואָס זי האָט זיך אויסגעאַרבעט אין פאַבריק ביים פּעדל־טישל? דאָס פאַרדינסט פון אַ פּעדלערין גענוגט קוים אויפן קאַרגן עסן און אויף אַ ביליק קליידל אַ מאָל דורכן יאָר.

און ווידער האָט זיך אין בנימינען באַזעצט דער חשד, אַז נאָך היינט האַנדלט זי מיט ליבע, נאָך היינט גיט זי אָפּ איר קערפּער פאַר מתנות, און אפשר, פאַר געלט אויך; איבעריקנס, דער חילוק איז אַ קליינער.

און נאָך פאַרדעכטיקער האָבן זיינע אויגן זיך אַרומגעקוקט... און צופעליק געפונען ערגעץ אין שענקל ליגן דעם מיידלס אַ פּעקל אָפּגעשמעקטע פאָטאָגראַפיעס, מיט אַ זיס צעשמייכלט פּנימל, מיט אָפּגעדעקטע ציינדלעך און נאַקעטן האַלדז...

און ס׳האָט זיך אים דערמאָנט, ווי זי האָט געזאָגט דעמאָלט, ווען ער האָט איר פאָרגעהאַלטן, וואָס מ׳רעדט וועגן איר...

— „צייט איך האָב דיך דערקענט — שוין נישט".

לאַנג האָט ער וועגן דעם נאָכגעטראַכט און ס׳איז ביי אים געבליבן, אַז אייגנטלעך האָט ער גאָרנישט צו איר, זי איז אַזעלכע און שוין! נישט

מער — ער מוז אָפּהאַקן, אין גאַנצן זיך אָפּרייסן פון איר; האָט ער זיך שוין יאָ אַ מאָל אַרויסגעריסן פון שמוץ, מוז ער נאָך די לעצטע אָנשטרענ־גונג מאַכן, אין גאַנצן אַרויס.

און אַזוי ווי אַלץ, וואָס בנימין האָט באַשלאָסן אויסצופירן איז געווען מיט טעמפּעראַמענט, מיט היץ, איז אים אויך איצט שוין צו לאַנג געוואָרן דאָס זיצן דאָ. ס'האָט אים שוין געבריט דאָס אָרט: נישט אַנדערש, נאָר פון דאַנען שוין אַרויסצולויפן.

צי האָט ער דען געקענט פאַרשטיין גאָר, אַז אָט דאָס מיידל, ליגנדיק איצט אויפן געלעגער ביי איר אָרעמער קרובה, האָט מיט אָפּשיי געטראַכט, אַז איר בעטל ווערט איצט באַנוצט פון בנימינען, ווען זי פאַרגעטערט. פאַרוואָס פאַרגעטערט זי אים? ווייל ער איז אַ קלוגער (מיאוס איז ער אויך נישט, נאָר דערפון האָט זי כמעט נישט געטראַכט), שטעלט זיך אין דאָס לעבן, אַז ס'זאָל נישט זיין מער רייך און אָרעם; און ער רעדט אַזוי שיין וועגן דעם, אַז דער אַרבעטער איז אַלצדינג, און זיי, די רייכע, די לעביונגען, זענען בלוט־זייגערס, לעבן אויפן חשבון פון אַנדערע...

ווער קען דען אַלץ אויסרעכענען, פאַרוואָס אָט דאָס מיידל, וועלכע פלעגט זיך נישט אָפּזאָגן צו עסן אַ „קאָלאַציע" מיט אַ פרעמדן מאַנצביל אין אַ באַזונדער האָטעל־חדרל, פאַרוואָס זי האָט פאַרגעטערט בנימינען; שווער צו דערגרונטעווען, וואָס עס טוט זיך אין דער נשמה פון אַזאַ, וואָס איז פאָרט נישט אין גאַנצן פאַרדאָרבן. אַלזאָ יעדעס מאָל נעמט זי זיך פאָר: „מער וועל איך דאָס נישט טון", און יעדעס מאָל זינקט זי ווידער, ווייל זי קען נישט ביישטיין דעם יצר־הרע פון קויפן זיך אַ שיין קליידל, אַ סך מאָל מיט דער דירעקטער כוונה בנימינען געפעלן צו ווערן.

אַזוי זענען אַדורך טעג. בנימין האָט זיך אַלץ נאָך דאָ אַרומגעדרייט. די מינוט איז אים שוין צו לאַנג געווען, נאָר ער האָט געדאַרפט האָרכן דעם באַפעל פון דער אָרגאַניזאַציע: נישט פאַרלאָזן זיין באַהעלטעניש, ווי לאַנג מ'וועט אים נישט צווויסן טון.

דאָס מיידל איז געקומען אין אָוונט פון דער אַרבעט, געמאַכט פאַר ביידן נאַכט־עסן, אים געגרייט דאָס געלעגער, געזאָגט „גוטענאַכט" און אַוועקגעגאַנגען שלאָפן צו איר קרובה; אין דער פרי איז זי געקומען אים מאַכן אָנבייסן, און ווידער מיטיקצייט — מיטיק.

און וויפל בנימין האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט: ער קען זיך דאָס אַלץ אַליין מאַכן, פלעגט זי כלומרשט איינשטימען: „גוט, מער וועל איך

נישט קומען". און פאַרט פלעגט זי ווייטער קומען מיט אַ פאַרשולדיקטער מינע, צי ער איז נישט אין כעס, וואָס זי האָט נישט וואָרט, און שטענ־דיק פלעגט זי זאָגן עפּעס אַ תירוץ: דאָ — איז זי גראָד פאַרבייגעגאַנגען, אַן אַנדערש מאָל ווידער, ווייל זי דאַרף עפּעס נעמען, אַזוי אַז ער האָט נישט געהאַט דאָס האַרץ אין כעס צו ווערן. און זי איז געקומען דריי מאָל טעגלעך, כדי אים צו מאַכן עסן און זען, עס זאָל אים גאָרנישט פעלן.

די עטלעכע טעג האָט בנימין זעלטן געזען אַ מענטש. איין מאָל אין טאָג, פאַרנאַכט־צייט, פלעגט קומען אַ חבר, פאָרזיכטיק אָנקלאַפּן אין טיר, פלעגט ברענגען בנימינען אַ בוך צום לייענען, דערציילן, וואָס עס הערט זיך אין גאַס... אויך אַזוי פאָרזיכטיק און שטיל פלעגט ער אַוועקגיין, און ווידער פלעגט בנימין בלייבן איינער אַליין.

אין אַן אָוונט, פאַרן שליסן די טויערן, איז טעמערל אַרויפגעקומען. בנימין האָט זי אויפגענומען רויק, ווי יעדן אַנדערן חבר; ער האָט איצטיקס מאָל גאָרנישט געפילט דעם געהיימען פלאַטער, וואָס ער פלעגט געוויינטלעך פילן בשעתן באַגעגענען זי.

פון געוויינהייט האָט זי אויסגעטון דאָס היטעלע און עס אַנידערגע־לייגט אויף אַ בענקל. טעמערל האָט בנימינען דערציילט דעם גרויסן רושם פון זיין רעדע אין שטאָט...

— דער טאַטע, — האָט זי דערציילט און געקוקט אויף בנימינען מיט פריינדלעכע אויגן, דער טאַטע האָט צומאָרגנס נאָך גערעדט דערפון, ער זאָגט, אַז דאָס מוזן די „אַחדות־לייט" האָבן אַראָפּגעבראַכט זייערס איינעם פון וואַרשע, וואָרום אַ היגער, זאָגט ער, וואָלט גאָרנישט געקענט אַזוי רעדן, און ער וואָלט אויך מורא געהאַט.

— און ווייסטו, בנימין — זאָגט זי מיט צוזאַמענגעצויגענע ברעמען — מנשה אונדזערער איז דאָך טאַקע אַ גאָרנישט: נאָך איין רגע, און ער וואָלט אויסגעפּלוידערט, אַז דו ביסט דאָס געווען דער רעדנער. ערשט האָב איך אים מתרה געווען. איצט וועט ער שוין נישט פּלאַפּלען.

און זי נעמט באַלד דאָס פאַרגלעטן, דערמאָנט זיך, ס׳איז איר ברודער, אַז אייגנטלעך איז ער גאָרנישט אַזעלכער.

— מיינסט, אַז מנשה וואָלט דאָס געטון פון בייזוויליקייט? ער אַליין געהערט דאָך אויך צו אַ פּאַרטיי, צו די פּ.פּ.ס. — נאָר גאָרנישט, אַזאַ פּלוידערמויל האָט ער שוין, דער מנשה. ער איז טייל מאָל לייכטזיניק ווי אַ קינד.

...אַ ביסל שפּעטער גיט זיך טעמערל אַ קוק אַרום איבערן שטיבל און רופט זיך אָן מיט אַזאַ, כמעט „גוט יידישן“, טאָן:

— איך פאַרשטיי נישט, בנימין, ווי דו קומסט דאָ אַריין. ווער האָט דיך דאָ אַרויפגעפירט? צי דו ווייסט כאָטש, בנימין, ווו דו געפינסט זיך?

און זעענדיק, אַז בנימין מאַכט פון אירע רייד קיין שום ווענן נישט, גיט זי צו מיט אַ באַהאַלטענעם עקל:

— איז ביי דיר רעכט זיך צו געפינען אין אַ פּראָסטיטוטקעס שטיבל, דו שלאָפסט דאָך אין איר בעט אויך... און אפשר... — זי האָט נישט געענדיקט, נאָר בלויז אַ צי געטון די נאָז, אַזש אונטער די ברעמען האָבן זיך אויף אַ רגע איר צעלייגט קנייטשלעך.

— ניין, — האָט בנימין דערגאַנצט דאָס, וואָס זי האָט נישט דער־רעדט — דו מיינסט דאָך אַוודאי צו זאָגן: „און אפשר שלאָפסטו גאָר מיט איר צוזאַמען“... — זאָג איך דיר: ניין. זי גייט אַוועק שלאָפן. איך האָב איר נישט געדאַרפט ערשט זאָגן, זי זאָל אַזוי טון. זי האָט דאָס אַליין פאַרשטאַנען. זי ווייסט מן־הסתם, אַז דיין קלאַס, די בירגערלעכע „זיט־לעכע“ לייט, וואָלטן מיר נאָכגעשפּיגן, אַז איך וואָס האָב זיי מוסר געזאָגט, שלאָף מיט אַ פּראָסטיטוטקע; זיי, די לייט, וואָס האָבן ליב, אַז פון אויבנאויף זאָל אַלץ זיין שאַ שטיל; דער עקלדיקסטער זומפּ אונטן און אויבן — צוגע־דעקט מיט גרין גראָז, מיט אַ צניעותדיק וויס פאַרהענגל. — פאַרקערט, זי האָט געהאַט אַזוי פיל טאַקט, מיר אָפּגעטרעטן איר שטיבל און אַליין איז זי אַוועקגעגאַנגען שלאָפן צו אירס אַ קרובה.

טעמערל האָט, קענטיק, געוואָלט אויסמיידן דאָס געשפּרעך, בנימין אָבער האָט געזאָדן פון אויפרעגונג. די אויגן האָבן אים געברענט.

— צי ווייסטו כאָטש, — האָט ער ווייטער אָנגעהויבן — פאַרוואָס אַזאַ מיידל ווערט אַ פּראָסטיטוטקע (איך זאָג נישט, אַז זי איז עס טאַקע, איך האַלט מיך נאָר ביי דיין אויסדרוק)? אָט הער: צוליב דעם זעלבן טעם, וואָס יעדעס יאָר שטאַרבט אַוועק אַ היפּשער פּראָצענט אַרבעטער־שטיקערס פון בלוט־שטורצן און שווינדזוכט; צוליב דעם אייגענעם ווערן די שענערע מיידלעך פעדלערינס — פּראָסטיטוטקעס און די איינציקע סיבה פון אָט די אַלע אומגליקן איז — געלט!

זעסטו, טעמערל, שווער, זייער שווער איז דורכצולעבן אַ לעבן אָן איין שטראַל תענוג, און דאָ פאַרקוקט מען זיך אויף די פאַבריקאַנטן, זייער גוט לעבן דינט ווי אַ מוסטער, פאַר אַ פאַרפיר־ליכטל: אַרבעט מען

נאָך מער, יאָגט מען, וואָס מער צו פאַרדינען, מען יאָגט אַזוי לאַנג, ביז מ׳פאַלט ביי דער מאַשין ווי אַן איבערגעהאָרעוועט פערד. אַזוי אויך די פעדלערינס — זיי זענען די פאַבריקאַנטן־טעכטער אויסגעפּוצטע, אָפּגעשמעקטע, חלשט מען זיי נאָכצוטון, געלט אויף דעם איז נישטאָ, אָבער בעלנים אויף אַ יונגן מיידל־גוף זענען אין דיינע קרייזן דווקא יאָ דאָ — אָט וואָס עס איז...

— און די אַרבעטער אין פאַבריק, — פרעגט טעמערל צוריק און קוקט בנימינען אין די אויגן — און די אַרבעטער אַליין רירן זיך גאָר נישט צו צום מיידל־גוף, זיי לאָזן די מיידלעך גאָר צו רו? און טעמערל שמייכלט אַזוי, אַז בנימינען רעגט דאָס אויף; ער פאַרשטייט, אַז זי מיינט דאָס אים, פון אַמאָל נאָך: — „עטל״...

— אַוודאי זיי אויך! — זאָגט ער שוין רויִקער אָבער הער, טעמערל, — פון אייגענער איבערצייגונג רעד איך דאָס: אויסנאַמען זענען פאַראַנען, אָבער געוויינטלעך וועט אַ יונג אומבאַרירט פאַבריק־מיידל נישט צו לאָזן צו זיך דעם געוויינטלעכן אַרבעטער אויף דעם ערשטן מאָל... דערנאָך ערשט, ווען זי האָט שוין נישט וואָס אָנצווווערן, גיט זי זיך אָפּ ווען עס איז, פאַר געצאָלט אָדער פאַר אַ הבטחה חתונה צו האָבן מיט איר...

טעמערל, ווייזט אויס, איז דאָס מאָל געקומען צו בנימינען נישט כדי צו פירן אַזאַ שמועס. זי איז איצט געווען אין אַ גאָר אַנדערער שטימונג. אירע ליפּן זענען געווען רויט און פייכט, ווי צוויי אָפענע רויזן, אירע אויגן האָבן געלויכטן, און אינגאַנצן האָט זי געאָטעמט מיט אַ וואַרעמקייט, נאָר אָט דער דאָזיקער שמועס האָט איר די גוטע שטימונג קאַליע געמאַכט. זי איז נאָך אַ ביסל געזעסן, אָנגעטון דאָס היטעלע און אַוועקגעגאַנגען.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט די פאַרטיי דערלויבט בנימינען אַהיימצוגיין. די מאַמע האָט ווי פאַר יוצא וועגן געפרעגט, ווו ער איז געווען אַזוי לאַנג. בנימין האָט געענטפערט: „כ׳בין נישט הי געוועזן״.

— אַזוי גאָר, — האָט די מאַמע כלומרשט זיך געחידושט — דו פאַרסט גאָר אַרום, וואָס, געשעפטן מאַכסטו, מסחרסט?

און אַז בנימין האָט גאָרנישט געענטפערט, האָט די מאַמע אויך מער נישט גערעדט דערפון.

נאָר מלכה און ישראל־נח, מוז זיין, האָבן יאָ געוווסט דעם אמת, פאַרוואָס בנימין איז נישט אַהיימגעקומען. זיי האָבן גאָרנישט גערעדט, זיך נישט וויסן געמאַכט, אַז זיי ווייסן עפּעס, אָבער אין זייערע דרך־ארץ־בליקן

און שטילער אַכטונג, וואָס זיי האָבן איצט אַרויסגעוויזן צו אים, האָט בני־מין פאַרשטאַנען, אַז די זאַך איז זיי קלאָר, און ער האָט אויך זיך גאָר־נישט וויסן געמאַכט.

יח

ווען מלכהס קינד איז געוואָרן עטלעכע חדשים, איז זי מיט אַ מאָל קראַנק געוואָרן, און מ׳האָט נישט געוווּסט וואָס איר פעלט.

מ׳האָט גערופן אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר איז געקומען איין מאָל, אַ צווייט מאָל, דערנאָך שוין טעגלעך, נאָר קיין בעסערונג איז נישט געווען צו זען.

באַלד האָט זיך די קרענק גאָר גענומען פאַרערגערן. מלכה האָט זיך ערשט געלייגט אין בעט אויף גוט. רק ס׳האָט איר ווי געטון אין האַלדז; אַראָפּנעמען האָט זי גאָרנישט געקענט: ס׳האָט איר נאָכאַנאַנד געאיבלט אין דער קעל, זי האָט כסדר געבראָכן, אַרויסברענגענדיק בשעת מעשה משונה־דיקע איבל־טענער:

— אַ־או, אַ־או...

אַז די קרענק האָט שוין אָנגענומען אַזאַ שאַרפע פאָרעם, האָט מען זיך דערשראָקן אויף אַן אמת. די מאַמע איז פון צערודערטקייט געוואָרן אַזש אומבאַהאָלפן און מער נישט געטון, ווי געוויינט, די הענט געבראָכן. נאָר מלכה האָט זיך עפּעס דערמאָנט אָן יענעם חשובן דאָקטאָר, ביי וועמען זי איז געווען דעמאָלט, ווען זי האָט זיך געריכט אין קימפּעט — דער דאָקטאָר איז געקומען, אַ היפּשע ווייל געזעסן ביים בעט און נאָכגעפאָרשט דעם גאַנג פון דער קרענק. דאָס צווייטע מאָל, ווען ער איז ווידער געקומען, האָט ער מלכהן עפּעס געפרעגט אין דער שטיל, און זי האָט געענטפערט, זיך רויטלענדיק (זי האָט זיך אַלץ נאָך געררויטלט); באַלד האָט דער דאָק־טאָר דעם גאַנצן שמועס איבערגעריסן און גאָר גענומען זיך נאָכפרעגן, ווען מלכהס מאַן קומט אַהיים, ווען מ׳קען אים טרעפן. מ׳האָט אים גע־ענטפערט, — נישט אָן חידוש, פאַרשטייט זיך.

פאַרנאַכט צייט, ווען אַנשל איז געווען אין שטוב, געזעסן איבערן געשעפטס־בוך, איז געקומען דער דאָקטאָר מיטן עלעגאַנט פאַרשוירענעם בערדל און פענסנע. — ער האָט אַריינגערופן דעם הער מייעראָוויטש אין אַ באַזונדער חדר. מלכהס מוטער האָט זיך געשטעלט פון דרויסן,

הינטער דער טיר, צושפּאַרנדיק איר אויער צום שפּאַלט פון דער טיר און מיטן אָנגעשטרענגטן בליק — גלייך ווי אָט דער בליק וואָלט איר געקענט דערין העלפן — געהלשט אויפצוכאַפּן, וואָס זיי רעדן אינעווייניק.

איר האָט זיך געדאַכט צו פאַרנעמען, אַז דער דאָקטאָר רעדט עפּעס שטרענג און אַז אַנשל פּרוּווט זיך עפּעס צו פאַרטיידיקן, נאָר וואָס־און ווען האָט זי נישט באַנומען.

אַז זיי זענען לסוף אַרויסגעקומען, האָט אַנשל אויסגעזען צערודערט. ער האָט מיט זיין אויסזען דערמאָנט אַ חדר־יינגל, וואָס איז אָקאָרשט אָפּער פון אונטער דעם רבינס קאַנטשיק. אַרויסקומענדיק צווישן מענטשן, באַ־מיט ער זיך צו פאַרבאָרגן זיין אָפּגעשמיסנקייט און שטעלט אָן אַ מינע, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

אויך דער דאָקטאָר האָט אויסגעזען בלאַסלעך, ווי אַן עלטערער מענטש נאָך אַן אויפרעגונג. ביים געזעגענען זיך האָט דער דאָקטאָר צומאָל קיין קוק נישט געטון אין אַנשלס זייט.

— פאַרוואָס האָט מען פונקט אים אַריינגערופן? — פרעגט אַנשל ברוגזדיק נאָכן דאָקטאָרס אַרויסגיין.

— מ׳זאָגט, אַז ער איז אַ גוטער דאָקטאָר — ענטפערט מלכהס מוטער מיט אַ דרך־ארץ־טאָן, ווי זי רעדט געוויינטלעך צום איידעם. און נאָך אַ קורץ טראַכטן פרעגט זי פאַרזיכטיק:

— כ׳בעט דיך, אַנשל, צו וואָס האָט ער דיך אַריינגערופן, זאָלסט מיר לעבן, וואָס האָט ער צו דיר? — און זי עסט זיך איין מיטן בליק אין איידעמס פּנים.

— וואָס זאָל ער דען האָבן צו מיר, וואָס? — מעסט אַנשל אָפּ די שוויגער מיט אַ בליק — פונקט דעם מנוול האָט מען מיר געמוזט אַריינ־ברענגען. וואָס ער וויל אַלץ! מיין גאַנץ פאַרמעגן וועט פאַר אים צו ווייניק זיין.

נאָך אַזאַ ענטפער איז שוין די שוויגער נישט דרייסט געווען מער דאָס מויל צו עפענען.

אַנשל האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט איבערן געשעפטס־בוך. נאָר צערודערט איז ער נאָך אַלץ געווען. ער איז נישט אויסגעזעסן איבערן בוך די געהעריקע צייט, ווי יעדן טאָג און איז באַלד אַוועק פון שטוב.

צומאָרגנס האָט אַנשל זיך נאָכגעפרעגט ביים ווייב, ווי זי פילט זיך. הערנדיק, אַז אַלץ איז אין איין שטאַנד, האָט ער מיט אַ מאָל צוויסן געטון,

אַז ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן צום רבין, פרעגן אַן עצה, צי ס׳איז נישט אַ מאָל גלייך צו פאָרן קיין אויסלאַנד צו אַ פּראָפעסאָר.

— ס׳וואָלט אפשר טאַקע נישט קרום געווען — האָט די שוויגער צוגעשטימט.

אַנשל האָט זיך באַלד גענומען פאַרפּאַקן, און מיטן מיטיק־צוג איז ער אַוועקגעפאָרן.

נאָך מיטיק איז געקומען דער דאָקטאָר. ער האָט געפרעגט וווּ אַנשל איז, און צי ער פאָרט היינט מיט דער פרוי צום פּראָפעסאָר אין אויסלאַנד. דערהערנדיק, אַז ער איז גאָר געפאָרן צו אַ „גוטן ייִד״ זיך שואל־עצה זיין וועגן דער ווייבס קרענק, האָט דער דאָקטאָר מיט גרויס צאָרן אויס־געשריגן צום קראַנקן ווייבל:

— אייער מאַן איז אַ נידערטרעכטיקער מענטש. ער האָט זיך ערגעץ איינגעשאַפּט אַ שמוציקע קרענק, און אָנגעשטעקט דערמיט דאָס ווייב.

מיט איין מאָל איז קלאָר געוואָרן, וואָס מלכהס קרענק איז — — — — און די מאַמע האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

***

ס׳זענען אַדורך אַ פּאָר טעג, און אַנשל האָט זיך נישט געוויזן צוריק. ס׳זענען אַוועק נאָך טעג, מ׳איז אין שטוב געוואָרן אומרויִק. דער „ברוך־הבא״, דאָס גאַנצע ביטערע האַרץ, וואָס די מאַמע האָט געהאַלטן אָנגע־גרייט צו „באַווילקאָמען״ דעם ליכטיקן איידעם, איז אין איר פאַרשטאַרט געוואָרן; אין די שעהן, ווען ס׳קומט אַ צוג, זענען אַלע געזעסן נערוועזע, די אויגן אָנגעשטעלט אויף דער טיר, אין איין אָנשטרענגונג און דער־וואַרטונג.

דער דאָקטאָר איז דערווייל געקומען טאָג־טעגלעך, און טייל מאָל, אַפילו צוויי מאָל טעגלעך. ער האָט געהאָפט, עס וועט אים אפשר געלונגען מלכהן אויסצוקורירן און מ׳וועט נישט דאַרפן פאָרן מיט איר צו אַ ספּע־ציאַליסט.

און ס׳האָט זיך גערוקט טאָג נאָך טאָג. מ׳האָט אויסגעקוקט דעם איידעלן אַנשל ווי עפּעס אַ ליכטיקן גאַסט, און אַז די האָפענונג האָט ווי־דער אָפּגענאַרט, זענען אַלע טרויעריק געוואָרן. מלכה האָט אַפילו דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און די מאַמע האָט טריב אַ זאָג געטון:

— היינט האָב איך שוין זיכער געמיינט, אַז ער וועט קומען. ס'האַרץ האָט מיר עפּעס געזאָגט. כ'בין זיכער געווען...

נאָר אַנשל האָט אַלץ נישט געלאָזט הערן פון זיך.

זענען אַזוי אַוועק נאָך עטלעכע טעג. מ'איז שוין כמעט צוגעוווינט געוואָרן צום בחינמדיקן וואַרטן, מיטן קוקן אויף דער טיר. מ'האָט זיך מער נישט אויפגערעגט, מ'איז געוואָרן טעמפּ, און נאָר מעכאַניש האָבן אין די באַשטימטע צוג־שעהן די אויגן געקוקט אויף דער טיר, צי זי גיט זיך נישט פּלוצלינג אַן עפן, און דער געלט־מאַנגל און דאָס רעכענען זיך מיט דער פּרוטה פאַר דער קראַנקערס וועגן — וועט אויפהערן.

צוביסלעך איז מלכהן בעסער געוואָרן. דער דאָקטאָר האָט שוין צוגע־זאָגט, אַז אויב די קרענק וועט זיך ווייטער אַזוי פירן, וועט זי בקרוב קענען צוריק זייגן דאָס קינד — דעמאָלט קומט זיך אַ מאָל מיטיקצייט אַריינצוגיין דער פעטער לייב־חיים מיט דער פעך־שוואַרצער באָרד, אין וועלכער עס ווייסלען זיך עטלעכע זילבער פעדעם. ער שטעלט אַוועק אין אַ ווינקל דעם שטעקן מיטן בורשטינענעם קאָפּ, זעצט זיך אַנידער און פאַר־פירט מיט דער מאַמען אַ שמועס, כדי גלאַט צו שמועסן, צו באַהאַלטן אין זיך עפּעס אַ נישט ניחאדיקע בשורה און דערווייל קלערן, ווי אַזוי דאָס אַרויסצופּאַקן.

די מאַמע האָט זיך עפּעס אָנגעשטויסן און מיט אומרויִקייט געקוקט אים אין מויל. ער האָט אַזוי אַ ווייל געשמועסט וועגן וועטער און וועגן מלכהס קינד... און מיט אַ מאָל רופט ער זיך אָן:

— און וואָס, למשל, וואָלט עץ געזאָגט, ווען ס'וואָלט געוויר געוואָרן, אַז אַנשל איז אַנטלאָפן פון ווייב? כ'מיין נאָר אַזוי...

— מנאַ, — האָט די מאַמע אַ מאַך געטון מיט די ליפּן און זי האָט אפשר אַליין נישט געוווּסט, צי איר וואָלט פון אַזאַ מין ידיעה לייכטער געוואָרן אויפן געמיט, צי גאָר נאָך שווערער...

מלכה האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר שטום אָנגעקוקט די מאַמע.

— אויב אַזוי, — האָט לייב־חיים ווייטער גערעדט, קענטיק מיט גע־מאַכטן קוראַזש — וועל איך דיר חיה־רבקה מגלה סוד זיין, אַז דיין איידעם איז טאַקע אַוועק קיין אַמעריקע. אָט האָט ער דער מאַמען דערלאַנגט אַ פּאַפּיר — נאַ, לייען און איבערצייג דיך.

דאָס איז געווען אַ בריוו פון האַמבורג, וואָס אַנשל האָט געשיקט צו לייב־חיים וואָלבערג פאַרן אויפזעצן זיך אויף דער שיף קיין אַמעריקע:

ער איז, אַפּנים, געווען אין אַ ווייכער שטימונג, האָט ער געשריבן צום פעטער לייב־חיים, כדי נישט צו איבערשרעקן דאָס ווייב, אים צוויסן געטון, אַז ער פאָרט קיין אַמעריקע, ווייל דאָ, אין מדינת פוילן, איז קיין לעבן נישט, און ער בעט אים, אַלס קרוב, אַכטונג צו געבן, זיין ווייב, מלכה תחיה, זאָל דאָ אַליין פאַרקויפן, מאַכן צו געלט. די בעלי־חובות דאַרף זי גאָר נישט צאָלן, אַ גראָשן נישט. זי זאָל טענהן איינס, אַז זי ווייסט פון גאָרנישט. זי האָט נישט גענומען קיין סחורה און איז קיינעם גאָרנישט שולדיק...

— נו, — רופט זיך אָן דער פעטער לייב־חיים צו דער מאַמען — איצט גלויבסטו שוין?

— יאָ, — זאָגט די מאַמע אַרויס אָן אָטעם — איצט גלויב איך שוין, איצט זע איך שוין. — זי לאָזט אַראָפּ די הענט אויף די קני, אויף יעדער קני איין עלנבויגן, און פּלוצלינג צעפּלאַמען זיך איר די אויגן און די ליפּן נעמען ציטערן...

— רבונו של עולם, — שרייבט זי אויס היסטעריש — אַז אַזעלכעס קען געשען, אַז אַזעלכעס לאָזסטו צו אויף דער וועלט!... און... גוואַלד!... — האָט די מאַמע מיט אַ מאָל אַ געשריי געטון, גלייך אַ קויל וואָלט זי דורכ־געלעכערט, און זי איז געבליבן זיצן אין חלשות מיט פאַרגלייזטע אויגן.

פון אָט דער וויסטער בשורה איז מלכה נישט אַזוי שרעקלעך איבער־ראַשט געוואָרן. זי האָט בלויז שטיל געוויינט.

**
*

מיט טרערן האָט מען קנאַפּ געקענט פאַרגרינגערן דאָס מעמד. אין שטוב האָט זיך געפונען אַ יונגע, שוואַכע מוטער מיט אַ קינד פון אַ פּאָר חדשים. אַ ביסל שפּעטער האָבן אָנגעהויבן קומען בעלי־חובות: חלב־יידן, וואָס אַנשל האָט פון זיי געקויפט פעטס צו זייף. די פּראַקטישע מאַמע איז דאָס מאָל אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ; מלכה האָט נאָר געבעטן, זיי זאָלן וואָס גיכער נעמען דאָס זייעריקע און אַוועקגיין. געלט — האָט זי זיך ביי זיי געבעטן — האָב איך נישט, נאָר אַ פאַבריק מיט סחורה איז יאָ דאָ — און אַזוי ווי לייב־חיים וואָלבערג האָט נישט צופיל צייט געהאַט דאָ אַריינ־צוקוקן, האָבן טאַקע די בעלי־חובות זיך אָנעמגעטון צו דער מלאכה, צום „אָפּנעמען זיך פאַרן חוב". אין משך פון איין וואָך איז געווען צעכאַפּט

די פֿאַבריק זייף און די רוי־מאַטעריאַלן, אַז ס׳איז נישט געבליבן מער ווי הוילע ווענט און איינגעמויערטע קעסלען.

די מאַמע האָט שוין געהאַט אַזוי דעם מוט פֿאַרלוירן, אַז זי האָט זיך אויפֿגעפֿירט ווי אַ באַליידיקט קינד:

— איז ער יאָ אַוועק — האָט זי גערעדט מיט ברענענדיקער שנאה, טאָ זאָל אים אַלץ נאָכגיין אין דער ערד אַריין, די גאַנצע פֿאַבריק; דער גאָט, וואָס האָט מיין קינד געהאָלפֿן ביז „אים״, דער גאָט לעבט נאָך...

און די דערשלאָגענע מלכה האָט אויף אַלץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

...ווייטער בלייבן וווינען אין דער גרויסער דירה האָט מלכה נישט געקענט און נישט געוואָלט. די הויזווירטן — אַן אַלטע דייטשקע, אַן אַלמנה נאָך אַ רוסישן פּולקאָווניק, האָט אָבער גאָרנישט געוואָלט זיך צוהערן צו דער מאַמעס תחנונים און טרערן. זי האָט אַנדערש נישט געוואָלט, נאָר מ׳זאָל איר נאָכקומען לויטן קאָנטראַקט, וואָס איז געמאַכט אויף דריי יאָר: אויסוווינען דעם טערמין, אָדער באַצאָלן. נאָר דאָ איז דער פֿעטער לייב־חיים געפֿאַלן אויף אַ פּלאַן: ער האָט צוזאַמענגעפֿירט די מאַמע מיט איר לאַנגאָניקן שונא — דעם שטיפֿברודער מאָריץ.

— מאָריץ — האָט לייב־חיים געגעבן צו פֿאַרשטיין — מאָריץ האָט אַ געשליפֿן צינגל. ער רעדט ווי אַן אַדוואָקאַט רוסיש און דייטש...

מאָריץ האָט זיך געלאָזט איבערבעטן. ער איז אַרויפֿגעגאַנגען צו דער דייטשקע, צעשמועסט זיך מיט איר, און טאַקע אויסגעפּועלט מער ווי די מאַמע. מ׳איז ווי עס איז אַדורכגעקומען... דער גרעסטער טייל מעבל איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן, אַ קלענער טייל — איבערגעלאָזט. אין אַן אָוונט האָט בנימין, ישראל־נח מיט אַבאָן אַריבערגעטראָגן די רעשט מעבל און מלכה מיטן קינד האָט זיך אַריבערגעצויגן צוריק צו דער מאַמען אין דער אָרעמער דירה. מלכה איז געוואָרן אַן עגונה, און איידל פּוץ, דער מאַמעס געשוועסטערקינד, די קנאהניצע, האָט געהאַט צו טריאומפֿירן:

— טעכטערל, אָבער וואָס האָט ענקער מאַמע נביאות געזאָגט, באַלד אין אָנהייב נאָך דער גליקלעכער חתונה?

יט

מיט מלכהס אַהיימקומען האָט זיך אין שטוב צוריק באַזעצט די נויט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַלטע גראָע לעבן, אַ ביסל באַפּוצט

נאָר מיט דעם איבערבלייבעכץ פון מלכהס מעבל, וואָס איז צעשטעלט געוואָרן צווישן דער מאַמעס אָפּגעטראָגענער שטוב־ווירטשאַפט... די האַלב־קראַנקע און אויסגעמוטשעטע מלכה· און איר קינד וואָס האָט שטענדיק געוויינט... די מוטער האָט עס נישט געטאָרט זייגן און אויף צו צונעמען אַן אַם זענען נישט געווען קיין מיטלען, האָט מען עס גענערט פון אַ פלעשל, איז דאָס קינד נישט צופרידן געווען פון אַזאַ מין זייגן, האָט עס רק גע־וויינט, רק געשריגן.

שפּעטער אַריין איז געקומען צופאָרן אַנשלס מוטער. זי האָט מלכהן געטרייסט, אַז אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך. זי האָט זיך פאַרענטפערט, פאַרוואָס זי איז נישט געקומען ביז היינט. דער מאַן אירער פילט זיך עפּעס נישט ווי עס געהער צו זיין; זי האָט באַשטימט פאַר מלכהן מיטן קינד אַ וועכנט־לעכע פּענסיע אויף דער צייט ביז אַנשל וועט צוריקקומען, ביז דאָס „משוגעת" וועט אים אַרויס פון קאָפּ און ער וועט זיך דערמאָנען אָן ווייב און קינד.

וואָס שייך צו דער אייגנטלעכער סיבה, פאַרוואָס אַנשל איז אַוועק — האָט זי דערפון אַפילו נישט געוואָלט הערן: ניין, אויף איר זון קען זי אַזעלכעס נישט גלויבן. נישט אַנדערש — דער דאָקטאָר האָט אויף אים אויסגעטראַכט אַ שקר־בלבול...

מלכה האָט אַפילו יעדע וואָך געקריגן צוגעשיקט די באַשטימטע סומע, די נויט אין שטוב איז אַ ביסל געלינדערט געוואָרן, דער אומעט אָבער און די מורא־שחורה זענען נישט גרינגער געוואָרן.

אַפילו אויף בנימינען און ישראל־נחן האָט די מרה־שחורה גע־ווירקט. אַפילו בנימינען זענען שיער געקומען די טרערן אין די אויגן, צוּקוקנדיק ווי די מאַמע גייט אַרויף און אַראָפּ מיטן אייניקל אויף די הענט צוזינגענדיק אים מיט אַ פול אָנגעזאַפּט קול, וואָס האָט ווי אַ מעסער דאָס האַרץ געשניטן.

און מלכה האָט דער מאַמען מיטן קינד נאָכגעקוקט, זיי באַגלייט מיט די אויגן, מיט אַ פאַרצאָגטן בליק.

אַ צרה, זאָגט די וועלט, קומט זעלטן איינע אַליין, נישט מיטברענגענ־דיק מיט זיך נאָך עפּעס — דאָ איז דער „נאָך עפּעס" געווען מאַריץ וואַל־בערג, דער מאַמעס שטיפברודער; מאַריץ דער „אויפגעקלערטער", מייזן געלן פאַרשווירענעם בערדל און שוואַרצע ברילן, וועלכע האָבן הינטער

זייערע טונקעלע גלעזער באַהאַלטן זיינע אויגן, די „שפּיגעלעך פון דעם מענטשנס נשמה״.

מאָריץ, וואָס איז מיט דער מאַמען נאָך פון זינט איר חתונה געווען שונאים צוליב עפּעס אַ ירושה, איז איצט געוואָרן אין שטוב אַ שטאַם־גאַסט, אַן איינגייער: אין אַלעם האָט ער זיין נאָז אַריינגעשטעקט, אומעטום געקראָכן מיט זיינע „ווילע״ עצות...

ס׳האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז מלכה האָט מיטן מאַן אין אַמע־ריקע זיך געשריבן בריוו. געטון האָט זי דאָס אַ ביסל אויפן ווונטש פון דער מוטער און פון דער שוויגער, און אַ ביסל אויך פון אייגענער צע־בראָכנקייט. האָבן על־פּי שכל מלכהס בריוו צום מאַן געדאַרפט זיין פריינד־לעכע: זיי זאָלן אים פאַרלאָקן, דערוועקן אין אים אַ בענקעניש צו דער פאַרלאָזטער היים. און כדי די בריוו זאָלן טאַקע זיין געשריבן אַזוי, אַז זיי זאָלן אים טרעפן אין דער סטרונע פון זיין האַרץ, האָט מען לויט זיין אייגענעם רצון, מאָריצן באַשטימט פאַרן צוזאַמענשטעלער פון די בריוו. מאָריץ, דער קאָפּשטיק, דער קענער, ער וועט שוין איין מאָל דאָס גוט מאַכן.

איז אָבער מאָריצעס „גאַנג״ געווען אַזעלכער, אַז די בריוו, וואָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט, זענען געווען פּונקט דער היפּוך פון דעם, וואָס זיי האָבן געדאַרפט זיין. דערהאַלטנדיק אין אַמעריקע אַזאַ בריוו פון ווייב, האָט אַנשל געענטפערט מיט אַ להכעיס בריוו, אַזוי ווי זיין איידעלע טבע האָט אים דיקטירט.

ליידנדיק אין אַמעריקע גרויסע צרות, צו וועלכע ער איז נישט געוווינט געווען פון דער היים — האָט אַנשל דעם ווייב געשריבן אַזאַ בריוו:

„ליבע פרוי, איצט אַז איך איבערלייג זיך, זע איך, אַז איך האָב קעגן דיר שלעכט געהאַנדלט, און קיין אַמעריקע האָב איך אויך נישט גע־דאַרפט פאָרן. איך אַרבעט דאָ זייער שווער. איך פאָר אַרום מיט אַ װע־געלע, כ׳פּיר אַרום צו פאַרקויפן קלייניקייטן... איך אַרבעט טאַקע שווער, נאָר איך האָף, אַז איך וועל זיך פּאָרט צו עפּעס דערשלאָגן. איך וועל אַראָפּנעמען דיך מיטן ליבן קינד, און מיר וועלן מאַכן אַ לעבן״...

איז על־פּי שכל, האָט די פרוי אים געדאַרפט צוריק שרייבן אַזוי, אַז עס זאָל זיך אים פאַרגליסטן אַהיימצוקומען — איז אָבער מאָריצעס לאָגיק געווען אַן אַנדערע: אַ ביסל אים די גאַל מאַכן, זאָל ער וויסן, וואָס ער האָט געטון.

האָט מאַריץ געשריבן:

„...אַזוי, ליבער מאַן, ביסטו שוין צו מזל געוואָרן אַ פּעדלער און פאָרסט אַרום מיט אַ „באַסקעט" (מאַריץ האָט ליב צו ווייזן, אַז ער קען אַלע שפּראַכן, דערין ענגליש) אָבער מיר, מיין מאַן, מיר פעלט דאָ גאָר־נישט. איך גיי מיר עטלעכע מאָל אין וואָך אין טעאַטער"...

און אַזאַ מויל־ווערק פאַרמאָגט דער מאַריץ, אַז — ווי די מאַמע פלעגט זאָגן — אַ גאַנצן פאָלק זעלנער קען ער איבערדברן, האָט ער אַזוי לאַנג איינגעקנעלט מיט די צוויי פרויען און אַזוי לאַנג אין זיי אַריינגערעדט, אַז אַזוי און נאָר אַזוי איז ריכטיק, ביז ער האָט אויסגעפירט: מלכה האָט דעם בריוו איבערגעשריבן מיט איר האַנטשריפט און אַוועקגעשיקט צום מאַן.

קומט פון אַנשלען אַן ענטפער, אויך שוין אויף אַזאַ אַרט...

„ליבע פרוי, דיין בריוו האָב איך געלייענט מיט פיל פאַרגעניגן. נאָר באַלד שרייבן דיר ענטפער האָב איך ליידער נישט געקענט, ווייל איך האָב מיך געאיילט גיין אין טעאַטער מיט אַ מיידל. איך האָב דאָ עטלעכע מיידלעך. נאָר די הויפט זענען צוויי, אַ בלאָנדינקע און אַ ברונעטקע. די בלאָנדינקע קושט הייסער, נאָר די ברונעטקע האָט אויך אירע מעלות"...

אין שטוב איז נאָך אַזאַ „ליב־האַרציקן" בריוו געוואָרן תשעה־באָב, פיל טרערן זענען פאַרגאָסן געוואָרן, קללות האָבן געפּלאַטערט אין דער לופט, און מאַריץ האָט טריאומפירט:

— אַהאַ! נו, ווייס איך שוין וואָס איך טו?...

***

יענע צייט האָט ישראל־נח שוין אויך אָנטייל גענומען אין דער באַ־וועגונג. ער איז געווען אַ גוטער חבר, נאָר אַ צוריקגעהאַלטענער, און זיך געהיטן מיט זיין אָנגעהערן צו דער באַוועגונג אַפילו פאַר די חברים גופא.

צוזעענדיק דער מאַמעס צעבראָכנקייט און ליידן צוליב מלכהן, האָט ישראל־נח געטון אַלץ, זי זאָל זיך נישט דערוויסן, אַז ער געהערט שוין אויך צו דער פּאַרטיי, אַז ער „שטעלט שוין אויך זיין לעבן אין קאָן" — ווי די מאַמע פלעגט דאָס רופן.

אַ צייט איז דאָס ישראל־נחן געראָטן: די מאַמע האָט גאָרנישט גע־

ווּסט און גאָרנישט זיך געמערקט. אַזוי לאַנג ביז... ביז מאָריץ וואָלבערג האָט זיך דאָס דערוווּסט.

מאָריץ וואָלבערג געהערט צו יענעם סאָרט מענטשן, וואָס ווילן דווקא מ׳זאָל וועגן זיי האָבן אַ מיינונג, אַז זיי ווייסן אַלץ; נישטאָ גאָר דאָס געהיימעניש, וואָס זאָל פאַר זיי נישט זיין אָפן און אַנטפּלעקט.

פון וואַנען האָט מאָריץ זיך דערוווּסט, אַז ישראל־נח געהערט שוין אויך צו דער „חברה״? מעגלעך, אַז ער האָט געכאַפּט עפּעס אַ וואָרט פון דעם פלאַפּלער מנשה, וועלכער איז אַ היפּש ביסל געווען געראָטן אין אָט דעם פעטער זיינעם. ס׳איז אָבער אויך מעגלעך, אַז מאָריץ האָט אין אמתן גאָר נישט געוווּסט, נאָר סתם אַ רעד געטון, מ׳זאָל מיינען, ער ווייסט עפּעס. עפּעס געהערט, עפּעס זיך געמערקט, עפּעס אַליין צוגעטראַכט — און פאַרטיק אַ מעשה מיט וואָס צו קומען גוט יום־טוב ביטן.

איז עס געווען אַ שבת־נאָכמיטיק, ישראל־נח זיצט לעבן פענצטער ביי אַ בוך. אין צווייטן עק חדר געפינט זיך מאָריץ, ער שמועסט עפּעס מיט דער מאַמען און מיט מלכהן, גיט זיי „גוטע״ עצות וועגן עפּעס. מיט אַ מאָל גיט מאָריץ הינטערוויילעכץ אַ גיי צו צו ישראל־נחן, גיט לצנותדיק אַזאַ לייג זיינע צוויי הענט אויף ישראל־נחס קאָפּ, ווי אַ זיידע בענטשט אַן איינִיקל. ער רופט זיך אָן ווי אַן אַלץ־ווייסער:

— שטיל טרישעקל כשרס! געהערסט דאָך אויך שוין צו דער חברה אַחדות — הע, טרישעקל? ראָזנבלום סאַמועל האָט מיר געזאָגט, אַז ווען נישט זיין רחמנות צו דיין מאַמע און שוועסטער, וואָלט ער דיר געגעבן דעם לויף־פּאַס פון זיין פאַבריק, ערשט קוים כ׳האָב אים אַ ביסל איינגעשטילט...

ישראל־נח האָט שאַרף אַ קוק געטון אויף מאָריצן, גרייט דאָס מויל צו עפענען, נאָר ער האָט זיך באַגעגנט מיט דער מאַמעס בעטנדיקן בליק, ער זאָל פאַרשווייגן. ער האָט זיך אַ רגע געוואַקלט, צי ער זאָל דאָס מאָל נאָכגעבן דער מאַמען, איז רויט געוואָרן, זיך אָנגעכמורעט, און זיך צוריקגעקערט צום בוך.

מוז זיין, מאָריץ האָט דערשפּירט אין דער אומפריינדלעכער שטילקייט, וואָס איז איינגעטרעטן נאָך זיין זאָג, אַז די געמיטער זענען איצט נישט גענייגט צו אים, האָט ער אַ ברום געטון: „כ׳בין מיך דאָ פאַרזעסן, און ביי סאַמועלן קוקט מען מיך אויס״ — און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

נאָך מאָריצעס צומאַכן הינטער זיך די טיר, האָט זיך מלכה אָנגערופן אויפגערעגט:

— גאָט אין הימל! וואָס וויל דער מענטש פון אונדז האָבן? איין מאָל געגאַנגען פאַר מיר צו דער דייטשקע וועגן אָפּנעמען די דירה, קען מען פון אים שוין נישט פּטור ווערן. וואָס האָט ער זיך אויף אונדז אָנגעזעצט?!

דערויף האָט די מאַמע אַ זאָג געטון:

— ווייסט נישט, מיין קינד — אַז מ׳לייגט צו אַ פּלאַסטער צו אַן אומריין קעפּל? — ביים צולייגן איז אַזוי גוט, דער פּלאַסטער גיט זיך אַ קלעפּ צו, ס׳איז אַ מחיה ווייך און גוט... אָבער ביים אַראָפּרייסן צוריק דעם צוגעקלאַפּטן פּלאַסטער איז סכנת נפשות!...

דער מאַמעס פאַרגלייך מאָריצן צו אַ פּלאַסטער, איז געווען אַזוי געלונגען, אַז ישראל־נח ביים פענצטער און מלכה מיטן קינד אויף די הענט האָבן זיך צעלאַכט. זעענדיק די קינדער לאַכן, האָט זיך די מאַמע אויך צעלאַכט. די לופט איז אויף אַ מינוט געוואָרן הייטערער. ס׳האָט זיך געפילט ווי אַן אָפּשיין פון אַ זון־שטראַל, וואָס האָט זיך פאַרגנבעט צום פענצטער און אין שטוב אַריינגעקוקט.

כ

עטלעכע וואָכן האָבן זיך געפירט די אונטערהאַנדלונגען צווישן די פאָרשטייערס פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און פון דער „יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פאַרטיי״, און אַרום דעם מיטן ווינטער איז פאָרגעקומען אַ פאַרשטענדיקונג מכוח אַ בשותפותדיקע עפנטלעכע דעמאָנסטראַציע.

די דעמאָנסטראַציע איז נייטיק געווען פאַרביידע פאַרטייען: קודם־כל צו באַווייזן דער עפנטלעכקייט, אַז מ׳עקזיסטירט און אויף צו געווינען סימפּאַטיע ביי דער באַפעלקערונג, צו צוקריגן נייע כוחות.

די אונטערהאַנדלונגען צווישן די צוויי פאַרטייען האָבן זיך לאַנג געצויגן. ווייל תחילת האָט די „פּוילישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי״ נישט געוואָלט באַשטיין, אַז די יידן זאָל זיך באַטייליקן מיט אַ באַזונדערער פאָן מיט אַ יידישער אויפשריפט און מיט זינגען יידישע רעוואָלוציאָנערע לי־דער. דער פאָרשטייער פון פּ.פּ.ס., דער ייד פּיליפּ, האָט געטענהט, אַז

זיי — זיינע חברים — קענען נאָך פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע פּאַרטיי, וועלכע רופט זיך „ייִדישע", געהערט צו דער רוסי־שער „ס.ד." — אָבער קיין ספּעציעל ייִדישע קען גאָרנישט געמאָלט זיין, אַזוי ווי עס קען נישט געמאָלט זיין קיין ייִדיש פאָלק און דער זשאַרגאָן, קען נישט אָנגערופן ווערן „שפּראַך".

ענדלעך איז מען דאָך אַדורכגעקומען: אַ באַזונדערע פאָן מיט אַ ייִדי־שער אויפשריפט האָט מען די ייִדן נאָכגעגעבן, נישט מער: די פאָן זאָל געטראָגן ווערן די צווייטע, הינטער דער פּוילישער, און זינגען זאָל מען נאָר פּוילישע רעוואָלוציאָנערע לידער. גיין וועט מען צוזאַמען, כדי נישט צעברעקלען די כוחות און קענען שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער פּאָליציי, אויב ס׳וועט זיין נאָר אַ קליין הייפל סטראַזשניקעס.

ס׳איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן, גענוי ווי אַזוי איינצואָרדענען די דעמאָנסטראַציע: פאַרקומען זאָל זי אין אַ זונטיק. מיטיק־צייט זאָל מען זיך זאַמלען פאַר דער קירך. ווען דער עולם וועט אַרויסגיין פון דער קירך, זאָל דער באַשטימטער חבר אַרויסציִען די פאָן, און אַזוי, צוזאַמען מיטן קירך־עולם, זאָל מען אַריין אין דער אַלייע ביז צו דער טעאַטער־געביידע, דאָרט צוריק באַהאַלטן די פענער און פונאַנדערלאָזן דעם עולם. יעדער פאַרשטייער האָט דאָס צווויסן געטון זיין אָרגאַניזאַציע, פון דער אָרגאַניזאַציע איז דאָס צעטראָגן געוואָרן איבער די קרייזלעך, און חברים האָבן געוואַרט אויף דעם באַשטימטן זונטיק, וואָר מיט מער און ווער מיט ווייניקער מוט.

***

דער ווינטער איז געווען אַ נישט גאָר שטרענגער: מיטעלע פרעסט און נישט שטאַרקע ווינטן. דעם שבת־צונאַכט ערב דער דעמאָנסטראַציע איז אַ חבר געקומען שפּעט אין אָוונט נאָך בנימינען און אים מיטגערופן ערגעץ. ער האָט בנימינען געפירט אין אַ ווייטן שוואַך־באַלויכטענעם שטאָט־קוואַרטאַל. דאָרט האָט דער חבר לאַנג געזוכט און קוים געפונען עפּעס אַ הויז; טאַפּנדיק אַ ווייל אין דער פינצטער, האָבן זיי זיך אַראָפּ־געלאָזט אין אַ קעלער, דאָרט האָבן זיי ווי די גנבים ווידער געטאַפּט — פאַרשלאָסענע טירן, קענטיק סחורה־קאַמערן מיט אַראָפּהענגענדיקע שווע־רע שלעסער — ביז איין טיר, אָן אַ שלאָס, האָט זיך געלאָזט עפענען. עס איז געווען אַ דרעקסלער־ווערקשטעל, וווּ מ׳האָט צוליב שבת־צונאַכט נישט

געאַרבעט; ס׳האָט זיך געפּילט אַ שאַרפער ריח פון פּאַליטור, האָלץ־שפּען און אַ סתם ריח, ווי ווינטער־צייט אין אַ קעלער; אַ פאַררויכערט לעמפּל, אָנגעפּעסטיקט אין אַ דראָט איז אַראָפּגעהאָנגען פון מיטן באַלקן. ס׳האָט געדויערט ביז די אויגן האָבן זיך צוגעוווינט עפּעס צו זען דאָ. אין אַ ווינקל זענען אויף קלעצלעך געזעסן עטלעכע מיידלעך, אַ שטיק רויטער שטאָף איז געלעגן צעפאַלדעוועט ביי זיי אין שויס, און זיי האָבן זיך ביי דער שוואַכער לאָמפּן־שיין די אויגן געבלענדט, אָנגייענדיק ביליקע גאָלד בענדלעך אויף די קרייד אָנגעצייכנטע אותיות.

דריי מיידלעך זענען עס געווען. ווען בנימין מיט דעם חבר זענען צוגעגאַנגען באַקוקן די אַרבעט, האָבן די מיידלעך דערהויבן די קעפּ. צוויי פון זיי האָט בנימין נישט געקענט. די דריטע איז געווען עטל, פראַ־פּערס טאָכטער.

בנימין האָט זיך לעצטנס ווייניקער אָפּגעגעבן מיט די קרייזלעך. די גאַנצע פּאַרטיי־אַרבעט איז זינט באַריסעס אַרעסט געלעגן אויף אים מיט נאָך געציילטע עטלעכע חברים. דערפאַר האָט ער נישט געקענט וויסן, ווער אַלץ עס באַטייליקט זיך איצט אין די קרייזלעך. פון דעסטוועגן האָט אים אומאָנגענעם איבערראַשט עטלס זיין דאָ. עס האָט אים געוווּנדערט.

אַרויסקומענדיק צוריק אויף דער גאַס, האָט בנימין געפרעגט דעם חבר, ווער עס זענען די מיידלעך, צי מ׳האָט נישט אַ מאָל גענומען סתם מיידלעך, וואָס קענען נייען און מער גאָרנישט...

— וואָס פאַלט דיר איין! — דאָס זענען מיידלעך פון זכריהס קרייזל. ער טאַקע האָט זיי איבערגעגעבן צו נייען די פאָן.

בנימין האָט מער נישט גערעדט דערפון. זיי זענען געגאַנגען איבער דער פינצטערער אָרעמער פאַרשטאָט. בנימין האָט אַ קלער געטון: דער צופאַל האָט אים ווידער צוזאַמענגעבערענגט מיט עטלען. ער איז טרויעריק געוואָרן. וועלנדיק אָפּנים פאַרטרייבן פון זיך די נישט הייטערע געדאַנ־קען, האָט ער פלוצלינג אַ טראַכט געטון:

„מאָרגן אין דער צייט, ווו וועל איך מיך געפינען?... „מאָרגן״ — האָט ער אַ זאָג געטון כמעט אויף אַ קול, און שטילער איבערגעחזרט אין זיך:

„מאָרגן״...

***

פּאַרטאָגס, ווען ער האָט זיך אָנגעטון, האָט בנימין געזען אין פענצטער ווי הינטער די געפרוירענע שויבן ווערט די פינצטערניש שיטערער, זי קריגט אַ בלאָלעכן קאָליר. ער האָט זיך דערמאָנט, עס איז זונטיק און אין דער זעלבער רגע האָט ישראל־נח, וואָס איז געשטאַנען מיט דער שעפּ אין האַנט, גרייט זיך צום וואַשן — אַ זאָג געטון:

— און אַ לעבעדיקן פראָסט וועלן מיר היינט אויך האָבן.

דער טאָג איז געווען אַ שטיל פראָסטיקער, ווי געוויינטלעך די לעצטע וואָכן; ס׳איז געווען אַ צוויי וואָכן נאָך ניי־יאָר. שפּעטער, אין טאָג אַריין, האָט אַ בייזע רויטע זון זיך צעשמייכלט איבערן איינגעפרעסטן שניי און איבער די איינגעפרוירענע בלישטשענדיקע רינשטאָקן, וואָס חדר־ייִנגלעך האָבן נעכטן שבת געשאַרפט גליטשנדיק זיך. קעגן עלף אַ זייגער האָט בנימין אָפּגעשטעלט זיין מאַשין און אַוועק אויפן באַשטימטן אָרט, לעבן דער קירך, אַ קוק טון צי עס זאַמלט זיך אַן עולם.

דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס, מענטשן זענען געגאַנ־גען איילִיק, צוהאַלטנדיק זיך די אויערן מיט די הענט, כדי זיי אַ ביסל צו דערוואַרעמען.

בנימין האָט זיך באַמיט גיין מיט אַ געלאַסענעם טריט. ער איז אַהין אָנגעקומען, געגאַנגען פאַרביי דער קירך. ס׳איז נישט געווען דאָרט צו דערקענען קיין שום באַזונדערס: אין קירך האָט מען געזונגען אין כאָר, דרויסן אויפן פראָסט האָבן געשפּאַצירט און עס זענען געשטאַנען אין רעדלעך זונטיקדיק אָנגעטוענע שקצים — אַלץ ווי יעדן זונטיק.

בנימין אין אַריין אין דער אַלייע און גענומען שפּאַצירן.

דער יונגער סטראַזשניק, וואָס איז געשטאַנען אין ראָג, האָט קענטיק גאָרנישט חושד געווען. ער איז געווען וואַרעם אָנגעטון, דער סטראַזשניק, אַ הויכן פוטער־קאָלנער אַרום די אויערן, די הענט — אין וואָלענע הענטש־קעס, איז ער זיך געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ, קלאַפּנדיק היימלעך איין האַנט אָן דער צווייטער; אַפּנים נישט אַזוי ווייט פון קעלט, ווי סתם פון צופרידנקייט מיטן געזונטן ווינטער־טאָג.

טיפער אַראָפּ אין דער אַלייע איז שוין יאָ געווען עפּעס צו באַמערקן, און וואָס ווייטער האָט עס זיך אַלץ מער געגעבן צו דערקענען: ייִדישע אַרבעטער, צו צוויי און דריי האָבן דאָ היינט, אין אַן אַרבעטס־טאָג, גע־שפּאַצירט, טייל שמועסנדיק לעבעדיק, אַנדערע ווידער, האָבן נישט אַזוי פיל געשמועסט, נאָר געווען פול דערוואַרטונג.

פאַרבייגייענדיק אַיין חברותא נעבן דער צווייטער, האָט מען זיך נישט געגריסט, נאָר אַ ווונק געטון מיט די צעבלישטשעטע אויגן. און ס׳איז געווען גענוג, מ׳האָט זיך פאַרשטאַנען.

דער וואַרשעווער — באַשטימט פאַרן פאַן־טרעגער — איז געגאַנגען מיט זכריהן. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ נייעם דיקן שטעקן, כלומרשט ווי אַ שפּאַציר־שטעקן. דאָס איז געווען דער פאַן־שטעקן, געמאַכט הויל, אין שטעקן אַריינגעלאָזט אין אַ צווייטן, אַ דיקערן. די פאָן גופא האָט ער געטראָגן צוזאַמענגעלייגט אין בוזעם.

זעענדיק ווי אַלץ איז אויפן אָרט, מ׳זאַמלט זיך, מ׳שטעלט זיך צו, איז בנימין געוואָרן הייטער. דער גלויבן, וואָס האָט טייל מאָל טונקעלער אין אים געפלאַמט, האָט זיך אין אים איצט אָנגעצונדן מיט דער גאַנצער העלקייט און אַ וואַרעמקייט האָט אין אים געכוואַליעט...

נאָר ווען ער האָט אַ ביסל ווייטער געטראָפן אַ פּאָרל — עטלען מיט גימפּלען, איז בנימינען מיט אַ מאָל באַפאַלן אַ מרה־שחורה. ער האָט דער־פילט אַ קלאַפּ אין האַרץ, אַ קעלט האָט אויף אים אַ ווייע געטון.

דערנאָך האָט בנימין זיך געטראָפן מיט זכריהן. גייענדיק מיט אים, האָט בנימין געפרעגט, ווייזנדיק מיטן בליק אויף דעם פּאָרל:

— דו קענסט זיי?

— יאָ, — האָט זכריה געענטפערט — זי איז אין מיינס אַ קרייזל. אַ גאַנץ טיכטיקע חברטע, אַ באַוווסטזיניקע. ער — איז דאַכט זיך איר חתן, צי נישט קיין חתן נאָך; אים קען איך נישט.

— צי ווייסטו כאָטש, אַז ער געהערט צו די „ווילע יונגען", ער איז אַ ביסל אַ פאַרדעכטיקע פּערזענלעכקייט?...

— און אַז ער איז געווען אַ „ווילער יונג" — פרעגט זכריה מיט פּאַראיבל — וואָס באַווייזט דאָס? — ווייניק ווילע יונגען און אַפילו פּראָ־פעסיאָנעלע גנבים ווערן גוטע, איבערגעגעבענע חברים? דערפאַר האָט זכריה צוגעלייגט:

— מ׳דאַרף גאָרנישט נאָכטראַכטן — ער איז אַן אַרבעטער, זי איז אַן אַרבעטערין. מ׳קען גאַנץ רויִק זיין וועגן זיי. איך נעם אויף מיר די פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

און אַ ביסל אַ ברוגזער איז ער אָפּגעגאַנגען פון בנימינען.

ס׳איז געוואָרן קירך־גאַנג. די גלאָקן האָבן גענומען קלינגען האַלבן טאָג. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן אַרויספּאַקן פון דער קירך. די יידישע

בחורים און מיידלעך האָבן געוואַרט אויף די טראָטואַרן, אומגעדולדיק גע־וואַרט אויף דער רגע ווען ס׳וועט אויפגעהויבן ווערן די רויטע פאָן.

דער קירך־עולם: מענער און ווייבער, יונגע און אַלטע, זונטיק־אָנגע־טוענע מיט געבעט־ביכלעך אין די הענט, זענען געשטאַנען אַ ווייל, אָפּ־וואַרטנדיק קרובים און שכנים — זיי האָט זיך גאָרנישט געחלומט פון דעם, וואָס דאָ דאַרף פאָרקומען. לאַנגזאַם איז מען זיך צעגאַנגען איבער די טראָטואַרן. פאַר דער קירך איז געוואָרן שיטערלעך. ווידער זענען אַנדערע אַרויסגעקומען, און — אויך דאָס אייגענע.

— וואָס איז דאָס? האָט שלמה קאָזשימינקער אויפגערעגט זיך אַ ווענד געטון צו בנימינען — „זיי״ ווייזן זיך דאָך עפּעס גאָרנישט— מוזן אונדז האָבן אָפּגענאַרט, צי וואָס?

בנימין האָט אַ מאַך געטון מיט די פּלייצעס, ס׳האָט טאַקע אַ פּנים גע־האַט, ווי מ׳וואָלט זיי גלאַט אַהער פאַרנאַרט אויף גאָרנישט.

פונסניי איז געוואָרן געדיכטלעך פאַר דער קירך, די לעצטע דאַווע־נערס זענען אַרויסגעקומען, און ווידער האָט דער עולם גענומען זיך פאַר־נאַנדערגיין. בנימין האָט זיך געטון אַ קוק אַרום, זיך באַגעגנט מיטן וואַר־שעווערס בליק: יענער האָט געהאַט אַ פּנים ווי ר׳איז גרייט די וועלט חרוב צו מאַכן פאַר כעס...

נאָר פּלוצלינג, ווען קיינער האָט זיך שוין נישט געריכט, איז געוואָרן אַ געלויף אין אַ צווייטער זייט, האַרט לעבן ראָג פון דער אַלייע, וווּ ס׳איז איצט געווען פול מענטשן. אַלע האָבן גענומען אַהינקוקן. דאָרט האָט שוין געפלאַטערט אַ רויטע פאָן מיט אַ פּוילישער אויפשריפט. דער אַרומיקער עולם האָט אָנגעהויבן לויפן. באַלד האָט גענומען פלאַטערן נאָך אַ פאָן, מיט אַ יידישער אויפשריפט — און צוזאַמען אין רייען, ווי אַ פעסט גע־שלאָסענע אַרמיי, אויסגעמישט יידן מיט קריסטן, מיט רויטע פלאַטערנ־דיקע פענער פאָרויס האָט זיך דער צוג געלאָזט מאַרשירן מיטן ברייטן וועג אין דער אַלייע.

אַ היפּשע ווייל האָט דער צוג געמאַרשירט אומגעשטערט, רויק און זיכער. ס׳האָט געשאַלט אַ פּויליש רעוואָלוציאָנער ליד וועגן די הענקער, וואָס זויפן דאָס בלוט פון פאַריאָכטן פאָלק... ס׳האָט גענומען שאַלן דער אַרבעטער־הימן; די יידן האָבן אים געזונגען מיט יידישע ווערטער. אויף די באַלקאָנען און אין די פענצטער האָבן זיך באַוויזן פאַרמעגלעכע בירגער מיט די פרויען און קינדער. זיי האָבן זיך נייגיריק צוגעקוקט....

נאָר אָט איז אײליק, ווי פֿײערלעשער צו אַ שׂרפֿה געקומען אַ „סטאַרשי" מיט עטלעכע סטראַזשניקעס. זיי זענען געווען בלייך, האָבן געסאָפּעט ווי די געגנדז, און ווײַזט אויס, דערזעענדיק אַז דער עולם איז פֿאַר זײערע כּוחות צו גרויס, צו שטאַרק — זענען זיי געבליבן שטיין אַ ביסל דערשטוינט, מיט אומבאַהאָלפֿענע מינעס און געקוקט — סתּם זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס דאָ גייט פֿאָר פֿאַר זײערע אויגן.

דער דעמאָנסטרירנדיקער עולם ווידער, זעענדיק אַז די אָפּטײלונג פּאָליציי קוקט און שטערט גאָרנישט, איז מען ערשט רעכט ביי זיך פֿעסט געוואָרן: נאָך העכער, נאָך זיכערער האָבן גענומען שאַלן די טענער פֿון דער מאַרסעליעזע, נאָך שטאָלצער פֿלאַטערן די פֿענער, און דער צוג האָט גערירט ווײַטער...

נאָר מיט אַ מאָל, אין מיטן בעסטן, איז געוואָרן אַ געשטופּעניש... די סטראַזשניקעס האָבן זיך אַ לאָז געטון אין מיטן אַריין, צו די פֿענער, מיט אויסגעשטרעקטע פֿויסטן. ס'האָט זיך אַ דערהער געטון אַ פֿערדן־גאַלאָפּ... און אײדער מ'האָט זיך אומגעקוקט, האָט אַן אָפּטײלונג קאַוואַלעריע מיט די בלאַנקע שווערדן אין די הענט, זיך געלאָזט גלײַך אויף די דעמאָנסטראַנטן. דער געשלאָסענער מענטשן־צוג האָט זיך אַ צעשיט געטון, ווי אַ פֿעסטער שטאַרקער בוים ווערט צעשפּליטערט. אַ מחנה מענטשן ווי מילבן האָט זיך געקנוילט אויף דער ערד. יאָמער־געשרייען האָבן זיך אויסגעמישט מיטן גאַלאָפּ פֿון פֿערד... אין איין מינוט איז דער פּלאַץ געבליבן אָפּגעליידיקט פֿון מענטשן. אַלע זענען זיך צעלאָפֿן, אַ חוץ די, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן דורך די סטראַזשניקעס.

בנימין איז געווען פֿון די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט. ער איז געלאָפֿן אײַנגאַנצן אָן באַוווּסטזיין. עפּעס האָט אים דער קאָפּ געוויטיקט, מוז זײַן פֿון אַ קלאַפּ — בלוט איז נישט געווען. „מן־הסתּם אַ קלאַפּ פֿון אַ רימען". ער איז געלאָפֿן אַרויף גאַס. אַ פּויער אָנגעטון ווי אַ דראָזשקאַזש, שטייענדיק פֿאַר אַ הויז, האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי ער יאָגט אים נאָך און אַ געשריי געטון:

— אַ קאָטשע!

אַרויפֿצו ווידער איז אים אַ סטרוזש אַקעגנגעלאָפֿן, אײַנגעבויגן, ווי מען גייט כאַפּן אַ הון, מיט די הענט אויסגעשפּרייט, דער לויפֿנדיקער זאָל אים אַרײַנפֿאַלן אין די הענט. בנימין האָט אים האַסטיק פֿון זיך אָפּגעשטופּט און ווײַטער געלאָפֿן.

אַזוי לויפנדיק, האָט ער דערבליקט, ווי פון אַ באַלקאָן פּול מיט מענטשן ווינקט מען עפּעס צו אים, מען ווייזט אויף זיין קאָפּ. מעכאַניש האָט ער אַ לייג געטון די האַנט צום קאָפּ און ערשט איצט דערגאַנגען, אַז ער איז מיטן הוילן קאָפּ.

ער האָט אַ קוק געטון צום באַלקאָן מיט אַ פאַרצווייפלטן בליק. מ׳האָט אים פון דאָרט אַראָפּגעוואָרפן אַ היטל. בנימין האָט דאָס אַ כאַפּ געטון, אַרויפגעלייגט אויפן קאָפּ, נישט געקוקט גאָר, ווי עס זעט אויס און צי ס׳איז אים נישט צו גרויס, אָדער צו קליין. מיטן היטל אויפן קאָפּ איז ער אַריינגעלאָפן אין פּאַרק, און פון פּאַרק שוין מיט געלאַסענע טריט אַרויס־געקומען אין אַ צווייטן עק שטאָט. אָפּגעטרעטן אין דער היים, אַרומגע־וואַשן זיך, אָנגעטון זיינס אַ הוט, איז ער אַוועק צוריק אין פאַבריק, זיך גע־זעצט אַרבעטן. דערנאָך איז ער אַהיימגעגאַנגען מיטיק־עסן צוזאַמען מיט אַלע אַרבעטער — ווי קיינמאָל גאָרנישט.

אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן און אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט די ער־שטע דעמאָנסטראַציע.

כא

ס׳איז אַוועק אַ טאָג און נאָך אַ טאָג. קיין אַרעסטן זענען נישט פאָרגעקומען. דער עולם אַרבעטער האָט זיך אָנגעהויבן באַרויקן, גע־גלייבט, אַז פּאָליציי טראַכט שוין גאָרנישט פון דער דעמאָנסטראַציע. און אַזוי ווי די פאַרלוסטן זענען געווען נישט גרויסע; די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, ווי אויך דער פאַנטרעגער (די פאָן האָט ער אין די קריטישע מינוטן אַוועקגעוואָרפן) זענען געבליבן אויף דער פריי, איז מען זיכער געווען, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, מען קען שוין צוריקקערן צו דער איבערגעריסענער פּאַרטיי־אַרבעט.

אין שטאָט האָט מען אויך ביסלעכווייז אויפגעהערט צו רעדן פון דער זונטיקדיקער געשעעניש, פון די „אחדות־לייט" מיט די פענער...

אין אמתן איז אַזוי נישט געווען. עטלעכע טעג שפּעטער איז עפּעס געשען:

ביינאַכט, ווען בנימין איז געלעגן אין שכנות מיט ישראל־נחן און פעסט געשלאָפן נאָך אַ טאָג אַרבעט ביי דער מאַשין, האָט עמעץ אים גענומען האַסטיק וועקן. בנימין האָט געעפנט די אויגן. לעבן אים איז

געשטאַנען די מאַמע, אין איין העמד, מיט אַן אָנגעצונדן שוועבעלע אין האַנט און מיט אַ פלאַטערדיק דערשראָקן קול האָט זי אים שעפּטשענדיק איבערגעגעבן, אַז שוין אַ גוטע ווייל קלאַפּט עמעץ אין טיר. איר דאַכט זיך, ס׳איז פּאָליציי, וואָרום זי האָט געהערט בשעת זייער גיין אויף די שטיגן קלינגען שווערדן און שפּאָרן... — און איידער נאָך אין בנימינס פאַרשלאָפענעם מוח איז רעכט אַריינגעדרונגען דער מאַמעס רייד, האָט ער טאַקע דערהערט, אַ גראָב קלאַפּן אין טיר. — — —

אין אַ מינוט אַרום זענען אַלע אין שטוב געווען אויף די פיס.

— ווער קלאַפּט? קטאָ טאַם? — האָט די מאַמע געפרעגט, צוגייענדיק צו דער טיר און אָנגעהאַלטן מיט איין האַנט דאָס שלעכט פאַרקנעפּלטע קלייד און מיט דער צווייטער זיך געהאַלטן ביים האַלדז. זי האָט אינגאַנצן געציטערט.

— גיכער עפן! — איז פון יענער זייט טיר געקומען אַ באַפעל אויף רוסיש מיט אַ וואָרענונג, אויב מ׳עפנט נישט שוין, וועלן זיי אויסברעכן די טיר.

די מאַמע האָט אויפגעשלאָסן די טיר. ס׳זענען אַריינגעקומען, מיט אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט, עטלעכע אָנגעפּעלצטע סטראַזשניקעס, אַ פּריסטאַוו מיט אַ בערדל און אַ זשאַנדאַרם. זיי האָבן הינטער זיך די טיר פאַרשלאָסן, געבנדיק דעם שליסל דעם פּריסטאַוו אין האַנט אַריין. און גלייך, כמעט נישט אומקוקנדיק זיך, גענומען זוכן און נישטערן אומעטום...

— פּאַנאָוויע — דערדרייסט זיך די מאַמע זיי אַ פרעג צו טון אויף פּויליש, נאָך דעם ווי זיי האָבן שוין געהאַט אַלץ אין שטוב צעוואָרפן, צענישטערט, געזוכט אַפילו ביים שלאָפנדיקן קינד אין וויגל — אפשר מעג איך וויסן, וואָס אַזעלכעס איר זוכט ביי מיר? מיט אויפקויפן גנבות גיב איך מיך נישט אָפּ, און מיינע קינדער אויך נישט.

— מיר זוכן, — זאָגט דער פּריסטאַוו, זיצנדיק ביים טיש לעבן אָנגעצונדענעם לעמפּל, ווי אַ ברייטער באַלעבאָס — מיר זוכן פאַרשידנס; אַפילו באָמבעס ריכטן מיר זיך צו געפינען דאָ.

— ביי מיר איז נישטאָ קיין שום טריפה זאַכן — רעדט די מאַמע שוין דרייסטער — ווידער וואָס דו זאָגסט, פּאַניע, „באָמבעס“ — ווייסן מיר גאָרנישט, וואָס דאָס איז.

— דאָס וועלן מיר זיך באַלד איבערצייגן, — זאָגט דער פּריסטאַוו מיט אַ זינגעדיקן טאָן און די זוכונג הייבט זיך ווידער אָן.

אָפּגעזוכט אַ שעה צוויי, אַלץ דורכגעוואָרפן און גאָרנישט געפונען, אַ חוץ עטלעכע צענזורירטע ביכלעך און דער מאַמעס סידור, און נאָכן אויספרעגן זיך גענוי וועגן יעדן איינציקן פון די, וואָס געפינען זיך דאָ און אַפילו וועגן מלכהס מאַן, ווו ער איז, פאַרוואָס ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, ווען ער איז געפאָרן און מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך דאָרט — ווענדט זיך דער פּריסטאַוו צו די צוויי בחורים:

— ווער פון אייך איז דער עלטערער?

— איך, זאָגט בנימין.

— ווי איז דער פאַמיליען־נאָמען?

— גריף.

— גריף? — פרעגט איבער דער פּריסטאַוו. ער קוקט אַריין אין אַ פּאַפּיר, וואָס ער האַלט אין האַנט און פרעגט איבער:

— ווי זאָגסטו, הייסטו?

די מאַמע האָט זיך אָנגערופן:

— גריף, פאַניע, הייסן מיר.

דער פּריסטאַוו האָט נאָך אַ מאָל אַריינגעקוקט אין פּאַפּירל. ער האָט עפּעס אַ זאָג געטון צום זשאַנדאַרם. יענער האָט אויך אַ קוק אַריין געטון און געצויגן מיט די פּלייצעס.

ס׳האָט זיך געלאָזט משער זיין, אַז דער מסור האָט נישט געוווּסט בנימינס פאַמיליע־נאָמען, דעריבער געפינט ער זיך נישט אין פּריסטאַוווס פּאַפּיר.

— אַלץ איינס — גיט דער פּריסטאַוו אַ מורמל צום זשאַנדאַרם, און ער ווענדט זיך ווידער צו בנימינען:

— און אויפן נאָמען ווי?

— בנימין.

— וואָט טאַק! — האָט זיך דעם פּריסטאַוווס פּנים אויסגעלייטערט — וועניאַמין, וואָט טאַק!

— טו זיך אָן, וועניאַמין, נאָר וואַרעם, וואָרן דרויסן איז אַ פראָסט, און קום מיט אונדז.

בנימין האָט זיך אָנגעטון דאָס זעלבע, אין וואָס ער גייט צו דער אַרבעט.

—פּאַניע נאַטשעלניקו — איז די מאַמע צוגעטרעטן מיט אַ תּחנונים־פּנים — פאַרוואָס נעמסטו מיר צו מיין זון, מיין ברויט־געבער?

— און פאַרוואָס האָסטו דיין זון נישט געגעבן קיין גוטע דערציִונג, ער זאָל געטריי זיין דעם צאַר־אימפּעראַטאָר, וואָלטן מיר אים דיר נישט צוגענומען.

—איך האָב מיין זון זייער גוט דערצויגן — פּראָטעסטירט די האַלב־אָנגעטועטע צעפּלאָקערטע מאַמע — אפשר האָבן אים שלעכטע חברים אַ ביסל אַראָפּגעפירט פון רעכטפאַרטיקן וועג, וועט ער זיך אויך נאָך...

נאָר באַגעגנדיק בנימינס אַ בליק צו איר, איז זי אין מיטן שטיל געוואָרן און געבליבן דערשלאָגן.

נאָר אַפּנים, אַז דער צאַרישער פּריסטאַוו איז אויך נישט געווען אינ־גאַנצן פון שטיין, אויך אין אים האָט עפּעס אַ פּלאָטער געטון, זעענדיק די פאַרצאָגטע פּרוי שלינגען די טרערן; שוין ביים אַוועקגיין האָט ער אַ זאָג געטון צו דער פאַראומערטער מאַמען:

— באַרויִק זיך, מוטער, מיר ווילן דיין זון נישט אויפהענגען, מיר ווילן אים נאָר אַ ביסל פאַרשפּאַרן, ער זאָל האָבן צייט זיך צו באַדענקען און אַנדערש ווערן.

די דאָזיקע ווערטער, געזאָגט אין אַ וואַרעמען מענטשלעכן טאָן, האָבן גוט געווירקט אויף דער מאַמען. זי האָט זיך באַרויִקט; אויך מלכה און ישראל־נח האָבן זיך גוט געהאַלטן, בלויז סימעלע האָט נאָך געוויינט.

די סטראַזשניקעס האָבן אַרומגערינגלט בנימינען. דער פּריסטאַוו האָט מיליטעריש אַ גרוס געטון די דאָ בלייבנדיקע, און זיי האָבן פאַרלאָזט די שטוב, מיטנעמענדיק מיט זיך בנימינען.

די גאַסן זענען געווען אָפּגערוימט, טויט, שפּעטנאַכטיק. דער שניי האָט געקוויטשעט אונטער די פיס. די שטערן האָבן געפינקלט שאַרף און בייז און הילכיק האָבן אָפּגעקלאַפּט די שווערע טריט אין דער ווינטערדי־קער פאַר־באַגינען שטילקייט.

נישט ווייט פון בניך, ווו דער פּאָליציי־אַרעסט געפינט זיך, האָבן זיי זיך באַגעגנט מיט נאָך אַזעלכע פּאָליציי־אָפּטיילונגען, וואָס האָבן אויך גע־פירט אַרעסטירטע. איינציקווייז האָט מען די פאַרנומענע אַריינגעפירט אין פעדער־שטיבל. אַרום אַ טיש, ביי אַ פאַרקאָפּטשעט לעמפּל, זענען געזעסן עטלעכע סטראַזשניקעס און געשפּילט אין קאָרטן. אויף דעם אַריינגעפירטן אַרעסטאַנט האָבן זיי צומאָל קיין קוק געטון. ער, דער סטרוזש, וואָס איז

געלעגן אויף זיין שטרוי־געלעגער, האָט זיך אויפגעכאַפּט, ברוטאַל צוגע־לאָפן צו דעם אַריינגעפירטן, גיך־גיך אים באַטאַפּט אויף בלינד אַלע קעשע־נעס און הינטערן וועסטל, ביים לייב און אַרום די פיס — אָפּגעטון דאָס זייניקע, האָט ער אויפגעשלאָסן אַ שווערע אייזערנע טיר, אַנגעכאַפּט זיין קרבן און אים גראָב אַריינגעשטופּט אין דער פינצטערער עפּענונג. הינטער אים האָט ער צוריק פאַרשלאָסן די טיר.

אַריינפאַלנדיק אַהין, איז בנימין די ערשטע עטלעכע מינוט געווען צעטומלט. ס׳איז געווען פינצטער, ממש אַנצוטאַפּן דעם חושך, און אַ שלעכ־טער ריח האָט דעם אָטעם פאַרכאַפּט.

אָפּשטייענדיק עטלעכע מינוט, האָט ער זיך לאַנגזאַם גענומען רוקן. ער האָט געהערט הויך כראָפּן פאַרשידנטעניק; זיך משער געווען, אַז דאָרט געפינען זיך געלעגערס, ווו מענטשן ליגן, האָט ער זיך פאָרזיכטיק אין דער פינצטער גערוקט אַהין, ביז ער האָט אָנגעטאַפּט עפּעס ווי אַ ראַנד פון אַ גרויסן קאַסטן. ער האָט טאַקע באַלד אָנגעטאַפּט אַרויסשטאַר־טשענדיקע פיס, באָרוויסע און אין שטיוול — האָט ער אויסגעזוכט זיך אַן אָרט צווישן די סטאַרטשנדיקע פיס און זיך צוגעזעצט.

פון צייט צו צייט האָט זיך געעפנט די טיר; עמעץ איז געוואָרן אַריינ־געשטופּט. אין דער פינצטער איז נישט מעגלעך געווען צו דערקענען, ווער דאָס איז; אָפּנים יעדער איינער איז די ערשטע מינוט צעטומלט געוואָרן, אַזוי ווי בנימין, און יעדער איז זיך פאַרקראָכן אין אַ ווינקל ערגעץ.

דערנאָך האָט בנימין, אַזוי זיצנדיק, אַ ביסל איינגעדרימלט. ווען ער האָט געעפנט די אויגן, איז שוין געווען טאָג; איצט ערשט, ביים שוואַכן טאָג־ליכט, וואָס האָט אַריינגעדרונגען דורך די געקראַטעוועטע פענצטער, האָט בנימין דערזען וואָסער עולם די פּאָליציי האָט איבער נאַכט דאָ צו־זאַמענגעבערענגט.

ס׳איז — וואָס אַן אמת — דאָ געווען אַ טייל חברים אויך; ס׳האָט זיך דאָ געפונען דער פּאַן־טרעגער — דער וואַרשעווער סטאָליער; ס׳איז דאָ געווען שלמה קאָזשימינקער, גדליה שעראַדזער און נאָך עטלעכע. דער־פאַר אָבער איז דער גרעסטער טייל פאַרהאַלטענע געווען אַזעלכע, וואָס האָבן לחלוטין קיין שום שייכות נישט געהאַט צו דער פאָרגעקומענער דעמאָנסטראַציע און בכלל נישט צו דער באַוועגונג.

דאָ האָט זיך געפונען אַזעלכער ווי אַבאָ, בנימינס קרוב; ווי אַזוי אַבאָ איז אַהער אַריינגעפאַלן איז טאַקע געבליבן אַ רעטעניש. אפשר האָט זיין

נאָמען „וואָלבערג" גורם געווען, מען זאָל אים על־פּי טעות אַהער אַריינ־פּאַקן, אָנשטאָט מנשהן? און אפשר האָט ער פּאָר עמעצן אין פאַבריק עפּעס געפּלוידערט? ער איז דאָ נישט געווען דער איינציקער. געווען אין אַרעסט היפּשלעך אַזעלכע אָבאָס.

די שעהן האָבן זיך געזוקט אַלץ נאָענטער צו מיטיק־צייט. הינטער די פענצטערלעך זענען געקומען מאַמעס און ברידער זיך נאָכפרעגן אויף די זייערע... ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז באַלד וועט מען רופן אויף אַ „דאָפּראָס" (פאַרהער) און אַז מ'פּייניקט בשעתן פאַרהערן. די קאַמער איז געווען פול מיט פּאָליטישע, דאָס ביסל קרימינעלע האָבן זיך געפילט עלנט, געזעסן פאַר זיך אויף די נאַרעס, געשפּילט אין „וואָשקעס" און אין נאָך עפּעס אַ שפּיל מיט אַ כאַליעווע פון אַ שטיוול...

בנימין האָט זיך דאָ געפילט ערגער, ווי געוויינטלעך. נאָך ביינאַכט, גייענדיק צווישן די באַוואָפנטע סטראַזשניקעס, האָט ער באַשטימט אין זיך, אַז אַרעסטירט ווערן איז גאָרנישט קיין אויסערגעוויינטלעכס. אַריינטרעטנ־דיק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, דאַרף מען זיך באַלד פאָרשטעלן, אַז אָן אַרעסטן און תּפיסות וועט עס נישט אַדורכגיין; עס האָט אים נאָר גע־מעגט פרייען, אַז דאָס אומפאַרמיידלעכע האָט אים געטראָפן ערשט איצט, ווען ער האָט דאָס, וואָס מ'האָט אין אים פאַרפלאַנצט, שוין ווייטער גע־פלאַנצט און עס איז אויפגעגאַנגען. איצט — מילא, פאַרפאַלן. אַז ער מוז גיין אין תּפיסה. דאָס קערנדל וועט שוין ווייטער שפּראָצן.

עס האָבן זיך געצויגן די שעהן. פון צייט צו צייט האָט זיך צעקרעכצט די אייזערנע טיר. ס'איז אַריינגעקומען אַ סטראַזשניק און גיך אַ רוף געטון:

— פּאָן־טרעגער, אַהער צו מיר! — נאָר איבערצייגנדיק זיך, אַז זיין תּמצאה איז אים נישט געראָטן, קיינער רופט זיך נישט אָפּ און גייט נישט צו, איז ער געשטאַנען אַ ווייל און אַרויסגעגאַנגען צוריק.

ס'איז געקומען מיטיק־צייט. קיינער האָט נאָך גאָר נישט געהאַט געגעסן. עולם איז געווען טויט הונגעריק. עפּעס אַן אָפּגעריסענער שייגעץ, אַ גנבֿ, האָט פאַרקויפט שטיקלעך ברויט. דינע פּענעצלעך אַזעלכע, ווי ברויט וואָלט געווען מיט גאָלד גלייך...

דער וואָרשעווער איז געווען נידערגעשלאָגן. אָנלענענדיק זיך מיט דער האַנט אָן דער גלימשיקער מויער, האָט ער פאַר בנימינען זיך דאָס האַרץ אַראָפּגערעדט: ער האָט מורא, אַז ס'זאָל אים דאָ נישט אַ מאָל אַרויפ־שווימען נאָך אַ פּעקל חטאים, צוליב וועלכע ער האָט געמוזט אַנטלויפן

פון וואַרשע. אַ חוץ אַלעם האָט ער הי געוווינט אויף אַ פרעמדן פּאַס — — דערשלאָגן. אַבאָ ׳ — די אומשולדיק אַריינגעפּאַלענע זענען אויך געווען דערשלאָגן. אַבאָ האָט געוויינט, ווי אַ באַבע, נאָכאַנאַנד געהאַט פּרעטענזיעס. ער האָט דער־מאָנט עפּעס איינעם אַ שטיקער אַ „ווילן־יונג״, אַז נישט אַנדערש נאָר ער האָט אים דאָס אָפּגעטון. וואָרום מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט יענער אים, אַבאָן, געוואָלט אויסדינגען אַ פּעדלער און אַז אַבאָ האָט זיך נישט געלאָזט אויסדינגען, האָט דער ווילער־יונג אים געסטראַשעט מיטן „רויטן קאַלנער״. ער איז דעריבער זיכער, אַז נאָר דער יונג און נישט קיין אַנדערער האָט אים געמסרט.

נאָך האַלבן טאָג האָט מען געפירט איינציקווייז צום „דאָפּראָס״. אַ פּריסטאַוו־געהילף מיט אַ שרייבער זענען געזעסן ביים טיש. דער שריי־בער האָט איינגעשריבן אין אַ בוך דעם נאָמען, עלטער... דער געהילף־פּריסטאַוו האָט געפּרוווט יעדן איינעם חושד צו זיין, אַז ער איז דער פאַן־טרעגער, צוגעזאָגט שוין צו באַפרייען, נאָר מ׳זאָל אַרויסגעבן דעם נאָמען פון יענעם, וואָס האָט געטראָגן די פאָן, אָדער פון דעם וואָס האָט איינגע־אָרדנט די דעמאָנסטראַציע. זעענדיק, אַז ער קריגט גאָר נישט אַרויס, האָט ער באַפוילן אַלעמען צוריקצופירן אין אַרעסט־שטיבל.

אַזוי איז אומעטיק אַוועק דער טאָג. ס׳איז געוואָרן אָוונט. אַ קליין קאַניצל אין אַ גלעזל האָט באַלויכטן די קאַמער. שפּעט אין אָוונט איז אַריינגעקומען אַ „סטאַרשע״ מיט אַ פּאַפּיר. ער האָט אויסגערופן יעדנס נאָמען, אויסשטעלנדיק אַלע אין אַ רייע. ס׳זענען אַריינגעקומען סטראַזש־ניקעס. מ׳האָט אָפּגעטיילט פון דער גרויסער רייע צו קליינע פּאַרטיעס, און אונטער אַ וואַך זיי איינציקווייז אַרויסגעפירט. דרויסן, פאַר דער טיר, האָט שוין געוואַרט דער תפיסה־וואָגן — גרויס ווי אַן אָמניבוס. מ׳האָט זיי אַהין אַריינגעזעצט. צוויי סטראַזשניקעס, מיט רעוואָלווערן אין די הענט האָבן זיך מיט אַריינגעזעצט, אַנדערע — פון דרויסן, הינטן, אויף די צוויי בענקלעך, און צוויי פאָרנט, לעבן שמייסער, און באַגלייט אַרום מיט ריי־טער־פּאָליציי, איז דער וואָגן געפאָרן איבער די גאַסן צו דער תפיסה, וואָס הינטער דער שטאָט.

כב

די ערשטע טעג האָט זיך בנימין געפילט זייער שלעכט אין דער איינצל־קאַמער: די טויטע שטילקייט האָט אים אין די אויערן געקלונגען;

ביים דערהערן אַ ווייטן קייטן־געקלאַנג האָט ער אויפגעציטערט. צום מיינסטן האָט אים אַ ווילדער אומגעדולד געהאַלטן אין זיין מאַכט. ער האָט זיך אָפט געפילט ווי איינער, וואָס האָט געאיילט ערגעץ צו זייער אַ וויכטיקן ציל, נאָר אין מיטן בעסטן איילן האָט אים עמעץ מיט כוח אַ פאַרהאַלט געטון, לאָזט אים נישט דערלויפן, נאָר באַפעלט: דאָ מוזטו בלייבן שטיין, ווייל אַזוי וויל איך!

דער אומגעדולד האָט געוועלטיקט איבער בנימינען מיט אַ קראַפט, כאָטש מיטן קאָפּ די מויער דורכצושלאָגן און אַרויסרייסן זיך פון דאַנעט. און ווייל ער איז געווען אוממעכטיק, איז ער געוואָרן אַפּאַטיש, נערוועז־טרויעריק. צום מיינסטן האָט זיך אים נישט געגלוסט פון אָרט זיך צו רירן; אַז ער איז געלעגן אויפן געלעגער האָט אים פאַרפעלט חשק מיט אייגענעם ווילן אַראָפּצוקריכן, און אַז ער איז שוין אויפגעשטאַנען, האָט אים נישט געגלוסט מיט דער האַנט צו באַוועגן, זיך צוצורירן צום עסן.

דער תפיסה־רעזשים איז נישט געווען קיין זייער שטרענגער. פּאָלי־טישע אַרעסטאַנטן איז געווען נישט פיל. מען איז זיך מיט זיי באַגאַנגען העפלעכער, ווי מיט די קרימינעלע.

אין די קאַמערן איז געווען — נישט שטאַרק ליכטיק און טרוקן; די קעלט האָט זיך נישט זייער געפילט.

ס'איז אַוועק אַ וואָך און נאָך אַ וואָך. ביסלעכווייז צוגעוווינט זיך צום טויט־שטילן לעבן דאָ. די טאָג־טעגלעכע, כאָטש קורצע, שפּאַצירן אויפן גרוימען הויף (וואָס אין פאַבריק האָט ער דאָס נישט געהאַט) האָבן גוט געווירקט אויף זיין געזונט, און זיין געדאַנק האָט איינציקווייז — אָן זיין וויסן אַפילו — זיך צוגעפּאַסט צום תפיסה־לעבן.

די „צייט" אין תפיסה — נישט איינגעטיילט, ווי ביים פרייען מענטש, אין טאָג און נאַכט, וואָך און חודש, נאָר אַזאַ לאַנג איינטעניק שטיק צייט, אין וועלכער עס זענען לחלוטין נישט נייטיק די טעג און נעכט, ווי סתם טויטע שטיקער טאָג־ליכט און פינצטערניש; דאָס לעבן אין דער איינצל־קאַמער — אָרעם אין איינדרוקן, אַזוי פאַרן אויג, ווי פאַרן מוח, האָט זיך דעריבער בנימינס געדאַנק צוריקגעצויגן, איז אַריין אין דער טיף, אין זיך, און פון זיין טיפער אינערלעכקייט האָט דער דמיון אויסגעגראָבן לאַנג איבערגעלעבטע פּיצעלעך, ברעקלעך; איצט האָט דער געדאַנק די פאַרגעסענע „קרישעלעך" אויפגעשעפּט, און ווי אַ שפּין, וואָס ציט פעדעם פון איר אייגן אינגעוויד, אַזוי האָט דער געדאַנק בנימינס די איבער־

לעבונגען פון זיין פריסטער קינדהייט ביז דער סאָמער לעצטער צייט, באַלעבט, געשפּינען און באַוואָרעמט. פון אָט די פאַנטאַסטישע זכרונות אין דער איינטאָניקער תפיסה־לאַנגווייליקייט האָבן זיך געצויגן שטראַלן ליכט.

אַ סך און פאַרשידנאַרטיק זענען געווען אָט די טרוימען, וואָס זענען ביי בנימינען איצט געווען וואָרע ווירקלעכקייט, און דאָס האַרטע תפיסה־לעבן איז אים פאַרבייגעגאַנגען, ווי אַ נישט אינטערעסאַנטער נאַרישער חלום, נישט באַריירנדיק אים גאָר, ווי עס וואָלט געווען עפּעס גלאָט צוגעטראַכטס.

מ׳האָט אים אַ מאָל צוריקגעפירט פון טעגלעכן שפּאַציר; ער האָט פונקט געטראָפן אַרויסגיין פון דאָרט דעם קרימינעלן, וואָס רייניקט די קאַמערן. בנימין האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן בענקל. ס׳האָט אים איצט גאָרנישט געאַרט, וואָס הינטער אים האָט זיך גלייך די טיר פאַרמאַכט, דאָס שלאָס האָט אַ גרילץ געטון און ער איז געבליבן ווידער פאַרשפּאַרט, ווי אַ פויגל אין שטייגל. ער איז געבליבן רויק זיצן, אָן שום כוונה דער־הויבן דעם בליק צום פענצטערל אין דער הייך: דורך די פאַרקראַטעוועטע שייבלעך האָט אַריינגעדרונגען דער שטאַרקער ווינטער־טאָג. אַן איינציקער זון־שטראַל ווי אַ הימלישער גענאַד, האָט אַריינגעדרונגען אין פענצטערל, זיך אָפּגעשלאָגן אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט און דאָרט געפלאַטערט און געציטערט, ווי אַ גאָלדן פּיין געוועב, און באַלד האָט זיך אויף דעם אָפּגערופן דאָס געמיט: עפּעס אַלטס, פאַרגעסנס, פון דער פריִער קינדהייט; און באַלד ווידער עטלעכע מאָמענטן, און מער, נאָך מער — — — איינס דעם צווייטן: דער קאָפּ — דעם געמיט האָבן צוגעהאָלפן דאָס בילד, די בילדער צו דערגאַנצן. ער, בנימין, אַ קליין יִנגעלע אַ פּינפּיעריקס אין דער פאַרמעגלעכער שטוב צווישן טאַטע־מאַמע און שוועסטער; אין חדר און אין גאַס; אין פרייע טעג אָן חדר... חיימלעך, בערעלעך, יאָסעלעך האָבן ווי אין אַ צויבער־זעונג זיך באַוועגט פאַר די אויגן, געלאַכט, געשוועבט, געשפּילט זיך. און אַלץ מער און אַלץ טיפער איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן. דאָס דעמאָלטיקע האָט ער איצט נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט, געפרייט זיך מיט יענער פרייד, הויך אויפן קול אַרויסגעלאַכט, און ווידער אומעטיק געוואָרן פון אַ נישט געלונגען קינדיש שפּיצל, פון אַ מפּלה ביים טאַטן אָדער ביים רבין אין חדר.

ס׳האָבן זיך אַזוי געצויגן די קינדהייטס־זכרונות, פונקט ווי אין אַ

פּאַרצויבערטער פּאַנאָראַמע, און אַלץ ברייטער און אַלץ פּאַרכאַפּנדיקער, ביז — ביז דאָס שלאָס פון טיר האָט אַ גרילץ געטון און אַ האַנט האָט אַריינגעלאַנגט די צינענע שיסל מיט דער מיטיק־פּאַרציע.

ווידער איין מאָל, אין אַ שניי־טאָג, גייענדיק איבערן קאָרידאָר אַראָפּ אויפן „שפּאַציר", האָט בנימין אין גיין צופעליק אַ דערבליק געטון, ווי אין אויבערשטן קאָרידאָר פאַרביי די שטאַכעטן פון די שטיגן — האָט אַ פרוי אַ וועכטערין געפירט אַן אַרעסטירט מיידל; מוז זיין, צוריק פון שפּאַציר, און זי איז מיט איר פאַרשווונדן געוואָרן צווישן די קאַמערן אין דער פרויען־אָפּטיילונג.

בנימין האָט זי געזען געציילטע רגעס און פון הינטן בלויז, נאָר דעם מיידלס גאַנג און פּראָפיל האָבן אים געוואַלדיק דערמאָנט — טעמערלען.

די גאַנצע שפּאַציר־צייט האָט ער געטראַכט פון דער באַגעגעניש און פון דעם מיידלס ענלעכקייט צו טעמערלען. אַ בענקשאַפט־סטרונע האָט אים געציטערט אין האַרץ... נאָר דערנאָך, זיצנדיק ווידער פאַרשפּאַרט אין קאַמער, האָט ער שוין אויף גאָר אַן אַנדער אופן געטראַכט פון טעמערלען.

ער איז זיכער געווען, אינגאַנצן זיכער געווען, אַז דאָס מיידל איז נישט טעמערל. ער האָט איצט געטראַכט פון טעמערלען, אַז ביי דער דעמאָנסטראַציע איז עפּעס גאָרנישט געווען זי צו זען, אַפילו איר ברודער מנשה, וועלכער שייכותט זיך צו דער „פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַר־טיי" און פאַרפעלט נישט צו געפינען זיך אומעטום, ווו ס'קומט עפּעס פאָר — אויך אים איז ביי דער דעמאָנסטראַציע נישט געווען צו זען.

בנימין איז איצט געווען זיכער, אַז זיי ביידע, אַזוי טעמערל ווי איר ברודער מנשה — (איבעריקנס, מנשה האָט אים לחלוטין נישט אינטערע־סירט) זענען נישט געווען אויף דער דעמאָנסטראַציע. זיי האָבן אַפּנים מורא געהאַט איינצושטעלן זיך.

„און טאַקע — האָט ער געטראַכט סאַרקאַסטיש — זי, טעמערל — איין מאָל איז זי שוין געווען אַריינגעפאַלן, געזעסן אַ מעת־לעת אין תפיסה, דאָס צווייטע מאָל האָט זי מסתמא שוין מורא געהאַט. איבערהויפּט, אַז עס האָט געשמעקט מיט כאַפּן קלעפּ אויך, און אַ מאָל מיט אַ צופעליקער קויל, אויב די זעלנער וואָלטן געשאָסן.

„אָט אַזעלכע זענען זיי, די פאַרקעכלטע רייכע טעכטער— האָט בני־מין געטראַכט מיט אַ זיסער גיפטיקייט — צום שפּילן זיך מיט סאָציאַליזם

זענען זיי דאָ! כלומרשט העלפן דעם אַרבעטער אין זיין קאַמף, זיצנדיק דערביי ביים רייכן טאַטן, לעבנדיק אין ווילטאָג.

„און אפשר זענען זיי גערעכט, וואָס זיי האָבן מורא איינצושטעלן זייער גוף אין קאַן — האָט בנימין ווייטער געטראַכט, ווי להכעיס עמעצן — זיי, וואָס לעבן זיך אַזוי באַקוועם, וואָס אונדזערס איינעם איז גאָרנישט באַקאַנט אַזאַ גוט לעבן — זיי דאַרף טאַקע אַ שאָד זיין צו ריזיקירן"...

און אַזוי ווייטער און ווייטער האָט ער גיפטיק, סאַרקאַסטיש גע־טראַכט פון די כלומרשטע „פאַרברענטע אַרבעטער־פריינד", די רייכע קינדער, די ריין און פיין אָנגעטוענע, מיט שמעקזייף זיך וואַשנדיקע אינ־טעליגענטן, וואָס אַזוי — פריוואַט הייסט עס, לעבן זיי זיך פונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע פון זייער סביבה, חברן זיך מיט חברים פון זייער קלאַס. פון לאַנגווייליקייט בלויז, פון נישט האָבן וווּ אַוועקצוהרגענען די פוסט־און פאַס־שעהן, קומט מען זיך צוזאַמען אַ מאָל אויף אַ שעה מיט אַרבעטער, מ'שיט כלומרשט פעך און שוועבל אויף דעם קאָפּ פון דער בורזשואַזיע; מען ווייזט זיך פאַר נאָך לינקער, ווי די אַרבעטער אַליין זענען, נאָך אַלעם גייט מען צוריק אַהיים, אין דער רייכער שטוב, מ'זעצט זיך צו דער בורזשואַזער וועטשערע, מ'שלאָפט זיך אין ווייכן בעט, ביז אין די שפּעטע פאַרמיטיק־שעהן... און מ'רופט זיך „קעמפער"!

פאַרוויטיקט, פאַרכעסט, פאַרביטערט, האָט בנימין גערעדט צו זיך:

— אויב איר ווילט אויף אַן אמת העלפן דעם אַרבעטער פירן זיין גערעכטן קאַמף, טאָ פאַרלאָזט די רייכע שטובן און לעבט ווי ער, דעמאָלט וועלן מיר אייך גלייבן! ער האָט די ווערטער אויסגעשריגן אויף אַ קול, אַזש דאָס פאַררוקערל אין דער טיר פון דרויסן האָט זיך אַוועקגעשאַרט און אַ וואַך אויג פון וועכטער האָט זיך באַוויזן אין רונדיקן קוק־שייבל...

די צייט האָט זיך געצויגן גראָ און איינטעניק, כאָטש דער טאָג איז געוואָרן לענגער. איז געקומען די זון, האָט זי זיך מיט יעדן טאָג לענגער אויפגעהאַלטן אין קאַמער.

און אַזוי איין מאָל — אַ זונטיק איז דאָס געווען, אין טאָג פון די „זעונגען", האָט מען בנימינען אַריינגעפירט אין אַ חדר לעבן דער קאַנצע־לאַריע. ער איז דאָרט געבליבן שטיין הינטער אַ פאַרצוימונג. באַלד האָט זיך פון יענע זייט פאַרצוימונג באַוויזן אַ מיידל מיט אַ פּעקעלע אין האַנט. בנימין איז אַ ווייל געשטאַנען און געקוקט. ער האָט די ערשטע מינוט געמיינט, אַז דאָס מיידל איז געקומען נישט צו אים, אַז על־פּי טעות האָט

מען אים אַהער אַריינגעפירט. בנימין האָט אַזוי אַ רעכטע ווײַלע זיך איינגעקוקט אין דעם מיידל, ביז ער האָט ערשט זי דערקענט — געניע.

געניע גאָר איז געקומען אים זען.

ס'איז אים ווייך געוואָרן ביים האַרץ. שיער זענען אים געקומען טרערן אין די אויגן: פון אַלע נאָענטע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אויף דער פריי, האָט נאָר זי איינע געדענקט צו קומען אים זען, נישט די מאַמע, נישט אַ שוועסטער אָדער ברודער — קיינער נישט, נאָר זי, אָט די אים פרעמדלעכע... פאַר איבעררּאַשונג האָט ער נישט געוווּסט, וואָס זיך אָנצו־רופן צו איר.

אויך זי איז געווען צעטומלט; קען זיין, אַז דאָס טרעפן בנימינען — דעם העלד אירן — הינטער אַ פאַרצוימונג פון אייזערנע שטאַכעטן, האָט אויף איר שלעכט געווירקט. און ווי דער שטייגער ביי אינטעלעקטועל ווייניק אַנטוויקלטע מענטשן, האָט מען די ענדערונג באַלד אַראָפּגעלייענט פון איר פנים.

זי איז געווען אַנטוישט. אין דער מינוט האָט איר אַוודאי באַנג געטון, צו וואָס זי האָט גאָר אָנגעלייגט אַזוי פיל מי און פּראָטעקציע צום תּפיסה־באַאַמטן, מ'זאָל איר דערלויבן אַ „זעונג".

זיי האָבן אַדורכגעוואָרפן צווישן זיך אַ פּאָר ווערטער, געוויינטלעכע טויטע ווערטער, — ווי ער פילט זיך, ווי זי פילט זיך. זי: קיין בייעס הערט זיך נישט, אַלץ איז ווי געווען. און רעדן האָבן זיי דאָס נאָך געמוזט אין אַ פרעמדער שפּראַך, דער וועכטער זאָל פאַרשטיין.

ערשט דערנאָך, זיצנדיק שוין צוריק אין קאַמער, אַזוי מאַרגן און איבערמאָרגן, האָט בנימין לאַנג און גענוי דאָס אַדורכגעטראַכט, ווי מ'קען נאָר אַדורכטראַכטן אין אַן איינצל־קאַמער — פאַר וואָסער פּרייז זי קען האָבן אויסגעפּועלט די זעונג מיט אים, אַזאַ זעונג, וואָס ביי פּאָליטיש־אַרעסטירטע קומט דאָס אַפילו די נאָענטסטע קרובים געננוג שווער אָן, און זי — אַ פרעמדע — האָט באַוויזן צו קריגן עס.

און עס האָבן זיך אים דערמאָנט די פּלאַקאַטן פּערפּום אין איר שטיבל, דאָס פּעקל פּאָטאָגראַפיעס, וואָס ער האָט געפונען ליגן אין איר שענקל, פאַרפּאַקט אין אָפּגעשמעקט פליס פּאַפּיר; און די פאָטאָגראַפיע גופא — מיט די לאַכעדיקע ציינדלעך, דעקאָלטירט און מיט אַ פאַרפירעשן זיך אַנבאַטנדיקן שמייכל. און, אָן שום האַס, אָן שום פאָראורטייל, נאָר מיט אינערלעכער פאַראַכטונג, וואָס האָט אויפגעשפּראָצט אין אים צו דעם

מיידלס כאַראַקטערלאָזער שוואַכקייט, צו איר שטענדיקן זינדיקן, חרטה האָבן און ווייטער זינדיקן, האָט ער פון פּעקל, וואָס זי האָט פאַר אים איבערגעלאָזט, גאָרנישט געקענט אין מויל נעמען. ער האָט דאָס אָפענע פּעקל געלאָזט ליגן אויף זיין טישל, און מיט צופרידנקייט האָט ער צוגע־זען, ווי יעדן טאָג, ווען ער קומט צוריק פון שפּאַצירגאַנג און עס רוימט דאָן דער קרימינעלער די קאַמער — פעלט אַלץ מער אַרויס פון דעם פּעקל, יעדן טאָג ווערט דאָס פּעקל אַלץ לייכטער ביז איין מאָל, נאָכן צוריקקומען פון שפּאַציר, איז שוין דערפון גאָרנישט געבליבן.

דעמאָלט האָט בנימין דאָס ליידיקע העלע פּאַפּיר געוואָרפן אין ווינקל אַריין. ער האָט זיך ערשט באַרויקט, געקענט זיך צוריק אָפּגעבן צו די טרוימען, פון וועלכע ער איז זינט דער זעונג אַ ביסל געשטערט געווען, ווייל „איר" פּעקל איז אים פאַר די אויגן געלעגן.

כג

און ווידער האָבן זיך געשלעפּט טעג און נעכט, געקראָכן, ווי די אָנפּיסיקע עקלדיקע ווערעם, זיך געצויגן ערגעץ אַהין, גלייך זיי וואָלטן געהאַט עפּעס אַ ציל, ערגעץ ווו צו דער צייט אָנצוקומען.

אין תפיסה האָט זיך אַלץ געשלעפּט פויל, ווי געוויינטלעך יעדן טאָג דאָס זעלבע מיטיק־געקעכץ, מיטן אויסנאַם זונטיק — אַ שטיקל פליש צו דער פאַרציע קאַשע, קרויט, אָדער האַרטע קליסקעס....

עפּעס איין מאָל האָט מען בנימינען געפירט אין קאַנצעלאַריע אויף אַן אויספאָרשונג. אַ ציוויל־געקליידטער מיט אַ פליכעוואַטן קאָפּ האָט אים געשטעלט אַ רייע נישט־קלוגע פראַגן. בנימין האָט כמעט אויף אַלע פראַגן געענטפערט; געוויינטלעך נישט אַזעלכע ענטפערס, ווי דער אויס־פאָרשער האָט זיך געווונטשן צו הערן; דערנאָך האָט מען אים צוריקגע־פירט אין קאַמער, אַ צוויי וואָכן שפּעטער האָט מען אים ווידער געפירט צום אויספאָרשן.

דאָס מאָל האָט דער אויספאָרשער געפונען פאַר נייטיק אָנצוהייבן מיט אַן איינלייטונג, אַז פאַר דעם אַרעסטירטן איז ס'גלייכסטע אַליין זיך אין אַלעם מודה צו זיין, וועט די שטראָף זיין אַ קליינע. מיט לייקענען און געבן קאַפּויערדיקע ענטפערס וועט ער זיך נאָר פאַרערגערן, וואָרום ס'יי

ווי סיי איז דער מאַכט שוין אַלץ באַוווּסט פון בנימינס חברים, וואָס האָבן אַלץ דערציילט און טאַקע אַזוי אַרום זיך פאַרלייכטערט דעם אורטייל.

אָבער די פראַגן אַליין זענען דאָס מאָל געווען נאָך פלעגמאַטישער, ווי דאָס ערשטע מאָל. און שוין! נאָך דעם מאָל האָט מען שוין אינגאַנצן אים געלאָזט צו רו.

נאָר דער וועכטער מיטן גוטמוטיקן, גייציקן פּנים, וועלכער האָט אַ מאָל אין געהיים איבערגעגעבן בנימינען אַ בריוול פון די חברים אויף דער פריי, האָט אים אַנומלט פאַרטרויט בסוד, אַז ער זיצט אַדמיניסטראַטיוו. דאָס הייסט, קיין פאַקטישע באַווייזן צו קענען ברענגען אים פאַרן געריכט, זענען נישטאָ. איצט קען ער — אַ מאָל שוין מאָרגן באַפרייט ווערן, און אַ מאָל קען ער אַזוי אַוועקזיצן אָן חשבון.

נאָר אויב די איינזאַמקייט אין דער איינצלקאַמער האָט בנימינען צייטנווייז שווער געדריקט, האָט ער באַלד געהאַט די געלעגנהייט צו איבערצייגן זיך, אַז זיצן צוזאַמען מיט נאָך עמעצן, אַ נישט צוגעפּאַסטן שכן, איז אַ סך ערגער.

דאָס איז געווען שוין אין צווייטן חודש. מען האָט צוגעזעצט צו בני־מינען אין קאַמער איינעם אַ פאַרשוין אין בנימינס יאָרן. ער האָט בנימינען פאַרטרויט, אַז ער געהערט צו דער „באַיוווקע" פון אַ רעוואָלוציאָנערער אָר־גאַניזאַציע. צי דאָס איז אמת, צי נישט, האָט בנימין, נאַטירלעך, נישט געקענט וויסן, און נישט באַמיט זיך דאָס צו וויסן. נאָר אַז אָט דער יונג איז אַ מיאוס באַשעפעניש, דאָס האָט בנימין באַלד געהאַט די מעגלעכקייט צו איבערצייגן זיך.

דער יונג האָט זיך אַריינגעריסן אין בנימינס נשמה ווי אַ שטיק ווילד־פלייש אין מענטשלעכן גוף. ער האָט געפּלוידערט, געזוכט עצות ווי אַרום אַריינצובאַקומען בראַנפן, גערעדט מיאוסע רייד און געמאַכט בנימינען שמוציקע שענדלעכע פאָרשלאָגן, אַזוי אַז ווען מ'וואָלט נישט דעם יונג נאָך אַ וואָך אַרויסגענומען פון קאַמער, וואָלט בנימין געצוווּנגען געווען זיך צו ווענדן וועגן דעם אין קאַנצעלאַריע.

געבליבן ווידער אַליין, האָט בנימין לייכטער אָפּגעאָטעמט. ווידער האָט דער מוח בשותּפות מיטן געמיט געשפּונען פאַנטאַזיעס. ס'האָבן אַ שוועב געטון אין קאָפּ אַזעלכע געדאַנקען, וואָס אויף דער פריי, אין ווירוואַר פון לעבן, קענען זיי גאָרנישט זיך אַנטפּלעקן; לופטיקע און צאַרטע אַזעל־

כע, ווי דער פליגל־פאַך פון אַ פייגעלע באַרירט קוים די לופט אין אַ קלאָרן זומער־פרימאָרגן.

...און די געשעענישן, ביי וואָס דער איינטאָניקער לויף פון די טעג האָט זיך אויף אַ ווייל אָפּגעשטעלט און ווייטער גענומען זיין געוויינטלעכן לויף, זענען געווען אויך אַזעלכע, — אויסטערלישע און צו טראַכטן געבנדיקע.

פאַרן טעגלעכן „שפּאַציר" האָט בנימין אַ מאָל דערהערט קלאַפּן אין וואַנט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס קלאַפּן באַדייט, נאָר אַז דאָס האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, איז ער צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, אַ ווייל געהאָרכט און נישט וויסנדיק גאָר וואָס, האָט ער געענטפערט מיט אָנקלאַפּן. דעמאָלט האָט זיך פון יענער זייט וואַנט געהערט איין און נאָך איין קלאַפּ — צוויי לאַנגזאַמע קלעפּ, און גלייך נאָך עטלעכע גיכע־גיכע; ווידער איין צו צוויי, צי גאָר דריי זאַכטע קלעפּ און ווידער נאָך עטלעכע גיכע־גיכע...

בנימין האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס יענער דאָרט מיינט, נאָר פאָרט האָט ער צוריק געקלאַפּט. אַזוי לאַנג געקלאַפּט, ביז דאָס פאַרריקערל פון יענער זייט קאַמער האָט זיך האַסטיק אָפּגערוקט, און אַ קול פון אַ בייזן תפיסה־וועכטער האָט אַריינגערעדט:

— פאַר דורכקלאַפּן זיך באַקומט מען קאַרצער!

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען טאַקע עמעצן געשלעפּט אין קאַר־צער... אין מיטן טאָג האָבן מיט איין מאָל זיך דערהערט יאָמער־קולות, אַזעלכע האַרצרייסנדיקע, אַז די תפיסה איז אויפגעציטערט געוואָרן. בני־מין — און מסתמא אויך די פון די אַנדערע קאַמערן — האָט זיך צוגע־האָרכט... אַ סך טריט האָבן זיך געהערט. מוז זיין, מ'האָט עמעצן געשלעפּט ביי די פיס און הענט... אַ ציטער האָט בנימינען אָנגעכאַפּט. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס שלעפּט מען עמעצן צו דער תליה. און אַפּנים, אַז אַלע האָבן אַזוי געמיינט. וואָרום באַלד האָט זיך דערהויבן אַ רעש און אַ געקלאַפּעריי. די גאַנצע טויט־פאַרשוויגענע תפיסה האָט זיך צעברויזט און צעשריגן, אַזש דער אַלטער תפיסה־נאַטשאַלניק איז געקומען צולויפן און אַזאַ געשריי געטון איבערן קאָרידאָר, אַז אין אַלע קאַמערן זאָל מען עס הערן:

— רו:ק זאָל זיין! אַ קרימינעלער האָט עפּעס אָפּגעטון, פירט מען אים מיט גוואַלד אין קאַרצער!

האָט זיך ערשט די טורמע איינציקוויז איינגעשטילט.

ס׳האָט שוין געהאַלטן ביים סוף ווינטער. די טעג זענען געווען היפּש־לעך גרעסער, די פרעסט — קלענער. ביים שפּאַצירן גיין, אַז ס׳איז געווען די זון, האָט אויפן תפיסה־הויף געלאָזט דער שניי; אַלץ מער האָט אין גאָרטן זיך אַרויסגעזען די נאַקעטע שוואַרצע ערד, און דער פרישער שניי, וואָס פלעגט נאָך אַ מאָל אָנפאַלן, איז אין אַ טאָג צוויי מער נישט געווען: די זון און די לופט האָבן אים געפרעסן, איינציקוויז פון אים דאָס חיות אַרויסגעצויגן, ביז ער איז געבליבן דין און שוואַך, ווי אַ נאַס פּליס־פּאַפּירל.

דעמאָלט האָט בנימין, שפּאַצירנדיק נישט ווייט פונעם אָרט, ווו ס׳גע־פינען זיך די ווערקשטעלן און ווו עס אַרבעטן בעלי־מלאכות, קרימינעלע אַרעסטאַנטן — אויפגעכאַפּט עטלעכע ווערטער פון אַ שמועס, און איין וואָרט איז אים געבליבן שטעקן אין קאָפּ: „מלחמה".

תחילת האָט בנימין געמיינט, אַז דאָס האָט זיך אים בלויז געדאַכט, אַז דאָס האָט זיך אים סתם אַזאַ וואָרט איינגעפּלאָנטערט. נאָר אַ צווייט מאָל האָט ער פון קאָרידאָר אויפגעכאַפּט אַ שטיקל שמועס צווישן צוויי „שליסערס". ווידער האָט ער געהערט דאָס וואָרט „מלחמה".

— הייסט עס, אַז עס קומט פאָר אַ מלחמה. ווער מיט וועמען פירט מלחמה?

אַ צייט לאַנג איז אים דאָס וואָרט נישט אַרויס פון זין. דער דמיון האָט געאַרבעט. אפשר רוסלאַנד? — מיט וועמען, למשל, קען רוסלאַנד האָבן מלחמה? מן־הסתם, מיטן דייטש! ניין! די השערה האָט ער באַלד אָפּ־געוואָרפן. אָט דאָ נישט ווייט, עטלעכע ווי֯אָרסט פון הי געפינט זיך די דייטשע גרענעץ; עס וואָלט זיך אַפילו אין תפיסה געגעבן צו פילן, ווען דאָ הינטערן רוקן וואָלט פאָרגעקומען אַ מלחמה — ביז איין מאָל איז ער דאָס געווען געוויר געוואָרן פון דעם באַקאַנטן וועכטער דעם פּאָליאַק:

— רוסלאַנד פירט מלחמה מיט יאַפּאַן, ס׳שוין עטלעכע חדשים.

— רוסלאַנד — מלחמה!... מלחמה אין לאַנד!...

און נאָך דעם וויכטיקן נייעס, ווען אין תפיסה האָט זיך אַלץ גע־פירט מיט דעם זעלבן טויט־שטייפן סדר — האָט זיך בנימינס געדאַנק קאָנצענטרירט אַרום דעם וואָרט מלחמה.

— מלחמה, מענטשן־שחיטה... — בנימין איז נאָך קיין מאָל אין

מלחמה נישט געווען, נישט געזען ווי דאָרט גייט צו, העכסטנס פון לייענען אַ מלחמה־באַשרייבונג האָט ער זיך געקענט אַ ביסל פאָרשטעלן.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער סכסוך צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן, איז נישט אַזאַ, וואָס איז נוגע דעם פאָלקס אינטערעסן. יאַפּאַן, וואָס ליגט ערגעץ ווייט אין אַזיע, פירט קריג מיט רוסלאַנד, אָדער רוסלאַנד מיט יאַפּאַן — מן־הסתם צוליב עפּעס אַן אַמביציע צווישן קיסרים, וועגן אַ שטיק לאַנד געוויינטלעך, וואָס איז פאַר רוסלאַנד גאָרנישט נייטיק, און מענטשן, פרידלעכע מענטשן, גייען זיך לאָזן הרגענען דערפאַר. מענטשן ווי אַ סטאַדע בהמות, דער פאַסטוך מיט דער בייטש טרייבט אין שעכט־הויז — און מ׳גייט.

ס׳זענען ווייטער אַוועק טעג און אין דרויסן איז געוואָרן וואַרעמער; אַז מ׳האָט דיך אַרויסגעפירט אויפן תפיסה־הויף „שפּאַצירן", האָסטו גע־שלונגען די לופט, ווי אַ באַלזאַם. די האַלבע שעה איז אַוועק גיך, ווי אַ מינוטקעלע... און דעמאָלט האָט איין מאָל ווידער פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט בנימינס גלייכגעוויכט אַ טרייסל געטון: ווען ער איז צוריק געקומען פון שפּאַציר, האָט ער אונטער דעם צינענעם טעפּל, וואָס שטייט אויפן בענקל מיטן טרינק וואַסער, געפונען ליגן אַ בריוול, וואָס דער קרימי־נעלער, וואָס רוימט צו די קאַמערן, האָט אַוודאי אים אונטערגעלייגט.

פון אויבן האָט זיך געפונען אַן אויפשריפט אין פּויליש, אַז נאָכן אָדורכלייענען זאָל מען דאָס צומאַרגנס צוריק לייגן אויף דעם זעלבן אָרט.

עס זענען געווען עטלעכע שורות, אין וועלכע איינער אָן אַ נאָמען האָט צווויסן געטון בנימינען, נישט אַנרופנדיק אויך זיין נאָמען, אַז אויב מ׳וועט אים ווידער רופן אויף אַ פאַרהער, זאָל ער זיך ווייטער צו גאָרנישט באַקענען. וואָרום קיין שום פאַקטישע באַווייזן קעגן אים, ווי אויך קעגן די אַלע מיט אים צוזאַמען פאַרהאַלטענע איז נישטאָ. צום געריכט קען מען זיי נישט איבערגעבן, זיי זיצן נאָר אַדמיניסטראַטיוו; מ׳וואָלט זיי אפשר פאַרשיקט אין סיביר, נאָר צוליב מלחמה אין ווייטן מזרח, ווערט אַהין נישט פאַרשיקט; און איבערהויפּט, לויט ווי ס׳הערט זיך, איז איצט די פּאָליטישע אַטמאָספערע אַ ביסל לייכטער. ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז מען זאָל זיי אין גיכן באַפרייען — אַדמיניסטראַטיוו זיצט מען געוויינטלעך נאָר דריי חדשים.

בנימין האָט דאָס בריוול צומאַרגנס צוריקגעלייגט אונטערן צינענעם

טעפּל, און מ׳האָט עס טאַקע פון דאָרט צוריק אָפּערגענומען, און עס האָט וואַרשיינלעך געוואַנדערט איבער נאָך קאַמערן: צו די אַלע, פאַר וועמען עס איז נייטיק געווען. נאָר רויק איז בנימין פון דעמאָלט אָן שוין נישט געווען.

נאָך דעם בריוול איז ער געזעסן אין איין נייגיר, צי מ׳וועט אים טאַקע באַפרייען. עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן אַזעלכע אומגעדולדיקע טעג, ווי דעמאָלט ביים אָנהייב. נאָר סוף־כל־סוף האָט ער זיך איצט אַ נעם געטון אין די הענט, מיט גוואַלד זיך באַהערשט, אָבער טיף אין זיך איז ער פון דעסטוועגן שוין רויק נישט געווען.

טעג זענען געגאַנגען שיינע, גאָלדענע, אָנהייב־פרילינגדיקע. אין תפיסה־גאָרטן האָט זיך שוין אָנגעהויבן די אַרבעט. אַז מ׳האָט אַהין אַריינ־געקוקט איבער די נידעריקע שטאַכעטן, האָט זיך געזען, ווי די קרימינעלע אַרעסטאַנטן אין די גראָע רעקלעך און רונדיקע היטעלעך אויף די קעפּ שטייען איינגעבויגן איבער שפּאַדלעס און מיט חשק רודערן זיי אויף די מאַמע־ערד, איינבייסנדיק זיך אין איר מיט דעם שאַרפן שפּאַדל.

אַזוי פאַרבייגייענדיק אויפן טעגלעכן שפּאַציר לעבן נידעריקן דראָ־טענעם פּאַרקן, האָט זיך זיי מקנא געווען; מיט אַלע אברים מקנא געווען. כ׳וויס נישט וואָס וואָלט מען אָפּגעגעבן, צו קענען אויך אַזוי שטיין איינ־געבויגן איבער אַ שפּאַדל, גראָבן, אַרבעטן, באַוועגן זיך און שפּירן דעם ריח פון פייכטער ערד.

דערנאָך, זיצנדיק פאַרשלאָסן אין קאַמער, האָבן זיך די אויגן איינ־געגעסן מיט גיריקייט אין דעם פּיצל בלויען הימל, וואָס האָט זיך געזען הויך איבערן געקראַטעוועטן פענצטערל... טיף אויבן פליט אַ פויגל, ווי אַ שוואַרץ לענגלעך שטריכעלע זעט ער אויס; אַ שפּיץ פון אַ ווייטן נאַקעטן בוים האָט זיך געזען; אַ שטיקל רייכערנדיקער פאַבריק־קוימען. די זון האָט אַלץ דרייסטער, אַלץ מילדער אַריינגעלויכטן אין פענצטערל, און ס׳האַרץ האָט ווי געטון, אַז ס׳האָט זיך שוין בעסער געוואָלט ס׳זאָל ליבערשט זיין אַ טריבערגנדיקער טאָג. דער ווייטיק וועט דעמאָלט נישט זיין אַזוי גרויס, אַזוי שאַרף. און זענען טאַקע געקומען ווידער רעגנטעג, איז נאָך ערגער געווען, האָסטו זיך שוין גאָרנישט געקענט דערוואַרטן צוריק אויף דער זון.

דערנאָך איז געקומען אַ נאָכמיטיק פון אַ טריבן טאָג. דער תפיסה־וועכטער, דער פּאָליאַק, האָט אָפּגעפּאַסט אַ מינוט, ווען ער האָט בנימינען

צוריקגעפירט פון באָד, אים אַריינגעפירט אין קאַמער, האָט ער אַזאַ גיכן שעפּטש געטון:

— אַ טייל אייערע קאַמעראַדן זענען שוין באַפרייט געוואָרן...

און נאָך דעם טאָג און צו מאָרגנס און איבערמאָרגן — נאָך די רעגנטעג איז ווידער געוואָרן וואַרעם, ליכטיק. בנימין האָט דעמאָלט שוין געברענט פון אומגעדולד, ס׳האָט זיך דערוועקט די גאַנצע ליבע און לעכ־צעניש צו דער פרייהייט, די גאַנצע ליבע צו דער פרייער וועלט האָט איצט אויסגעבראָכן מיט איר גאַנצער גוואַלד, אַזוי ווי אַ שרפה כאַפּט אַרום אַ טרוקענע הילצערנע כאַטע מיט אַ שטרוי־דאַך. גאָרנישט איז אים שוין נישט אין שטאַנד געווען צו באַרויקן: נישט די שיינע טעג און נישט אפילו די טרוימען, וואָס האָבן אַזוי לאַנג געשפּייזט זיין גייסט. איצט האָבן זיי נישט געוואָלט מער קומען און זענען נישט בכוח געווען אים צו פאַרוויגן.

יעדע רגע האָט ער זיך געריכט, מ׳וועט קומען אים באַפרייען; פון אַ ליאַדע שאָרך אין גרויסן לאַנגן קאָרידאָר איז ער אויפגעציטערט גע־וואָרן.

נאָך אַ טאָג און אַ טאָג איז אַוועק — און גאָרנישט. קיינער איז נאָך אים נישט געקומען. דאָס טורמע־לעבן האָט זיך געפירט ווייטער איינ־טעניק און גלייכגילטיק, און סוף־כל־סוף איז בנימין געוואָרן אַפּאַטיש: אַלץ האָט אויפגעהערט צו פאַרנעמען זיין געדאַנק. אפילו צום שפּאַצירן גיין האָט ער שוין נישט געהאט קיין לוסט; צום עסן האָט ער זיך טייל־מאָל גאָרנישט צוגערירט. ער האָט אַליין נישט געוווסט, וואָס אים פעלט, ער האָט איצט שוין גאָרנישט געבענקט אַזוי נאָך דער פריי. ער איז געווען קראַנק און פאַראומערט, אין די אויגן איז אים געלעגן אַזאַ יאוש, ווי מ׳זעט דאָס אַ מאָל ביי אַ פויגל וואָס איז געפאַנגען אין שטייג.

אַזוי זענען זיך געגאַנגען טעג, גלייכגילטיקע, רעגנדיקע און אויך שיינע.

כד

פאַרנאַכט, פאַר דער „פּאַוויערקע", האָט אַ וועכטער אַראָפּגעפירט בנימינען אין קאַנצעלאַריע. דאָרט האָט דער שרייבער עפּעס געשריבן אין

אַ בוך, און ווען מ'האָט בינימינען צוריקגעפירט אין קאַמער, האָט ער שוין געוווסט אויף קלאָר, אַז מאָרגן ווערט ער באַפרייט.

ענדלעך!

און דער מאָרגן איז געקומען.

ס'איז געווען אַ טאָג, ווי אַלע טעג, אַ פרילינג־טאָג: אין דער פרי — אַ ביסל קאַלט, נאָר וואָס העכער די זון האָט זיך אַרויפגעקריגן, איז אַלץ וואַרעמער געוואָרן. ס'איז געווען אַן אַפּריל־טאָג מיט זון, וואָס האָט נאָך נישט געגרייכט צום פענצטערל פון בנימינס קאַמער. דער הימל, וואָס האָט ווי מיט אַן אומגעזעענעם בעזים געקערט, אָפּגעטריבן פון זיך די צעברעקלטע כמאַרעס, האָט בלוי און יונג זיך געוויזן דורכן פענצטערל — אָבער בנימין האָט היינט גאָרנישט געזען, אין ערגעץ נישט געקוקט, פאַר גאָרנישט געהאַט קיין אויגן היינט. ער איז געזעסן מיט אויפגעשפּיצטע אויערן — איין שטיק וואַכעדיקע אויפמערקזאַמקייט; געוואַרט, מ'זאָל אים באַפרייען, יעדע רגע האָט ביי אים אויסגעזען אַ יאָר, אַן אייביקייט.

און טאַקע ווי אויף להכעיס האָט זיך דער היינטיקער טאָג געצויגן אַזוי לאַנגווייליק און איינטעניק, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן. ס'האָט זיך געהערט דער געוויינלעכער גערויש פון טוישן די וואַך אין קאָרידאָר, מ'האָט אַריינגעלאַנגט די פּאָרציע אָנבייסן און שפּעטער, ווען די טיר האָט אַ גרילץ געטון און ביי בנימינען איז שוין גאָר קיין ספק נישט געווען, אַז דאָס קומט מען אים באַפרייען, איז מען גאָר געקומען אים פירן אויפן טעגלעכן שפּאַציר.

איז ער געגאַנגען אויפן שפּאַציר; נישט געגאַנגען, נאָר אומגעדול־דיק געלאָפן, אַזש דער וועכטער האָט אים דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט, נישט מיט ווערטער, נאָר מיט אַ שמייכל. דערנאָך האָט מען אים צוריק געפירט אין קאַמער און ווי יעדן טאָג, היינטער אים די טיר פאַרשלאָסן.

— נו, וואָס־זשע? אפשר האָט מען אין אים פאַרגעסן? אפשר איז דאָ געשען אַ טעות?... אָדער דעם שרייבער איז עפּעס געשען! ער איז, קאָן זיין, היינט נישט געקומען אין קאַנצעלאַריע און ער, בנימין, וועט דער־ווייל בלייבן זיצן.

דער זון־שטראַל, וואָס האָט זיך יעדן טאָג אַרום מיטיק־צייט אַזוי ציטערנדיק אַריינגעגליטשט אין פענצטערל און בנימין פלעגט אים יעדן טאָג אָפּוואַרטן ווי אַ גאַסט, אַ טייערן, אַ האַרציקן — היינט האָט ער אים גאָרנישט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט. ער האָט היינט גאָרנישט גע־

זען, פון גאָרנישט געטראַכט, נאָר — באַפרייען, וואָס גיכער אים באַ־פרייען.

ער איז מיד געוואָרן פון לויפן אַרויף און אַראָפּ, זיך אַנידערגעזעצט אויפן איינציקן בענקל און דעם קאָפּ זיך געבראָכן: וואָס איז געשען? פאַר וואָס באַפרייט מען אים נישט?

אין דרויסן האָט דער יונגער טאָג געלאַכט מיט פרישער זון, מיט מילדע ווינטלעך — דאָ, אין תפיסה־קאַמער, איז געווען מרה־שחורהדיק טריב. נאָר אויבן, קעגן דעם פענצטערל אויף דער וואַנט, האָט געציטערט דער פאַרשעמטער זון־שטראַל, לייכט געציטערט, ווי אַ גאָלדן געוועב, דערמאָנענדיק מיט זיין היינטיקער עלנטקייט אַן אָרעמען פאַרשעמטן קרוב, וואָס קיינער קוקט נישט אויף אים.

און ווידער האָט די טיר אַ גרילץ געטון: מ׳האָט אַריינגעגעבן דאָס צינענע שיסעלע מיטיק־געקעכץ. בנימין האָט אַ לאַנגע ווילע זיך נישט צוגערירט דערצו, אָבער דער הונגער האָט געטון דאָס זייניקע. ער האָט לסוף עס צוגערוקט און אויפגעגעסן.

נאָכן עסן איז ער אַ ביסל רויִקער געוואָרן. ס׳איז אים געלונגען א ביסל זיך צו באַהערשן: „אַזוי לאַנג געדולדיק געווען און איצט זיך נאַריש מאַכן״...

מילא — וועט נישט זיין היינט, וועט עס זיין מאָרגן. און אַ רויִקער, נאָר אַן אָפּגעמאַטערטער פון דער אויפרעגונג, אַזוי זיצנדיק אויפן בענקל איינגעדרימלט.

און אָט, ווען ער איז געווען פאַרזונקען אין אַ פעסטן דרימל, דעם קאָפּ אויף די הענט, האָט די טיר אַ גרילץ געטון (אין דרימל האָט זיך אים געדאַכט דאָס צו פאַרנעמען) — אַ וועכטער איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר און גוטמוטיק בנימינען געוועקט מיט אַ פינגער:

— נעם די זאַכן און קום.

נאָך מיט אַ ביסל אַ פאַרדרימלט פנים האָט בנימין רויִק, ווי צום טעגלעכן תפיסה־שפּאַציר, גענומען אויפן אָרעם דעם שווערן אויבעררעק, וועלכן ער האָט זיך מיטגעבראַכט פון דער היים, און געגאַנגען מיטן וועכטער.

דער וועכטער איז געגאַנגען פריִער, בנימין פון הינטן. דורכגעגאַנגען אין קאָרידאָר, נאָך איינעם; שטיגן און ווידער שטיגן, ביז זיי זענען אַרויס־געקומען אין קליינעם אינעווייניקסטן הויפל, פון דאָרט — אין גרויסן

הויף, צוגעגאנגען צום טויער. דער באַוואָפנטער זעלנער, וואָס שטייט אויף דער וואַך נעבן טויער,האָט געעפנט דאָס קליינע טירל. בנימין איז אַרויס, דאָס טירל האָט זיך הינטער אים גיך צוריק פאַרמאַכט, און ער איז — נאָך אַריבער דריי חדשים — געבליבן שטיין אויף דער פריי פנים אל פנים מיט דער צעלויכטענער זון, מיט אַ ווינטל און דעם גע־סוויטשעריי פון פייגל, וואָס זענען געפלויגן איבער די דאַרע צווייגן פון די נאָך נאַקעטעביימער.

און מיט אַ מאָל האָט בנימין אַ דערפיל געטון דעם גרויסן אוצר, וואָס איז אים צוריקגעגעבן געוואָרן; מיט אַלע אברים, מיט אַלע חושים האָט ער דערשפירט די ליבע פרייהייט. אָט פונקט ווי אַ פויגל, וואָס קריגט זיך אַרויס פון דער ענגער שטייג אויף דער פריי. נאָכן ערשטן פלי, בלייבט ער זיצן אויף אַ שפּיץ דאַך, אָדער אויף אַ געזימס פון אַ הויז, זיצט אַ ווײַלע אין דער זעלבער פּאָזע, ווי ער פלעגט זיצן אין דער שטייג, ביז ער באַגרייפט ערשט דאָס גרויסע גליק, וואָס ער האָט צוריק געווונען, און — אַ צעשפּרייט די פליגל, און ער פליט הויך, ווייט און ברייט, און שלינגט, און שיכורט זיך אָן מיט דער אָקאָרשט צוריק באַ־קומענער פרייער לופט.

בנימין איז געגאַנגען צו דער שטאָט. הינטער אים איז ווי אַ בייזער חלום געלעגן די תפיסה, אַ גרויסע מאַסיווע געל־געקאַלכטע געביידע, מיט טורעמס און פליגלען, מיט אַ סך געקראַטעוועטע פענצטערלעך, אַרומגערינגלט מיט טאָפּלטע מויערן, און פון דרויסן ביי יעדער זייט מויער און ביי יעדן ווינקל —וואַך־ביידלעך, ווו עס שפּאַנען באַוואָפנטע זעלנער; פאַר אים איז געלעגן די שטאָט, די פאַבריקן האָבן גראָד גע־פייפט אויף קליין־וועטשערע — פיר אַזייגער נאָכמיטיק. עס איז שוין געווען אָנהייב שטאָט. פאַרבייגייענדיק דעם פּאַרק, איז ער אַהין אַריין, כדי זיך דעם וועג צו פאַרקירצן און אַרויסקומען דאָרט, ווו ער האָט גע־דאַרפט גיין.

...אַ ציכטיקייט, אַ הערלעכער זון־יום־טוב האָט געהערשט אין פּאַרק. ס'איז נאָך אַלץ געווען לער, נאַקעט, די ביימער הויל, נאַקעטע גופים. נישטאָ נאָך קיין גראָז, קיין בלימלעך. פייגל זענען געווען פאַרנומען מיט בויען נעסטן. געסוויטשערט, אייליק געפלויגן אין אַלע זייטן, צעטראָגנ־דיק די בשורה פון אויפגעוואַכטן פרילינג.

פויערטעס מיט אונטערגעהויבענע קליידלעך האָבן געאַרבעט אונ־

טער דער אויפזיכט פון גערטנער: אויפגערודערט די ערד, געפלאַנצט בלומען און אויסגעגלעט די פאַרפלאַנצטע בייטן. אויף די שפּאַציר־שטעגלעך איז געווען אויסגעשיט געלער זאַמד...

אויף אַלץ אַרום, אויפן גאַנצן פאַרק מיט אַלע ביימער און קשאַקעס האָט גערוט אַ מין דערוואַרטונגס־עקסטאַז, פאַרכישופט אין אַ שטילער פרייד פון מתנות, וואָס דער פרילינג גרייט פאַר זיי...

בנימין איז אַרויס פון פאַרק, דורכגעגאַנגען עטלעכע גאַסן פול קרעמלעך און הענדלער. דאָ איז דער פרילינג נישט געווען אַזוי שיין. אין דער יידישער געגנט איז די ווינטער־בלאָטע נאָך נישט געווען אין גאַנצן אויסגעטריקנט. קרעמער האָבן זיך געזידלט צוליב אויסגעכאַפּטע קונים, אַנדערע האָבן זיך געאַמפּערט מיט קונים אַליין... ס׳איז געווען אַ הור־האַ... קולות האָבן געהודזשעט און אומגעשמאַקע ריחות פון אַלטוואַרג זענען געקומען פון די טונקעלע הויפן, וווהין דער פרילינג האָט מן הסתם נישט געהאַט דעם מוט אַריינצודרינגען; מ׳וואָלט אים מיט געוואַלד פון דאַנעט אַרויסגעשטופּט; די טונקעלע פערענעס און קישנס, צעלייגטע אין די אָפענע פענצטער, זענען עס געווען די געטרייע שומרים, נישט צו לאָזן דער זון צו צוכאַפּן דעם אַלטגעזעסענעם יידישן גאַס־ריח.

אין אַרבעטער־געגנט איז גראָד געווען אַ שטיקל שרפה. אין אַן אַלט באַזעצט הויז האָבן געברענט די סאַדזעס... ס׳איז דאָ געווען פאַר־זאַמלט אַ גרויסע צאָל אַרבעטער שטיקערס, אָן רעקלעך, מיט אַרויפגע־שאַרצטע העמד־אַרבל, געקומענע צו לויפן גלייך פון דער מאשין: לעשן די שרפה, העלפן ראַטעווען. בנימין איז אַהער געקומען פונקט אין מיטן דעם עכטן יאַריד, בשעתן ראַטעווען... ער האָט דאָ באַגעגנט באַקאַנטע, פריינד און חברים. פון די פריערע אַרויסגעקומענע פון תפיסה זענען אויך עטלעכע דאָ געווען. אַבאָ, וועלכער האָט אַפּנים זיך געהאַלטן פאַר אַ העלד, ווייל ער איז געזעסן דריי חדשים אין תפיסה, האָט זיך געריִמט פאַר אַ בינטל קאָלעגן, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט:

— און חזיר האָב איך דאָרט געגעסן — נישט פיצלעך קליינע... איבער דער באָרד איז עס מיר געראָנענ, יאָ, יאָ!...

די שרפה האָט זיך ביסלעכווייז איינגעלאָשן. די איינוווינער האָבן צוריקגעשלעפט די אָרעמקייט. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט אָנגעהויבן שיטערער ווערן; מאָרגן־איבערמאָרגן איז ערב־פסח, נישטאָ קיין ציַיט צו באַלאַמוטשען.

...ישראל־נח איז צוגעקומען. מ׳האָט אים געזאָגט, בנימין איז שוין פריי און ער געפינט זיך דאָ. די ברידער האָבן זיך געדריקט די הענט. ישראל־נח האָט וואַרעם, כמעט מיט שטאָלץ, געקוקט אויף בנימינען. געוואָר ווערנדיק, אַז ער איז נאָך נישט געווען אין דער היים, האָט ער פאַרגעלייגט:

— מיר וועלן אפשר צוגיין אַהיים, בנימין? — און ער האָט צוגענומען פון בנימינען דעם ווינטערדיקן אויבעררעק.

אויפן וועג אַהיים זענען זיי אַלע מאָל אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך באַקאַנטע... דאָך האָט בנימין שוין צייט געהאַט געוואָר צו ווערן פון ישראל־נחן, אַז אַנשל, מלכהס מאַן, איז שוין צוריקגעקומען פון אַמעריקע. ער מאַכט זיך ווידער אַ זייף־פאַבריק. היינט געפינט ער זיך מיט ווייב און קינד ביי זיינע עלטערן אין שטעטל, ווו זיי זענען פאַרבעטן געוואָרן אויף יום־טוב; און אַז די מאַמע האַלט, אַז אַנשל איז איצט, דאַכט זיך גאָר אַנדערש שוין...

— און די אַרבעט אין פאַבריק ווי גייט?

— נישט איבעריק גוט, קלערט אויף ישראל־נח. דאָס רוב אונדזער פּראָדוקציע, די שטיקערייען פון הי גייען דאָך, ווי דו ווייסט, אין וויטן מזרח, מאַנדזשוריע... און דאָרט איז איצט מלחמה מיט יאַפּאַן.

— אַ, יאָ, איך האָב עפּעס געהערט דערפון, אַז ס׳איז מלחמה — האָט זיך בנימין דערמאָנט. ער האָט לאַנג זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל פרעגן, און ערשט נאָך אַ לאַנגן איבערלייגן זיך, האָט ער אַ פרעג געטון:

— און די פּאַרטיי־אַרבעט — פירט אַן טעמערל?

— טעמערל? — חידושט זיך ישראל־נח — טעמערל זיצט דאָך. דו ווייסט דען נישט? עפּעס אַ טאָג צי צוויי נאָך דיר האָט מען זי פאַרנומען. זי וועט אָוודאי אויך די טעג באַפרייט ווערן.

— זי האָט זיך דאָך, דאַכט זיך מיר, גאָרנישט געהאַט באַטייליקט אין דער דעמאָנסטראַציע — האָט זיך בנימין געוווּנדערט.

האָט אים ערשט ישראל־נח דערציילט, אַז לויט ווי די מאַמע איז געוואָר געוואָרן באַלד נאָך טעמערלס אַרעסט, איז דאָס אַזוי געווען: אַ טאָג איידער די דעמאָנסטראַציע איז פאָרגעקומען, צי פריִער נאָך, האָט מנשה (דו קענסט אים דאָך סאַר אַ מויל ער האָט) אין דער היים געלאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן דער פאָרשטייענדיקער דעמאָנסטראַציע. דער פעטער

לייב־חיים איז דערפֿאַר יענעם זונטיק געזעסן אין דער היים און געהיטן, זיי זאָלן נישט אַרויסגיין. — און סיי ווי — האָט ישראל־נח פֿאַרענדיקט, און זיין וואָרט האָט געקלונגען מיט אָנערקענונג פֿאַר טעמערלען — סיי ווי האָט מען זי אַרעסטירט.

— און דעם פֿאָן־טרעגער „דעם וואַרשעווער", וועט מען אויך באַ־פֿרייען?

בנימין האָט דאָס נישט געוווסט, און נישט האָבנדיק ווייטער וואָס צו פֿרעגן, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— און ווי פֿירט זיך די פּאַרטיי־אַרבעט?

— זייער גוט! — האָט ישראל־נח לעבעדיק אונטערגעכאַפּט — פּאַ־ראַנען הי אַ צוגעשיקטער חבר. מיר אַנטוויקלען דאָ אַ גרויסע טעטיקייט.

דער „מיר", דער לעבעדיקער טאָן און די באַקאַנטע פּאַרטיי־פֿראַזע האָט בנימינען איבערראַשט. ער האָט אַ קוק געטון ישראל־נחן אין די אויגן; זיי זענען גראָד אַרויסגעקומען פֿון פֿעדער־הויז אין הויף אַריין — און ישראל־נחס אויגן, האָט בנימין דערזען לייכטן, ווי ביי אַ פֿאַרליבטן. ער האָט גערעדט פֿון דער פּאַרטיי ווי אַן ענטוזיאַסטישער בחור פֿון זיין ערשטער געליבטער.

די דאָזיקע ענדערונג אין דעם שטענדיק פֿאַרזיכטיקן ישראל־נח האָט בנימינען געפֿרייט.

סימעלע האָט זיי דערזען דורכן פֿענצטער. זי איז געקומען אַראָפּ־צולויפֿן, געפֿאַלן בנימינען אויפֿן האַלדז. די מאַמע האָט זיך באַוויזן אין פֿענצטער מיט פֿרייד־טרערן אין די אויגן.

מ'האָט גענומען אַרויפֿגיין אין שטוב. דער רירעוודיקער ישראל־נח איז געלאָפֿן פֿאָרויס. בנימין האָט געקוקט אויף זיין רוקן, אויף די אייליקע פֿעסטע טריט. ישראל־נחס פּנים איז איצט געווען עפּעס גאָר אַנדערש, ווי מיט עטלעכע חדשים צוריק, מענלעכער, די אויבערשטע ליפּ באַוואַקסן מיט פֿעך־שוואַרצע הערעלעך, די אויגן, די ענג־צוזאַמענגעוואַקסענע ברע־מען, אַלץ אין אים האָט געאָטעמט מיט ענערגיע און עקשנות; אפֿילו די קורטקע וואָס ער האָט געטראָגן נאָך בנימינען פֿון פֿאַראַיאָרן, איז געלעגן אויף אים ווי אויסגעגאָסן, נעט.

פֿאַר דער טיר האָט זיך ישראל־נח אָפּגעשטעלט, אַריינצולאָזן פֿריִער בנימינען. פֿאַרבייגייענדיק האָט זיך בנימין נישט געקאָנט צוריקהאַלטן,

נישט אַ קוק צו טון נאָך אַ מאָל אין ישראל-נחס לעבעדיקע אויגן. אין די אויערן האָט אים נאָך געקלונגען ישראל-נחס הייסער זאָג וועגן דער שטאַרקער טעטיקייט, וואָס די אַרבעטער-באַוועגונג אַנטוויקלט איצט. בנימין האָט זיך געפרייט מיט דעם באַוווסטזיין, אַז זיין זיצן אין תפיסה איז נישט געווען אומזיסט...

נאָוועמבער 1926

סוף

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) **מאַרק טורקאָוו** — מלכה אָוושיאַני דערציילט... **(אויספאַרקויפט)**
2) **ה. ד. נאָמבערג** — י. ל. פרץ **(אויספאַרקויפט)**
3) **וו. גראָסמאַן־וויערניק** — טרעבלינקע **(אויספאַרקויפט)**
4) **פּרץ גראַנאַטשטיין** — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו **(אויספאַרקויפט)**
5) **ישראל טאַבאַקסבלאַט** — חורבן לאָדזש **(אויספאַרקויפט)**
6) **זרובבל** — באַרג חורבן **(קאַפּיטלען פּוילן)** **(אויספאַרקויפט)**
7) **אלחנן צייטלין** — אין אַ ליטעראַרישער שטוב **(אויספאַרקויפט)**
8) **ד״ר ח. שאָשקעס** — פּוילן — 1946 **(אויספאַרקויפט)**
9) **ז. סעגאַלאָוויטש** — טלאָמאַצקע 13 **(אויספאַרקויפט)**
10) **מ. נודעלמאַן** — געלעכטער דורך טרערן **(אויספאַרקויפט)**
11) **ד״ר מאיר באַלאַבאַן** — די ייִדן־שטאָט לובלין **(אויספאַרקויפט)**
12) **ישראל אפרת** — היימלאָזע ייִדן **(אויספאַרקויפט)**
13) **ד״ר יעקב שאַצקי** — אין שאָטן פון עבר **(אויספאַרקויפט)**
14) **דוד פלינקער** — אַ הויז אויף גזשיבאָוו **(אויספאַרקויפט)**
15) **ד״ר הלל זיידמאַן** — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ **(אויספאַרקויפט)**
16) **זאַמלונג פון דאָקומענטן** — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע **(אויספאַרקויפט)**
17) **חיים גראַדע** — פּליטים **(לידער)** **(אויספאַרקויפט)**
18) **ש. קאַטשערגינסקי** — פּאַרטיזאַנער גייען!... **(אויספאַרקויפט)**
19) **פרידע זרובבל** — נע ונד **(פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)** **(אויספאַרקויפט)**
20) **מרדכי שטריגלער** — מאַידאַנעק
21) **יעקב לעשצינסקי** — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט **(אויספאַרקויפט)**
22) **ז. סעגאַלאָוויטש** — געברענטע טריט
23) **אברהם טייטלבוים** — וואַרשעווער הויף
24) **טאַניאַ פוקס** — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) **ש. ל. שניידערמאַן** — צווישן שרעק און האָפענונג **(אויספאַרקויפט)**
26) **לעאָ פינקלשטיין** — מגילת פּוילן **(אויספאַרקויפט)**
27) **יאָנאַס טורקאָוו** — אַזוי איז עס געווען... **(חורבן וואַרשע)**
28) **ש. איזבאַן** — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) **יעקב פּאַט** — הענעך
30) **ד״ר י. קערמיש** — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (פּאָעמע)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע״
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראָצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פּערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּויליז
און ליטעראַטור־־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך
82—83) **יצחק פּערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85־86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)
89) **מ. ד. גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן
90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91־92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע
93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען (ראָמאַן)

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (קראָקע)
95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן (זכרונות)
97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)
99) **יעקב דינעזאָן** — „הערשעלע" און „יאָסעלע"
100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור

פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

✶

ש. ניגער שרייבט וועגן מ. י. שעליובסקיס בוך „אויף אַ פולער וואָך“ (די אידישע צייטונג, בוענאָס־איירעס, 5טער אויגוסט 1953).

ווען פון אַ טראַדיציע, דערהויפּט פון רעליגיעזער טראַדיציע, ווערט טראַדיציאָנאַליזם, ד״ה נישט מער ווי בענקשאַפט נאָך רעליגיעזן גלויבן, נישט מער ווי בענקשאַפט נאָך רעליגיעזע פירונגען, איז עס געוויינלעך אַ סימן פון אויסגעליידיקטקייט און די דערהויבונג, וואָס עס ברענגט איז אַ געמאַטערטע אָדער גאָר אַ געקינצלטע. עס איז עפּעס אַ מין פּוסטער ארון קודש, אָדער, נוצנדיק הלל צייטלינס אַ ווערטל — אַ הימל אָן גאָט. אַנדערש איז פאָלקלאָריזם אין פאַרגלייך מיט פאָלקלאָר. פאָלקלאָריזם קען באמת זיין אַ ווייטערדיקער שריט. דעם פאָלקס ירושה ווערט דאָ אויסגענוצט אויף אַ שעפערישן אופן, געהויבן אויף אַ העכערער מדרגה.

ווען, אַ שטייגער, ביי ביאַליקן ווערט פונעם פאָלקס „וויי־און־ווינד“ — „ווי אַ וויי און ווי אַ ווינד“, ווען פון „נויט ברעכט אייזן“ ווערט ביי אים „ווי די נויט ברעכט אייז און אייזן“ — איז עס אַן אויפטוערישער אידיאָמאַטיזם. און מיט אָט דער באַנייאונג און באַפרוכפּערונג פון ווערטלעך און גלייכווערט־

מ׳ טה יודל שעליובסקי

אויף א פולער וואך

דערציילונגען

לעך, וואָס באַשיינען דעם אוצר פון ייִדיש, איז פול די נייע ייִדישע פּאָעזיע. מיט אָט דעם שפּראַכלעכן פאָלקלאָריזם צייכנט זיך גאָר באַזונדערס אויס די פאַבל פון אליעזר שטיינבאַרג, דאָס ליד פון איציק מאַנגער, וואָס האָט נאָר־וואָס אַרויסגעגעבן אַ רייכן אָפּקלייב פון זיינע לידער און באַלאַדעס, טייל פּאָע־

טישע שאַפונגען פון יעקב גלאַט־שטיין, פון י. י. סיגאַל און פון אברהם סוצקעווער.

נאָך מער ווי דאָס פאָלקס־ווערטל איז דאָס פאָלקס־ליד און דערהויפּט די פאָלקס־מעשה אין דער נייער יידישער ליטעראַטור איבערגעשאַפן געוואָרן. פאָלקלאָריזם איז געוואָרן איינער פון אירע אינטערעסאַנטע און אייגנאַרטיקסטע כאַראַקטער־שטריכן...

דאָס איז אַן ענין, וואָס דאַרף גרינטלעך אויסגעפאָרשט און ברייט אַרומגערעדט ווערן. דאָ דערמאָן איך עס נאָר כדי אָנצוווייזן אַז עס זענען, לעצטנס, בולט געוואָרן צוויי מאָטיוון, צוליב וועלכע אונדזערע דערציילערס ווענדן זיך צו דער יידישער פאָלקס־מעשה, ווי צו אַ קוואַל פון אינספּיראַציע און ווי צו אַ מאַטעריאַל פאַר זייער ליטעראַרישן שאַפן. איין מאָטיוו איז אַן עטישער, דער צווייטער — אַ קינסטלערישער.

ביי דעם דיכטער פון „פאָלקס־טימלעכע געשיכטן" האָבן דאָס רוב ביידע מאָטיוון זיך צונויפגעגאָסן און זענען געוואָרן איינס. היינט האָבן מיר דערציילערס, וואָס ווען זיי שטיצן זיך אויף דער פאָלקס־מעשה, קערן זיי זיך אום צו דער טראַדיציע פונעם „מעשה־בוך" — אַ מוסר־ספר פון סוף 16טן יאָר־הונדערט, וואָס פון יעדער מעשה האָט ער געמאַכט אַ משל אָפּצולער־נען זיך פון אים אַ מוסר־השכל. אַזאַ דערציילער איז ש. סיימאָן. ער וויל, אַז מיר זאָלן גיין אין די וועגן פון „די אַמאָליקע יידן", וועגן וועל־כע ער דערציילט אונדז... איז דאָס אויך משה יודל שעליובסקיס כוונה?...

פון די אַכט דערציילונגען, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אונטערן שיי־נעם נאָמען „אויף אַ פולער וואָך", זענען עטלעכע געבויט אויף זכרו־נות פון די קינדער־יאָרן אין וויס־רוסישן שטעטל. אַלע איבעריקע זע־נען איבערדערציילונגען פון דער באָבעס מעשיות — און דאָס רוב זענען עס פאָלקס־מעשיות. שעליוב־סקי דערציילט זיי איבער אויף זיין אייגענעם שטייגער. פרעגט זיך, צו־ליב וואָס טוט ער עס.

פון אויבנאויף קען זיך דוכטן, אַז אויך ער האָט דערהויפּט מוסר־כוונות. כמעט אַלע פּאַרצייטיקע יידן, די העלדן פון זיינע דערציי־לונגען, זענען שיינע יידן, און ער מאָלט זיי אַליין און זייער לעבן און אַלע זייערע פירונגען און גלויבונ־גען מיט גרויס דרך ארץ און ליב־שאַפט. דער באָבען, וואָס אין איר נאָמען דערציילט ער אַ גרויסן טייל פון די מעשיות, לייגט ער אַריין

אין מויל, ווי אַן אַריינפיר צו דער ערשטער דערציילונג („אַן אורח צום סדר״) אַט די ווערטער: „איך האָב נישט דערציילט די מעשה גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר כּדי איר זאָלט זיך (עפּעס) אָפּלערנען פון די מעשים טובים פון די גוטע פרומע ייִדן. זעט, קינדערלעך, אַ גוטער ייִד איז נאָר אַ שליח. ער גייט אויף די וועגן, וווּהין מען שיקט אים צו גיין. דער צדיק וועט נישט גיין אויף קיין קרומע וועגן. דעריבער זאָגן מיר יעדן אינדערפרי: „מיר וועלן טון, וואָס אַלע גוטע פרומע לייט הייסן אונדז צום גוטן טון״ (ז׳ 9) און נישט נאָר די פאַרשווינען פון דער באָבעס מעשיות. אויך די, וואָס דער מחבר דערציילט וועגן זיי, אויפן סמך פון זיינע זכרונות, אין זיין אייגענעם נאָמען, זענען צדיקים. אַפילו ווען זיי זענען פּראָסטע מענטשן, זענען זיי גוט און פרום, ווער רעדט נאָך ווען זיי זענען לומדים, רבנים.

ר׳ חיים און זיין איידעם ישראל (אין דער דערציילונג אונטער אַט דעם נאָמען); די ייִדן אין דער „מעשה מיט די פינף קצבים, וואָס זענען געפאָרן האַנדלען אויפן יאַריד״, כּמעט אַלע העלדן פון אַנדערע דערציילונגען זענען כּשרע ייִדן און טאָמער זינדיקט איינער אין די געדאַנקען, ווי אַ שטייגער ר׳ זונדל פּאַסעסאָר, איז ער גובר די נסיונות אָדער ער נעמט אויף זיך אַ תשובה, ריכט אָפּ גלותן אד״גל. מען קען זיך באמת פון זיי אַ מוסר אַראָפּנעמען. דאָך האָב איך נישט דעם איינדרוק, אַז אין שעליובסקיס מאָראַליזירנדיקער דערציילונג איז דער עיקר נישט דאָס דערציילן, נאָר דאָס זאָגן מוסר. זיין אימפּולס איז, דוכט זיך מיר, מער אַן עסטעטישער, ווי אַן עטישער. איי, פאַרוואָס זענען די אַלע פאַרשווינען, דערהויפּט די ייִדישע, אַזוי גוט און פרום? ווייל די העלדן פון זיין באָבעס מעשיות בכלל, זענען נישט קיין פיזישע, נאָר גייסטיקע העלדן. אויך זיינע בענקשאַפט־זכרונות פון ווייסרוסישן שטעטל זענען דאָס רוב זכרונות פון פאַרגרעבטע מגושמדיקע גויִם, דאָס רוב פּויערים, און פון איידעלע רוחניותדיקע ייִדן. דאָס איז דער שטאָף פון די מעשיות, וואָס האָבן זיך אים איינגעקריצט אין זכרון און ווען ער דערציילט זיי איבער, נוצט ער דעם פאַרצייטיקן מעשה־ און מעשהלע נוסח: ער סטיליזירט... ווי ליגט אים מער אין זינען ווי וואָס. דאָס וואָלט נישט געווען אַזוי, ווען ער זאָל זיין נישט בלויז אַ סטיליסטישער, נאָר אויך אַזוי צו זאָגן, אַן אינהאַלטלעכער טראַדיציאָנאַליסט.

דער טראַדיציאָנעלער לשון איז פאַר אים אָבער וויכטיק נישט נאָר שפּראַכלעך אַליין. מיט דער הילף פון דעם פאַרצייטיקן נוסח זוכט ער צו שאַפן אָדער צו רעקאָנ־סטרואירן די סביבה און — מער נאָך — די אַטמאָספערע פון פאַר־צייטן. אַ דאַנק איר האָבן די פאַר־צייטיקע מענטשן זייערע לופט צו אָטעמען. פון אינעווייניק, פילט ער, וואָלט ער זיי אונדז נישט געקענט ווייזן: ער איז נישט געענוג פסיכאָ־לאָג. זוכט ער צו אַנטפּלעקן זיי פאַר אונדז פון דרויסן — און דאָס טוט ער, ווי געזאָגט, מיט דער הילף פון דער היסטאָרישער אָדער לעגענדאַרישער סביבה, וואָס ער באַלעבט זי דורך לאָזן איר זיך אויסלעבן און זיך אויסדריקן אויף איר אַמאָליקן אָדער כמו־אַמאָליקן לשון.

זיין סטיל אָדער, ריכטיקער, זיין סטיליזירן, איז ביי אים נישט בלויז אַ ציל אָדער אַ קונסט פאַר זיך אַליין, נאָר אויך אַ מיטל אַריינצו־אָטעמען כאָטש אַ שוואַכן לעבנס־אָטעם אין די פאַרשווינענע און די פאַסירונגען. דאָך זענען נישט זיי — און נישט זייער גוטסקייט און פרומקייט — דער עיקר, נאָר דער נוסח, דער ריטם פון דער היסטאָ־רישער סביבה און פון דער פאָלקס־פאַנטאַזיע, פון וועלכער זיי שטאַ־מען.

עס איז געגוג, דוכט זיך מיר, צו ציטירן איין פּאַראַגראַף פון שע־ליובסקיס אַ דערציילונג, צו האָבן אַן אילוסטראַציע פאַר דעם, וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן... „דער מלאך רע״ — לייענען מיר אין „די נסיונות פון ר׳ זונדל פאַסעסאָר״, — דער מלאך רע״, וואָס פאַרשטעלט זיך אין פאַרשיידענע געשטאַלטן און טוט זיך אָן אין בייזע ווינטן און וואַנדערט אַרום איבער דער ערד און גייט אַרום איבער דער וועלט, כדי ער זאָל אָפּקערן דעם צאַם, וואָס אַ גאָטס־פאַרכטיקער ייִד נעמט אַרום (צאַמט אַרום) זיין הויז און קינדער — האָט נישט געקענט רוען, וואָס דער ייִד פון דעם הויף שימכאַנאָוויטש איז רעכטפאַרטיק, איז גאָטספאָרכטיק און איז אָפּגע־קערט פון זינד; דער שטן האָט נישט געקענט קוקן, וואָס דער מאַן פון דעם הויף שימכאַנאָוויטש איז גרעסער פון די אַלע ייִדן, וואָס ווינען אין זיין געגנט אויף דעם ישוב, און ווערט נישט פאַרפירט פון דעם געלט און עשירות, וואָס דער אויבערשטער האָט אים (דער־מיט) געבענטשט. האָט ער, דער מלאך רע, דער שטן, זיך פאַר־שטעלט אאַ״וו, אאַ״וו (ז׳ 146).

אָט דער — אַ ביסל צו לאַנגער —

ציטאַט ווייזט אונדז קלאָר אי דעם שרייבערס כוונה, אי ווי ווייט אים געלינגט אָדער געלינגט נישט, צו דערגרייכן, וואָס ער וויל.

זיין כוונה איז, זעען מיר, צו שרייבן אינעם גייסט פון דעם מוסר־ספר און אינעם גייסט פון דער פרומער פאָלקס־מעשה. מיר זעען אָבער אויך אַז דאָס איז, פר‌ער ווי אַלץ, אַ ליטעראַריש־סטיליסטישע כוונה.

דער, וואָס שרייבט אַ מוסר־ספר, דער, וואָס דערציילט אַ מעשה אויפן שטייגער פונעם „מעשה־בוך", נעמט פאַר אַ מוסטער זיין איבּ־האַלט, נישט זיין נוסח; זיין רעלי־גיעז־עטישן גייסט, נישט זיין אופן שרייבן. ביי שעליובסקין פילט איר, איז דער גוסט פונעם מוסר־ספר. זיין גייסט אַנטפּלעקט זיך שוין ממילא.

שעליובסקי וויל פונעם רעליגיעז־עטישן פאָלקלאָר מאַכן ליטעראַטור, פאָלקלאָריזירטע ליטעראַטור. און אויב ער דערגרייכט זיין ציל נאָר אין איינציקע פאַלן, נישט אַלעמאָל און נישט אינגאַנצן, איז עס דער־פאַר, וואָס אַנשטאָט צו פאַרטיפן די געשיכטע, וואָס ער דערציילט אָדער דערציילט־איבער, שפּרייט ער זי אויס איבער אַ גרעסערן שטח, — ווי עס זאָגט עדות דער נאָר־וואָס ציטירטער פּאַראַגראַף. ער איז צו לאַנג, צעצויגן, און די פּרטים זע־נען אַלע כמעט ריין־שפּראַכלעכע, סטיליסטישע; זיי גיבן ווינציק־וואָס צו צום תוך... „גייט אַרום איבער דער וועלט" איז דאָס אייגענע וואָס „וואַנדערט אַרום איבער דער ערד"; שעליובסקי נוצט אָבער ביידע אויסדרוקן. ער באַנוגנט זיך נישט מיט „רעכטפאַרטיק", ער גיט צו „גאָטספאַרכטיק" און איז דערצו נאָך מוסיף „אָפּגעקערט פון זינד"... פאַרוואָס? ווייל ווי, נוסח, שפּראַכ־לעכע רעקאָנסטרוקציע, שפּילט ביי אים די גרעסטע ראָלע — קוואַפּעט ער זיך אויף יעדן ווערטל, אויף יעדן אידיאָם, אויף יעדן פּאַרציי־טיקן אָרנאַמענט, און דאָס איז גורם אריכות, אויך איבערחזרונג.

מען מוז אָבער געדענקען, אַז שע־ליובסקיס שפּראַכלעך־סטיליזירטער נוסח העלפט אים אַריינפירן אונדז אין דער לופט פון אַמאָל, און ווי ווייט אים געלינגט אונדז אַריינצו־צ‌יען אין אָט דער אַטמאָספערע און מאַכן אונדז אָטעמען מיט איר, ציט ער אונדז צו אויך צו די מענטשן, צו די געשעענישן פון אַמאָל, ער ברענגט אונדז אין באַרירונג מיט זיי, — אויב נישט אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגיש, איז קולטור־היסטאָ־ריש, עטנאָגראַפיש, פאָלקלאָריס־טיש.

מ. גן שרייבט וועגן יצחק פּערלאָווס ראָמאַן „דער צוריקגעקומענער“ („דאָס וואָרט“, תל־אביב, 4טער יולי 1952):

עס איז אַ צייט־ראָמאַן פון אונדזערע לעצטע יאָרן. דאָס אַנטלויפן פון וואַרשע, דייטשע אַכזריות, רוסלאַנד, טורמעס, פּאַרטיזאַנקע, דאָס צוריקפאָרן פון רוסלאַנד און דערגרייכן ישראל. אויסטערלישע פּאַסירונגען און צופאַלן. אַזוי פיל קומען אום אומגעריכט, טרעפט אויך אַז דער דערשאָסענער בעריש קופערשמיד שטייט אויף שיער נישט תחית־המתים. די דייטשן האָבן אים דערשאָסן אין מאַלקין, אויף דער גרענעץ, אין די אויגן פון זיין פרוי און קינד. זי איז אין דער זעלבער נאַכט אַוועק איר ווייטערן וועג, קיין רוסלאַנד, און ער ווערט געפונען אין וועג אַ צענער:קטער, אָבער נישט־דערשאָסענער — דורך יידן וואָס לויפן ביינאַכט אַריבער די גרענעץ קיין רוסלאַנד.

אין יאָרן אַרום טרעפט ער אומגעריכט זיין פרוי מיט דער טאָכטער, שוין אין ישראל. אין אונדזערע יאָרן זענען די גרעסטע, סענסאַציאָנעלסטע פּאַסירונגען — פּשוטע, וואָכעדיקע געשעענישן.

פּערלאָוו, וועלכער האָט זיך שוין באַקאַנט געמאַכט מיט זיין רעפּאָרטאַזש־ראָמאַן: „די מענטשן פון עקזאָדוס“ (ער אַליין מיט זיין פרוי, לאָלאַ פּאַלמאַן, און זייער זונעלע האָבן דורכגעמאַכט דאָס קאַפּיטל „עקזאָדוס“), האָט מיט דעם ראָמאַן „דער צוריקגעקומענער“ אָפּגעטון אַ וויכטיקע, שרייבעריש־געזעלשאַפטלעכע עובדה. דער ראָמאַן איז אויך רעפּאָרטאַזש־מעסיק, נישט פריי אַפילו פון פּובליציסטיק, אָבער דאָס איז נישט קיין מינוס. עס איז אַגב אוממעגלעך צו שרייבן וועגן דער דאָזיקער צייט אַז מ׳זאָל אויסמיידן פּובליציסטיק, צי אַפילו פּשוטע כראָניק. דאָס געהערט צו די מעלות. קיין שום היסטאָריקער, וועלכער וועט וועלן באַשרייבן די דאָזיקע תקופה און געשעענישן, וועט זיך נישט קענען באַגיין אָן אַזעלכע ווערק.

פּערלאָוו שרייבט לייכט, פּאָפּולער, צוטריטלעך פאַרן מאַסן־לייענער. ער האָט אָפּגעטון אויך אַ וויכטיקע אַרבעט דערמיט, וואָס ער איז פון די געוואַגטע, וואָס פאַרשווייגט נישט ווי אַנדערע, דאָס קאַפּיטל רוסלאַנד און גיט עס איבער אין דער וואָרער רעאַליטעט.

„דער צוריקגעקומענער“ וועט געלייענט ווערן סיי דורך די ברייטע מאַסן, סיי דורך די, וועלכע וועלן דערקענען די דאָזיקע טראַגיש־פאַרביקע תקופה און אירע געשעענישן.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Tomo 93

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el Depósito que marca la Ley

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 2 DE OCTUBRE DE 1953 EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

S. HORONCZYK

ENTRE EL FRAGOR DE LAS MAQUINAS

(IN GEROISH FUN MASHINEN)

NOVELA

*

Editado por
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA
Buenos Aires - 1953